STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00787

GALITSYE, MAYN ALTE HEYM

Joseph Tenenbaum

Permanent preservation of this book was made possible by
Max & Julia Michelson
in memory of
Blanche & Meyer Brooks

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר יוסף טענענבוים

גאַליציע - מײַן אַלטע היים

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

87

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פֿאַרלאַגס-לייטער:

אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פֿייגענבלום

די רשימה פון די דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

דר׳ יוסף טענענבוים

גאַליציע
מיין אַלטע היים

*

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס־איירעס, 1952 — תשי״ב

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyrygth by
Dr. J. TENENBAUM, New York

Dr. J. TENENBAUM

Galicie Main Alte Haím

(GALICIA — MI VIEJO HOGAR)

★

Editado por la
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA
EN LA ARGENTINA
Buenos Aires, 1952

אינהאַלט

זײַט

הקדמה 7
די ייִדן אין אַלט לעמבערג און רויטרייסן 9
די צעטיילונג פֿון פּוילן און די עסטרײַכישע אָקופּאַציע 20
די השכלה 26
רבנים און רביים 36
פּאָליטישע עמאַנציפּאַציע 56
ייִדן, פּאָליאַקן און רוטענער 72
ווין — די שטאָט פֿון מײַנע חלומות 84
ייִדישע פּאַרטייען 97
וואַלן 108
די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון די גאַליצישע ייִדן 121
דער יונגער דור אין גאַליציע 131
ייִדישע אַקאַדעמיקער 144
ייִדישע קולטור אין גאַליציע 157
פֿאַרן מלחמה־אויסברוך 174
גאַליציאַנער ייִדן אין אָנהייב קריג 180
די מלחמה צעפּלאַקערט זיך 186
דער אָנהייב פֿונעם סוף 199
צווישן האָפֿענונג און יאוש 203
צווישן האַמער און קאָוואַדלע 216
דער לעמבערגער פּאָגראָם 229
נאָכן פּאָגראָם 253
זאָל די וועלט געוווּיר ווערן דעם אמת! 264
מיסיעס און מיסיאָנערן 278
אַ סוף אָן אַ סוף 292
זוכצעטל 297
ביכער־רשימה 314
פּרעסע־שטימען 317

הקדמה

גאַליציע, מיין אַלטע היים — וואָס פאַרא געפילן דאָס דערוועקט! וויפל צערטלעכקייט, ליבע, בענקעניש און היימווי. אפילו ווען מען ווייסט אַז חרוב איז דאָס לאַנד, אַ לאַנד אָן יידן, אָן אַ היינט און אָן אַ מאָרגן, פאַרקלעמט דאָס האַרץ און עס פלאַטערט די נשמה נאָכן „אַ היים" פון אַמאָל. וואָס וויסטער און אכזריותדיקער עס איז די חורבה פון היינט, אַלץ העכער און לויטערער גייט אויף דער סימבאָל פונעם נעכטן. נישט די צייט און נישט די ברוטאַלעווירקלעכקייט זענען אימשטאַנד צו פאַרווישן דעם רעגנבויגן פון נישט דערחלומטע חלומות, אָדער צו צערייסן דעם געפלעכט פון נישט דערדאַכטע געדאַנקען און די נישט דערגרייכטע השגות פון די יונגע יאָרן. דאָס זענען לעבעדיקע גייסטער — די גייסטער פון לעבן, וואָס שוועבן איבער די קופעס אַש און לאָזן זיך נישט פאַרוויען פון בייזע ווינטן — נאַקעטע, שטומע נשמהלעך וואָס זוכן אַ גוף, אַ וואָרט, אַן אות וואָס זאָל זיי געבן פאָרעם און אויסדרוק. אָט די גאַליציע לעבט, און איבער דער גאַליציע וויל איך שרייבן.

גאַליציע האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער געשיכטע פון פּוילישן יידנטום, און ס׳איז נישט געמאָלן אַז אַ ביכער־סעריע פון דעם מאַסשטאַב, ווי די אַרויסגעבער האָבן זיך פאַרמאָסטן, זאָל נישט האָבן אין גאַליצישן ווינקל. איך בין דערפאַר זייער דאַנקבאַר מיינע ליבע פריינט, דעם רעדאַקטאָר מאַרק טורקאָוו און פאַרלאַג־לייטער אברהם מיטלבערג, פאַרן אַריינגעמען מיין בוך אין דער סעריע. וואָס די סעריע באַדייט פאַרן יידישן קולטור־לעבן איז נישט דאָ דער פּלאַץ צו דערמאָנען. דער קינפטיקער קולטור־היסטאָריקער וועט זיכער וויסן ווי אָפּצושאַצן נישט נאָר דעם גרויסן אויפטו, נאָר אויך דעם מהות פון דער ביכער־סעריע. ווייל דאָס איז נישט פשוט אַזוי קולטור־קאָנסערוואַציע, נישט אַ מין מוזיי פון סטאַטיסטישע מצבות און היסטאָרישע וואַקס־פיגורן, נאָר מער אַ גאַלעריע פון צאַפּלדיקע, פולסירנדיקע איבערלעבענישן, דינאַמישע שטיקער

לעבן אַרויסגעריסענע פונעם תהום פון פאַרגעסנקייט, געבאָדן אין בלוט און געבוירן אין פּיין. אין דעם זין איז אויך מיין ביטראַג געשריבן.

עס איז נישט געווען מיין כוונה צו שרייבן אַן „אָפּהאַנדלונג״ וועגן גאַליציע. וואָס איך בין יאָ אויסן געווען איז געבן אַ געמעל פון אַ תקופה, וועלכע איך האָב פּערזענלעך מיטגעמאַכט, מיטגעפילט און מיטגעווירקט אין איר. דאָס איז געווען אַ שטאָלצע עפּאָכע, אַ ברויזיקע תקופה פון גאָר אַ גרויסן פאַרנעם, פון תחית העם און תחית הרוח, אַ דינאַמישער קולטור־אָפּשניט פול מיט זוכעניש און אומרו, רייך אין קאָנפליקטן און אין חבלי־יצירה, אָבער אויך פול מיט האָפענונג און פרייד פון פּאָזיטיווע דערגריי־כונגען. און אפשר, אפשר האָט זיך אויך געפילט אַן אַטמאָספערע פון אומ־זיכערקייט און עפּעס ווי אַ פאָרגעפיל פון אַ קאַטאַסטראָפע. די פאָלקס־נשמה איז אַ זייער קאָמפּליצירטער באַראָמעטער וואָס פילט אַ יעדן ציטער פון אַ שטורעם, מעג ער זיין נאָך אַזוי ווייט אין צייט, אָדער שטח. דער אומרו, דער אומעט, דער געפיל פון אומזיכערקייט — ווער קען פאַרשטיין די צוקונפט? דער מחבר האָט זיך באַמיט אָפּצושפּיגלען די שטימונגען פון דער צייט, לויט זיין אייגענע געפילן און איבערלעבענישן, און קיין מחבר קען נישט טון מער ווי זיין ערלעך און אָפנהאַרציק מיט זיך אַליין...

דער קורצער געשיכטלעכער טייל איז נישט מער ווי אַן אַריינפיר צו דער עפּאָכע וואָס ווערט באַשריבן פון דער אייגענער דערפאַרונג. ווי אַזוינס איז ער נישט מער ווי אַ פּערספּעקטיוו, אַ טאָלן, אַ באַרג־שפּיצן און אַן פּרעטענסיעס פון טיפקייט. דאָס בוך ענדיקט זיך מיט די פּאָגראָמען פון די יאָרן 1918—1919. אין יאָר 1919 איז דער מחבר באַ־שטימט געוואָרן אַלס דעלעגאַט צו דער שלום־קאָנפערענץ אין פּאַריז און האָט זיך באַטייליקט אין די זיצונגען און אַרבעטן פון די „יידישע דעלע־גאַציעס צו דער פרידנקאָנפערענץ״. אָבער דאָס איז שוין אַן אַנדערער ענין, וועגן וועלכן מען וועט אַמאָל דאַרפן באַזונדער שרייבן.

דער מחבר

ניו־יאָרק, יאַנואַר 1952.



דער מחבר אַלס שילער פון אַכטן קלאַס גימנאַזיע



דער מחבר אַלס מיליטערישער דאָקטאָר
אין דער עסטרייכישער אַרמיי

די יידן אין אַלט לעמבערג און רויטרייסן

(קורצער געשיכטלעכער איבערבליק)

די געשיכטע פון לעמבערג איז ענג פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון רויטרייסן (די שפּעטערדיקע מזרח־גאַליציע). יידן האָבן געלעבט אין רייסן זייט דעם צענטן יאָרהונדערט. עס זענען געווען יידישע קהילות אין קרים אוןביים דניעפּר, ווו רייכע יידישע סוחרים האָבן געפירט מסחר מיטן מערב און געשאַפן אַ קולטור־בריק צווישן די צוויי „וועלט־טיילן". דער קאָנטאַקט מיט די מיטללענדישע האַפן־פּלעצער און שפּעטער מיט די דייטש־פראַנקישע האנדלס־שטעט איז נישט געבליבן אָן אַ השפּעה אויף דעם קולטורעלן מצב פון די אוקראַינישע יידן, און להיפוך, האָבן אויך די מזרחדיקע „אַכסניות" פון תורה ועבודה, וואָס האָבן זיך באלד אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען, אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיט די יידישע צענטערן אין מערב. אזוי זענען למשל ר' אברהם קרימי פון פערצנטן יאָרהונדערט און ר' משה קיעווער אין סוף פון פופצנטן יאָרהונדערט געווען באַרימטע לומדי תורה, וואָס זייערע נעמען האָבן געשמט אין דער יידישער וועלט.

צוליב די שטענדיקע איבערפאַלן פון די טאָטערן אין דרייצנטן יאָרהונדערט, ביז צום יאָר 1331, ווען אוקראַינע איז געפאַלן אונטער דער ליטווישער ממשלה, האָט קיעוו שטאַרק געליטן אין איר אַנטוויקלונג. די יידישע קהילה האָט ווידער אויפגעלעבט אונטער די ליטווישע הערשער, ביז צום גירוש פון דעם גרויספירשט אַלעקסאַנדער אין יאָר 1495, וואָס האָט אַ תל געמאַכט פון דער יידישער קהילה אין קיעוו. זינט דעמאָלט האָט לעמבערג איבערגענומען די פירערשאַפט פון רייסישן יידנטום.

לעמבערג איז געגרינדעט געוואָרן אַרום דעם יאָר 1250. ניין יאָר

שפּעטער האָט פּרינץ לעוו, דער זון פון הערשער דאַנילאָ, איבערגעטראָגן די הויפּטשטאָט פון זיין מלוכה פון האַליטש קיין לעמבערג, וואָס טראָגט אויך זיין נאָמען (לוואָוו) ביזן היינטיקן טאָג. צוזאַמען מיט זיין רעזידענץ האָט ער אויך איבערגעטראָגן קיין לעמבערג די אַרמענער, די יידן און די טאָטערן. אין יאָר 1340 האָט דער פּוילישער קעניג קאַזשימיעזש דער גרויסער באַזיגט די אַנדערע פּרעטענדענטן צום טראָן און איבערגענומען דעם שטח פון האַליטש צוזאַמען מיט דער שטאָט לעמבערג (שפּעטער אויך פּאָדאָליע).

די יידן האָבן דעמאָלט געוווינט אין דעם „רייסישן לעמבערג", וואָס איז געלעגן אַרום דער שפּעטערדיקער זשולקעווער גאַס, מיטן צענטער אויף דעם אַלטן מאַרק (סטאַרי רינעק). אין דער גרויסער שׂרפה פון 1350 איז די שטאָט אָפּגעברענט געוואָרן און איז אויפסניי אויפגעבויט געוואָרן אויף א פּלאַץ, וואָס איז שפּעטער געווען באַקאַנט אַלס די „מיטלשטאָט". אַהין האָט זיך איבערגעטראָגן די רייסישע באַפעלקערונג מיט די אַנדערע „נאַציעס". דער קעניג האָט פאַר די יידן צוגעטיילט דעם מזרח־מערבדיקן שטח פון דער שטאָט, ווו זיי האָבן געלעבט אין א מין געטאָ, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „דער יידישער פּלאַטאָ", אָדער קרייז. דאָס איז געווען דער ווויִן־אָרט פון דעם יידישן ישוב, אינעווייניק פון די שטאָט־מויערן, און האָט געהייסן זשידאָווסקאַ אוליצאַ (יידישע גאַס).

אָבער די גרויסע מאַסן יידן זענען פאַרבליבן אין דער פאָרשטאָט (אויסער די שטאָטישע מויערן), אין דעם שפּעטערדיקן קראָקעווער פּערטל, צווישן דעם טייך פּעלטעוו און דעם אַלטן רינעק. דער שטח איז אויך געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „קראָקעווער פאָרשטאָט", אָדער „פאַר דער שול". די אַטראַקציע דאָרט צו פאַרבלייבן איז געווען ערשטנס, מחמת דאָס איז געווען נאָענט פון זייער אַלטער אָפּגעברענטער היים, און צווייטנס — און דאָס איז געווען מער וויכטיק — מחמת „די פּאָדזאַמטשע" (אונטערן שלאָס) איז געשטאַנען אונטער דער השגחה פון סטאַראָסטע און נישט פונעם מאַגיסטראַט, און מיט דעם סטאַראָסטע איז לייכטער געווען אויסצוקומען...

אין דער פאָרשטאָט איז דאָס לעבן געווען פרייער און יידן האָבן זיך געקאָנט באַשיצן קעגן די אָנפאַלן פון די גויאישע רוצחים. דאָרט האָבן אויך געלעבט די יידישע „ווילדע יונגען", די קצבים און די יידישע שלעגערס. דוד „דער זבאַי", דער פירער פון א רויבער באַנדע אין 17טן יאָר־

הונדערט, דער גזלן אברהם דאנקאָוויטש און דער שלעגער הערשל יוש־קאָ, וואָס האָבן געשמט מיט זייערע מעשים, זענען געווען תושבים און דער פּראָדוקט פון דער „פּאָרשטאָט". אין דער „פּאָרשטאָט" איז אויך געווען אָרגאַניזירט איינע פון די ערשטע פארטיידיקונג אָרגאַניזאציעס, א יידישע „באַיוווקע" מיטן ציל אָפּצושלאָגן אָנפאלן פון דרויסן און פון אינעווייניק.

ווי עס איז צו זען דערפון, זענען אין לעמבערג געווען צוויי יידישע קהילות. איינע א שטאָטישע און איינע א פּאָרשטאָטישע. אין יאָר 1550 האָט די פּאָרשטאָט געציילט 559 יידן אין 52 הייזער און אין דער שטאָט גופא האָבן געוווינט נאָר 352 יידן אין 29 הייזער. נאָך אין יאָר 1812 זענען אין גאַנץ לעמבערג געווען 4262 יידן, פון וועלכע נישט מער ווי 914 האָבן געוווינט אין דער אינערלעכער שטאָט.ביידע קהילות זענען געווען אָפּגעטיילט איינע פון דער אַנדערער נישט נאָר מיט די שטאָט־מויערן, נאָר מיט אַ נאָך שטרענגערן צוים פון סאָציאַלע אונטערשיידן. די „שטאָטישע אריסטאָקראטן" האָבן אַראָפּגעקוקט אויף די פּאָרשטאָטישע „כאַליאַסטרע" מיט ביטול, און עס פארשטייט זיך, אז די פון פאַר־דער־שטאָט באַלעבאַטים האָבן נישט וויניקער פיינט געהאט די שטאָט־יידן. אָט דער דאָזיקער קעגנזייטיקער ויתרוצצו פלעגט זיך אָבער ענדיקן בעת אַ סכנה, ווען די פּאָרשטאָטישע יידן האָבן זיך אליין געמוזט ראטעווען אין די מויערן פון שטאָטישן געטאָ.

די רעכט פון די לעמבערגער יידן זענען פונקט ווי אין אנדערע טיילן פון פוילן געווען באזירט אויף קעניגלעכע פּריווילעגיעס. אין יאָר 1356 האָט די פּריווילעגיע פון דעם גרויסן מלך קאַזשימיעזש גלייכגעשטעלט די יידן מיט אַנדערע „נאַציעס", ווי סאראצענער (קאַראַימער?), אַרמענער און די רייסן (רוטענער). די קעניגין יאַדוויגאַ האָט פאַרעפנטלעכט אַ „דיפּ־לאָמאַ", לויט וועלכער „קיין שום תושב אינערהאַלב אָדער אויסערהאַלב די שטאָט־מויערן טאָר נישט ווערן באפאלן אָדער בארויבט". דערביי דער־מאָנט זי אויסדריקלעך, אז „די יידן דאַרפן באַשיצט ווערן אין זייערע רעכט פונקט ווי די אַרמענער, סאראצענער און רוטענער"".

לעמבערג האָט אויך געהאט א גרויסן כח־המושך צוליב ווירטשאפט־לעכע מאָטיוון. די שטאָט איז געלעגן אויפן שליאך פון האַנדל און וואַנדל מיט מאָלדאוויע, די האפן־שטאָט אַקערמאַן, ביים דניעסטער, און מיט די ברעגעס פון שווארצן ים. דער פאַרנעם פון יידישן האנדל איז נאָך מער געשטיגן אין דער צייט פון קאַזשימיעזש יאַגעלאָנטשיק, מחמת די שנאה

צו די קריסטן מצד דער מוסולמענישער וועלט. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז די יידן האָבן ממש מאָנאָפּאָליזירט דעם האנדל מיט די מזרחדיקע לענ־דער, באזונדערס זינט 1484, ווען די טערקן האָבן פארנומען קיליע און ביעלאָגראָד אויפן שווארצן ים.

אינערלעך האָט זיך דאָס יידישע לעבן אַנטוויקלט פּאַראַלעל מיט דעם פּאָליטיש־עקאָנאָמישן מצב פון גאנצן לאנד. די פּראָמינענטסטע און רייכסטע לעמבערגער יידן פון יענער צייט זענען געווען וואָלטשקאָ, שאכ־נאָ און זיין זון יאָשקאָ.

ווי אומעטום האָט זיך דאָס יידישע לעבן דעמאָלט אָפּגעשפּילט צווישן די צוויי עקסטרעמען, אַרום דער שול און דעם בית עלמין. די עלטסטע שטאָטישע שול איז געווען א הילצערנע. די געמויערטע שול איז אויפגע־בויט געוואָרן אין יאָר 1555 אויף דער „יידישער גאס״. ביז צום יאָר 1604 איז זי געווען דער צענטער פון יידישן לעבן פון די „שטאָט־יידן״. אזוי ווי זי איז געווען צו קליין פארן וואקסנדיקן ישוב, האָט אין יאָר 1580 דער רייכער סוחר יצחק נחמנאָוויטש, וואָס איז געווען סיי דער „סעניאָר״ (ראש) פון דער קהילה און סיי פּרעזידענט פון ועד, אין 1589 אָפּגעקויפט א פּלאַץ לעבן דער יידישער גאס (באַימאָוו) מיטן צוועק צו בויען דאָרט א נייע שול. די שול איז באקאנט אלס די „טורי־זהב שול״ אויפן נאָמען פונעם מחבר פונעם „טורי זהב״ אויף אַלע חלקים פון שולחן־ערוך. זי איז אויך באקאנט אלס די „גאָלדענע רויזע״־שול, און מיט דעם נאָמען איז פארבונדן אַ לעגענדע, וואָס איז געוואָרן אַ שטיק פון דער אַלט־לעמבערגער טראדיציע. די פאקטן — און א יעדע לעגענדע האָט א פּראַק־טישן יסוד, — זענען פאָלגנדיקע:

ווען נחמנאָוויטש האָט אָנגעהויבן בויען די שול, האָט ער דאָס געטון אויפן סמך פון א קעניגלעכן דעקרעט, אָבער ער האָט נישט געהאט קיין דערלויבעניש פון לעמבערגער בישאָף. ער האָט געדונגען איינעם פון די גרעסטע ארכיטעקטן, פּאַוועל זשימיאַניק, וואָס האָט אויפגעבויט א פּרעכ־טיקן בנין אין גאָטישן סטיל, און אויך אַ הויז פאַר נחמנאָוויטשן, דורך וועמענס טויער עס האָט געפירט דער צוגאַנג צו דער שול. בשעת מעשה האָבן די יעזואיטן אָנגעהויבן אַ פּראָצעס און געווונען אַן אַנטשיידונג פון אַ קעניגלעכער קאָמיסיע, אז די שול שטייט נישט אויף קיין אויטאָריזירטן פּלאַץ. אינצווישנצייט איז יצחק נחמנאָוויטש געשטאָרבן און זיין זון נחמן איזאקאָוויטש האָט געקערט וועלטן, כדי צוריקצוגעווינען די שול. נאָך

פיל פּראָצעסן איז עס אים געלונגען אין יאָר 1609, אָבער בתנאי, אַז דער קעניג און דער ארציביסקופּ דאַרפן באַשטעטיקן דאָס רעכט צו באַנוצן די שול. און אַזוי ווי פּאַר די יעזואיטן איז דער פּלאַץ געווען צו קליין, האָבן זיי זיך באַגנוגנט מיט דער סומע פון 23.000 זלאָטיס אויסלייז געלט און אַזוי איז פּורים־צייט פון יאָר 1609 די שול באַנייט געוואָרן מיט גרויס שמחה.

דאָס פאָלק האָט געפּראַוועט דעם חנוכת־הבית מיט גרויס פרייד און ר' יצחק הלוי, דער ברודער פון ר' דוד הלוי דעם בעל „טורי זהב", האָט פאַרפאַסט דעם שיר גאולה, וואָס איז געלייענט געוואָרן יעדן שבת נאָך פּורים. אגב איז אינטערעסאַנט, אַז די יידישע פייניקונג אין לעמבערג הויבט זיך גראָד אָן פון יאָר 1592, ווען דער אַרציביסקופּ האָט דערלויבט די יעזואיטן צו בויען אַ קלויסטער אין לעמבערג.

אין דער ט"ז שול האָט זיך אָפּגעשפּילט א שטיק לעבן פון די לעמ־בערגער יידן ביזן אָנהויב פון אכצנטן יאָרהונדערט. דאָ האָבן זיך די רבנים פון פּוילן פאַרזאַמלט און געוואָרפן אַ חרם אויף די גלוביקע פון שבתי צבי. דאָ איז געווען דער פּנקס פון דער קהילה, און דאָ אויך, אַרום דער שול, האָט זיך געדרייט דאָס רעדל פונעם לעבן אין געטאָ. אָבער מיט דער צייט איז די שטאָט געוואַקסן איבער אירע גרענעצן און די יידן האָבן זיך געשטיקט אין די ענגע געסלעך און געזוכט אַביסל מער לופט און שטח. די יידישע מאסע האָט זיך אריבערגעצאָסן אין דער נייער יידישער גאַס, די פאַרלענגערונג פון באָימאָוו און אין דער רוסישער גאַס, און שוין אין יאָר 1639 האָבן זיך די „מיעשטשאַנעס" באַקלאָגט פאַרן קעניג, אַז די יידן האָבן באַזעצט דריי־פערטל פון דער שטאָט, וואָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען א גוזמא. יעדנפאַלס איז ביים סוף פון 18טן יאָרהונדערט די „טורי־זהב"־שול געוואָרן צו קליין און אין די יאָרן 1799 ביז 1801 האָט מען אויפ־געבויט א נייע שול (אויף די רואינען פון דער אלטער שטאָטישער אויף באָימאָוו 54). די כלי־קדש האָבן זיך צוריקגעקערט צו זייער אלטער היים און די „טורי־זהב"־שול איז דעמאָלט אַליין געוואָרן אַ קליין שולעכל.

ביז איצט האָבן מיר גערעדט פון דער שטאָט גופא. אָבער פּונקט ווי די שטאָט באַלעבאַטים האָבן אויך די פאָרשטאָטישע געהאט זייער אייגענע שול, וואָס איז געווען די אָקס, אַרום וועלכער עס האָט זיך געדרייט דאָס ראָד פון זייער אייגענעם סאָציאַלן לעבן. די שול איז געשטאַנען אויפן קראָקעווער פּלאַץ. נאָך דער שרעקלעכער שריפה פון 1623, וואָס האָט פאַרניכטעט ארום 1200 הייזער, האָט מען מער נישט דערלויבט צו שטעלן

די שול אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ און אין יאָר 1632 איז א נייע שול אויפ־געבויט געוואָרן אויף דעם אָרט, ווו עס גרעניצן זיך די גאסן „צעבולנע״, „באָזשניטשע״, די „מאַקאַבעאושאָוו״ און די „אָוואַצאָווע״. פיל מאָל איז די שול פארברענט און באשעדיקט געוואָרן, אָבער תמיד איז זי ווידער אויפ־געבויט געוואָרן. בכלל איז דאָס לעבן אין פאָרשטאָט געווען מער הפקר, ווי אין דער שטאָט גופא, וואָס איז אי אַליין געווען אַרומגעמויערט, אי דאָס געטאָ איז געווען פארצאמט און געהאט א „טירל״, וואָס מ׳האָט פאר־שלאָסן ביינאַכט אַלע מאָל, ווען עס איז געווען אַ סכנה פון אַן אָנפאַל. ווי נאָר עס איז אויסגעבראָכן עפּעס אַ מיליטערישע אינוואַזיע פון שונא, איז שוין די אָפענע פאָרשטאָט געשטאַנען ווי אַ פוסטע קרעטשמע, ווו דער חייל האָט געבושעוועט, געהרגעט, גערויבט און געברענט אַן שום שטערונגען. די יידן, וואָס האָבן נישט באוויזן צו ראטעווען זיך באצייטנס אין שטאָט אַריין, זענען געווען פאַרמשפּט להשמיד ולהרוג, און אַ סך זענען פאַר־שלעפּט געוואָרן דורך די טאָטערן אין געפענגעניש אַלס סחורה פאַרן שקלאפן מארק. אמת, די פאָרשטאָט שול איז געווען געבויט ווי א פעסטונג און האָט נישט איין מאָל געדינט ווי אַ פאַרטיידיקונג־אָרט קעגן שונא, אָבער אַנטקעגן אַ גאַנצן חייל האָט זי זיך נישט געקאָנט האַלטן.

פונדעסטוועגן, כאָטש זי איז מערערע מאָל צעשטערט, פארברענט און אויסגערויבט געוואָרן, האָט זיך די שול געהאַלטן ווי אַ פעסטונג און קיינמאָל נישט פאַרלוירן איר יסודותדיקייט. וואָס דער ברוטאַלער שונא האָט צעשטערט, האָבן די הייליקע הענט פון די קהילה פירער ווידער פאַרריכט, פאַרגלעט און פאַרפּוצט. טראָץ אַלע אַטאַקעס איז די שול גע־שטאַנען ביזן יאָר 1918, ווען די פּוילישע פּאָגראָמשטשיקעס האָבן זי צע־שטערט אַזוי שטאַרק, אַז זי איז שוין מער נישט צוריקגעבויט געוואָרן. צווישן אָט די צוויי דאַטן: פון יאָר 1632, ווען די שול האָט שטאָלץ גע־עפנט אירע טירן און ביז דעם יאָר 1918, ווען זי איז רואינירט געוואָרן און געבליבן פוסט, ליגט אַ פּעריאָד פון כמעט 350 יאָר פון דער יידישער לעבנס־ און ליידנס־געשיכטע.

אין דעם פּנקס פון דער שול זענען געוואָרן פאַרצייכנט די וויכטיקסטע געשעענישן פון די 300 יאָר פון איר עקזיסטענץ. דער שרעקלעכסטער אומגליק איז, פארשטייט זיך, געווען די גזרת ת״ח און ת״ט. בשעת דער באלאגערונג פון לעמבערג אין יאָר 1648 האָבן די לעמבערגער פּאַרטיי־דיקער בכיוון חרוב געמאכט די פאָרשטאָט, כדי צו פארהיטן, אז כמעלניצ־

קיס האַרדעס זאָלן זיך נישט קאָנען איינקוואַרטירן אין די הייזער. די שול האָט אויך אָפּגעברענט. די יידן פון דער פאָרשטאָט האָבן זיך געראַטעוועט אונטערן שוץ פון די שטאָט־מויערן און געקעמפט אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע בירגער ביי דער פאַרטיידיקונג פון דער שטאָט. די באַלאַגערונג האָט געדויערט אזוי לאנג, ביז כמיעלניצקי האָט געקריגן א היבשע סומע אויסלייזגעלט. די יידן האָבן אויך געקעמפט מיט אנדערע בירגער פאר דער פארטיידיקונג פון פשעמישל, בוטשאטש און סאָקאָל. אויך זשולקעוו האָט זיך געווערט און כמעלניצקי האָט געמוזט אָפּטרעטן. דעם פארלאנג זיינעם, אז מען זאָל אַרויסגעבן די יידן אלס באדינג פאר אָפּשטעלן די באלאגערונג פון לעמבערג, האָט דער שטאָט־פּרעזידענט צוריקגעוואָרפן.

כמעלניצקי האָט פארלאנגט, אז מען זאָל די יידן אַרויסגעבן מחמת זיי זענען די אמתע סיבה פון דער מלחמה. דערויף האָט דער שטאָט־פּרע־זידענט מארטשין גראזוואיער געענטפערט, אז די שטאָט פארוואלטונג קאָן דאָס נישט טון צוליב צוויי טעמים: „ראשית מחמת זיי, די יידן, זענען נישט אונדזערע, נאָר קעניגלעכע מלוכה־אונטערטאַנען, שנית, קעמפן זיי מיט אונדז אינאיינעם און טראָגן די זעלבע קרבנות און מאכן די אייגענע אָנשטרענגונגען וואָס מיר אליין און זענען גרייט פאר אונדז און מיט אונדז צו שטאַרבן".

נאָכאַמאָל האָט כמעלניצקי באַלאַגערט לעמבערג אין יאָר 1655, דאָס מאָל צוזאַמען מיט די מאָסקאַליעס. לעמבערג האָט פארטיידיקט גענעראַל גראָדזשיצקי. אויך דאָס מאָל האָט מען פארברענט די פאָרשטאָט און אויך דאָס מאָל האָט כמעלניצקי געקראָגן אַ גרויסע סומע אויסקויף געלט, אַז ער זאָל אָפּטרעטן.

(אגב איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז דאָס איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס די לעמבערגער בירגער האָבן נישט געוואָלט ארויסגעבן די יידן. שוין אין יאָר 1463, ווען דער פויפּסט האָט פּראָקלאַמירט א קרייץ־צוג קעגן די טערקן, און די חיילות האָבן אויפן וועג פארלאנגט, אז מען זאָל זיי אַרויסגעבן די יידן, האָט דער מאגיסטראט פארמאכט די טויערן און די יידן זענען אָפּגעקומען מיט אויסלייזגעלט).

און ווען די שרעקלעכע קאָזאַקעע שחיטות אין גאליציע ווי אין אַנ־דערע טיילן פון פוילן האָבן אויפגעהערט, האָט זיך אָנגעהויבן א העצע אויף די יידן מצד די פוילישע מיעשטשאַנעס. די שווערסטע אַטאַקע קעגן יידן (דער גרויסער שילער געלאַף) איז פאָרגעקומען אין 1664, ווען אונטער דער

פירערשאַפט פון יעזואיטישע סטודענטן איז דער המון באַפאַלן צוערשט די יידישע פאָרשטאָט און אויסגעהרגעט אן ערך הונדערט יידן פון די, וואָס האָבן זיך געווערט אין דער שול־פעסטונג ווי אויך אַנדערע יידן. די שול און אויך די הייזער זענען פאַרברענט געוואָרן. אָבער דאָס האָט נישט געשטילט דעם בלוטדורשט פון המון. עס האָט באלד אָנגערוקט די חגא פון „קאָרפוס קריסטי״ (באָזשע ציאלא), דעם 12טן יוני 1664. דער המון האָט זיך א לאָז געטון צום „טויערל״ פון געטא. דאָרט האָט דער יעזואיטישער פאַ־טער פארשטעלט דעם וועג ביז מ׳האָט דעם טויער פאַרמאכט (דער טויער פון געטאָ האָט געטראָגן דעם נאָמען „דאָס טויערל״). אָבער דאָס האָט נישט אָפגעהאלטן די צעיושעטע מענטשן כוואליע. איבער די דעכער פון די שכנותדיקע הייזער האָבן זיי זיך אַריינגעכאפט אין געטאָ און אָנגע־הויבן א פרישע שחיטה. דעם טאָג זענען געפאלן 129 יידן, צווישן די הרוגים זענען אויך געווען צוויי זין פונעם בעל „טורי זהב״, ר׳ מרדכי און ר׳ שלמה,ביידע גרויסע תלמידי חכמים.

דער פנקס פון דער שטאָטישער שול האָט פארצייכנט 48 נעמען פון די קדושים, וועלכע מ׳פלעגט דערמאָנען ביי יזכור. פארשטייט זיך, אז די שול און די הייזער זענען אויסגערויבט און צעשטערט געוואָרן.

אין יאָר 1704 האָבן די שוועדן צערויבט און פארברענט די געטאָ. זיי האָבן אויפגעהאנגען פאר די הענט די יידישע „סעניאָרן״ (ראשי־הקהל) און זיי זענען געהאָנגען ביז די קאָשעקעס וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט לעבן די תליות זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט גאָלד און זילבער. די יידן האָבן באצאָלט 60.000 טאַלער אויסקויפגעלט. (דער שוועדישער פאָגראָם איז באַשריבן געוואָרן אין ספר „עיר דוד״).

פאָגראָמען, קלענערע און גרעסערע, האָבן אויך שפעטער נישט גע־פעלט. אין 1728 זיינען די צוויי ברידער, ר׳ חיים רייצעס, דער רב פון דער שטאָט און זיין ברודער ר׳ יהושע, ראש־ישיבה אין לעמבערג פארמשפט געוואָרן צו א שרעקלעכן טויט, כלומרשט פאר צוריק מגייר זיין דעם משומד פיליפּאָוויטש. אויפן קבר, ווו עס איז באַגראָבן געוואָרן דאָס אַש פון די צוויי קדושים, איז אויסגעקריצט די יללה: „און גאַנץ ישראל האָט געוויינט אויף דער שרפה״... נאָך מיט צען יאָר פריער (1718) איז צוליב אן עלילת־דם אויף אן ענלעכן אופן אומגעקומען די דראָהאָביטשער קדושה אדיל בת משה קיקענס. אויף איר קבר אין לעמבערג איז איר העראָאישע

האַלטונג פּאַראַיבּיקט געוואָרן אין דעם ווײ־געשריי: „זאָל גאָט נעמען נקמה פאַר איר בלוט“.

די אכזריותן האָבן איבערצייגט בײדע קהילות, אַז עס האָט זיך גע־נויטיקט מער אחדות און אין 18טן יאָרהונדערט האָבן זיך בײדע קהילות פּאַראייניקט. די פּאַרשטאָטישע און שטאָטישע באַלעבאַטים האָבן געקראָגן די זעלבע צאָל מאַנדאַטן אין דער געמיינזאַמער פּאַרוואַלטונג, און צומאָל אויך אַ בשותּפותדיקן רעפּרעזענטאַנט. אין יאָר 1756 איז אַזאַ בשותּפותדי־קער פּאַרטרעטער געווען יעקב לעווקאָוויטש ביק.

עס זענען געווען אַנדערע געלאַפּן און אומרוען. דער גרעסטער פּאָגראָם פאַר די לעצטע 50 יאָר פון אָט דער עפּאָכע איז פּאַרגעקומען אין לעמבערג אין יאָר 1759 נאָך דעם פראַנקיסטן־דיספּוט אין דער קאַטעדרע. אגב האָט אין דעם יאָר דער קעניג אויגוסט דער דריטער — און די אויגוסטי־נישע זאַקסישע הערשער האָבן בכלל נישט באַדאַרפט קיין אויסרייד אויף צו פאַרפּאָלגן יידן — האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז יידן זאָלן עוקר זיין פונעם שטח פון דער שטאָט, וואָס האָט זיך געפונען אויסערהאַלב דעם אַלטן געטאָ. פאַרשטייט זיך, אַז אויסער די אַלטע צרות פון נישט טאָלעראַנט־קייט האָט נאָך א סיבה גורם געווען די שטאַרקע אַנטי־יידישע טענדענץ, און דאָס איז געווען די מכה פון פאַרשידענע סעקטעס, וואָס האָבן ממש פאַרפּלייצט די יידישע ישובים.

די מגפה פון פאַלשן משיחיזם האָט נישט פאַרפעלט אָנצוקומען אויך קיין לעמבערג. לעמבערג און רויטרייסן בכלל האָט געהאַט א סך אָנהענ־גער פון שבתי צביס משיחות, אפשר טאַקע צוליב דעם שכנות פון גאַלי־ציע און פּאָדאָליע מיט דער טערקיי און אויך צוליב דעם מצב פון אָפּגע־לאָזנקייט און יאוש, וואָס האָט געהערשט ביי די יידן אין לאַנד. אויף יעדן פאַל האָט די דערשיינונג פון שבתי צבי געמאכט א גוואַלטיקן רושם איז דער יידישער וועלט, און עס האָט ממש געווימלט פון שבתי צביניקעס אין גאַנץ גאַליציע. „די שעבסן“ און די מיסטיקער פון חיים מלאכס שיטה (מלאך, א חבר פון ר׳ יהודה חסיד, האָט געוווינט אין בראָד) האָבן גע־ברענט די וועלט מיט זייערע ווילדע מעשים. אין זומער פון יאָר 1722 איז אין לעמבערג אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן אסיפה פון רבנים פון גאַנץ פּוילן און מיט שופר בלאָזן און ביי אויסגעלאָשענע שווארצע ליכט איז אַרויפגעלייגט געוואָרן א חרם אויף די שבתי־צביניקעס, וואָס וועלן ביז צו א באַשטימטן טערמין נישט אויפגעבן זייער אמונה און דעם פאַלשן

משיח; אַזוי ווי זיי זענען געבליבן געטריי זייער סעקטע, איז דער חרם באַנייט געוואָרן, אָבער נישט מיט קיין בעסערע רעזולטאַטן.

אין אָט דער צעהיצטער אטמאָספּערע האָט זיך באוויזן אין גאליציע יעקב לייבאָוויטש פראַנק, וואָס איז אין יאָר 1755 צוריקגעקומען אין זיין געבורטסלאַנד פּאָדאָליע און אָנגעהויבן צוזאמענקלייבן די פארלאָזענע „שעבסן״, וועלכע ער האָט באַקאַנט געמאַכט מיט די סודות, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון טערקיי, דעם לאַנד פון מיסטיק און זנות. אַזוי ווי זיין קאַבאַליסטישע „טריניטעט״ האָט געהאַט אַ סך שייכות מיט דער קריסטלעכער דריי־איינִיקייט, האָבן די רבנים געזומען באקעמפן די נייע סכנה מיט גרויס ענערגיע. די רבנים קאָנפערענץ האָט פראנקן און זיין סעקטע דערקלערט אלס פושעי ישראל און זיי אַריינגעלייגט אין חרם. די ווייטערע אַנטוויקלונג פון פראנקיזם מיט די בלוט־בלבולים, וואָס זיי האָבן פארשפּרייט און דאָס פארברענען פון תלמוד, וואָס זיי האָבן פאראורזאכט, זענען גוט באַקאַנט. פראַנק האָט אַרויסגערופן די רבנים צו האָבן עפנטלעכע וויכוחים, און אזא אויפגעצוווּנגענער דיספּוט איז פאָרגעקומען אויך אין לעמבערג אין יאָר 1759. דער וויכוח איז געפירט געוואָרן אין דער לעמבערגער קאטעדרע, אונטערן פאָרזיץ פון קאַנאָניק מיקולסקי. דער יידישער צד איז געווען פארטראָטן דורך 40 רבנים מיטן לעמבערגער הרב ר׳ חיים הכהן ראַפּאָפּאָרט בראש. דער פאַרטייטשער איז געווען דער סוחר בער פון באָלעכאָוו, איינער פון די ערשטע משכילים אין גאליציע. ער איז געווען א געבילדעטער מענטש און האָט געקענט גוט פויליש. פארשטייט זיך, אז מיקולסקי האָט אנטשידן לטובת פראַנקן. דער וויכוח האָט זיך פארענדיקט דערמיט, אז עטלעכע הונדערט פראנקיסטן האָבן זיך געשמדט און פראַנק אליין האָט מיט גרויס פּאָמפּע אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן אין ווארשע. וועגן פּאָגראָם, וואָס דער דיספּוט האָט אַרויסגערופן, האָבן מיר שוין דערמאָנט.

דאָס יידישע לעמבערג האָט שוין פון פריער געליטן פון אַ ווירטשאַפטלעכער ירידה. די וווינונגס נויט איז געווען אין לשער און די שלאכטיצקע און גלחישע הויזבאזיצער האָבן זיך געלאָזט שיין באַצאָלן פאַר פארדינגען געשעפטן צו יידישע סוחרים. די מיעשטשאַנעס האָבן געקערט וועלטן כדי אַרויסצוטרייבן די יידן פון שטאָט און נישט דערלאָזן צו דער אנטוויקלונג פון יידישן האנדל און פון די יידישע באַלמעלאָכעס. באזונדערס נאָך דער שוועדישער אינוואזיע אין 1704, ווען פיל הייזער אין געטאָ זענען פאַר־

ברענט געוואָרן, איז פּשוט נישט געווען ווי דעם קאָפּ אוועקצולייגן. יידן האָבן נישט געהאט ווו צו האנדלען און האָבן געעפּנט געוועלבער אפילו אויפן רינעק און אונטער דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ. אין יאָר 1738 זענען געווען 71 אַזעלכע פאַרבאָטענע געוועלבער. דאָס האָט געבראַכט צו דער גרויסער פאַרחובטקייט פון דער יידישער קהילה. 75 פּראָצענט פון גאַנצן קהילה בודזשעט איז געגאַנגען אויף צו צאָלן פּראָצענטן פאר די חובות, וואָס די קהילה איז געווען שולדיק די קאַטוילישע אינסטיטוציעס, מיינסטנס פאר דירה־געלט. נאָך אין יאָר 1784 האָבן אָט די חובות פון דער לעמ־בערגער קהילה אויסגעמאכט א האלבן מיליאָן פּוילישע זלאָטעס.

אין קעגנזאַץ צו לעמבערג, איז די שטאָט בראָד געוואקסן ווי אויף הייוון. שוין אין יאָר 1765 האָט בראָד געציילט 7191 יידן קעגן די לעמ־בערגער 6159. בראָד איז אויך איבערגעשטיגן לעמבערג נישט נאָר מיט איר שפע, נאָר אויך מיט איר העגעמאָניע אין יידישע ענינים. דער לעצ־טער מארשאַלעק (פּאָרזיצער) פון רייסישן ועד איז געווען בערקאָ ראַבי־נאָוויטש, דער רב פון די בראָדער שניידערס.

בראָד האָט געוווּנען א גרויסע וואָגיקייט נאָכדעם, ווי זי איז געוואָרן אַ פרייע האנדל־שטאָט אויף דער גרעניץ פון רוסלאנד. אין 1820 האָט שוין בראָד געציילט 16.392 יידן; די יידן אין בראָד האָבן געהאט אן איי־גענע רעאַל שולע.

אויך זשולקעוו האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. אין אַכצנטן יאָרהונ־דערט איז געווען לאנד־מארשאלעק דער זשולקעווער ר׳ ישראל איסרל. נאָך דער עסטרייכישער אָקופּאציע איז זשולקעוו געוואָרן א מיליטערישע פעסטונג, וואָס האָט נאָך מער פאַרגרעסערט איר אויפשטייג.

און דערווייל האָבן די מיעשטשאַנעס אין לעמבערג ווייטער נישט גערוט און אַלץ מער אינטריגירט כדי די יידן צוריקצושטופּן אין זייערע ענגע גרעניצן. די יידן האָבן דעמאָלט געלעבט געזעצלעך אויף דער זשידאָווסקע (בלאַכאַרסקע) גאַס און אויף דער נאָווא־זשידאָווסקע, דעם אויבערשטן טייל פון באָימאָוו. אומגעזעצלעך האָבן זיי זיך באזעצט אין דער רוסישער גאס און אויף דעם אונטערשטן טייל פון באָימאָוו. זיי האָבן אויך געדונגען אין געהיים געוועלבער און ווינפלעצער אין אַנדערע טיילן פון דער שטאָט, איינשליסלעך דעם רינעק.

אין יאָר 1771 האָבן די לעמבערגער מיעשטשאַנעס געשיקט א דע־לעגאציע קיין ווארשע מיט אן אָנקלאגע קעגן די יידן, אז זיי האלטן נישט

דעם האנדלס־אָפּמאך מיט דער שטאָט, און שטופּן זיך אין די פאַרבאָטענע גאַסן. אָבער דאָס איז געווען זייער לעצטע דעלעגאַציע קיין וואַרשע, ווייל אין 1772 האָט עסטרייך איבערגענומען דאָס לאַנד און די שטאָט. „די יידן האָבן אויפגענומען דעם פאַקט פון דער צעטיילונג פון פוילן מיט גרויס טרויער און האָבן דאָס באַטראַכט אַלס אַ גרויס אומגליק״, שרייבט ד״ר יעקב שאל אין זיין „געשיכטע פון די יידן אין פוילן״.

די געשיכטע פון די יידן אין גאַליציע — און ביז איצט האָבן מיר באַנוצט דעם אויסדרוק „גאַליציע״ אַלס אַ סינאָנים פון רויטרייסן (מזרח־גאַליציע), מחמת קראָקע מיט מערב גאַליציע האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך די פּראָווינץ פון קליין־פּוילן אין דער פּוילישער מלוכה — אָט די געשיכטע פון רויטרייסן, אָדער מזרח־גאַליציע, האָט נאָך דער צעטיילונג פון פוילן אָנגענומען גאָר אַן אַנדערע ווענדונג.

II

די צעטיילונג פון פוילן און די עסטרייכישע אָקופּאַציע

די פּוילישע מלוכה האָט אין אירע יסודות זיך לאַנג געוואַקלט איידער זי איז פאַרשלונגען געוואָרן דורך אירע מאַכטדורשטיקע שכנים. אין יאָר 1772 איז פאַרגעקומען די ערשטע צעטיילונג פון פוילן צווישן די דריי מלוכות, וואָס אין דער שפּיץ פון צוויי זענען געשטאַנען פרויען. דאָס זענען געווען: „די קלוגע סעמיראַמידע פון צפון״ — די צאַרינע קאַטערינע די צווייטע — און די כלומרשט פראָטעסטירנדיקע פרומאַקישע קייזערינע מאַריאַ טערעזאַ פון עסטרייך, וואָס זענען אין דעם געווען אינאיינעם מיט דעם גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן רויבער, דעם פּרייסישן קעניג פרידריך דעם צווייטן. זיי האָבן אַלע דריי פריער זיך געהאַט פאַרשטענדיקט וועגן דעם רויב. רויטרייסן (מזרח־גאַליציע) אינאיינעם מיט קליינפּוילן (מערב־גאַליציע) זענען איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער עסטרייכישער אימפּעריע.

פון דעמאָלט אָן ביז צום יאָר 1848 האָט דאָס לאַנד, אונטערן נאָמען „גאַליציע״ עטלעכע מאָל געענדערט די גרענעצן. ערשט אין יאָר 1848 האָט זיך די לאַגע סטאַביליזירט און איז אַזוי געבליבן ביזן יאָר 1918. און ביז דעם יאָר איז אויך דער גורל פון די יידן פון גאַליציע געווען ענג פאַרקניפּט מיט דער געשיכטע פון דער עסטרייכישער אימפּעריע.

מאַריאַ טערעזאַ איז געווען אַ גרויסע צלמניצע, אַ פּראָדוקט פון דער

קלעריקאַלער סביבה, און ממילא איז זי אויך געווען א גרויסע אנטיסע־מיטקע. זי האָט דאָס באוויזן אין אירע פריערדיקע דעקרעטן קעגן די יידן אין טשעכיע און אין מערן. איצט, ווען זי האָט באַקומען אַ שטח מיט אַ גרעסערער יידישער באפעלקערונג פון כמעט א פערטל מיליאָן, האָט זי זיך געקווענקלט וואָס צו טון. אין אירע דעקרעטן און פאַראָרדע־נונגען איז בולט די מורא, אז די צאָל יידן זאָל זיך חלילה נישט פארמערן, און אַז איר כשר קאַטויליש לאַנד זאָל נישט פארפלייצט ווערן מיט יידן. צוליב דעם האָט זי אָפגעשלאָסן די אַלטע געטאָס און געשאָפן אַלערליי געזעצלעכע באשרענקונגען, ממש אייזערנע פּלויטן, מיט דער כוונה אַרומ־צוצאַמען די „שעדלעכע חיות". צו דער זעלבער צייט האָט זי באַנוצט די שטייער־שרויף, כדי אויסצופּרעסן וואָס מער שפע פון אירע יידן. דער קאָפּ־שטייער, אונטער א מער מאָדערנעם נאָמען פון „טאָלעראַנץ־שטייער", איז געוואָרן פארטאָפּלט, — פון צוויי אויף פיר גולדן. כדי יידן זאָלן זיך נישט צו שטאַרק פאַרמערן, האָט זי איינגעפירט א שטייער פון חתונות, גע־רעכנט לויט דעם פארמעגן־צענזוס. איר זון האָט דעם שטייער אַרויפ־געשרויפט ביז דער הויך פון 40 ביז 300 דוקאַטן.

(שפּעטער איז דער חתונה־שטייער, וואָס האָט געהייסן „שלייער־שטייער", רעדוצירט געוואָרן צו 3 ביז ניינציק גולדן, לויט די יערלעכע פאַרדינסטן פון די עלטערן, מיט אַ הוספה פאַר אַ יעדער נייער חתונה אין דער משפחה).

אין דער נעץ פון אַנטי־יידישע גזירות האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט עט־לעכע „אויפקלערונג"־פעדעם. אין אַ דעקרעט פון 1776 האָט די קייזערין געשאָפן אַ לאַנד־דירעקציע פאַר יידישע ענינים, אונטער דער לייטונג פון בראָדער ראַבינער אריה לייב בערנשטיין. הרב מרדכי זאב אָרענשטיין, דער פאָטער פון יעקב אָרענשטיין, איז געוואָרן בערנשטיינס פאַרטרעטער מיטן זיץ אין בראָד. כאַראַקטעריסטיש פאַר איר „טאָלעראַנץ" איז געווען אַ פאַראָרדענונג פון 1780, וואָס זאָגט, אַז יידן זענען, אמת, נישט אויס־געשלאָסן פון עפנטלעכע אמטן, אָבער מען מוז אַכטונג געבן, אַז זיי זאָלן צו זיי צוגעלאָזט ווערן וואָס ווייניקער.

די גרעסטע באַדייטונג פאַר די יידן אין גאַליציע, סיי אין פּאָזיטיוון און סיי אין נעגאַטיוון זין, האָט געהאַט איר זון און נאָכפאָלגער, קייזער יאָזעף דער צווייטער. יאָזעף איז געווען אַ פּראָדוקט פון דער נייער אויפ־קלערונגס־עפּאָכע. כאָטש ער איז געווען אַ גוטער קאַטאָליק, איז ער

אָבער פונדעסטוועגן נישט געווען קיין קלעריקאַל און אויך נישט קיין צבועניק. ער האָט איבערגעריסן מיט די אַלטע טראַדיציעס און מיט דער אַלטער אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט אַזוי לאַנג רעגירט אין עסטרייך און האָט זיך איינגעשטעלט פאַרן ווילזיין פון פאָלק. דאָס אָפּשאַפן פון דער „פאַנשטשיזנע״ אין די אַלטע עסטרייכישע פּראָווינצן חוץ גאַליציע, און די באַפרייאונג פון פויערטום איז געווען איינע פון זיינע רעוואָלוציאָנער־סטע אויפטוען.

זיין טאָלעראַנץ־פּאַטענט, וואָס ער האָט צוערשט אַרויסגעגעבן פאַר די פּראָטעסטאַנטן און דערנאָך אים אויסגעברייטערט אויך פאַר יידן, איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך דעם וואָס ער האָט אָנגעווענדט אַ מעכטיקע צענטראַליסטישע אַדמיניסטראַציע, ווי אויך צוליב זיין טענ־דענץ צו שטיצן זיך אויף א שטאָל־האַרטן פּאָליציייאישן רעגירונגס־סיס־טעם פון ברוטאַלער גערמאַניזאַציע.

אין אַלגעמיין איז קייזער יאָזעף נישט געווען קיין יידן־פריינד. ער האָט באַטראַכט די יידן פאַר א רעה, וואָס מ׳דאַרף מאַכן אומשעדלעך. זיין טאָלעראַנץ בנוגע יידן איז געווען אַ פּועל־יוצא פון זיין אַלגעמיינעם אויפקלערונגס־סיסטעם, אָבער פאַקטיש האָט זי געהאַט דעם טעם פון אַ רעצעפּט פאַר „געבורטס־קאָנטראָל״, פון א מיטל ווי אזוי צו באַגרענעצן די יידישע פּרוכטבאַרקייט. דאָס וויכטיקסטע, וואָס אָט די טאָלעראַנץ האָט באַצוועקט, איז געווען אָפּצוטויטן ביי די יידן דעם נאַציאָנאַלן ווילן און צו מאַכן פון זיי אויס יידן.

דער נאָכפאָלגער פון קייזער יאָזעף איז געווען דער מער געזעצטער קייזער לעאָפּאָלד דער צווייטער. אָבער די לעאָפּאָלדישע רעגירונג האָט נישט געדויערט לענגער ווי צוויי יאָר. זיין נאָכפאָלגער אויפן עסטרייכישן טראָן איז געווען דער קלעריקאַלער, ענגהאַרציקער און גייסטיק באַגרע־נעצטער קייזער פראַנץ דער ערשטער, וואָס האָט געקיניגט פון יאָר 1792 ביז 1835, אַן ערך 43 יאָר דורכאַנאַנד. זיין אַבסאָלוטער דעספּאָטיזם, אין קעגנזאַץ צום יאָזעפינישן אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם, האָט אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּל פון ברוטאַלער רעאַקציע אויף די וויטערדיקע צוויי דורות.

דער טאָלעראַנץ־פּאַטענט פון קייזער יאָזעף איז, אַזוי ווי איבעריקנס אַלע אַנדערע רעפאָרמען זיינע, ביטער באַקעמפט געוואָרן פון דער קלע־ריקאַלער הויף־קאַמאַריליע, וואָס האָט איצט איבערגענומען די ממשלה אין ווינער הויף־בורג. בנוגע די יידן זענען די יאָזעפינישע רעסטריקציעס

און גזירות אויפגעפרישט און נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן, אָבער אָן וועלכע עס איז יאָזעפינישע פאַרלייכטערונגען. די יאָזעפינישע איסורים און גזירות בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג, אין באַצוג צום ווינרעכט אין די דערפער, זענען געוואָרן שטרענגער. דאָס לעבן איז מיט יעדן טאָג געוואָרן מער ביטער, און געוויסע גזירות זענען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי זענען געבליבן אויפן פּאַפּיר, ווייל זייער הארבקייט האָט זיי געמאכט אומדורכפירבאַר.

אין געוויסע שטעט ווי לעמבערג, נייסאַנדז, טאַרנאָוו און גראָדעק זענען ווידער איינגעפירט געוואָרן געטאָס. נאָר מענטשן מיט אַ הויכער ערודיציע — אין דער דייטשער שפּראַך נאַטירלעך — און וואָס האָבן דערצו געהאַט אַ פאַרמעגן פון 30.000 גולדן, האָבן געקאָנט באַקומען אַ דערלויבעניש צו וווינען אויסער די געטאָס. אין לעמבערג זענען די יידן, וואָס האָבן געלעבט אין שטאָט, געווען געצוווּנגען (אין יאָר 1795) צוריק אַריבערצוציען זיך אין די געטאָס. מער נאָך, אַז אַ ייד זאָל קענען פאָרן פון איין שטאָט אין אַן אַנדערער, האָט ער באַדאַרפט צו האָבן אַ מין פּאַספּאָרט. טראָץ דעם, וואָס די אָרימקייט איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג צוליב די אַלע נייע גזירות, זענען אָבער די שטייערן כסדר געשטיגן אַלץ העכער און העכער. אַזוי איז דער שטייער פון כשר פלייש פאַר־דרייפאַכט געוואָרן. דער „שליייער־שטייער", דער „מנין־שטייער" און אַלע אַנדערע שטייערן זענען אויך געוואָרן באַדייטנדיק אַרויפגעשרויפט.

די ערגסטע פון די גזירות פון דעם מין איז געווען דער „ליכט־שטייער", וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין יאָר 1797, און אין יאָר 1816 האָט מען אים שוין געהאַט פאַרדרייפאַכט. דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז, אַז דער ליכט־שטייער איז געווען אַ ריין־יידישע דערפינדונג. אין יאָר 1795 האָט אַ יידישער סוחר מיטן נאָמען שלמה קאָפּלער פאַר־געשלאָגן דער רעגירונג, אַז אַ שטייער פון ליכט־בענטשן וואָלט געקאָנט אַריינברענגען אַרום 200.000 גולדן. אַזוי ווי אויף געלט זענען די עסט־רייכישע באַאַמטע שטענדיק געווען זשעדנע, האָבן זיי זיך אָנגעכאַפּט אין דעם פּראָיעקט און פאַרגעלייגט דעם קייזער די גרויסע המצאה. קיינער איז נישט געווען אַזאַ בעל־עסקן אויף נייע הכנסות ווי טאַקע דער קייזער אַליין. אָבער פונדעסטוועגן, זייענדיק אַליין אַ פרומער קלעריקאַל, האָט ער געהאַט ספקות צי עס איז ריכטיק אָנצוגרייפן רעליגיעזע מנה־גים און האָט אָנגעפרעגט ביי זיין יידן־עקספּערט הערץ האמבערג (וועגן

אים שפעטער), צי דאָס וועט נישט זיין קיין גרויסע עוולה פאַר יידן. נאָכדעם ווי האמבערג האָט דעם קייזער פאַרזיכערט, אַז ליכט־בענטשן איז נישט אַזאַ טיפער רעליגיעזער מנהג, האָט דער קייזער דעקרעטירט דעם נייעם שטייער.

(האמבערג האָט נאָך געפונען אַן אנדער אויסרייד. ער האָט באַרו־איקט „זיין מאַיעסטעט״, אז דער שטייער וועט נישט זיין קיין פאַרבאָט ק ע ג ן ליכט־בענטשן, נאָר אַ שטייער פ אַ ר ליכט־בענטשן).

דער ליכט־שטייער האָט אָנגעהאַלטן אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונ־דערט, צאפּנדיק פון די יידן, לויט דער צאָל פון די ליכט, פון פינף ביז דרייסיק קרייצער אַ ליכטל. צו דער זעלבער צייט איז דער ליכט־שטייער געוועזן אַ צייכן פון וואל־באַרעכטיקונג צו דער קהילה. נאָר אַ שטייער־צאָלער פון וויניקסטנס זיבן ליכט האָט געקענט זיין אַ ווײלער, און מיט איין ליכט מער, האָט ער אפילו געקענט אויסגעוויילט ווערן אין דער אַדמיניסטראַציע פון דער קהילה.

אָבער די דאָזיקע יידישע שטייערן האָבן געהאט נישט נאָר שלעכטע מאַטעריעלע, נאָר אויך מיאוסע מאָראַליש־סאָציאַלע קאָנסעקווענצן.

די רעגירונג האָט די שטייערן פאַרקויפט צו יידישע פאַכטערס. די שטייער־פאכטערס און די ראשי־קהל זענען אָפט געווען די זעלבע פער־זאָנען.

אין 1817 זענען אין לעמבערג געוויילט געוואָרן פינף קהילה־פאַר־טרעטער, פון וועלכע פיר זענען געווען פאַכטערס פון ליכט־שטייער, צוליב פראָטעסטן זענען באַשטימט געוואָרן נייע וואַלן, וואָס האָבן זיך אָבער געענדיקט מיט דעם זעלבן רעזולטאַט. די שטייער־פאכטערס זענען גע־ווען נישט נאָר די פּיאַווקעס פון דער קהילה, נאָר אויך די אַרענדאַטאָרן פון יידישקייט — ממש גאַטס פאָליצייניקעס. נישט נאָר האָבן זייערע עק־זעקוטאָרן און שטייער־משרתים געשלעפּט קישנס און בעטגעוואַנד פון די מענטשן, וואָס האָבן נישט געקענט באַצאָלן די שטייערן, נאָר זיי האָבן זיך אַפילו געהייסן באַצאָלן, ווען מ׳האָט נישט געבענטשט קיין ליכט, אָדער נישט געגעסן קיין כשר פלייש, אָדער איבערהויפּט נישט געהאט קיין געלט צו קויפן פלייש. די שטייער־שלעפּערס זענען געוואָרן גאָטס משרתים, וואָס האָבן געשלעפּט אין תפיסה, אָדער געהייסן געבן שמיץ יעדן איינעם, וואָס האָט נישט געגעסן קיין כשר פלייש, אָדער עובר גע־ווען אויף הדלקת הנרות. זייער אויסרייד איז געווען, אַז אויב אַ ייד

צאָלט נישט קיין טאַקסע אויף כשר פלייש, עסט ער מן הסתם טריפה־פלייש און דאָס הייסט נישט נאָר עובר זיין אויף גאָטס מצוות, נאָר אויך אויף דעם קייזערלעכן געזעץ פון שטייער־צאָלן, און דערפאַר קומט אים אַ טאָפּלטע שטראָף. אַזוי אָדער אַזוי, די יידישע טאַקסעס, וואָס האָבן עקזיסטירט ביז 1848, האָבן דעמאָראַליזירט דאָס יידישע לעבן, קאָרומפּירט די יידישע קהילה און פיל בייגעטראָגן צו מאכן דעם נאָמען „קאהאלניק" פאַרהאַסט און פאַרדעכטיקט אין יידישן לעבן. בלויז אין 1846 האָבן די טאַקסעס פון כשר פלייש אַליין אַרייגעבראַכט אַרום 700.000 גולדן.

אויסער די גזירות, וואָס האָבן רואינירט דעם מאטעריעלן און סאָציאַלן מצב פון די יידישע מאסן, האָט דער סיסטעם פון קייזער פראַנץ דער ערשטער נישט פאַרגעסן די צוויי הויפּט־יסודות פון דער יאָזעפינישער ירושה. ראשית, אַז די יידן זאָלן זיך חלילה נישט פאַרמערן, און שנית, אַז זיי זאָלן זיך ווי אַמשנעלסטן אסימילירן.

די גערמאַניזאציע־טענדענצן פון דער רעגירונג האָבן נישט אויפגעהערט. אין 1806 האָט די רעגירונג דעקרעטירט, אַז אַלע קהילה־באַאַמטע מוזן קענען דייטש, און אין יאָר 1814 האָט דאָס געזעץ בטל געמאַכט אַלע דאָקומענטן און האנדלס־פּאַפּירן, וואָס זענען געווען געשריבן אין העברעאיש אָדער יידיש. אַ יידישע חתונה האָט נישט געקאָנט דורכגעפירט ווערן אָן דער באַוויליקונג פון דעם גובערנאַטאָרס קאַנצעלאַריע. חתן־כלה האָבן געמוזט קענען רעדן און שרייבן דייטש און אויסהאַלטן דעם עקזאַמען פון האמבערגס קאטעכיזם „בני ציון". יידישע פאַרלאַגן און דער דרוק פון ספרים בכלל זענען אָדער גאָר אינגאַנצן פאַרבאָטן, אָדער באַגרענעצט געוואָרן. אפילו אין וועלטלעכע ענינים זענען דרוקזאכן געשטעלט געוואָרן אונטער אַ שטרענגער צענזור. פאַר אימפּאָרטירן ספרים פון אויסלאַנד, האָט געדראָט א שטרענגע שטראָף. אָבער אין דעם זענען שולדיק געווען מער פאַקטאָרן ווי די רעגירונג אַליין. און דאָס ברענגט אונדז צו דעם ווייטערדיקן קאַפּיטל וועגן השכלה.

(וועגן דער געשיכטע און לעבן פון יידן אין גאַליציע פון אָט דער עפּאָכע, איז דאָ אַ היפּשע ליטעראַטור. די בעסטע מאָנאָגראַפּיעס, וואָס האָבן מער פון אַנדערע בייגעטראָגן צו דער באַלויכטונג פון די דאָזיקע פּראָבלעמען, און וועלכע דער שרייבער האָט באַנוצט אין דעם קאַפּיטל, געהערן די פאָלגנדע דריי: מאיר באַלאַבאַנס: Dzieje Zydów w Galicyi, 1914. נ. מ. געלבערס: Aus Zwei Jahrhunderten, 1925 און פיליפּ פרידמאַנס סיסטעמאַטיש און קריטיש ווערק: Die Galizischen Juden im Kampfe um Ihre Gleichberechtigung 1814—1868, אַרויסגעגעבן אין יאָר 1929).

III

די השכלה

ווי גרשום באדער ווייזט אָן אין זיין ספר: „דרייסיק דורות יידן אין פוילן״, זענען געווען התחלות פון דער השכלה אין גאליציע גופא. איינער פון די ערשטע איז געווען ר׳ אַהרן בן משה בן צבי פון גריידינג, וואָס האָט פאַרפאַסט דעם דיקדוק „אהל למשה״ (1765). אַן אַנדערער איז געווען דער משכיל יהודה ליב בן זאב און פנחס אליהו פון ווילנע, דער מחבר פון „ספר הברית״ און דער ערשטער און גרעסטער יידישער פאָלקס־רעדנער — דער דובנער מגיד, וואָס האָט אין יענער צייט געלעבט אין גאַליציע. פארשטייט זיך, אז די מענדעלסאָנישע השכלה פון בערלין האָט געפונען א שטארקן אָפּקלאנג אין גאַליציע.

ליידער איז דער ערשטער אַפּאָסטאָל פון דער נייער תורה נישט געווען קיין סימפאטישער און אפילו נישט זייער קיין געטרייער גבאי פונעם גרויסן רבינס שטיבל. דער פאַרשוין, וואָס האָט געבראַכט פאַר די גאַליציאַנער יידן מער שלעכטס ווי תורה, איז געווען הערץ האָמבערג, אַ געוועזענער ישיבה־בחור פון פראָג, וואָס איז פאַרוואָגלט געוואָרן קיין בערלין און געוואָרן א מלמד פון מענדעלסאָנס זון. ער איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן מענדעלסאָנען אין זיין בארימטער דייטשער איבערזעצונג פון חומש מיט אַ נייעם פירוש (ביאור). הערנדיק וועגן דעם טאָלעראַנץ־פּאַטענט פון קייזער יאָזעף, איז האָמבערג צוריקגעקומען קיין ווין, ווו ער האָט געענדיקט דעם אוניווערזיטעט. אַזוי ווי זיינע באַמיאונגען צו ווערן אַן אינסטרוקטאָר אין איינעם פון די אוניווערזיטעטן זענען נישט געלונגען, האָט ער זיך געשטעלט אין דינסט פון דער שול־רעפאָרם, וואָס קייזער יאָזעף האָט פראָקלאמירט פאר די יידן. דער קייזער האָט גענומען ערנסט זיינע שול־רעפאָרמען און באלד זענען אין גאליציע אנטשטאנען אַרום 100 דייטשע שולן פאר יידישע קינדער אונטער דער השגחה פון הערץ האמבערג, וואָס האָט געמושלט אין לעמבערג ווי דעם קייזערס נאַמיעסטניק פאר יידישע ענינים. האמבערג איז געווען א „דייטש״ אַ תקיף און האָט, פונקט ווי זיין האר, שטארק געגלויבט אין בעל־כרחו־אויפקלערונג. זיין לאָזונג איז געווען „בעל־כרחך אתה לומד״. ער האָט אַלעמען אָנגעטון געבראָטענע ליידן און

האָט מיט אַ ברייטער האַנט אַרויפגעלייגט שטראָפן און אפילו געמסרט די, וואָס האָבן אים נישט געפאָלגט.

אַזוי ווי עס האָבן געפעלט לערערס פאַר אַזאַ ברייטער נעץ פון שולן, האָט האָמבערג אַרויסגעלאָזט איבערן לאַנד אַ כנופיא פון בעמיש־דייטשע לערערס, וואָס האָבן נישט געקענט די לאָקאַלע באַדינגונגען און אפילו נישט געקענט דעם פוילישן יידיש, כדי צו פאַרשטענדיקן זיך מיט די יידן, וואָס האָבן קיין אות דייטש נישט געקענט. אָט אַזוי האָט דער קאַריעריסט הערץ האָמבערג פאַרלוירן זיין אָנזען אין לאַנד, נאָך איידער ער האָט געהאַט גענוג צייט צו פאַרפעסטיקן זיין פאָזיציע לגבי דער באַפעלקערונג, וועלכע ער איז געקומען באַגליקן מיט בילדונג. ער האָט אפילו געעפנט אַ לערער־סעמינאַר, כדי צו דערציען אייגענע לערערס. אָבער עס האָט אים שוין מער גאָרנישט געהאָלפן. די שולן זענען געוועזן ליידיק, און די יידן האָבן גיכער געשיקט זייערע קינדער אין די אַלגעמיינע שולן, איידער אין הערץ האָמבערגס יידישע. עס האָט אפילו נישט געהאָלפן די שטראָף פון שליסן די חדרים און די ישיבות, אויב מ׳האָט זיך צוריקגעהאַלטן פון צו שיקן די קינדער אין די יאָזעפינישע יידישע בתי ספר.

אין 1806 זענען די יאָזעפיניש־האָמבערגישע שולן געשלאָסן געוואָרן פון דער רעגירונג, און האָמבערג האָט געמוזט פאַרלאָזן לעמבערג. יידישע קינדער זענען צוגעלאָזט געוואָרן אין די אַלגעמיינע שולן, נאָר זיי האָבן געמוזט זיצן אויף באַזונדערע בענק פון הינטן.

אָבער די יידן אין גאַליציע זענען פון האָמבערגן נישט פטור געוואָרן אפילו שפּעטער, ווען ער איז נאָמינירט געוואָרן אַלס צענזאָר פון יידישע ספרים און דערנאָך אַלס אינספעקטאָר פון די שולן אין זיין הימלאַנד בעמען (טשעכיע). זיין דייטש־העברעאישער קאַטעכיזם „בני ציון" איז באַשטימט געוואָרן אַלס טעקסטבוך פאַר די יידישע שולן, און לויט דעם קייזערלעכן דעקרעט פון 14טן דעצעמבער 1810, האָט יעדע חתן־כלה געמוזט אָפּגעבן אַן עקזאַמען פון דער קענטעניש פון דעם „בני ציון" טעקסט. דער עקזאַמען איז פאָרגעקומען אין קרייז־אַמט, איידער דאָס פּאָרל האָט באַקומען די דערלויבעניש צו נעמען חופּה־וקדושין. אַלס צענזאָר פון יידישע ספרים האָט דער קייזערלעכער משכיל צוגעשטעלט אַ פּראָיעקט צו דער רעגירונג וועגן אַ נייעם פאַרבאָט צו דרוקן רבנישע ספרים מיט אַ תלמודישן, אָדער אַ קבלהשן אינהאַלט, אָדער אפילו תל־

מודישע מגידות. לײדער איז דאָס נישט געװען האַמבערגס אײנציקע מסירה אויף ײדן.

פונדעסטװעגן, כאָטש די „השכלה״, װי זי איז געװען פאַרטרעטן דורך האַמבערגן, האָט נישט געקאָנט שטאַרק אויסנעמען ביים עולם, איז אָבער די אמתע השכלה געגאַנגען אירע אײגענע װעגן און זי שטעלט מיט זיך פאָר אײנע פון די װיכטיקסטע בײטראָגן פון גאַליציאַנער ײדנטום צו דעם קולטור־אוצר פון כלל ישראל.

צװישן די „מאספים״ (מיטאַרבעטער פון דעם העברעאישן זשורנאַל „מאסף״, װאָס איז געגרינדעט געװאָרן אַ דאַנק דער איניציאַטיװ פון דער חברת דורשי־לשון־עבר, דורך יצחק אײכעל, מענדל ברעסלוי און די פרידלענדערס), זענען אויך געװען צװײ פּוילישע ײדן, יצחק סאַטאַנאָװ און י. ל. בן־זאב, בײדע גלענצנדיקע העברעאישע סטיליסטן. אָבער דעם גרעסטן אײנפלוס אויף דער גאַליציאַנער השכלה האָט געהאַט מענדל־לײב לעפין סאַטאַנאָװער, װאָס האָט געבערענגט די ערשטע בכורים פון דעם רײכן בערלינער שניט קײן בראָד, װאָס איז דעמאָלט געװען אײנע פון די דרײ גרעסטע ײדישע שטעט, און אגב אויך די רײכסטע האַנדלס־שטאָט אין לאַנד. די אַנדערע צװײ שטעט אין דעם דרײעק זענען געװען לעמבערג און טאַרנאָפּאָל. לעפינס עטישע אײנשטעלונג, װאָס ער האָט געבראַכט צום אויסדרוק אין זײן בוך „חשבון הנפש״, האָט געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג אין גאַליציע.

פונדעסטװעגן קען נישט די גאַליצישע השכלה באַטראַכט װערן אַלס אַ שפּחה פון בערלינער רבין אַלײן. להיפוך, גראָד װען די מענדעלסאָנישע תקופה האָט אָנגעהויבן אויסװעפּן פון אירע אמתע טאַלאַנטן און האָט מער און מער פאַרבלאָנדזשעט אין אַ װאַלד פון װילדע אַסימילאַטאָרישע אויס־װוקסן, איז די גאַליצישע השכלה אַרײנגעדרונגען טיף מיט אירע װאָרצלען אין דעם סאַמע תוך פון ײדישן קיום, און געבערענגט צום אויפבליען די ײדישע מסורה, װאָס האָט שיער נישט פאַרװיאַנעט אין דער דײטשער אָט־מאָספערע, אין דעם געיעג נאָך נאַציאָנאַלער אַסימילאַציע און רעליגיעזער פאַרנײנונג. דער היסטאָריקער גרעץ, װעלכער איז זעלטן נוטה לכף זכות בנוגע דער ראָלע פון די פּוילישע ײדן, שרײבט װעגן דער װוּנדערלעכער אויפלעבונג פון דער משכילישער עפּאָכע אין גאַליציע בזה הלשון: „מען האָט געפרעגט״, זאָגט ער, „װאָס פאַרא גוטס קען אַרויסקומען פון גליל (גאַליציע)?״ און ער ענטפערט זיך אַלײן: „זײ (די משכילים) האָבן אַנט־

פלעקט אַ נייעם גייסט, און עס איז זיי געלונגען אין משך פון דרייסיק יאָר אָפּצוריייניקן די חורבות, וואָס האָבן פאַרשאָטן די גרויסע פאַרגאַנ־גענהייט פון יידנטום, און אַרויסברענגען אויף דער ליכטיקער וועלט דעם צלם־אלקים, וואָס איז געלעגן פאַרשאָטן אונטער די רואינעס. זיי זענען געווען די גרינדער פון אַ נייער שולע, וואָס האָט זיך ערלעך פאַרדינט גערופן צו ווערן די גאַליציאַנער שולע״.

איידער מיר גייען אַריבער צו די פּרטים וועגן דער משכילישער באַווע־גונג אין גאַליציע, ווילן מיר אָנהויבן פונעם פונדאַמענט, דעם משכילישן בית־ספר. אַלס מוסטער פון דער באַוועגונג האָט געדינט די „פריישולע״ פון יוסף פּערל אין טאַרנאָפּאָל.

נאָכדעם ווי די יאָזעפינישע שולן זענען דורכגעפאַלן, איז געקומען די צייט פאַר פּריוואַטע יידישע שולן. די באַדייטונג פון שולוועזן פאַר דער פאַרבאַרייטונג פון השכלה, האָבן „די בערלינער״ שוין פריער אָפּ־געשאַצט. די „פרייע שולע״ אין בערלין מיט דוד פרידלענדער און דניאל איציק אין דער שפּיץ, האָבן אין משך פון צען יאָר צייט (פון 1781—1791) געהאַט אַרום 500 שילער, וואָס האָבן שפּעטער זיך אַרויסגעלאָזט איבער די שטעט און לענדער און פאַרשפּרייט די נייע בערלינער תורה. „די פרייע שולע״ איז אַלץ מער געוואָרן פריי פון יידישן חנוך, און האָט כסדר מער און מער פאַרגרעסערט די אַלגעמיינע אַסימילאַטאָרישע בילדונג. כאָטש די „פרייע שולע״ איז בלי ספק געווען אַ מאָדעל פאַר אַנדערע, האָט זיך אָבער אויך אין דעם פּרט די גאַליצישע פרייע שולע, אָדער „די איזראַעליטישע פריישולע״, ווי די ערשטע שולע, וואָס פּערל האָט געעפנט בשעת דער רוסישער אָקופּאַציע פון 1813 אין טאַרנאָפּאָל האָט זיך גערופן — זיך אויסגעצייכנט מיט איר יידישן גייסט און מיט שיעורים אין העברעאיש, תנ״ך און תלמוד און אויך פון יידישע מנהגים. אין יאָר 1820 האָט קייזער פראַנץ דערלויבט פּערלען צו עפענען אַ בית־הספר. די דייטשע „מוטער־שפּראַך״ איז געווען די אונטעררריכט שפּראַך. אַט אַזוי אַרום איז טאַרנאָפּאָל געוואָרן די דייטש־יידישע יבנה פון גאַליציע.

פּערלס פאַרדינסטן אַלס דערציער פון דעם השכלה דור, זענען לגמרי נישט קלענער צוליב זיינע קעמפערישע, העצערישע און צומאָל מסירההדיקע מעשים קעגן די חסידים. אָבער זיי, טאַקע די חסידים אַליין, האָבן אים אויך נישט געשאַנעוועט. נאָך זיין טויט (1839), האָט זיין זון מיכל פּערל ווייטער געפירט זיין טאַטנס בית־הספר, און נאָך צוגעגעבן אַן אָפּטיילונג

פאַר מיידלעך. לויט דעם זעלבן מוסטער זענען אין גאַליציע אַנטשטאַנען אַנדערע יידישע שולן, מייסטנס אין די יאָרן צווישן 1840—1860.

אין בראָד איז געעפנט געוואָרן אַ יידישע רעאַל שולע אין 1826, וואָס האָט עקזיסטירט ביז 1856. אין לעמבערג האָט דער קרייז ראַבינער אברהם קאהן געעפנט אַ שולע אין 1844, און אין עטלעכע יאָר אַרום זענען גע־עפנט געוואָרן נאָך צוויי שולן. אין יאָר 1856 איז אַן ענלעכע שולע געעפנט געוואָרן אין באָלעכאָוו, און ראַבינער ד״ר יוסף קאָבאַק, אַ געבוירענער לעמבערגער און דער רעדאַקטאָר פון די העברעאישע זאַמלביכער „ישורון״, האָט געגרינדעט אַזאַ שולע אין יענדריכאָוו.

****

איינער פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער גאַליצישער השכלה איז געווען, וואָס זי איז נישט געווען קיין גרויס־בורזשואַזע, ווי אין בערלין. אמת, זי איז אויך נישט געווען קיין פאָלקס באַוועגונג ווי דער חסי־דיזם, נאָר מער אַ מיטלקלאַסיקע דערשיינונג. אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז גראָד די גרויסע משכילים־פיאָנערן זענען אַליין נישט געווען רייך און האָבן נישט געהאַט קיין רייכע מעצענאַטן, ווי אין בערלין, קעניגסבערג און אַנדערע דייטשע שטעט. נישט ראַפּאָפּאָרט, נישט קראָכמאַל און זיכער נישט ערטער, האָבן נישט געלעבט אין ווילטאָג, און אָן דאגות פּרנסה. זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין אַ סך צרות פאַר זייערע איבערצייגונגען און מיט קליינע אויסנאַמען האָבן זיי תמיד געהאַט מער תורה ווי קמח.

דער רעגיסטער פון די נעמען פון די פירנדיקע משכילים איז געווען אַ גאַנץ היפּשער. צווישן זיי איז ווערט צו דערמאָנען אַ חוץ די אויבן דערמאָנטע, יוסף פּערל און נחמן קראָכמאַל, שלמה ליב ראַפּאָפּאָרט, יצחק ערטער — יצחק מיזעס, זעליג צבי מאנדשיין, שמשון בלאָך, אברהם מענדל מאָהר, נחמן יצחק פישמאַן, יצחק קאָבאַק, יוסף כהן צדק און יהושע העשל שור.

צווישן די בראָדער משכילים זענען געווען דוב־בער און חיים גינצ־בורג, משה יוועל, מרדכי דוד סטרעליסקער, יצחק בלומענפעלד, יעקב שמואל ביק און ד״ר יוליוס באראש. דאָס יידישע לעבן אין בראָד איז גע־שטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה און האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף דער

גאַנצער סביבה*). אין יאָר 1896 האָט זיך אפילו געטראָפן, אַז פעלדמאַרשאַל ראדעצקיס אייניקל האָט זיך מגייר געווען אין בראָד און געטראָגן יידישע מלבושים.

ר׳ נחמן כהן קראָכמאַל (רנ״ק), דער ארי שבחבורה איז געבוירן געוואָרן אין בראָד אין יאָר 1785. ער האָט געלעבט אין זשולקעוו, און איז נפטר געוואָרן אין 1840. פון נאַטור אויס אַ צוריקגעהאַלטענער מענטש און לגמרי נישט קיין קעמפער, האָט ער פונדעסטוועגן באַאיינפלוסט זיין דור מער ווי אַלע שרייבער פון רעכטס אָדער פון לינקס. זיין היסטאָריאָזאָפישער צוגאַנג צו דער יידישער געשיכטע האָט געעפנט אַ קוואַל פון נייע געזיכטס־פונקטן אין דעם יידיש נאַציאָנאַלן גייסט. „ער האָט געוויזן ווי דער גאָלדגראָבן פון תלמוד קען ווערן אַנטפּלעקט און ווערטפולער היסטאָרישער מאַטעריאַל אַרויסגעצויגן... ער איז געווען דער ערשטער צו לערנען די קונסט פון מיקראָסקאָפּישער אונטערזוכונג פון תלמוד פאַר געשיכטע...״ (גרעץ). קאַפּיטלעך פון זיין „מורה־נבוכי־הזמן״ זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן צוערשט אין „כרם חמד״. דערנאָך איז דאָס בוך אַליין אַרויס אין בערלין, עלף יאָר נאָך זיין טויט, אַרויסגעגעבן דורך ד״ר לעאָפּאָלד צונץ (1851).

איינער פון די נאָענטסטע און פעאיקסטע פריינט פון קראָכמאַל איז געווען ר׳ שלמה יהודה ראַפּאָפּאָרט (שי״ר). אַ געבוירענער לעמבערגער, האָט אים דער גורל געבראַכט ווי אַ רב קיין טאַרנאָפּאָל, פון וואַנען די חסידיש־רבנישע רדיפות האָבן אים נאָך צוויי יאָר רבנות פאַרטריבן קיין פּראָג, וווּ ער האָט געלעבט אַלס דאָרטיקער רב ביז צו זיין פּטירה אין 1867. אין לעמבערג האָט געלעבט אפשר דער איינציקער עושר־משכיל פון זיין צייט יהודה לייב מיזעס, דער פאַרפאַסער פון „קנאת האמת״ און „תכונת הרבנים״, וועלכער האָט מיט געלט און ביישפּיל אונטערגעשטיצט די אויסבילדונג פון יונגן דור אין דער השכלה, אַזוי, אַז ראַפּאָפּאָרט האָט געהאַט אַ סביבה פון יונגע פריינט און שרייבער, וואָס האָבן געבילדעט אַ ליטעראַרישן קרייז אין לעמבערג פון מענטשן מיט נייע אידעען. ראַפּאָ־

*) אין בראָד האָבן פאַרוויילט יצחק בער לעווינזאָן וואָס האָט פאַרשפּרייט די השכלה אין רוסלאַנד, און ישראל אַקסענפעלד וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ בראָדער מיידל און זיך באַזעצט אין אָדעס. אויך שלמה עטינגער, דער מחבר פון „סערקעלע״ איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער גאַליצישער השכלה בעת ער האָט שטודירט מעדיצין אין לעמבערג.

פּאָרט אַליין, אַ תלמודישער חריף און היסטאָריקער, האָט מיט זיינע ביאָגראַפישע אונטערזוכונגען באַלויכטן די באַדייטונג פון יידישן אַלטערטום און מיטלאַלטער אויפן גרונט פון עקזאַקטע כראָנאָלאָגישע, היסטאָרישע און געאָגראַפישע שטודיען. זיינע קריטישע באַלויכטונגען פון די פינצטערע קעמערלעך פון יידישן לעבן און שאַפן אין מיטלאַלטער, האָבן געלייגט דעם גרונט־יסוד פון יידישע וויסנשאַפטן, ווי מ׳האָט זיי ביז דעמאָלט נאָך נישט געקענט. דער אונטערשיד פון ראַפּאָפּאָרטס השכלה און די „דייטשע וויסנשאַפט דעס יודענטומס״ איז געווען דער נאַציאָנאַלער, טראַדיציאָ־נעלער קערן, וואָס געפינט זיך אין אַלע זיינע וויסנשאַפטלעכע ווערק. אין 1845 האָט ער זיך אָפּן אָפּגעטרייסלט פון די דייטשע רעפאָרמיסטן אין זיין שריפט „תוכחת מגולה״.

זיינע וויסנשאַפטלעכע שטודיען זענען מערסטנס פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן אין די זאַמלשריפטן „כרם חמד״ און „בכורי העתים״, און שפּעטער אין די ספרים „ערך מלין״ און „נחלת יהודה״.

אַ ברילּיאַנטענער שטערן אויפן הימל פון דער השכלה איז געווען דער דיכטער יצחק ערטער. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ דאָרף לעבן פשעמישל אין יאָר 1792, און נפטר געוואָרן אין בראָד אין 1851. אַן אמתער פּאָעט פון דער השגחה עליונה, איז ער געווען אָרעם ווי די נאַכט, און האָט זיין גאַנץ לעבן געקעמפט סיי מיטן דלות און סיי מיט די פאַנאַטיקער, וואָס האָבן אים גערודפט פאַר דעם פרייען גייסט פון דעם אַמאָליקן חסיד. איינע פון זיינע ערשטע סאַטירעס „מאזני משקל״ איז אויסגעטייטשט געוואָרן ווי אַן אַטאַקע אויף ר׳ יעקב ארענשטיין און זיין ספר „ישועת יעקב״. ער האָט אויך פאַרזוכט די ביטערע פרוכט פון חרם, וואָס ר׳ יעקב ארענשטיין האָט געוואָרפן אויף אים און אויף דריי משכילישע פריינט, ראַפּאָפּאָרט, נאַטקעס און פּאַסטאָר. און ווייל ר׳ יעקב ארענשטיין איז געצוווּנגען געוואָרן פון דער רעגירונג אַרויסצוטרעטן אין אַ דרשה קעגן דעם חרם, האָט אָבער יצחק ערטער, וואָס האָט פאַר־דינט זיין שטיקל ברויט מיט פּריוואַטע לימודים, פאַרלוירן זיין פרנסה, מחמת די באַלעבאַטים זיינע האָבן אים באַטראַכט פאַר אַן אפיקורוס, אפילו נאָכן אַראָפּנעמען דעם חרם. דאָס האָט אים צוריק פאַרטריבן קיין בראָד, ווו ער האָט אַנטוויקלט אַ לעבהאַפטע ליטעראַרישע טעטיקייט. זיין פּאָעזיע, זאָגט גרעץ „איז אַ סינטעז פון היינע און ישעיה״. צו זיין 33 יעריקן געבורטס־טאָג, ווען ער האָט שוין געהאַט כלה־מיידלעך אויס־

צוגעבן — ער האָט ווי די מיינסטע פרומע יידישע קינדער פון זיין דור חתונה געהאַט צו 13 יאָר — האָט ער אָנגעהויבן שטודירן מעדיצין, כדי צו האָבן אַ פאַך פאַר פּרנסה. דערמאָנט דאַרף אויך ווערן דער לעמבערגער משכיל שמשון בלאָך, דער מחבר פון „שבילי עולם" — אַ פאָלקסטימלעכע געאָגראַפיע און עטנאָגראַפיע, וואָס איז דערשינען אין זשולקעוו אין 1822.

אין דער השכלה פון די פּערציקער יאָרן האָבן זיך אויסגעצייכנט שרייבערס אי אין העברעאיש און אי אין דייטש. צווישן אָט־אָ די שרייבער און פּאָעטן איז געווען דער דיכטער מאיר הלוי לעטעריס. פון זיינע ווערק זענען די באַקאַנטסטע Die Sagen aus dem Orient אויף דייטש, און „יונה הומיה" אין העברעאיש. פון יאָר 1848 ביז 1871 האָט ער אַרויסגעגעבן די „ווינער בלעטער" און „ווינער מיטטיילונגען" (אויף דייטש).

אין דער דייטשער ליטעראַטור פון דער גאַליצישער השכלה דאַרף אויך דערמאָנט ווערן די דיכטערישע שאַפונגען פון דעם מעדיצין־דאָקטאָר מאָריץ ראַפּאַפּאָרט, וועמענס עפּאָס Mose אין 1842, ווי אויך די שפּעטערדיקע שאַפונגען Ebräische Gesänge און Bajazzo זענען געשטאַנען אויף אַ הויכן דיכטערישן ניווא. ער האָט אויך געשריבן אַ דראַמע „אסתרקע".

עס זענען געווען נאָך אַנדערע באַרימטע משכילים, כדי צו אָנצורופן נאָר עטלעכע פון זיי: ד"ר אברהם קראָכמאַל, שלמה רובין, מ. זילבערשטיין, מרדכי דובס, נפתלי מענדל שור, יעקב אייכענבוים און אַנדערע.

די השכלה האָט אויך געהאַט איר פּעריאָדישע פּרעסע און זאַמלביכער. אין יאָר 1820 איז דערשינען אין ווין די „בכורי העתים", אַ יאָרבוך אין העברעאיש, וואָס האָט אויך אַריינגענומען דייטשע אַרטיקלען, געדרוקט מיט העברעאישע אותיות. דער אַרויסגעבער, שלום הכהן, האָט אויך געפּרוווט באַנייען דעם אַלטן „מאסף", פון וועלכן דער יאָרבוך „בכורי העתים" איז געווען אַ נאָכפאָלגער. די שרייבער זענען מיינסטנס געווען פון גאַליציע. דער „בכורי העתים" איז אין יאָר 1823 אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין פּראָג אונטער דער אויפזיכט פון משה לאַנדוי און יהודה ייטעלעס).

נאָך צוועלף יאָר דערשיינען האָט דער „בכורי העתים" געמאַכט פּלאַץ פאַרן „כרם חמד", אַרויסגעגעבן פון באַלעכאָווער משכיל שמואל ל. גאָלדענבערג. דער „כרם חמד" איז דערשינען מיט הפסקות פון יאָר 1833 ביז 1857, צוערשט אין ווין, דערנאָך אין פּראָג. אַ כאַראַקטעריסטישער

צוגאָב צו די וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַרישע אַרטיקלען, איז געווען אַן אינטערעסאַנטע בריוו־אָפּטיילונג, וואָס האָט צוגעגעבן לעבעדיקייט צו די וויסנשאַפטלעך־ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען. אַן אַנדערער העברעאישער „מאסף״ איז געווען דער „הרואה ומבקר ספרי חכמי זמננו״, וואָס איז דערשינען אין לעמבערג און האָט געפּרוווט קאָנקורירן מיט דעם „כרם חמד״.

אין די פּערציקער יאָרן האָבן אברהם מענדל מאָהר בשותפות מיט יעקב באָדעק אַרויסגעגעבן אַ פּאָר נומערן פון דער צייטשריפט „ירוש־לים״.

אין יאָר 1852 האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דער „החלוץ״, אונטער דער רעדאַקציע פון דעם שוין דערמאָנטן משכיל יהושע העשל שור. דער „החלוץ״ האָט אָנגעהאַלטן ביז 1890.

אַנדערע העברעאישע זשורנאַלן, וואָס באַלאַנגען צו אַ ביסל אַ שפּע־טערדיקן דור, זענען געווען דער לעמבערגער „המבשר״ (1860—1870), די דריי זשורנאַלן, וואָס יוסף כהן־צדק האָט געגרינדעט, דהיינו: „מגד ירחים״ (1855—1857), „אוצר חכמה (1859—1865) און „היהודי הנצחי״ אין 1869. עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן ד״ר קאבאקס „ישורון״, אַ צייטשריפט פאַר ליטעראַטור און וויסנשאַפט, וואָס איז דערשינען אין לעמבערג אין 1856—1858 און שפּעטער אין דייטשלאַנד (1858—1878). ברוך ווערבערס צייטונג „העברי״, איז דערשינען אין בראָד, צווישן 1865 און 1890.

יידיש איז נישט געווען זייער באַליבט ביי די משכילים. זיי האָבן פיינט געהאַט דעם „פּלעבעאישן זשאַרגאָן״, וועלכן די חסידים האָבן דווקא יאָ ליב געהאַט. פונדעסטוועגן האָט מען דאָך נישט געקענט באַגיין זיך אָן יידיש, אויב מ׳האָט געוואָלט טרעפן צום פאָלק. דעריבער איז אויס־געוואַקסן אַ וויכטיקע ליטעראַטור אין יידיש, וואָס האָט געטראָגן אַ כאַ־ראַקטער פון פּאָלעמישע בראָשורן און פּאַשקווילן, און מיט דער צייט האָבן אויך אָנגעהויבן דערשיינען אָריגינעלע ווערק אין יידיש. איינער פון די ערשטע משכילים, וואָס האָבן באַטראַכט יידיש אַלס אַ לעבעדיקע ליטעראַרישע שפּראַך, איז געווען מנחם מענדל לעפין סאַלאַנטער, וואָס איז אַליין נישט געבוירן געוואָרן אין גאַליציע. לעפין האָט אפשר געוואָלט ווערן דער „יידישער״ מענדעלסאָן פון דער ביבל־איבערזעצונג, און האָט זיך פאַרמאָסטן צו איבערזעצן גאַנץ תנ״ך אויף יידיש. ער האָט פאַרענדיקט

דעם משלי און פראַגמענטן פון שיר השירים. אַנדערע משכילים האָבן אויך געמאַכט פרווון אויף דעם יידיש־ליטעראַרישן געביט. הירש רייט־מאַן, דער דירעקטאָר פון דער יידישער שול אין בראָד, האָט געשריבן יידישע לידער. זיין פּאָעמע „דער קיטל" איז אַן אימיטאַציע פון שילערס „די גלאָקע". זי איז דערשינען אין 1863. אַלפרעד לאַנדוי, אַ בראָדער, וואָס האָט פּראַקטיצירט אַלס אַדוואָקאַט אין ווין, האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער יידישער פילאָלאָגיע.

איינער פון די גרעסטע יידישע פּראָזאַאיקער איז געווען דער טאַר־נאָפּאָלער משכיל יוסף פּערל. זיין „עפּיסטאָלאַרישער" ראָמאַן „מגלה טמירין" איז פון אים אַליין איבערגעזעצט געווען אויף יידיש. „זיין ווערק האָט אויפגעהויבן די יידישע פּראָזע אויף אַזאַ הויך, וואָס קיינער פון די משכילים נאָך אים האָט נישט דערגרייכט", זאָגט וועגן אים שלמה לאַסטיק אין זיין בוך „די יידישע ליטעראַטור ביז די קלאַסיקער".

אָבער דער ספּעציפיש־גאַליצישער בייטראָג צו דער יידישער פּאָע־זיע און פאָלקלאָר האָבן געמאַכט די בדחנים און די זינגערס, וואָס גאַ־ליציע און רומעניע האָבן אַרויסגעגעבן. עס זענען געווען צוויי פּיאָנערן אויף דעם געביט: בערל (מרגליות) בראָדער און וועלוול (ערענקראַנץ) זבאַרזשער. ביידע זענען זיי געווען דער פּראָדוקט פון השכלה. בערל בראָדער, געבוירן אַרום 1817, ווען זיין לאַנדסמאַן, דער היסטאָריקער נ. מ. געלבער האָט אויפגעשטעלט אַזאַ שיינע ליטעראַרישע מצבה אין זיין ווערק Aus Zwei Jahrhunderten איז געווען דער ערשטער יידי־שער פאָלקסזינגער בחסד אלקים. אַ קליינער טייל פון זיינע לידער איז אַרויס אין „שירי זמרה", אָבער פיל מער פון בערל בראָדערס לידער האָבן געלעבט אויף די ליפּן און אין די הערצער פון פאָלק, אַלס „מר־גליות" בלי שם. מיט אַ פאָר יאָר יינגער איז געווען דער דיכטער און זינגער וואָלף ערענקראַנץ, באַקאַנט אונטערן נאָמען וועלוול זבארזשער, וואָס האָט אימפּראָוויזירט אין ביידע שפּראַכן, יידיש און העברעאיש. מיט זיינע סאַטירעס האָט ער געשמיסן די חסידים פאַר זייער פאַנאַטישקייט, ווי מיט אַן אייזערנע רוט. זיינע סאַטירעס וועגן דעם סקאַנדאַל מיט דעם ריזשי־נערס זון, רבי ר' בעריניו פון לעאווע, האָבן אינספּירירט דאָס טעאַטער שטיק „דער רבי פון סאַדאגורע", פאַרפאַסט פון אַן אומבאַקאַנטן אויטאָר. זיין ערשטע העברעאישע זאַמלונג „חזיון למועד" איז דערשינען אין יאָר

1856 אין יאס. אַנדערע אויסגאַבן „מקל נועם״, „מקל חובלים״ און „שפתי ישנה״, זענען געקומען שפּעטער.

די יידישע פּרעסע אין גאַליציע איז געווען אַ לעבעדיקע, אָבער ליידער האָט זי נישט געהאַט קיין אריכת ימים. די ערשטע יידישע צייטונג אין גאַליציע איז געווען די וואָכנשריפט מיטן נאָמען „צייטונג״, רעדאַקטירט פון א. מ. מאָהר, מיט אירע פּאָפּולערע וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען. זי איז נאָך העכער אַ יאָר צייט פון איר עקזיסטענץ אונטערגעגאַנגען צוליב פּי־נאַנציעלע שוועריקייטן. זי איז דערשינען אין 1848—1849. שפּעטער איז זי באַנייט געוואָרן אַלס „יודישע צייטונג״.

אַנדערע צייטונגען זענען געווען: „די יידישע פּאָסט״, אַרויסגעגעבן פון דער לאַנדסרעגירונג אין לעמבערג (1849), „די יידישע צייטונג״ אין 1856, „די נייע יידישע פּרעסע״ אין פּשעמישל אין 1872, און „ישראליק״ אין לעמבערג 1875—1876.

אין יאָר 1869 האָט אָנגעהויבן דערשיינען אַ צווייוואָכיקער יידישער זשורנאַל „דער איזראַעליט״, אַרויסגעגעבן דורכן שומר־ישראל פאַראיין. די יידישע אויסגאַבע האָט אויסגעהאַלטן פיר יאָר און דערנאָך איז די צייטונג דערשינען נאָר אין דייטש און אַ צייט לאַנג אין פּויליש. דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דער יידישער אויסגאַבע איז געווען ד״ר מ. גראָס און נאָך אים יעקב קליין*).

IV

רבנים און רביים

א. רבנות

לעמבערג (לוואָוו) איז נישט נאָר געווען די הויפּטשטאָט פון דער רויטרייסישער פּראָווינץ, וואָס האָט אַרומגענומען דעם שטח פון מזרח־גאַליציע און אַ שטיק פון פּאָדאָליע, נאָר אויך דער קולטורעלער צענטער פון רויטרייסישן יידנטום. איבערהויפּט נאָך דער צעשטערונג פון דעם יידישן קיבוץ אין קיעוו, האָט לעמבערג איבערגענומען די גייסטיקע

*) לויט דעם אַרטיקל פון יוסף מאַרגאָשעס אין „זאַמלבוך״ לכבוד דעם צוויי הונדערט און פופציקסטן יובל פון דער יידישער פּרעסע, רעדאַקטירט ד״ר יעקב שאַצקי, אמאפּטייל, 1937.

ירושה פון דעם וויכטיקן ייִדישן ישוב. צום סוף פון פופצנטן יאָרהונדערט איז אין לעמבערג געווען אַ גרויסע ישיבה, וואָס האָט געשמט אין דער גאַנצער מדינה. פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַלע אָנשטרענגונגען האָט זיך לעמבערג נישט געקענט פאַרמעסטן מיט קראָקע, וועלכע ר׳ יעקב פּאָלאַק און דער רמ״א האָבן געמאַכט פאַרן גייסטיקן צענטער פון גאַנץ פּוילן. אָבער עס האָט נישט געדויערט לאַנג ביז לעמבערג איז געוואָרן אַן עיר ואם בישראל, וואָס האָט אָנגעהויבן צו קאָנקורירן מיט אַנדערע שטעט אין גאונות און חריפות.

צווישן די גרויסע למדנים און ראשי ישיבות, וואָס האָבן באַשיינט לעמבערג און די פּראָווינץ, זענען געווען ר׳ קלמן פון וואָרמס, ר׳ יהושע פאלק בר׳ אַלעקסאַנדער הכהן, דער נאָכפאָלגער פון ר׳ מרדכי יפה אַלס ראש המדברים ביים ועד הארצות אין 1607. ער איז פון לובלין גערופן געוואָרן אויף דעם פּאָסטן פון ראש ישיבה אין לעמבערג. ער איז אויך באַקאַנט אַלס דער בעל ס״מע, מחבר פון ספר „מאירת עינים״, אַ פירוש אויף שלחן ערוך חושן משפט. ר׳ מאיר פון לובלין, דער מהר״ם, איז אויך אַ צייט לאַנג געווען אין לעמבערג. פון דעם גרויסן יחוס־צעטל פון לעמ־בערגער רבנים זאָלן דאָ אַ פּאָר דערמאָנט ווערן: נאָך ר׳ קלמן פון וואָרמס, איז ר׳ אשר בן יצחק הכהן געווען רב אין לעמבערג, און נאָך אים ר׳ יצחק אייזיק בר׳ יחיאל, ר׳ משה בר׳ מרדכי אשכנזי, ר׳ יעקב קאָפּל בר׳ אשר הכהן, ר׳ משולם זאַלצבורג, ר׳ דוד בר׳ שמואל הלוי, ר׳ צבי הירש אשכנזי, ר׳ יעקב יהושע, וועלכער האָט אין 1722 געוואָרפן אַ חרם אויף דער שבתי צבי־סעקטע; און אַנדערע, וואָס וועלן שפּעטער דערמאָנט ווערן.

דאָס זענען עטלעכע פון די ערשטע פּיאָנערן פון תורה ועבודה אין לעמבערג. די דריי גרויסע צענטערס פון למדנות: לובלין, קראָקע און לעמבערג, זענען געשטאַנען אין אַ שטענדיקער פאַרבינדונג נישט נאָר דורכן ועד ארבע ארצות, נאָר אויך אין אַ שטענדיקן גייסטיקן אויסטויש און קולטורעלער שותפות. ווי ווייט לעמבערגער לומדות האָט געשמט, קען מען זען דערפון, אַז דער גרויסער מקובל ר׳ ישעיה הלוי הורוויץ, דער פאַרפאַסער פון דעם אסקעטיש־קאַבאַליסטישן ווערק „שני לוחות הברית״ (של״ה), איז געווען אַ תלמיד פון די ישיבות אין קראָקע און לעמבערג.

לעמבערג איז געווען דער זיץ־אָרט פון דעם לאַנד־ועד פאַר דער רויט־רייסישער פּראָווינץ, און אַ וויכטיקער שותף אין דער לייטונג פונעם גרויסן קרויז־ועד פון גאַנץ פּוילן. די וויכטיקייט פון לעמבערג אַלס אַ

גייסטיקער און אַדמיניסטראַטיווער ישוב, איז קלאָר צו זען פון דעם סטאַ־טוט, וואָס דער וואַיעוואָדע פון רויטרייסן האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1692 פאַר דער צענטראַלער קהילה אין לעמבערג. דער סטאַטוט גיט דער קהילה דאָס רעכט צו וויילן פרנסים „לויט זייערע מנהגים און רעכט בלי שום מניעה מצד דער לאָקאַלער אַדמיניסטראַציע״. די געוויילטע פרנסים (אָדער אַסעסאָרן) ווערן אין סטאַטוט אָנערקענט אַלס באַאַמטע און שופטים פון זייערע יידישע ברידער. פּראָצעסן צווישן יידן זאָלן געפּסקנט ווערן אין דעם קהילהשן בית־דין, וואָס איז באַשטאַנען פון רבנים און פרנסים. אַ פּראָצעס צווישן אַ ייד און אַ קריסט, ווי אויך אַפּעלאַציעס פון דעם אורטייל, וואָס דער יידישער בית דין האָט אַרויסגעגעבן, זענען געמשפּט געוואָרן אין דעם וואָיעוואָדישן געריכט, אין דער אָנוועזנהייט פון אַ „יידן־שופט״, וואָס כאָטש ער איז געווען אַ קריסט, איז ער אָבער באַשטימט געוואָרן דורך דער רעגירונג פון צווישן צוויי קאַנדידאַטן, וואָס די יידי־שע פרנסים האָבן פאָרגעלייגט. זיין פונקציע איז געווען צו דערליידיקן פּסוקים „נעבן דער שול״, אין דער קהל־קאַמער, אין דער אָנוועזנהייט פון די פרנסים. זיין משפּט האָט געדאַרפט זיך שטיצן נישט נאָר אויף די אַלגעמיינע געזעצן פון לאַנד, נאָר אויך אויף די יידישע מנהגים.

דער סטאַטוט באַשטימט אויך, אַז רעגולמעסיקע זיצונגען פון בית דין זאָלן פאָרקומען צוויי מאָל אַ וואָך. „דער פּאַזעוו״, דער רוף צום געריכט, איז צוגעשטעלט געוואָרן דורכן שמש, און די פּראָטאָקאָלן זענען געהאַלטן געוואָרן אין דער קהילה־קאַמער, נעבן דער שול. אגב באַווייזן די פּאָר אויסצוגן פון דעם ציטירטן סטאַטוט, ווי ווייט די יידישע אויטאָנאָמיע איז אויסגעברייטערט געוואָרן זינט דעם „טשאַרטער״ פון קאַזשימיעזש דעם גרויסן, וואָס האָט באַשטימט אַ קריסטלעכן יידן־שופט צו משפּטן „אין הסכם מיטן יושר פון די קהילה־פּאַרטרעטער״.

די גאָלדענע קייט פון רבנים, וואָס האָבן געשפּילט אַ ראָלע אין דער קולטור־געשיכטע פון לאַנד, האָט נישט אויפגעהערט צו שיינען אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן. נישט אַלע קענען דאָ דערמאָנט ווערן. דעם נאָמען פון ר׳ דוד הלוי, דעם מחבר פון „טורי זהב״ האָבן מיר שוין דערמאָנט. זיין השפּעה איז געווען גרויס ביים פאָלק און זיין נאָמען טיף איינגעבאַקן אין די הערצער פון די קומענדיקע דורות. זיין ספר ט״ז איז דערשינען אין יאָר 1646 און איז געווען אַ גרינטלעכער פירוש אויפן שולחן ערוך ובורר ההלכה.

ר׳ חיים כהן ראַפּאָפּאָרט האָבן מיר אויך שוין דערמאָנט אין צוזאַ־מענהאַנג מיט דעם פראַנקיסטישן וויכוח אין דער קאַטוילישער קאַטעדרע אין יאָר 1759, אונטערן פאָרזיץ פון קאַנאָניק מיקולסקי. ער איז געווען דער מחבר פונעם ספר „זכר חיים״ (שאלות ותשובות רבנו חיים כהן). אַ גרויסער גאון, אָבער נישט קיין קלענערער קנאי איז געווען ר׳ יעקב משולם אָרענשטיין (נפטר געוואָרן אין יאָר 1839). ווען ער האָט איבער־גענומען דעם פּאָסטן פון הויפּט־רב אין לעמבערג, איז די השכלה געווען אין סאַמע ברען. ר׳ יעקב אָרענשטיין איז געווען דער פאַרפאַסער פון ספר „ישועת יעקב״, אַ קאָמענטאַר אויפן שולחן ערוך (ער האָט אויך געשריבן אַ קאָמענטאַר אויפן תנ״ך), וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן אָנזען אין דער וועלט. צוליב זיין זון מרדכי זאב אָרענשטיין, האָט ער זיך געלאָזט פאַר־פירן און האָט מסכים געווען צו וואַרפן אַ חרם אויף די משכילים. צווישן זיינע נאָכפאָלגער איז געווען דער באַרימטער תלמודישער פאָרשער ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָן.

אויך בראָד איז געווען דער זיץ פון באַרימטע רבנים. די משפּחה קריסטיאַנאָפּאָלער האָט אַרויסגעגעבן צוויי דורות פון באַרימטע רבנים. ר׳ מאיר קריסטיאַנאָפּאָלער, דער ראַיאָן־רב פון בראָד, איז געווען דער מחבר פון „יד המאיר״. ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1815. זיין נאָכ־פאָלגער, ר׳ יחיאל מעכל בן ציון קריסטיאַנאָפּאָלער, האָט געשעמט סיי מיט לומדות, סיי מיט זיין טאָלעראַנץ. אַ גרויסע פּערזענלעכקייט, אַ מענטש, וואָס האָט אימפּאָנירט מיט זיין געלערנזאַמקייט און מיט זיינע מעשים טובים, איז געווען דער „בראָדער מגיד״, ר׳ שלמה קלוגער (שלמה בן יהודה אהרן), וואָס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1783 און נפטר געוואָרן אין 1869. דער בראָדער מגיד — דער מהר״שק — איז געווען דער הויפּט־רב פון בראָד אין פאַרלויף פון כמעט 50 יאָר. ער איז געווען אַ מחמיר, אָבער ער האָט אויך אַרויסגעוויזן פיל מענטשלעכקייט, למשל בנוגע גטן און מיט זיין פּסק דין, אַז עגונות מעגן ווידער חתונה האָבן. ער איז געווען דער מחבר פון פיל וויכטיקע פּרושים צו דער רבנישער ליטעראַטור. די בראָדער עדה האָט אין משך פון 34 יאָר נאָך זיין טויט נישט געוויילט קיין ממלא־מקום אויף זיין אָרט צוליב גרויס דרך־ארץ פאַר זיין אָנדענק.

די לעמבערגער רבנים פון 18טן און 19טן יאָרהונדערט זענען געווען די פאָלגנדע: ר׳ משה פּנחס בן ישראל חריף, ר׳ יואל בן אייזיק האַלפּער־ריך, ר׳ צבי יעקב אשכנזי, ר׳ משה חיים לעמבערגער, ר׳ יעקב יהושע

בן צבי הירש, ר׳ חיים הכהן ראַפּאָפּאָרט, ר׳ שלמה משה כּעלמא (דער בעל „מרכבת המשנה״), ר׳ מאיר בר׳ צבי הירש מרגליות, דער בעל „מאיר נתיבים״, ר׳ אברהם בן יעקב קאָפּל, ר׳ יעקב משולם ארענשטיין, ר׳ שמחה נתן עלענבערג, ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָן, דער בעל „שואל ומשיב״, ר׳ צבי הירש ארענשטיין, ר׳ יצחק עטינגער, ר׳ יצחק שמעלקעס, און ר׳ אריה ליב ברודא (ביז 1928).

די פאָרגעשריטענע רבנים נאָך אברהם קאָהנס טראַגישן טויט, זענען געווען ד״ר מאָריץ לעווענטאַל, ד״ר שוואַבאַכער, ד״ר בערנאַרד לעווענשטיין, ד״ר יחזקאל קאַראַ, דער אויטאָר פון דעם ווערק „די געשיכטע פון די יידן אין לעמבערג״, ד״ר שמואל גוטמאַן, ד״ר לוי פריינד און ד״ר יחזקאל לעווין, וועמען די אוקראַינער האָבן אומגעבראַכט אין ערשטע טעג פון דער נאַצי־אָקופּאַציע.

ב. חסידות

מיר וועלן זיך נאָך שפּעטער אומקערן צו דער ראָל פון דער אָרטאָדאָקסיע אַלס פּאָליטישער פאַקטאָר, אין קעגנזאַץ צו דער קולטורעלער און וויסנשאַפטלעכער ראָל, וואָס איז פריער דערמאָנט געוואָרן. אָבער שוין איצט קען געזאָגט ווערן, אַז קיין שום שיכט אָדער פאָלקס־באַוועגונג האָט נישט אַזוי שטאַרק אויסגעדריקט איר חותם אויפן יידישן לעבן אין גאַליציע פון אָט דער עפּאָכע, ווי טאָקע די חסידישע באַוועגונג. די דריי לענדער, ווו דער קערן פון חסידיזם האָט געפונען אַ זאַפטיקן באָדן פאַר זיין וווקס און אַנטוויקלונג, זענען געווען די פעטע שוואַרצע פּאָדאָליער־אוקראַינער־וואָלינער ערד און דער זאַמדיקער גאַליציאַנער שליאַך. עס איז נישט קיין ווונדער, וואָס גראָד אין די דאָזיקע לענדער האָט זיך אַזוי צעוואַקסן די פלאַנץ פון סעקטאַניזם. האָט דאָך געהערשט אין די לענדער אַ גרויסער דלות און פאַרלאָזנקייט און בענקעניש צו אינטימער געזעלשאַפטלעכקייט. איז דאָך דער אוקראַיניש־גאַליצישער מענטש תמיד געווען אַ געפילפולע סענטימענטאַלע ברואה, אַ מענטש מיט מער פאַנטאַזיע און עמאָציע, איידער דער אויסגערעכנטער ייד פון צפון, אָדער די וויינינקער אימפּולסיווע מערבדיקע שכנים. דער טרוקענער שכל מיט זיינע פּלפּולים האָט נישט געקענט פאַרדעקן די פוסטקייט פון די הוילע אַבסטראַקטן, און די פאַרגליווערטע רבנישע טרוקענע שיטה איז שוין פון לאַנג געווען

אויסגעוועפּט פון דעם מאַרך און פליייש פון אַ פולן פּולסירנדיקן פאָלקס־לעבן.

די הויכע הימלען זענען געוואַקסן אַלץ העכער, אַזוי הויך, אַז מ׳האָט שיער דעם רבונו של עולם און זיין השגחה מער נישט געקענט אָנטאַפּן, און דאָס פאָלק איז געזונקען אַלץ נידעריקער אין אַפּגרונט פון איינזאַמקייט און פינצטערניש. דער רבנישער סנאָביזם איז געוואַקסן אין דער אומגעקערטער פּראָפּאָרץ צו זיין פּראָדוקטיוויטעט, און וואָס מער סטעריל דער פּלפּול איז געוואָרן, אַלץ העכער איז געוואַקסן די גאוה פון די מפּלפּלים. עס איז געווען קאַלט אין בית המדרש, פּראַקטיק אין דער תלמוד תורה, און עס האָט ממש געציטערט אין דעם שרייענדיקן לערן־טומל. דער רבונו של עולם איז געוואָרן אַלץ מער דער אל קנא ונוקם און נישט דער „טאַטעניו זיסער״, נאָך וועלכן די נשמה פון דעם ערפורכטיקן געפּייניקטן פאָלק האָט אַזוי שטאַרק געלעכצט.

אין אַזאַ אַטמאָספערע איז דער שכינה אַליין קאַלט געוואָרן. אפילו דער משיח געדאַנק, דער פּאָעטיש־נאַציאָנאַלער פונק, וואָס האָט אַזוי געוואַרעמט די נשמה, איז פון די רבנים שיער נישט אויסגעלאָשן געוואָרן. די ראַציאָנאַליסטן האָבן נישט געפונען קיין אָרט פאַר מיסטיק. אַזוי האָט רב יוסף אלבו אין זיין ספר „העיקרים״ פּאָלעמיזירט קעגן רמב״ם און באַטאָנט, אַז „ביאת המשיח איז נישט קיין עיקר פון יידנטום״, כאָטש אין דער אמתן האָט דער רמב״ם אַליין אויך זיך געוואַקלט אין דעם פּרט*). די מקובלים ווידער האָבן פון משיחן געמאַכט אַן אוניווערסאַלן וועלט־דערלייזער, מער לויטן קריסטלעכן נוסח, אַנשטאָט אַ יידישן גלות־אויס־לייזער.

אָט אין דעם ליכט פון פאָלקסדורשט נאָך אַ ביסל נחמה, מיטגעפיל און וואַרעמקייט פאַר דעם אומעטיקן, גרויען, טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר ברויט און לעבן, לאָזט זיך לייכט דערקלערן דער סעקטאַריאַניזם, וואָס האָט געהאַט אַזאַ געוואַלטיקן דערפאָלג אין דעם טייל פון דער יידישער וועלט. די משיח־בענקשאַפט, די האָפענונג אויף גאולה, האָט עס גורם געווען, וואָס שבתי צבי האָט געהאַט אַזאַ גרויסע השפעה אין רויטרייסן. און ווען אפילו שבתי אַליין איז נעלם געוואָרן, זענען נאָך אַלץ געבליבן די שבתי־צביניקעס און אפילו נאָך דעם שמד פון יעקב פראַנק, זענען נאָך געווען

*) ד״ר צבי כהן: זאַמלשריפט „די פעדער״, ניו־יאָרק, 1949.

מאַסן פון יידישע „פּראָנקיסטן״. אונטער די אומשטענדן איז די דערשיינונג פון חסידיזם געווען אַן אמתער זון־אויפגאַנג נאָך אַ פינצטערער נאַכט, אַ רעטונג פון יאוש און פאַרלוירנקייט פון אַ פאָלק, אָדער לכל הפחות פון אַ גרויסן טייל פון פאָלק.

די ראָל, וואָס גאַליציע האָט געשפּילט אין דער חסידישער באַוועגונג, איז געווען שעפעריש אין אַ גרויסער מאָס. איז דאָך דער בעל־שם־טוב אַליין געבוירן געוואָרן אויף דער פּאָדאָליער וואלאכישער גרענעץ און האָט פאַרבראַכט אַ היפש ביסל יאָרן אין בראָד, אין קוטי, אין קאָסאָוו און אין טלוסטע, ווו זיינע געדאַנקען האָבן זיך קריסטאַליזירט, איידער ער האָט זיך אַנטפּלעקט אַלס דער בעל־שם.

זייענדיק נאָך אין גאַליציע האָט דער בעש״ט איבערגעלאָזט פונקן פון התלהבות, וואָס האָבן געהאַט אַ השפּעה אויף די שפּעטערדיקע יאָרן. צווישן די, וואָס האָבן עולה רגל געווען קיין מעזשיבעזש, כדי זיך צו דערנענטערן צום בעש״ט זענען געווען די גאַליצישע פאַרערער זיינע, ווי ר׳ נחמן קאָסאָווער, וואָס האָט שפּעטער עולה געווען קיין ארץ־ישראל אין באַגלייטונג פון נאָך חסידים. אויך ר׳ נחמן פון האראדענקא, איז געווען צווישן זיי. דער דריטער, וואָס האָט באַזוכט דעם בעש״ט איז געווען ר׳ מענדל פּרעמישלאַנער, וועמענס התנהגות זענען באַשריבן געוואָרן אין דעם ספר „דרכי ישרים״. עס זענען געווען נאָך אַנדערע. אפילו דער שוואָגער פון בעש״ט, ר׳ גרשון קוטאָווער איז געקומען קיין מעזשיבעזש פון בראָד, כדי אָפּצוגעבן כבוד דעם אַמאָליקן „עם הארץ״. ער איז אויך שפּעטער געפאָרן קיין ארץ־ישראל (זע: שמעון דובנאָוו „געשיכטע פון חסידות״).

אָט אַזוי האָט חסידות זיך אָנגעהויבן פאַוואָליע צו פאַרשפּרייטן אין פּאָדאָליע, וואָלין און גאַליציע (רויטרייסן) נאָך ביים בעש״טס לעבן. נאָך זיין טויט האָט ר׳ דוב בער, דער מגיד פון מעזריטש, איבערגענומען דעם בעש״טס כסא־הכבוד, און דער צענטער פון חסידות האָט זיך איבערגעטראָגן אין דעם פּאָדאָליער שטעטל, וווהין עס האָט געצויגן אַ שטראָם פון תלמידים פון די פיר עקן פון דער פויליש־יידישער וועלט, איינשליסלעך ליטע און ווייסרוסלאַנד.

אַן אַנדערער פון בעש״טס חסידים, ר׳ יעקב יוסף כהן, דער מחבר פון „תולדות יעקב יוסף״ האָט פאַרעפנטלעכט די ערשטע חסידישע ליטעראַטור — אַ מין כרעסטאָמאַטיע פון חסידות — וואָס האָט אַנטהאַלטן

די שיחות און מגידות פון בעל־שם־טוב. חסידות האָט געמאַכט די ערשטע שריט צו ווערן אַ וועלט־באַוועגונג.

דער מגיד פון מעזריטש האָט איבערגעלאָזט אַ סך תלמידים, וואָס זענען געוואָרן די פּרעדיקער פון דער נייער סעקטע. איינער פון די פּיאָ־נערן פון גאַליציישן חסידות איז געווען ר׳ אלימלך פון ליזשענסק. ער איז געווען אַ תלמיד פון מגיד פון מעזריטש בעת ער איז נאָך געווען אײַן ראָוונע. ר׳ אלימלך איז געווען איינער פון די, וואָס האָט געפּלאָגט און געמאַטערט דעם גוף, כדי צו לײַטערן די נשמה, אַז זי זאָל ראוי זיין צו דינען דעם בורא העולם. ד״ר האָראָדעצקי („החסידות והחסידים״, 4 בענ־דער, דביר, תרפ״ח), זאָגט וועגן אים: „כל תשוקתו היתה להפרד מעולם הזה החמרי ולעמוד במקור הקדושה, מבלי לבוש החומר העב״. און, ווייל אַסקעטיזם איז נישט געווען קיין נאָווינע ביי רעליגיעזע סעקטעס, איז אָבער דער סיגוף געווען אויסגערעכנט טאַקע נאָר פאַר זיך אַליין, ווייל אַנדערע האָט ער געהייסן זיך משמח זיין. מען דערציילט וועגן אים אַן עפּיזאָד, אָדער אפשר איז עס גאָר אַ לעגענדע, וואָס וואַרפט אַ ליכט אויף זיין גאַנצן מהות. כדי צו קריגן אַ תיקון נפש, און דערגרייכן דעם גראַד פון השתלמות, וואָס דערנענטערט זיך צו קדושה, האָט ר׳ אלימלך זיך אַוועקגעלייגט נאַקעט אויף אַ קופּע מוראַשקעס. אָבער אפנים, אַז זיין גוף איז געווען אַזוי פאַרפּייניקט און פאַרנאַכלעסיקט, אַז די מוראַשקעס האָבן זיך צו אים נישט צוגערירט. אויף דעם האָט ר׳ אלימלך אָנגעהויבן צו קלאָגן: „אלימלך, אלימלך, צוליב דיינע גרויסע עוונות ביסטו אפילו נישט ראוי, אַז די מוראַשקעס זאָלן דיך עסן״.

ר׳ אלימלך האָט איבערגעלאָזט אַ דור תלמידים.

דער לובלינער חוזה, ר׳ יעקב יצחק הורוויץ, איז פריער געווען אין לאַנצוט, נישט ווייט פון ליזשענסק, איידער ער האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין לובלין. קיין לאַנצוט פלעגט זיך ציען אַ שטראָם חסידים, און ר׳ יצחק „לאַנצוטער״, ווי מ׳האָט אים גערופן, האָט געשמט אין דער ווייט און ברייט. פון די אַנדערע תלמידים זיינע, דאַרף דערמאָנט ווערן נאָך אַ גרויסער מנהיג פון זיין דור ר׳ ישראל, דער קאָזשניצער מגיד. פּונקט ווי דער חוזה, איז ער געווען אַ פּיאָנער פון פוילישן חסידות. ביידע ווערן מיט רעכט באַטראַכט פאַר די זיילן פון דער חסידישער באַוועגונג אין פּוילן. ביידע האָבן פאַרפלאַנצט חסידות אויף די ברעגעס פון דער ווייסל, און אין יאָר פון זייער פטירה (ביידע זענען זיי נפטר געוואָרן אין דעם

זעלבן יאָר 1815), האָט שוין די חסידות באַוועגונג געהאַט פאַרפלייצט פוילן ווי אַ ברייטער אויסגעגאָסענער טייך.

אַן אַנדערער גרויסער שטערן אין דער חסידישער קאָנסטעלאַציע פון יענער צייט איז געווען ר׳ אלימלכס אַ חבר, אויך אַ תלמיד פונעם מעזריטשער, ר׳ יחיאל מיכל זלאָטשעווער, אַ געבוירענער פון בראָד, וואָס האָט זוכה געווען צו טראָגן דעם נאָמען „קדוש״. זיין פאָטער איז געווען ר׳ יצחק דראָהאָביטשער, איינער פון בעש״ט סביבה. ר׳ מיכלס גרויסקייט און פרומקייט האָבן געשמט אומעטום. זיינע דרשות און מימרות זענען אַריינגענומען געוואָרן אין די „לקוטי יקרים״ פון די פיר גרויסע — ארבעה מטיבי־לכת, אינאיינעם מיט דעם בעש״ט, דעם מעזריטשער מגיד און ר׳ מענדל פרעמישלאַנער.

ר׳ מיכל זלאָטשעווער איז געווען דער טאַטע פון אַן אייגענער חסידישער דינאַסטיע אין גאַליציע און אוקראַינע צוליב זיינע פינף זין, פון וועלכער ר׳ וואָלף זבאַראַזשער איז געווען דער באַדייטנדסטער. דער זבאַראַזשער איז געווען דער אמתער יורש פון זיין טאַטנס מאָראַלישן כוח, און כאָטש ער האָט אַליין געלעבט אין גרויס דחקות, איז ער געווען אַ גרויסער בעל צדקה און האָט געהאַלטן אָפן זיין טיר און אַ ברייטע האַנט פאַר אַלעמען, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין זיין הילף. דער נאָמען „קדוש״, וואָס האָט פונקט ווי אויף זיין טאַטן אויך אויף אים גערוט מיט ווירדע, באַווייזט ווי דער עולם האָט אָפּגעשאַצט זיין הייליקן ווילן צו דינען גאָט און מענטשן.

(פון ר׳ מיכלס תלמידים האָבן קונה שם געווען ר׳ משולם פייוויש העליר פון זבאַראַזש, דער בעל „דרך אמת״ און ר׳ מרדכי פון נעסכיז, דער מחבר פון „רשפי אש״).

מנחם מענדל רימאַנאָווער (דער פריסטיקער) איז אויך געווען איינער פון דער פּלעיאַדע פון ר׳ אלימלכס תלמידים, וואָס האָט געשפּילט אַ ראָלע אין דער פאַרברייטערונג און פאַרטיפונג פון גאַליצישן חסידות. זיין ספר „מנחם ציון״ אַנטהאַלט זיינע „אמרות טהורות שיצא מפה קדוש״. ר׳ קלונימוס קלמן עפּשטיין, דער בעל „מאור ושמש״, וועלכער האָט זיך זיין גאַר באַזונדערן אָרט, סיי אין די הערצער פון צאָלרייכע פאַרערער עד היום, באַזעצט אין קראָקע, וווּ ער האָט געהאַט אויסצושטיין אַ סך ענויים מצד די מתנגדים וואָס האָבן אים אפילו אַריינגעלייגט אין חרם.

אין יענער צייט, ווען נאַפּאָלעאָן האָט אויפגערודערט די וועלט מיט

זיינע נצחונות און זיינע פרייהייטס־פּראָקלאַמאַציעס, האָבן די חסידים זיך צעטיילט אויף צוויי פּאָליטישע מחנות: נאַפּאָלעאָניסטן און אַנטי־נאַפּאָלעאָניסטן. אַזעלכע צוויי לאַגערן זענען אין פּוילן געפירט געוואָרן דורך דעם קאָזשניצער פון איין זייט, וואָס איז געווען פּראָנאַפּאָלעאָניש, און דעם „חוזה" פון דער אַנדערער. אויך אין גאַליצישן חסידיזם איז געקומען צו אַ פּאָליטישער שפּאַלטונג. דער ראָפּשיצער, ר' נפתלי צבי הורוויץ, איז געווען אַן אַנטי־נאַפּאָלעאָניסט, מחמת דער „עוכר ישראל" האָט באַדראָט דאָס יידישקייט און זיין מסורה מיט זיינע פריי הייט־ און גלייכקייט־לאָזונגען. דער רימאַנאָווער, להיפוך, איז געווען פאַר נאַפּאָ־לעאָנען „ווייל וואָס גרעסער דאָס רשעות, אַלץ נענטער וועט זיין צו ביאת המשיח".

גאָר אַ באַזונדערן אָרט, סיי אין האַרצן פון זיינע פאַרערער עד היום, און סיי אין דער חסידישער לעגענדע, האָט פאַרנומען ר' משה לייב סאַסאָווער. עס איז מעגלעך, אַז דער שרייבער פון די שורות, וואָס איז אַליין אַ סאַסאָווער, און האָט זיך אָנגעהערט מיט זיינע לעגענדעס און דערציילונגען פון קינדווייז אָן, איז נישט גאַנץ אָביעקטיוו אין דעם פּרט. אָבער ווען עס זאָל אפילו זיין אַזוי, איז דער פאַקט אַליין, וואָס הונדערט יאָר נאָך זיין טויט (און ווען די שורות ווערן געשריבן, איז עס שוין הונדערט עטלעכע און פערציק יאָר), — האָט דאָס פאָלק נאָך נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן דעם ווונדערלעכן צדיק, איז גענוג אַ באַווייז פון זיין אינערלעכער גרויסקייט. פאַר מיינע אויגן שטייט די שיינע הייל אויפן סאַסאָווער בית־עולם, ווו מעוברתע יידענעס פלעגן לויפן תפילה טאָן, אַז זייערע קינדער זאָלן זוכה זיין אויפצוואַקסן אין ליכט פון זיין קדושה. יידן זענען געקומען פון ווייט און פון נאָענט מיט קוויטלעך, וועלכע זיי האָבן איבערגעלאָזט אויף דער שוועל פון זיין מקום מנוחה. היינט זענען מער נישטאָ נישט די הייל און נישט די יידן.

ר' משה לייב סאַסאָווער האָט געלערנט ביי ר' שמעלקע הורוויץ אין דער ישיבה אין ניקאָלבורג, און שפּעטער איז ער געווען אַ תלמיד ביי ר' אלימלך אין ליזשענסק. זיין מיטגעפיל צו מענטשן איז איבערגעשטיגן אַלע גרענעצן פון מדת הרחמים. כאַראַקטעריסטיש פאַר אים איז זיין דערקלערונג, אַז אַ מענטש, וואָס מיאוסט זיך אויסצוזויגן בלוט און אייטער פון אַ מכה און קרעץ פון יידישע קינדערלעך, האָט נישט דער־

גרייכט קיין העלפט פון אהבת ישראל. זיין תמימות און עניוות באַווייזט די חתימה „אני השפל והנבזה״, מיט וועלכע ער פלעגט חתמענען זיינע בריוו.

ר׳ משה לייב איז נישט געווען קיין בעל מופת, נאָר אַ מדריך פון אַ הויכער מאָראַלישער שלימות. זיין ספר „לקוטי רמ״ל״ איז פאַרעפנט־לעכט געוואָרן פופציק יאָר נאָך זיין טויט. ר׳ הירש זשידיטשעווער האָט געשילדערט די מעשים און התנהגות פון ר׳ משה לייב אין זיין ספר „מעשי צדיקים עם דברי צדיקים״, פון וועלכע י. ל. פרץ האָט געשעפּט דעם סוזשעט פון זיין וווּנדערבאַרער פּאָעטישער דערציילונג „אויב נישט נאָך העכער״. דער סוזשעט איז געווען אַ סאָסאָווער, כאָטש דער לאָקאַ־לער קאָלאָריט פון דער דערציילונג איז אַ נעמיראָווער.

אַ נייע גענעראַציע פון צדיקים, מ׳קען זאָגן די פערטע, אָדער די פינפטע, נישט לויט יאָרן, נאָר לויט דער שיטה אָדער קלויז, האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די נאָכפאָלגער פון איינעם פון ר׳ אלימלכס גרויסע תלמידים, דעם חוזה פון לובלין. אין גאַליציע זענען זיי געווען רעפּרע־זענטירט הויפּטזעכלעך דורך די צדיקים ר׳ נפתלי צבי הורוויץ פון ראָפּ־שיץ, דורך ר׳ שלום רוקח פון בעלז, ר׳ צבי הירש אייכענשטיין פון זשי־דיטשעוו, און ר׳ הירש משרת פון רימאַנאָוו. אויב מיר וועלן נאָך צו־געבן דעם נאָמען פון ר׳ חיים האַלבערשטאַם פון סאנדז, וואָס איז געווען אַ תלמיד און פריינט פון ראָפּשיצער, וועלן מיר האָבן אַ פּלעיאַדע פון גרויסע צדיקים, וואָס האָבן „געקיניגט״ ביזן מיטן פון דעם 19טן יאָר־הונדערט.

איידער מיר גייען איבער צו דעם ווייטערדיקן עטאַפּ פון גאַליציאַנער חסידות, ווילן מיר פריער געבן אַן איבערבליק פון דער אינערלעכער פּאָ־ליטישער לאַגע, אַזוי צו זאָגן, וואָס חסידות האָט געשאַפן אין לאַנד, די קאַמפן צווישן די משכילים און די חסידים און די רעפּרעסיעס מצד דער עסטרייכישער רעגירונג קעגן דעם „יידישן פאַנאַטיזם״, וואָס האָט מורד געווען אין איר ממשלה.

פון אַלגעמיינעם יידישן שטאַנדפּונקט, האָט דער חסידיזם אין גאַלי־ציע געדינט אַלס אַ פאַרטיידיקונג קעגן יעטווערע אַטאַקע אויף די טראַ־דיציאָנעלע יידישע מלבושים, רעליגיעזע מסורה און יידישע מנהגים. דער קאַמף איז געווען קעגן ביידע, קעגן די עטנאַציאָנאַליזירונג גזירות פון דער רעגירונג, און קעגן די אַטאַקעס פון די משכילים, וואָס אין דעם פּרט האָבן זיי פאַרפאָלגט די זעלבע צילן, ווי די רעגירונג. פון דער אַנדערער

זייט אָבער איז די מלחמת הרבנים, וואָס האָט אַזוי הייס צעפּלאַקערט זיך אין ליטע און אין פּוילן, נישט געווען אַזוי שאַרף אין גאַליציע ווי אין אַנדערע מקומות. פאַרשטייט זיך, אַז אויך דאָ איז נישט אַלץ געווען אַזוי פרידלעך. פון ווילנע זענען געקומען אַנטי־חסידישע שטורעמס מיט די דונערן און בליצן פון דעם ווילנער גאון קעגן די „עוכרי ישראל".

אויף אַן אסיפה פון רבנים אין יאָר 1781 אין זעלווו, נעבן גראָדנע, האָט מען חסידות גערודפט און פאַרבאָטן קבר ישראל פאַר חסידים ווי אויך מחותנשאַפט פון מתנגדים מיט חסידים. שטעק־בריוו און פאַשקווילן זענען געפלויגן פון אַלע זייטן, מיט דער פאָדערונג אַרויסצורייסן מיט די וואָרצלען דעם שעדלעכן געוויקס, וואָס שטעלט אין סכנה כלל ישראל. דאָס האָט נישט געקענט בלייבן אָן השפעה אויף גאַליציע.

אין יאָר 1772 האָט אַן אסיפה פון רבנים אין בראָד אָפּגערופן דעם חרם אויף די חסידים און זייערע נאָכפאָלגער, און אין יאָר 1781 איז דער ספר „תולדות יעקב יוסף" עפנטלעך פאַרברענט געוואָרן. אָבער פונדעסטוועגן האָט דער קאַמף, ווי געזאָגט, נישט געהאַט די שווערע קאָנסעקווענצן ווי אין אַנדערע יידישע ישובים. די סיבה דערפון איז געווען, וואָס סײַ די אָרטאָדאָקסן און סײַ די חסידים, — כאָטש זיי זענען געווען פיינטלעך צווישן זיך, — האָבן אָבער געהאַט אַ געמיינזאַמען שונא, וואָס איז געווען אי שטאַרקער, אי אין אַ בעסערער טאַקטישער פּאָזיציע, דהיינו — די ריקזיכטסלאָזע רעגירונג און אַ פאַנאַטישע אויפ־קלערונג־באַוועגונג (השכלה). דער קייזער יאָזעף דער צווייטער האָט זיכער זיך נישט גערעכנט מיט חסידות. ער האָט אפילו נישט געוווּסט, אַז דער צדיק ר' לייב שרהס, וואָס האָט געקענט קפיצת הדרך, „באַזוכט אים ביינאַכט און רייסט פון אים שטיקער פלייש". אָבער דער פאַקט אַליין, וואָס אַזאַ לעגענדע האָט זיך פאַרשפרייט, באַווייזט, ווי פאַרהאַסט דער „אויפגעקלערטער דעספּאָט" איז געווען ביי די חסידים. ר' מענדל רימאַ־נאָווער האָט געזען אין די קייזערלעכע גזירות אַ מין מעשה שטן, און די חסידים האָבן אַלץ געטון כדי בטל צו מאַכן די גזירות. זיי האָבן געדאַוונט אין „שטיבלעך", כדי נישט צו צאָלן קיין מנין־טאַקסע, און זיי האָבן באַיקאָטירט אַלע געזעצן, וואָס זענען געווען קעגן זייער אמונה. עס איז געווען אַ האַרטער קאַמף, אָבער מיט דער צייט איז אין גאַליציע אויס־געוואַקסן אַ נייע „רעגירונג", וואָס איז געווען שטאַרקער פון אַלע זשאַנ־דאַרמען און אַלע קייזערלעכע באַאַמטע. די חסידישע רביים זענען גע־

וואָרן אַזאַ מין כוח, וואָס זייער מאַכט איז געווען כמעט אומבאַגרענעצט. די חסידים האָבן געגלויבט, אַז אָן דעם ווילן פון די צדיקים, וואָלט איבערהויפט קיין שום רעגירונג נישט געקענט מצליח זיין, און אַז קיין שום פאַראָרדענונג פון דער רעגירונג האָט נישט קיין קיום אָן דער צושטימונג פון זייער צדיק. די צדיקים זענען געווען מעכטיקער פון אַלעמען.

דאָס איז געווען סיי צום גוטן און סיי צום שלעכטן. אין יאָר 1831, ווען אַ מגפה האָט געבושעוועט אין לאַנד, האָט ר׳ הירש זשידיטשעווער גוזר געווען, אַז מען זאָל זיך נישט באַנוצן מיט קיין שום דאָקטאָר, ווייל דער בעסטער רופא איז דער צדיק אַליין. זיין רפואה פאַר דער כאָלערע מגפה איז געווען אַ גאַנץ פשוטע: „זאָגן גאַנץ תהילים, און צווישן איין ספר און צווייטן מנדר זיין אויף צדקה, זאָגן קטורת פאַר יהי רצון און בודק זיין די מזוזות צי זיי זענען כשר...״ (רפאל מאַהלער). דאָס נישט רופן קיין דאָקטאָר איז געווען צוליב דער מורא פאַר דער קוואַראַנטין, וואָס איז אין יענע צייטן געווען גלייך ווי אַ טויט אורטייל פאַר די קראַנקע.

די רעגירונג, וואָס איז געווען אינפאָרמירט וועגן אַלעמען, האָט גוט געוווסט וועגן דער מאַכט פון די צדיקים און האָט נישט געקענט בלייבן גלייכגילטיק קעגן אַזאַ מין „מלוכה אין אַ מלוכה״, בפרט נאָך, אַז עס זענען געפלויגן מסירות נישט נאָר פון דעם אויפגעקלערטן פיינטלעכן לאַגער, נאָר אויך מצד די אָרטאָדאָקסן. פון דער מתנגדישער זייט דאַרף מען באַזונדערס דערמאָנען די מיסיע פון דעם מגיד ר׳ ישראל לייבל (ר׳ ישראל בר׳ יהודה ליב), וועלכער איז פון וואַרשע געקומען קיין גאַליציע העלפן ראַטעווען דאָס לאַנד פון דער „חסידישער מגפה״. אָט דער שליח האָט זיך דערשלאָגן אַזש ביז קיין ווין, ווו ער האָט דער־לאַנגט אַ בקשה אין דער הויף־קאַנצעלאַריע פאַר גאַליצישע ענינים, און ווען דאָס האָט נישט געגעבן קיין רעזולטאַטן, איז ער דערגאַנגען מיט זיינע מסירות ביז צום קייזער אַליין, וועלכער האָט אים אויפגענומען אויף אַן אוידיענץ און צוגעזאָגט די זאַך ענערגיש צו אונטערזוכן. דאָס איז געווען אין יאָר 1799. זיין שליחות האָט געבראַכט נייע גזירות קעגן די חסידים און קעגן דער חסידישער באַוועגונג. אָבער דער מגיד איז לגמרי נישט געווען דער איינציקער קטיגור. דער קאַמף האָט אָנגענומען די שאַרפסטע פאָרמען אין די יאָרן 1810 ביז 1850.



די זשולטקעווער שול



די בעלזער קלויז

דער משכיל יוסף פערל האָט פאַרפּליצט די רעגירונג מיט פאַרשלאַגן, ווי אַזוי צו באַגרענעצן די מאַכט פון חסידיזם. צווישן אַנדערע עצות האָט ער אין יאָר 1819 פאָרגעשלאָגן, אַז די רעגירונג זאָל ווידער עפענען די יאָזעפינישע שולן. אין אַ פאַמפלעט „כתית למאיר״ איז ער אַרויסגע־טראָטן קעגן די מאיר בעל הנס פושקעס. עס איז אַ סברה, אַז ער האָט אויך געמסרט די געלט־זאַמלונגען צו באַפרייען דעם ריזשינער צדיק פון תפיסה. ווי אַ קוריאָזיטעט געפינען מיר אויס פון זיין ענטפער אויף אַן אָנפראַגע פון דער רעגירונג, וועגן איינעם אַ מיסטיקער און אַוואַנטו־ריסט קאַרל גוסטאַוו זייפערט, וואָס האָט געזאַמלט געלט פאַר אַ יידישע מלוכה אויף דעם נאָמען פון זיגפריד יוסטוס דעם ערשטן, „מלך פון יש־ראל און כהן גדול פון ירושלים״ (מאַהלער).

פערלס „מגלה טמירין״, געשריבן אין דער פאָרם פון אַ בריוו־אויסטויש צווישן חסידים, איז געווען אַ קלוגע, פאַרשטעלטע סאַטירע קעגן דער חסידישער באַוועגונג. ער האָט אויך נישט געזשאַלעוועט קיין פאַמפלעטן און מעמאָראַנדומס וועגן באַגרענעצן און באַקעמפן דאָס חסידות מיט רעגירונגס דעקרעטן.

אין זיין אויסגעצייכנטער אַרבעט „דער קאַמף צווישן השכלה און חסידות אין גאַליציע אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט״ („ייוואָ־בלעטער״, 1942) ברענגט ד״ר רפאל מאהלער אַ סך אינטערעסאַנ־טע פרטים וועגן דעם ענין.

דער רעפעראַט פון פאָליצײ־פרעזידענט סאכער אַנטהאַלט אויך אַ רשימה פון 12 צדיקים, וואָס זענען לויט אים דעמאָלט געווען אין גאַ־ליציע. אין דער ליסטע זענען אויסגערעכנט: ר׳ שמען דאָבראָמילער (דערמאָנט אונטערן נאָמען שמעון מאַרעלעס אויף דער ליסטע), דער מחבר פון „נחלת שמעון״; ר׳ הערש משרת (אַ נאָכפאָלגער פון ר׳ מענדל רימאַנאָווער); ר׳ מאיר פרעמישלאַנער, אַ זון פון ר׳ אהרן לייב פון פרעמישלאַן (דער מחבר פון ספר „דברי מאיר״ און איינער פון די גרעסטע צדיקים פון זיין צייט); ר׳ יצחק יהודה פון וויבראַנאַווקע (בערזשאַ־נער פאָוויאַט); ר׳ חיים קאָסאָווער; ר׳ יהודה הירש בראַנדווײַן פון סטרע־טין (אויך בערזשאַנער געגנט), אַ תלמיד פון ר׳ אורי סטרעליסקער; ר׳ צבי אלימלך שאַפּיראָ פון דינאָוו, אַ גרויסער חריף, מחבר פון „בני יששכר״, וואָס איז כולל זיינע „דרושים לחדשי השנה ולמועדים״; ר׳ שלום פון קאַמיאָנקע (זלאָטשעווער קרייז); איינער ר׳ מאיר יוליוס (?) אין קראַ־

קאָוויעץ, לעבן פשעמישל; ר׳ יצחק נאַדוואָרנער, אַ פּאָפּולערער צדיק אין לאנד; און ר׳ שלום רוקח פון בעלז, דער גרינדער פון דער בעלזער דינאַסטיע, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף אַ גרויסן טייל פון לאַנד. איין נאָמען אין דער רשימה, ר׳ אשר ב. איז נישט געווען קיין גאַליצישער.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די חסידים האָבן אויך נישט געשוויגן אויף די מסירות פון זייערע שונאים. דער קאַמף האָט זיך אַלץ מער און מער צעפלאַקערט און געפירט צו חרמות, געשלעגן און זלזולים. אין דער זעלבער צייט איז פאָרגעקומען דער מאָרד איבערן ראַבינער אברהם קאָהן אין לעמבערג, וואָס איז געפאַלן אַ קרבן פונעם אָרטאָדאָקסישן פאַנאַטיציזם אין יאָר 1848.

קאָהן איז געווען אַ „דייטש״ אין זיינע מנהגים און רעפאָרמיסטישע השגות. ווען ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס קרייז־ראַבינער אין לעמבערג, האָט ער זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון דער רעליגיעזער רעפאָרם באַוועגונג, וואָס האָט איר שורש געהאַט אין דייטשלאַנד נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן, און האָט זיך אויך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן אין עסטרייך. קאָהן האָט באַטראַכט פאַר זיין חוב צו פאַרפלאַנצן די רעפאָרמיסטישע תורה אין גאַליציע. ער האָט אָבער געירשנט עפּעס פון דער האַמבערגשער טראַדיציע און האָט זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיט אַגיטאַציע אַליין, נאָר האָט אויך געוואָלט משפּיע זיין אויף דער רעגירונג, אַז זי זאָל אסרן יידישע מלבושים, חדרים און „אַלטפרענקישע מנהגים״. קאָהן איז אויך געווען דער גרינדער פון דער „יידישער הויפּט־שולע״ אין לעמבערג, וואָס איז געווען געפירט לויטן דייטש־פאָרשריטלעכן נוסח. אין יאָר 1846 איז אויפגעבויט געוואָרן דער רעפאָרם־טעמפּל אין לעמבערג, און דער חנוכת הבית האָט נאָך מער פאַרטיפט די מחלוקת. מען איז קאָהנען באַפאַלן, פערזענלעך באַליידיקט, געמאַכט דעמאָנסטראַציעס ביי זיין הויז און געבראָכן שויבן. דער קריזיס איז געקומען אין 1848. עמיצער האָט זיך פאַרגנבעט אין דער קיך פון זיין וווינונג און אַריינגעשיט אַרשעניק אין דער יויך. ראַבינער קאָהן איז פאַרסמט געוואָרן. די פירער פון דער אָרטאָדאָקסיע זענען דעמאָלט געווען הערץ בערנשטיין, ר׳ הירש אָרענשטיין און דער האַלב פאַרגעשריטענער סוחר מאיר מינץ. נאָך ראַבינער קאָהנס טויט זענען הערץ בערנשטיין און ר׳ צבי אָרענשטיין איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה אַלס פאַרדעכטיקטע אין דעם מאָרד.

ווי מיר האָבן פריער אָנגעדייט, ווערט ר' אלימלך פון ליזשענסק באַטראַכט ווי דער שעפער פון צדיקיזם. פונדעסטוועגן זענען די צדיקים פון ר' אלימלכס שגיט געבליבן עניוותדיק, נישט נאָר באַשיידן אין זייערע מענטשלעכע און געטלעכע באַציאונגען, נאָר אויך אין זייער גאַנצן לעבנס־שטייגער. נישט ר' אלימלך, און נישט ר' נפתלי ראָפּשיצער, און נישט ר' מאיר פרעמישלאַנער, שוין אָפּגערעדט פון די קדושים פון זלאָטשעוו אָדער זבאַראַזש, האָבן נישט נהגה געוועזן פון עשירות, אָדער אייסגעניצט זייערע הויכע פּאָזיציעס פאַר זייערע פערזענלעכע אַמביציעס. בכלל האָבן די גאַליציאַנער רבנים ביז צו דער אוזורפּאַציע פון דעם „משרת", ר' הירש רימאַנאָווער, נישט געפירט קיין רייכע „הויפן". דער רימאַנאָווער צדיק פון די „שפרינג חסידים" האָט מיטן פּראַכט און פּאַראַד פון זיין „הויף" געוואָלט פאַרשיינען זיין עם הארצות, אָבער ער האָט אויך ווייניק וואָס מחדש געווען.

דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבן לעבן „בבחינת מלכות" איז געווען ר' ברוכל פון מעזריטש, אַן אייניקל פון בעש"ט. ער איז געווען דער, וועלכער האָט איינגעפירט די הויף־צערעמאָניע פון גלאַנץ, עשירות און פּראַכט, כדרך המלך. ער האָט אפילו געהאַט זיין אייגענעם הויף־נאַר, אין דער פּערזאָן פון דעם פיל נאָכדערציילטן הערשל אָסטראָפּאָליער. אָבער דער צדיק, וואָס האָט געהאַט דעם גרעסטן איינפלוס אויף דער שיטה פון הויף־צדיקיזם אין גאַליציע, איז געווען דער „ריזשינער", ר' ישראל (ר' ישראלטשע) פרידמאַן. ער איז געווען אַן אייניקל פון ר' אברהם מלאך, דעם זון פונעם מגיד פון מעזריטש. אלס א מין קאָנקורענץ צו זיין שכן, דעם טשערנאָבילער מגיד, ר' מאיר טווערסקי, מיט זיין „הויף־פּאַראַד", וואָס האָט געשמט אין גאַנצן געגנט, האָט דער ריזשינער נישט נאָר אַליין זיך געפירט בבחינת מלכות, נאָר ער האָט באַשאַפן אַן אמת פירשטלעכע רעזידענץ אין ריזשין. פאַרשווינדן איז די תמימותדיקייט, די פשטות און עניוות פון די אַלטע צדיקים. די נייע לאָזונג ביי זיי איז געווען: דע לך לפני מי אתה עומד. דער מין פּראַכט צדיקיזם האָט געקאָסט אַ סך געלט און די חסידים האָבן געבערענגט גאַנצע זעק מיט געלט, ווייל אין צווישנצייט האָט זיך געענדערט די עקאָנאָמישע קאָניונקטור פון חסידות. צווישן די קליענטן זענען שוין נישט געווען בלויז די אָרעמע, אויסגע־צאַפּטע יידן, נאָר גוט אויסגעפּאַשעטע, ווילהאָבנדיקע, קיילעכדיקע באַ־

לעבאַטים, וואָס האָבן געקענט באַצאָלן פאַר דעם לוקסוס פון רבינס הויף.

אין דער צייט ווען דער ריזשינער איז געווען אַ פליט פון רוסלאַנד (צוליב אַ תפיסה־אורטייל אין שייכות מיט אַ הריגה אין 1838 פון צוויי יידישע מוסרים — אָקסמאַן און שוואַרצמאַן, וועלכע האָבן געמסרט יידן, אַז זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פון מיליטער דינסט), האָט ר׳ ישראלטשע זיך באַזעצט אין סאַדאַגורע, אַ שטאָט אין דער בוקאווינע, וואָס האָט נאָך דעמאָלט באַלאַנגט צו גאַליציע. דאָרט האָט ער ווידער אַמאָל אויסגעבויט אַ היכל המלך, מיט דער גאַנצער פּראַכט פון פריערדיקן ריזשינער הויף.

דער ריזשינער האָט נישט נאָר אַליין געקיניגט, נאָר ער האָט באַשאַפן אַ גאַנצע דינאַסטיע פון הויף־צדיקים. זיין זון ר׳ דוד משה, איז געווען דער באַגרינדער פון טשאָרטקאָווער הויף, וואָס האָט קאָנקורירט מיט בעלז, אַלס איינע פון די צוויי מעטראָפּאָליעס פון גאַליצישן הויף־צדיקיזם. און אַן אַנדערער זון פון ריזשינער, ר׳ מרדכי שרגא האָט זיך באַזעצט אין הושיאַטין.

דער טשאָרטקאָווער, וואָס האָט געשפילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין גאַליצישן חסידיזם, איז דווקא נישט געווען פון דעם שניט פון די סאַדאַגורער הויף־צדיקים. ער איז נישט נאָר געווען אַ בעל תורה, נאָר אויך אַ טיפּ פון אַ קדוש, מער ענלעך צו זיין הייליקן זיידן ר׳ אברהם מלאך, איידער צו זיין טאַטן, ר׳ ישראל ריזשינער. זיין השפעה ביים עולם איז געווען אַ גרויסע, און איז געוואַקסן מיום ליום. דער שוין דער־מאָנטער ר׳ שלום רוקח פון בעלז איז אויך געווען אַ קדוש לויט זיינע התנה־גות, אָבער ער האָט אויך שטאַרק מקפיד געווען אויף יידישע מנהגים בכלל און בעלז איז געוואָרן דער צענטער פון קאָנסערוואַטיזם אין גאַ־ליציע*).

אַן אַנדערער רבישער הויף אין גאַליציע, וואָס האָט, אין קעגנזאַץ צום טשאָרטקאָווער און בעלזער, אָנגעהויבן צו קאָנקורירן מיט דער סאַדאַ־

*) די שטאָט בעלז איז געווען אַן עיר ואם **בישראל** מיט גרויסע רבנים. די רבנים ר׳ יואל סערקעס, ר׳ נחמן בר׳ מאיר ראַפּאָפּאָרט, ר׳ זכריה מענדל בר׳ אריה ליב, דער מחבר פון „באר היטב״, ר׳ אברהם אבעלע בר׳ אלחנן און ר׳ אהרן בר׳ צבי, האָבן אַלע קונה־שם געווען אין לאַנד. דער ווייטערדיקער אין דער ריי פון רבנים איז געווען ר׳ שלום רוקח, דער ערשטער צדיק אין בעלז (נפטר געוואָרן אין 1855). זיינע נאָכפאָלגערס זענען געווען זיין זון ר׳ יהושע און ר׳ ישכר בער.

גורער שיטה, איז געווען די האגער דינאַסט־יע אין קאָסאָוו און די זשידי־טשעווער. די זשידיטשעווער השפעה איז געווען גרויס אין גאַליציע. זיין ברודערס זון, ר׳ יצחק אײַזיק, דער מחבר פון „זהר חי״ האָט געגרינדעט אַ דינאַסטיע אין קאָמארנע, וואָס האָט זיך געפירט לויט דער טראַדיציע פון די זשידיטשעווער צדיקים.

דער קאָסאָווער הויף הויבט זיך אָן מיט ר׳ מענדל קאָסאָווער, ר׳ קאָפּל קאָלאָמייערס זון. ר׳ מענדלס זון, ר׳ חיים קאָסאָווער, האָט געבראַכט דעם קאָסאָווער הויף צום אויפבליען. ר׳ חיימס שם אַלס אַ למדן האָט זיך פאַרברייטערט ווייט איבער די גרענעצן פון זיין עדה. נאָך זיין פּטירה אין יאָר 1854, איז געבליבן אין קאָסאָוו דער עלטערער זון זיינער, ר׳ יעקב שמשון; דער יינגערער ר׳ מענדעלע, דעם ריזשינערס איידעם, האָט זיך באַזעצט אין וויזשניץ. צווישן די צוויי הויפן איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקת, וואָס האָט בייגעטראָגן צום אַנטי־ריזשינער לאַגער, איבער וועלכן עס וועט שפּעטער קומען צו רייד. די וויזשניצער זרע, פּונקט ווי די סאדאַגורער האָט באַלד איינגענומען כמעט האַלב גאַליציע און געפּראָוועט רבי־סטווע אין זאַלעשטשיק, האָראָדענקע, באַרשע אאַ״וו. דער באַליבטסטער און געלערנטסטער צווישן זיי איז געווען ר׳ חיימל אטיניער, „איינער פון ר׳ ברוכל וויזשניצערס אַכט זין, וואָס האָט אויפגעשטעלט אַ הויף אין שטעטל אטיניע״ (ד״ר שלמה ביקל).

אָבער עס איז געווען נאָך אַ ר׳ חיים, וואָס האָט געלייגט זיין חותם אויפן גאַליצישן חסידיזם, איינער וואָס איז שפּעטער געווען דער אָנפירער אין דער אַנטי־ריזשינער „רעוואָלוציע״. דאָס איז געווען דער שוין דערמאָנטער ר׳ חיים האַלבערשטאַם.

איידער מיר גייען איבער צו שילדערן דעם איבערברוך פון צדיקיזם אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט, ווילן מיר מער נישט ווי אָנווייזן, אַז עס זענען שוין פריער געווען פּרווון פון רעפאָרמען אין די רייען פון די חסידים גופא. אַזאַ מין פּרווו פון זעלבסט־רעפאָרם, מיט אַ סך ענלעכקייט צו דער חב״ד־באַוועגונג אין ליטע, איז געווען די סעקטע „חדשים״, וואָס איז אַנטשטאַנען אין די פערציקער יאָרן מיטן צוועק אָפּצוריייניקן דאָס הארצות, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרשפּרייט אונטערן דעק־מאַנטל פון התלהבותדיקן חסידות. די סעקטע האָט געוואָלט דערגרייכן אַ סינטעז פון התלהבות און למדנות. דער סאַנדזער צדיק ר׳ חיים האַל־בערשטאַם, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַזאַ מין קאָמבינאַציע פון גע־

לערנטקייט און חסידישע התלהבות. עס זענען געווען נאָך אַנדערע, אָבער קיין גרויסע פאָלקס־באַוועגונג איז דערפון נישט אַרויסגעוואַקסן. רביסטווע און רבנות זענען נישט תמיד געגאַנגען צוזאַמען, כאָטש נישט איין רבי, ווי למשל דער סאנדזער און ר׳ חיימל אַטיניער זענען געווען אמתע גאונים.

דער ריזשינער צדיק, ר׳ ישראל פרידמאַן, איז אַזאַ וואָזשנע תלמיד חכם נישט געווען, אָבער ער האָט געהאַט אַנדערע מעלות, וואָס האָבן אים דערהויבן איבערן דורכשניט. ער האָט געהאַט „צורת מלכות״ וואָס האָט צוגעצויגן דעם עולם. ער האָט געהאַט נאָך עפּעס. ער האָט געהאַט חכמה, וואָס איז פאַר אַ צדיק פונקט אַזוי וויכטיק ווי תורה. אָבער זיינע זין, אַ חוץ דעם שוין דערמאָנטן טשאָרטקאָווער רבין האָבן, ווייזט אויס, געהאַט וואָס ווייניקער פון ביידע סגולות, און ווען דער סקאַנדאַל מיט איינעם פון זיינע זין, ר׳ בעריניו פון לעאָווע, איז אויסגעבראָכן אין יאָר 1867, האָט דער סאנדזער צדיק, דער בעל „דברי חיים״, וואָס איז געווען איינע פון די שענסטע געשטאַלטן פון זיין דור — אַ מוס־טער פון געלערנטקייט און השתלמות, אויפגעהויבן אַ שטורם קעגן דער גאַנצער רישזינער זרע „כל האחים אחי המומר המה״. דער קאַמף האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע חסידישע וועלט פון מזרח־אייראָפּע ביז ארץ־ישראל. ווען די מחלוקת איז אויסגעבראָכן אין יאָר 1867, איז שוין ר׳ חיים האַלבערשטאַם געווען אַ בן שבעים, אָבער זיין קנאות האָט זיך נישט געציילט לויט זיינע יאָרן. דער גאַנצער בנין פון חסידות איז געווען אין סכנה פון אַ שפּאַלטונג און, ווי אין ענלעכע סכסוכים, זענען פריינט און בני משפחה זיך געוואָרן שונאים. אָבער, אויב דער זקן האָט געהאָפט, אַז מיט זיין געטלעכן צאָרן וועט עס אים געלינגען אויסצורייניקן דעם שטאַל, האָט ער זיך טועה געווען, ווייל אין די יאָרן ווען דער שטרייט איז אויסגעבראָכן, איז שוין געווען צו שפּעט פאַר ראַדיקאַלע רעפאָרמען.

דאָס איז געשען צוליב דער אַנטוויקלונג פון פּראַכט און פּאָמפּ אינעם גאַליצישן צדיקיזם, וואָס האָט געבראַכט צו דער ירידה פון דעם אַמאָ־ליקן הויכן מאָראַלישן ניוואָ.

עס איז שוין אַזאַ כלל אין גענזעלשאַפטלעכן לעבן, אַז וואָס מער עס בלישטשעט פון דרויסן, אַלץ ווייניקער גאָלד איז דאָ אינעווייניק. די צווייטע סיבה פון דער ירידה ליגט אין דעם, וואָס חסידות, וואָס איז

געווען אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון אָנהויב אָן, איז מיט דער צייט געוואָרן אַ רעספּעקטאַבעלער, קאָנסערוואַטיווער, באַלעבאַטישער כוח, וואָס האָט שוין דערגרייכט דעם אויבנאָן. נאָך כמעט אַ הונדערט יאָר פון קאַמף, האָט חסידות געזיגט אויפן גאַנצן פראָנט. די רבנישע מתנגדים האָבן געמוזט נאָכגעבן און אויפגעבן זייער אָפּאָזיציע. עס האָט אפשר נישט געקענט זיין קיין מער בולטער סימבאָל פון דעם זיג, ווי דער פאַקט אַליין, וואָס דער סאנדזער צדיק, וועמענס השפעה אין מערב־גאַליציע און אונגאַרן איז געווען אַזאַ גרויסע, האָט פּערזענלעך אונטערשטיצט און געפּועלט ביי די קראָקעווער פרנסים, אַז זיי זאָלן וויילן פאַר זייער רב ר' שמעון שרייבער, דעם זון פונעם גרעסטן מתנגד, ר' משה סופר פון פּרעשבורג. דאָס איז געשען אין יאָר 1861.

אויך די עסטרייכישע רעגירונג, וואָס האָט סיי־ווי שטענדיק זיך גע־וואַקלט מיט איר האַלטונג צו חסידות, האָט ענדלעך איינגעזען, אַז חסידים זענען „פיינע מענטשן" און שטעלן מיט זיך פאָר אַ בעסערע שטיצע פאַרן קלעריקאַלן ווינער רעזשים, ווי די משכילישע פרייזדענקערס, און זי האָט אָנגעהויבן צו טאָלערירן די „חסידישע עקסצעסן", און אפילו זיי צו פּראָטעזשירן. און אין דעם האָט זיך די רעגירונג לגמרי נישט אָפּגענאַרט. דער מעטערניכישער סיסטעם פון שפּיאָנאַזש, וואָס האָט איבערגעלעבט מעטערניכן, האָט גענוי רעגיסטרירט יעדע ענדערונג פון וועטער און האָט גוט געקענט די שטימונג פון די חסידים און די נייעסטע טענדענצן צווישן זיי. אַזוי אָדער אַנדערש, אין די פופציקער, זעכציקער און זיבעציקער יאָרן זענען די חסידים געוואָרן „קייזערלעכע חסידים" און די קייזערלעכע קאַנצעלאַריע האָט זיי דערפאַר געשטיצט קעגן די משכי־לישע רעפאָרם־פּראָיעקטן און פּראָגרעסיווע פּראָגראַמען. דער צד השוה איז געווען די געמיינזאַמע שנאה צו נייע געדאַנקען און נייע וועגן. ווי דער קייזער פראַנץ דער ערשטער האָט זיך אַמאָל געהאַט אויסגעדרוקט: „די גאַנצע וועלט איז משוגע געוואָרן און וויל אַ קאָנסטיטוציע". די חסידים האָבן אויך פיינט געהאַט אַזאַ „משוגעת", ווי אַ קאָנסטיטוציע.

אָט אַזוי איז די חסידישע וועלט, איינגעשלאָסן די אַנדערע אָרטאָ־דאָקסישע שיכטן, וואָס האָבן נישט באַלאַנגט צום חסידישן לאַגער, געוואָרן אַ פּאָליטישער פאַקטאָר און די צדיקים, — פּאָליטישע בערן־טרייבער בשעת די וואַלן, אָדער ווען עס האָט געדראָט אַ פּריוויליגירטע אָפּאָזיציע צום עסטרייכישן קלעריקאַלן רעזשים. עס איז אַן אַלטער כלל, אַז פּאָליטיק איז

נישט קיין כשרע סחורה, און אַז מאַכט קאָרומפּירט. און חסידות האָט אָנ־געהויבן האַנדלען מיטביידע: סיי מיט מאַכט און סיי מיט פּאָליטיק.

מיר האָבן נישט געהאַט קיין כוונה צו שרייבן די געשיכטע פון גאַ־ליציאַנער חסידות. מיר ווייסן אויך אָפּצושאַצן, אַז בעת דער ירידה זענען געווען יחידי סגולה פון קדושה און למדנות. וואָס מיר האָבן יאָ באַ־צוועקט, איז געווען נישט מער ווי געבן אַ סאָציאַל פּאָליטישע און געזעל־שאַפטלעכע אָפּשאַצונג וועגן דעם איינפלוס פון חסידות אויפן לעבן פון די יידישע מאַסן אין גאַליציע.

V

פּאָליטישע עמאַנציפּאַציע

קייזער פראַנץ, וועמען מ׳האָט אַ נאָמען געגעבן „דער טיגער אין שלאָפראָק" און זיין מאַקיאַוועלישער מיניסטער מעטערניך „דער בעל־עגלה פון אייראָפּע" האָבן מיט זייער קלעריקאַליזם, זייער רעאַקציאָנע־רישקייט און פּאָליצייאישע מעטאָדן דערפירט דאָס לאַנד צום אָפּגרונט פון אַ קאַטאַסטראָפע. די צייכנס פון דער ירידה זענען מיט דער צייט געוואָרן בולטער און בולטער. אָבער וואָס שטאַרקער עס זענען געוואָרן די וואָרנונגען פון אָנקומענדיקן שטורם, אַלץ מער האָבן זיך די צוויי מחבלים איינגעהילט אין שוואַרצן מאַנטל פון זייער דעספּאָטישער מאַכט, און אַלץ מער איז געוואַקסן די צאָל אַגענטן און שפּיאָנען, וואָס האָבן פאַרפּלייצט דאָס לאַנד ווי אַ מחנה היישעריקן. מ׳האָט נישט געקענט אַ ביס טון אין בויבערעך, אַז מ׳זאָל דערפון נישט וויסן אין ווין. אָבער די צוריק־געשטויסענע פאָלקס־כוחות, וואָס האָבן זיך געוואָרגן אונטער דער דעק פון פּאָליצייאישן קעסל, האָבן געדראָעט, אַז דער קעסל וועט פּלאַצן אונטערן אינערלעכן דרוק.

קייזער פראַנץ איז געשטאָרבן אין יאָר 1835. אָבער מעטערניך איז געבליבן אַלמעכטיק אויך נאָך זיין טויט, און דער סיסטעם האָט זיך אין קיין זאַך נישט געענדערט. דער נייער קייזער פערדינאַנד דער ער־שטער, אַן עפּילעפּטיקער און דערצו אַ נאַר אויך, האָט דערלויבט, אַז די אַלטע קאַמאַרילע זאָל רעגירן פאַר אים, און זיין מלוכה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „אַן אַבסאָלוטער מאַנאַרכיע אָן אַ מאָנאַרך". די נייע־אַנטוויקלטע גרויס־אינדוסטריע האָט נאָך מער ווי פריער איינגעקלעמט דעם ביר־

גערלעכן מיטלקלאַס. אין 1847 איז אויסגעבראָכן אַ הונגער־עפּידעמיע אין לאַנד, און עס זענען פאָרגעקומען ברויט־דעמאָנסטראַציעס. אויך אין אויסלאַנד איז מען געווען אויפגערודערט און אומצופרידן מיט עסטרייך. ווייל גראָד אין דעם שווערן יאָר 1846 האָט מעטערניך אַראַנזשירט דעם „רויב פון קראָקע״.

קראָקע, וואָס איז געווען איינגעשלאָסן אין וואַרשעווער גרויספירשטנטום, איז אין יאָר 1815, אויפן ווינער קאָנגרעס, ווו מעטערניך איז געווען דער באַלעבאָס, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אומאָפּהענגיקע רעפּובליק. אין 1846 האָט עסטרייך באַזעצט קראָקע, און „דער רויב פון קראָקע״ האָט אויפגערודערט די וועלט. ענגלאַנד האָט דערקלערט, אַז מיט דעם ברוך פון איין באַשלוס פון ווינער קאָנגרעס, איז זי באַפרייט געוואָרן פון אַלע אַנדערע פאַרפליכטונגען. אָבער די אינערלעכע לאַגע איז געווען די אמתע אכילעס־פּיאַטע פון עסטרייך. די פאַרשידענע פעלקער האָבן געצויגן אַ יעדע אין זיין אייגענע ריכטונג. די טשעכן, די מאַדיאַרן און די פּאָליאַקן האָבן אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דער אומאָפּהענגיקייט פון זייערע לענדער. אָבער די רעוואָלוציע איז נישט נאָר געווען אַ נאַציאָנאַלע, זי איז נאָך מער געווען אַ סאָציאַלע. דעם 13טן מערץ איז אויסגעבראָכן די אַזוי לאַנג אָפּגעלייגטע רעוואָלוציע אין ווין. די לאָזונג איז געווען: „מעטערניך, דער רשע מעטערניך מוז גיין!״. באַלד איז אָנגעקומען מיליטער און גענומען שיסן. דאָס פאָלק איז זיך צעלאָפן, אָבער נישט אַהיים, נאָר צום אַרסענאַל נאָך וואָפן. עס איז אַנטשטאַנען אַ פאָלקס־מיליץ — די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע. דער קייזער האָט זיך דערשראָקן און נאָכגעגעבן די פאָדערונג פונעם פאָלק. מעטערניך האָט רעזיגנירט און איז אַנטלאָפן פון ווין. דער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט פון שריפטשטעלער האָט אַרויסגעגעבן אַ מאַניפעסט, אונטערגעשריבן דורך 29 שרייבער, צווישן זיי 9 יידן. איינער פון די פירער פון דער דעמאָנסטראַציע פון 13טן מערץ איז געווען דער יידישער מעדיקער אַדאָלף פישהאָף, אַ גלענצנדער רעדנער און אָרגאַניזאַטאָר. ער האָט ממש אָנגעצונדן דעם עולם מיט זיינע ווערטער און מיט זיין העלדישקייט.

ביי דער „ברודער־לויה״ פון די אומגעקומענע קרבנות פון דער מיליטערישער אינטערווענץ, האָט דער ווינער פּרעדיקער יצחק נח מאַנהיימער אויסגערופן אין זיין הספד: „אויב מיר יידן מעגן אינאיינעם שטאַרבן מיט די קריסטן, דאַרפן מיר אויך האָבן דאָס רעכט צו לעבן צוזאַמען״.

דעם 15טן אַפּריל האָט די רעגירונג פֿאַרעפֿנטלעכט אַ מעסיקע לי־בעראַלע קאָנסטיטוציע, וואָס האָט צוגעזאָגט פֿרייהייט פֿאַר אַלע רעלי־גיעס, אָבער מיט אַ צוגאָב, אַז דער אויספֿיר פֿון דער יידישער עמאַנצי־פּאַציע דאַרף וואַרטן אויף געזעצלעכע תקנות, וואָס וועלן שפּעטער באַ־זונדער אַרויסגעגעבן ווערן. פֿונדעסטוועגן האָבן די יידן באַקומען שטים־רעכט צו די פּאַרלאַמענט־וואַלן. אָבער די קאָנסטיטוציע איז געווען ווי אַ ליימענער גולם און האָט קיינעם נישט באַפֿרידיקט. און דעם 15טן מאַי איז ווידער אויסגעבראָכן אַ דעמאָנסטראַציע, און דאָס מאָל איז דער קייזער מיטן הויף אַוועק קיין אינסברוק און איבערגעלאָזט ווין אין די הענט פֿון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. אין דער גוואַרדיע און אין דעם סטודענטן־לעגיאָן זענען געווען אַ היפּש ביסל יידן. צווישן די יידישע לעגיאָנערן האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט דער סטודענט יוסף גאָלד־מאַרק. דער שוין דערמאָנטער פֿישהאָף איז באַשטימט געוואָרן אַלס פֿי־רער פֿון דער זיכערקייט־אָפּטיילונג (פּאָליציי־פּרעזידענט). ער האָט אײַ־בערגענומען די פּאָליציי־מאַכט און דעם רעסאָרט פֿון אינערלעכער אָר־דענונג.

אין יולי איז די קאָנסטיטואַנטע (נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג) געעפֿנט געוואָרן אין ווין. פֿישהאָף, מאַנהיימער (דער לעצטער אויסגעוויילט אין בראָד) און גאָלדמאַרק, זענען געווען צווישן די געוויילטע. די יידן קו־ראַנדאַ און האַרטמאַן זענען דעלעגירט געוואָרן צום אַל־דייטשן נאַציאָ־נאַלן פּאַרלאַמענט אין פֿראַנקפֿורט.

אין דעצעמבער 1848 איז ר׳ בעריש מייזעלס אויסגעוויילט געוואָרן אין קאַזימיר (פֿאָרשטאָט פֿון קראָקע) צום עסטרייכישן רייכסטאַג. ער האָט באַלד זיך אָנגעשלאָסן אין דעם לינקן פֿליגל אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון סמאָלקאַ. ווען מ׳האָט אים געפֿרעגט פֿאַרוואָס ער, אַ רב, איז אַוועק אַזוי ווייט לינקס, האָט ער געענטפֿערט מיט אַ הלצה: „מיר יידן האָבן קיינע רעכטע״ (רעכט).

דעם 5 אָקטאָבער 1848 האָט דער רייכסטאַג, נאָך אַ פֿלאַמעדיקע רעדע פֿון מאַנהיימער, בטל געמאַכט די ספּעציעלע יידישע טאַקסעס, וואָס האָבן אַזוי שווער און אַזוי באַליידיקנדיק געדריקט אויף די פּלייצעס פֿון די יידישע מאַסן. דאָס איז געשען אין לעצטן אויגנבליק, נישט מער ווי אײן טאָג פֿריער איידער אַ נייע כוואַליע פֿון רעוואָלוציאָנערע אויפֿ־שטאַנדן האָט זיך פֿאַרשפּרייט איבער ווין. דעם 6טן אָקטאָבער איז שוין

די רעוואָלוציע געווען אין פולן ברען. אין אונגאַרן זענען אָנגעגאַנגען בלוטיקע שלאַכטן צווישן דער פרייהייט־פּאַרטיי פון קאָסוט פון איין זייט און די זיד־סלאַוון פון דער צווייטער. די זיד־סלאַוון זענען געשטיצט געוואָרן דורך דעם עסטרייכישן מיליטער, וואָס האָט זיי געוואָלט העלפן באַפרייען זיך פון אונגאַרן. טאַקע צוליב דעם טאָפּלטן שפּיל פון דער רעגירונג, האָט די ווינער נאַציאָנאַלע גוואַרדיע געוואָלט פאַרהיטן, אַז דאָס מיליטער זאָל נישט גיין קיין אונגאַרן אונטערדריקן די פרייהייט־רעוואָלוציע פון די פאַרשקלאַפטע פעלקער. עס האָט זיך אָנגעהויבן איינער פון די בלוטיקסטע אויפשטאַנדן, וואָס האָט פאַרטונקלט אַלע פריערדיקע עפּיזאָדן מיט זיין שוואַרצער ביטערקייט און גרויזאַמקייט.

אין דעם טומל איז דער שוואַכער קייזער, צוזאַמען מיט זיין גאַנצן הויף, אַנטלאָפן קיין אָלמיץ אין קרוינלאַנד מערן. אָבער דער קאַמף האָט נישט אויפגעהערט. די שלאַכטן פון די רעוואָלוציאָנערן אַרום דעם קריגס־מיניסטעריום זענען געווען די בלוטיקסטע פון אַלע. נאָכן דעראָבערן דעם פּאַלאַץ פון מיניסטעריום האָבן די רעוואָלוציאָנערן דאָרט געפונען דעם קריגס־מיניסטער גענעראַל לאַטור און האָבן אים אויפגעהאָנגען. דאָס האָט נאָך מער אויפגעהעצט די אַרמייען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן קאָנצענטרירן אַרום ווין. ענדע אָקטאָבער האָט פּרינץ ווינדישגרעץ אונטערדריקט די רעוואָלוציע און גענומען אַ שרעקלעכע נקמה פון דער באַפעלקערונג. צווישן די קרבנות איז געווען דער מיטגליד פון פראַנקפורטער פּאַרלאַמענט, דער פון אַלעמען געאַכטעטער ראָבערט בלום און דער אויבערקאָמענדאַנט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, דער געוו. לייטענאַנט מעסענהאַוזער. (דער פּוילישער גענעראַל בעם איז אַנטלאָפן קיין אונגאַרן, ווו ער האָט ווייטער העלדיש געקעמפט קעגן די עסטרייכישע חיילות). צווישן די יידישע קרבנות, וואָס האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס, איז געווען דער זשורנאַליסט הערמאַן יעלינעק, אַ ברודער פונעם שפּעטערדיקן ווינער ראַבינער, אהרן יעלינעק. ווען אין ווין, אין אונגאַרן און אין בעמען האָבן זיך געגאָסן טייכן בלוט — האָט אַ קלוגע אַמביציעזע פרוי קאָנספּירירט כדי צו פאַרווירקלעכן איר אַלטן חלום און געווינען דעם עסטרייכישן טראָן פאַר איר אַכצן יעריקן זונדל. די קלוגע פרוי איז נישט געווען קיין אַנדערע ווי די פּרינצעסין סאָפיע, די מוטער פון דעם שפּעטערדיקן קייזער פראַנץ יאָזעף. פון איין זייט איז דאָס גאָרנישט געווען אַזאַ לייכטע זאַך, מחמת עס זענען געווען נענטערע בעלנים.

היות דער קייזער פערדינאַנד איז געווען אַ מענטש אַ לא יצלח, האָט מען אים געצוווּנגען אַבדיקירן און דעם 2טן דעצעמבער 1848 איז זיין אַכצן־יעריקער ברודער־זון אַרויף אויפן טראָן, אַלס קייזער פראַנץ יאָזעף דער ערשטער.

דער יונגער קייזער און זיין מיניסטער־פּרעזידענט, פּרינץ שוואַר־צענבערג, האָבן באַלד פאַרגעסן אַלע זייערע הבטחות און אין אַ פּאָר גע־ציילטע חדשים, דעם 7טן מערץ 1849, איז דער קרעמזיער רייכסטאַג*) פונאַנדערגעטריבן געוואָרן און אַ צאָל דעפּוטאַטן, וואָס זענען געשטאַנען אויפן שוואַרצן צעטל, האָבן זיך געראַטעוועט דורך אַנטלויפן, אָדער זיי זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין תפיסה.

אָבער די רעוואָלוציע האָט מיט דעם טויט־קלאַפּ פאַרן פּאַרלאַמענטאַ־ריזם נישט אויפגעהערט, להיפוך, פון אַ סאָציאַלער איז זי פאַרוואַנדלט גע־וואָרן מער און מער אין אַ נאַציאָנאַלער. די בלוטיקסטע שלאַכטן זענען אָנגע־גאַנגען אין אונגאַרן. אין פּראָג, ווו עס האָט „געטאָגט" דער סלאַווישער קאָנגרעס, און ווו עס איז אויך אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע, האָט די רעגירונג נאָך אין יוני געוווּנען די אויבערהאַנט. אָבער אין אונגאַרן איז די מלחמה אָנגעגאַנגען כמעט אַ גאַנץ יאָר, און נאָר אַ דאַנק דער רוסי־שער אַרמיי מיט גענעראַל פּאַסקעוויטש בראש, איז עס געלונגען צוריק צו דעראָבערן אונגאַרן, וואָס האָט פריער דערקלערט זיך אַלס אַ זעלבּ־שטענדיקע מלוכה. די קאַפּיטולאַציע פון אונגאַרישן מיליטער איז פּאָר־געקומען אין מיטן אויגוסט 1849. די אונגאַרישע טרופּן האָבן קאַפּיטו־לירט נישט פאַר דער עסטרייכישער אַרמיי, נאָר, אַלס דעמאָנסטראַציע, פאַרן רוסישן גענעראַל רידיגער, וואָס האָט געמאָלדן דעם צאַר: „אונגאַרן ליגט באַזיגט אונטער די פיס פון אייער מאַיעסטעט". און כאָטש דער קאַמף איז נאָך אָנגעגאַנגען לאַנגע וואָכן, האָט אָבער דער זיג פון רוסלאַנד געבראָכן דעם נאַקן פון דער אונגאַרישער רעוואָלוציע.

אַן אַנדערע, לאַנגע און אַן רחמנותדיקע מלחמה איז אָנגעגאַנגען אין איטאַליע, ווו דער אַלטער ראַדעצקי האָט צוריק געוווּנען נישט נאָר די פּאַרלוירענע פּראָווינצן, נאָר אויך דעם רעספּעקט פאַר דער עסטרייכי־שער אַרמיי.

*) נאָך די אָקטאָבער־שלאַכטן אין ווין איז דער רייכסטאַג איבערגעטראָגן געוואָרן קיין קרעמזיע, אַ שטעטל אין מערן.

ווי אין אַלע לענדער, האָט „דער פרילינג פון די פעלקער" זיך אויך אָפּגערופן אויף גאַליציע. אין לעמבערג האָבן זיך אָפּגעשפּילט ענטו־זיאַסטישע סצענעס, ווען דער פּוילישער דעמאָקראַט פראַנצישעק סמאָלקאַ האָט פאַרגעלעזן די פּראָקלאַמאַציע, וואָס האָט פאַרלאַנגט נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, פרייהייט און גלייכקייט פאַר אַלעמען, אָן אונטערשיד פון גלויבן. די פּעטיציע צום קייזער צו גאַראַנטירן גלייכע דעמאָקראַטישע רעכט איז אונטערגעשריבן געוואָרן אויך דורך די יידן. אין דער דעלעגאַ־ציע, וואָס האָט געזאָלט גיין קיין ווין מיט דער פּעטיציע האָבן זיך באַ־טייליקט די יידישע פירער ד״ר אָסוואַלד מענקעס, יהושע לייב האָראָוויץ, מאיר רחמיאל מיזעס, א. ראָזנער, ראַבינער קאָהן און ר׳ בעריש מייזעלס פון קראָקע. דער קייזער, וואָס האָט אויפגענומען אַ טייל פון דער דעלע־גאַציע, האָט צוגעזאָגט צו רופן דעם סיים אין גאַליציע צום טערמין פון 20סטן אַפּריל 1848. אין די וואַלן צום סיים זענען געווילט געוואָרן די יידן: מאיר רחמיאל מיזעס און ד״ר נתן סאָבעל פון לעמבערג, מאיר קאַליר פון בראָד און ד״ר ראָזענעק פון קאָלאָמיי. אָבער דער סיים איז זיך קיין מאָל נישט צוזאַמענגעקומען, מחמת די רעוואָלוציע איז געגאַנ־גען שנעלער ווי די פּאָליטיקער. אָנשטאָט אַ סיים האָבן די פּוילישע פירער אָרגאַניזירט אַ „ראַדאַ נאַראָדאָוואַ" (נאַציאָנאַל־ראַט), אין וועלכן דער יידישער צד איז געווען פאַרטרעטן דורך ד״ר אָסוואַלד מענקעס, דעם באַנקיר אברהם מיזעס און דעם סוחר מאיר מינץ. אויך אין דעם שטאָט־ראַט אין לעמבערג זענען געווילט געוואָרן אַכט יידן, דערונטער: ד״ר עמאַ־נועל בלומענפעלד, מרדכי דובס און מאיר רחמיאל מיזעס, — אַלץ נעמען, וואָס מיר וועלן געפינען אין כמעט אַלע פאַרטרעטערשאַפטן פון יענער עפּאָכע.

און ווען עס איז געקומען די רעאַקציע, און די פעלקער האָבן רע־וואָלטירט, האָבן די יידן געקעמפט אויף די באַריקאַדן פון לעמבערג אין נאָוועמבער 1848, און האָבן מקריב געווען זייערע לעבנס פאַר סאָ־ציאַלע און נאַציאָנאַלע פרייהייטן, געקענט איינאיינעם מיט זייערע פּוילישע שכנים. אין לעמבערג איז געווען אַ ספּעציעלע יידישע אָפּטיילונג אונ־טער דער קאָמאַנדע פון עמאַנועל גאַל, און צווישן די ערשטע געפאַלענע אויף די באַריקאַדן איז געווען אַ לערער פון דער יידישער שולע, דער קעמפער איגאַלניצער. אָבער די עסטרייכישע חיילות האָבן זיך אַרויס־געוויזן שטאַרקער. דעם 2טן נאָוועמבער 1849 האָט דער קאָמענדאַנט

פונעם עסטרייכישן מיליטער, גענעראַל האמערשטיין, באָמבאַרדירט די שטאָט מיט אַרטילעריע אַזוי לאַנג ביז זי האָט זיך אונטערגעגעבן, און פונקט ווי זיין קאָלעגע גענעראַל האַינוי אין אונגאַרן, האָט ער אויך נישט געזשאַלעוועט קיין רציחות. די עקזעקוציע איבער די צוויי רעוואָלוציאָנערן, קאַפּושטשינסקי און ווישניעווסקי, האָט אויך ביי די יידן אַרויסגערופן ביטערע דעמאָנסטראַציעס. אַ יידישע בראָשור „משפט מות״ באַוויזט, ווי ווייט די יידן האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט די פרייהייטקעמפער אין לעמבערג.

ענלעך איז עס אויך צוגעגאַנגען אין קראָקע. אָבער דאָ מוזן מיר אַ ביסל צוריקגיין אין אונדזער באַשרייבונג, מחמת מיר האָבן ביז איצט געשענקט ווייניק וואָס אויפמערקזאַמקייט דעם מערב־טייל פון גאַליציע. די סיבה דערפון איז געווען, וואָס קראָקע האָט געהאַט אַן אַנדערן געשיכטלעכן גאַנג ווי לעמבערג. פון 1815 אָן איז קראָקע געווען אַן אומאומאָפּהענגיקער פּראָטעקטאָראַט. אָבער אומאָפּהענגיק אָדער נישט, האָט קראָקע געהאַט אַ לאַנגע אַנטיסעמיטישע טראַדיציע. זינט 1495, ווען די יידן זענען געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן קראָקע און באַזעצן זיך אין קאַזמיר, האָבן די קראָקעווער „מיעשטשאַנעס״ פאַרווערט די יידן צוריקצוקומען קיין קראָקע. אויפן קאַזמיר האָבן זיך אויך מיט דער צייט אויסגעבילדעט צוויי באַזונדערע קוואַרטאַלן, אַ יידישער און אַ גויאישער, וואָס זענען מיט פאַרקאַנעס און מויערן געווען אָפּגעטיילט איינער פון צווייטן. אין 1787 האָבן אין יידישן קאַזמיר געלעבט נישט מער ווי 3.500 יידן. בשעת דער עסטרייכישער אָקופּאַציע האָבן פיר פּראָצענט יידן געלעבט אין קראָקע גופא, אַרום זעקס פּראָצענט אין גויאישן קאַזמיר, און די רעשט, אין צאָל פון 3.928, אין יידישן קאַזמיר. אין זיין אָפט ציטירטן ווערק „אויס צוויי יאָרהונדערטן״, האָט נ. מ. געלבער געווידמעט אַ ספּעציעלן קאַפּיטל פאַר דער געשיכטע פון די יידן אין דער רעפּובליק פון קראָקע אין די יאָרן 1815—1846, אין וועלכן ער האָט באַזונדערס באַטאָנט דעם אָנטייל פון די יידן אין דעם קראָקעווער קאַמף פאַר אומאָפּהענגיקייט. אויך בשעת איר אומאָפּהענגיקייט האָט קראָקע באַוויזן, אַז זי דאַרף נישט לערנען פון קיינעם ווי אַזוי צו רודפן יידן. דער ראש פון סענאַט, גראַף וואָדזשיצקי האָט אין 1817 אַרויסגעגעבן אַ סטאַטוט פאַר די „סטאַראָזאַקאָננע״ (אַלט־גלויביקע), וואָס האָט אויפגעלייזט דעם קהל און האָט פאַרבאָטן דעם יידישן האַנדל און מלאכות אין דער שטאָט קראָקע,

אויסער אויף ירידים. די יידן האָבן נישט געטאָרט וווינען אפילו אין דעם קריסטלעכן טייל פון קאַזימיר. כדי אָפּצווענדן די האַרבע גזירות פון קראָקעווער סענאַט, האָבן די יידישע פאַרטרעטער אָפּט געמוזט אָפּע־לירן צו די דריי פּראָטעקטאָרן, הויפּטזעכלעך צו עסטרייך. אין יאָר 1833 איז געעפנט געוואָרן אַ יידישע שולע און די יידן האָבן באַקומען דאָס רעכט צו באַזוכן אויך קריסטלעכע שולן. אָבער אין אַנדערע הינזיכטן איז דער אַלטער קורס אָנגעגאַנגען כמעט ביז ערב דער רעוואָלוציע.

אין יאָר 1846 האָט דער רעוואָלוציאָנער־פּאַטריאָט וולאַדיסלאַוו מיע־ראָסלאַווסקי צוגעגרייט אַ פּוילישן אויפשטאַנד אין פּויזן. ער איז אָבער אַרעסטירט געוואָרן דורך דער פּרייסישער מאַכט און אָנשטאָט אַן אַלגע־מיינעם אויפשטאַנד, האָט נאָר קראָקע אַליין געקענט אויפהויבן די פאָן פון רעוואָלוציע. אַ סאָציאַלער אויפשטאַנד פון די פּויערן אונטער דער פירונג פון יאַן שעלאַ, אין וועלכן די עסטרייכישע פּראָוואָקאַציע האָט בלי ספק געהאַט איר אָנטייל, האָט געזאָלט אָגלערנען די פּריצים, אַז זיי זאָלן נישט הוליען צופיל, מחמת זיי האָבן דעם „שונא" ביי זיך אין דער היים. דער פּויערן־אויפשטאַנד איז געווען זייער אַ בלוטיקער און פול מיט גרויליקע אינצידענטן. די פּויערן האָבן דערהרגעט 146 פּריצים און אַרומגעטראָגן זיך מיט די מתים אין אַ דעמאָנסטראַציע צום קייזערלעכן קרייז־אַמט אין טאַרנאָוו. די רעגירונגס־באַאַמטע האָבן דערפון, ווייזט אויס, נישט געהאַט קיין גרויס עגמת נפש, און זיי האָבן אפילו געפּרוווט באַנוצן זיך מיט דער יידישער אומצופרידנקייט, כדי אויפצורייצן די פּויערן קעגן דער נאַציאָנאַליסטישער שליאַכטע. דאָס איז זיי נישט גע־לונגען, און אַ חוץ אַ פּאָר פּאַרקויפטע נשמות, וואָס האָבן זיך געלאָזט גוט באַצאָלן פאַר זייער פּראָוואָקאַטאָרישער אַרבעט, זענען די יידן געבליבן טריי דער פּוילישער רעוואָלוציע.

ווען דער פּוילישער רעוואָלוציאָנערער פאַרבאַנד Konfederacya Powszechna Narodu Polskiego איז געגרינדעט געוואָרן, האָבן די אויפגעקלערטע יידן ענטוזיאַסטיש זיך אָנגעשלאָסן אין איר. אין אָנ־הויב 1846 האָט טיסאָווסקי איבערגענומען די דיקטאַטור און האָט אַרויס־געגעבן אַ פּראָקלאַמאַציע צו די „ברידער איזראַעליטן" מיט דעם צוזאָג פון גלייכבאַרעכטיקונג. אַ צאָל יידן האָבן מוטיק געקעמפט ביי דער זייט פון די פּאָליאַקן און האָבן זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט ביי דער דעראָבערונג פון אַ בריק איבער דער ווייסל. אָבער די רעוואָלוציע איז

באַלד דערשטיקט געוואָרן פון עסטרייכישע חיילות, און די יידישע פּי־רער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג זענען אַרעסטירט געוואָרן אינאיינעם מיט די פּוילישע. עסטרייך האָט אַנעקטירט די קראָקעווער רעפּובליק און די יידן האָבן באַצאָלט אַ שטראָף־קאָנטריבוציע פון 50.000 ריינישׂ.

דאָך איז דער פריהייט־דראַנג נישט דערשטיקט געוואָרן. אין 1848 האָבן זיך די יידן באַטייליקט אין די דעלעגאַציעס, וואָס זענען אויסגע־ווילט געוואָרן פון קראָקע. אויך אין די קאַמפן האָבן די יידן אָנטייל גענומען. פון די זעקס אָפּטיילונגען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע איז די פינפטע געווען אַ יידישע.

ווי געזאָגט, האָט דער קייזער צעטריבן דעם רייכסטאַג, ווען די פעדעראַטיווע קאָנסטיטוציע איז שוין געווען פאַרטיק און ער האָט בלויז געדאַרפט זי אונטערשרייבן. די גאַנצע אַרבעט פון רייכסטאַג איז געוואָרן אַן איבעריקע, ווייל דעם 4טן מערץ 1849, אַ דריי טעג איידער דער רייכסראַט איז צעטריבן געוואָרן, איז אַ נייע, פריש־געבאַקענע קייזער־לעכע קאָנסטיטוציע געוואָרן אַרויסגעצוווּנגען פון דער מאַכט. דאָס איז געשען אין דער זעלבער צייט, ווען אין די פּראָווינצן איז דורכגעפירט געוואָרן אַ „פּאַציפיקאַציע״ מיט ביקסן און תליות, באַגלייט פון קרעכצן, געוויין און גסיסה פון אומצייליקע קרבנות. הפּנים דער קייזער האָט זיך גענומען פילן זיכער אויפן טראָן, טראָץ די באַריקאַדן און אָפענע מלחמות אין אַלע עקן פון דער מאָנאַרכיע. גרויסע פירער פון דער רעוואָלוציע זענען געקעפּט געוואָרן. דער יידישער רעוואָלוציאָנער־פירער פישהאָף איז פאַרשפאַרט געוואָרן אין תפיסה, פון וועלכער ער איז אין אַ יאָר אַרום באַפרייט געוואָרן, אָבער מ׳האָט ביי אים צוגענומען זיינע פּאָליטישע רעכט (ביז צום יאָר 1867). (ד״ר אַדאָלף פישהאָף האָט שפּעטער, בעת זיין באַזוך אין לעמבערג געקריגן אַ גרויסע אָוואַציע, אין וועלכער עס האָבן זיך אויך באַטייליקט קריסטן און יידן. ער האָט אונטערשטיצט די פּלע־נער פון דעם בראָדער פינאַנסיסט קאָליר צו אָרגאַניזירן אַ לאַנדווירט־שאַפטלעכע געזעלשאַפט פאַר די יידן פון גאַליציע).

דער פירער פון סטודענטן־לעגיאָן, אברהם גאָלדמאַרק איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, אָבער ער איז געוואָרנט געוואָרן אין צייט און איז אַנטלאָפן קיין אַמעריקע. נישט אַלעמען איז דאָס געלונגען צו טון.

און כאָטש דער יונגער קייזער האָט באַוויזן, אַז ער קען די מלאכה

פון שיסן, האָט ער אָבער צו דער זעלבער צייט כלומרשט זיך געהאַלטן ביי אַ מילדער געזעצגעבונג. אמת, אַנשטאָט די קרעמזיער טענדענצן צו באַשאַפן אַ פעדעראַלע רעגירונג, האָט ער אויפגעצווונגען זיין אייגענע קאָנצעפּציע פון אַ צענטראַליסטישע און אומטיילבאַרע מאָנאַרכיע אונטער דער השגחה פון ווין, אין תוך איז אָבער די קייזערלעכע קאָנסטיטוציע געווען אַ האַלב ליבעראַלע. זי האָט אָנערקענט די גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע בירגער, איינשליסלעך די יידן. אָבער דאָס ביסל ליבעראַליזם איז באַלד פאַרשטערט געוואָרן. אַ נייער רייכסטאַג איז גערופן געוואָרן אין דעצעמבער 1850, און פרייהער קאַרל פרידריך פאָן קיבעק איז נאָמינירט געוואָרן פאַר פּרעזידענט פון רייכסראַט*). דאָס איז אָבער געווען נישט מער, ווי אַן אויגן־פאַרבלענדניש.

גלייך פון אָנהויב האָט דער פּרעזידענט פון רייכסראַט געמאַכט אַ דערקלערונג, אַז דער קייזער האָט די גאַנצע מאַכט אין זיינע הענט און אַז דער רייכסראַט איז נישט מער ווי אַ בעל יועץ, אַ „באַראַטונג־קאַמער". זיין דעפיניציע פון רייכסראַט איז געווען, אַז ער איז „נישט מער ווי די קאַנצעלאַריע פון קייזער". איבעריקנס איז די פריערדיקע ליבעראַלע קאָנסטיטוציע באַלד פאַרשוווּנדן און דער קאַבינעט האָט באַקומען אַ באַ־פעל אויסצואַרבעטן אַ נייעם „פּראָיעקט". אין דעם פּראָיעקט פון אַ נייער קאָנסטיטוציע, וואָס דער מיניסטאָרן־ראַט און דריי מיטגלידער פונעם רייכסראַט (דער „ראַט פאַר דער רעוויזיע פון דער קאָנסטיטוציע"), האָבן אויסגעאַרבעט און פאַרגעלייגט דעם קייזער, איז דער פּונקט וועגן יידישער גלייכבאַרעכטיקונג דווקא יאָ געווען איינגעשלאָסן. אָבער דער קייזער, וואָס האָט כמעט אַלע אַנדערע פּונקטן אָנגענומען אין אָריגינאַל, האָט דעם פּונקט וועגן דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג אויסגעשטראָכן. די נייע קאָנסטיטוציע מיט איר אַנטי־יידישן כאַראַקטער איז אַריין אין קראַפט דעם 31סטן דעצעמבער 1851. הפנים, אַז דער קייזער האָט זיך אויסגעניכטערט פון זיין ליבעראַלן רויש, און דער חלום וועגן דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג איז דערווייל געבליבן אַ פוסטער קאָשמאַר.

*) דער „רייכסראַט" איז געווען אַ מין ערזאַץ פאַרן „רייכסטאַג", און האָט באַדייט טאַקע נישט מער ווי אַ „ראַט" אַנשטאָט אַ פּאַרלאַמענט. דער קייזער איז באַשטאַנען אויף דעם נאָמען אויך שפּעטער ווען אין 1861 האָט אַנטאָן פאָן שמערלינג פאַרגעלייגט אַ מער ליבעראַלע, די אַזוי גערופענע פעברואַר־קאָנסטיטוציע. דער נאָמען איז שוין אַזוי פאַרבליבן.

דער „גוטער״ און „פרומער״ קייזער פראַנץ יאָזעף איז אין זיינע יונגע יאָרן געווען אַ תלין און אַ בלוטיקער טיראַן. ער האָט געהאַט אויף זיין געוויסן מער מענטשן־לעבנס אין די ערשטע צען יאָר פון זיין רעגירן, ווי וועלכער נישט איז אַנדערער דעספּאָט אויפן עסטרייכישן טראָן. נאָך דער דערשטיקונג פון דעם אויפשטאַנד אין אונגאַרן, האָבן די קייזערלעכע גענעראַלן אַזוי געבושעוועט און געשאָכטן אין דעם פאַר־וויסטן לאַנד, אַז גאַנץ אייראָפּע איז פאַרציטערט געוואָרן פונעם עסט־רייכישן באַרבאַריזם. אומעטום האָט דעם קייזערס שווערד געשניטן טיפע ווונדן, וואָס האָבן געצייטערט לאַנגע יאָרן און זענען קיינמאָל נישט פאַרשוווּנדן פון פאָלקס־קערפּער. עס איז כדאי דאָס צו דערמאָנען, ווייל וואָס לענגער דער קייזער האָט געלעבט, אַלץ מער האָט זיך די לעגענדע פאַרשפּרייט וועגן זיין גוטסקייט און מענטשלעכקייט. און לעגענדעס מאַכן אַמאָל געשיכטע. אין דער אמתן איז ער אין זיין הערשאַפט געווען די פאַרקערפּערונג פון דער עסטרייכישער ביוראָקראַציע, וואָס איז געווען אַ צוזאַמענמיש פון רשעות און טפּשות. נאָך דער דערשטיקונג פון דער רעוואָלוציע, איז דער אַלטער מעטערניכישער סיסטעם פון שפּיאָנאַזש צו־ריק אַריין אין קראַפט און די אַלטע פּאָליציייאישע מעטאָדן זענען באַנייט געוואָרן. אפילו די פּריוואַטע פּאָסט איז געווען צענזורירט. אַלץ האָט אָנ־גענומען אַ קייזערלעכן שאַבלאָן. אויב עמיצער האָט חלילה זיך געוואָלט פאַרלאָזן אַ „רעוואָלוציאָנערע״ באָרד, איז ער זיכער געווען אַריינצופאַלן אין תפיסה. אפילו די וואָנצעס האָבן געמוזט צוגעשוירן ווערן לויט די באַשטימונגען פון די ווינער מושלים.

און נאָך איין לעגענדע דאַרף מען בוחן ובודק זיין. פראַנץ יאָזעף איז ממש פאַרגעטערט געווען ביי יידן. אויב עס איז ערגעץ ווו געווען אַ יידי־שער מלך נאָך חורבן בית שני, איז דאָס געווען דער „יידישער קייזער״ פראַנץ יאָזעף. דאָס פאָלק האָט שטאַרק געגלויבט אין זיין ליבע צו יידן, און די פאַראיינען פון גאַליציישע יידן אומעטום, ספּעציעל אין אַמעריקע, פלעגן פייערן דעם קייזערס געבורטס־טאָג ווי עפּעס אַ גרויסן נאַציאָנאַלן יום־טוב. עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערן די חסידישע לעגענדע פון רבין ר׳ בער פון ראַדאשיץ, וועמענס מופת בשעת פראַנץ יאָזעף איז נאָך גע־ווען אַ קרוין־פּרינץ, האָט אַזוי שטאַרק געווירקט אויפן מלך, אַז ער האָט „די גאַנצע צייט פון קיניגן, בערך 70 יאָר, געהאַט אַ דאַנקבאַר האַרץ פאַר די יידן, וועלכע האָבן אים פאַר זיין גוטהאַרציקייט און פאַר

זיינע טובות, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן צו יידן, שטאַרק פאַרערט און פאַרגעטערט" (משה פיינקינד — „גוטע יידן אין פוילן", ז' 393). און מיר האָבן דאָך געזען אויף דעם ביישפּיל פון דער קאָנסטיטוציע פון יאָר 1851, ווי ווייט זיין פילאָסעמיטיזם האָט דערגרייכט! דער פּאַראַגראַף וועגן די רעכט פאַר יידן, וועלכן זיין אייגענער מיניסטער־פּרעזידענט, פּרינץ שוואַרצענבערג האָט אונטערגעשטיצט, האָט דער קייזער געשטראָכן און אָנשטאָט דעם ברייטן פאַרנעם פון אַן אַלגעמיינער גלייכבאַרעכטיקונג, האָט ער אָנגענומען דעם פּאַראַגראַף, אַז אַלע בירגער זענען גלייך פאַרן געזעץ, אָבער עס פאַרשטייט זיך, אַז די יידן זענען געבליבן אין דרויסן, מחמת זיי זענען נישט געווען קיין בירגער. אָט אַ ביישפּיל פון אַ טיפּישן עסטרייכישן דריידל.

די אַלגעמיינע פרייהייט פון רעליגיע פון איין זייט און דאָס, וואָס די יידן זענען נישט געווען קיין בירגער פון דער צווייטער זייט, איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישער ביוראָקראַטישער שווינדל פון אַ טיפּיש עסטריי־כישער „נישט אַהער און נישט אַהין" פּאָליטיק, און האָט גורם געווען צו אַ גרויסער צעמישונג אומעטום. מיינסטנס האָבן די באַאַמטע דאָס אויסגעטייטשט אַלס אַ צוריקגאַנג צו די יאָזעפינישע דעקרעטן. ספּעציעל איז די פראַגע פון יידישן באַזיץ און קויף פון קריסטלעכע הייזער און פעלדער געווען אַ פּרעסנדיקע, ווייל שטיצנדיק זיך אויף די געזעצן פון דער רעוואָלוציאָנערער און נאָך־רעוואָלוציאָנערע תקופה, האָבן יידן עובר געווען די אַלטע גזירות און האָבן אָנגעקויפט הייזער און אַנדערע גי־טער. אין זיין באַשלוס פון 1853 האָט דער העכסטער ווינער געריכט־הויף געפּסקנט, אַז אויפן יסוד פון קייזערלעכן פּאַטענט פון 4טן מערץ 1849, זענען אַלע באַגרענעצונגען פון פאַר דעם יאָר 1848 ממילא אָפּ־געשאַפט געוואָרן. אָבער דער „פילאָסעמיטישער" קייזער האָט ווידער־אַמאָל פאַרבויגן מיט דעם גראָבן פינגער, און אין זיין פאַראָרדענונג פון 2טן אָקטאָבער 1853, האָט ער אַנטשידן, אַז אין דעם פּרט פון „באַזיצ־פעאיקייט" זענען די יידן אָפּהענגיק פון די געזעצן פון פאַר 1848. דער קייזער איז נישט געווען קיין גרויסער פריינט פון יידן משני טעמים:

ערשטנס, האָבן זיין שטרענגע קלעריקאַלע דערציאונג און די הויף־טראַדיציעס אים פאַרשטעלט די אויגן פאַר אַ יעדן געדאַנק פון טאָלע־ראַנץ לגבי די יידן. און שנית, האָט דער קייזער געהאַלטן, אַז יעדער ייד איז אַ רעוואָלוציאָנער. דער קייזער האָט געגלויבט באמונה שלמה,

אַז יידן זענען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם אויפשטאַנד אין ווין און אין אַנדערע ערטער. פאַרשטייט זיך, אַז די ביידע פאַקטאָרן זענען געווען ווי אַן אייזערנער פלויט אַנטקעגן אַלע פּעטיציעס, דעפּוטאַציעס און שליחותן, וואָס האָבן אים געוואָלט באַאיינפלוסן, אַז ער זאָל זיין מער פריינטלעך צו די יידן. אַ גוטע, כאַטש אפשר אַ צו שאַרפע אָפּשאַ־צונג פון דער ראָלע, וואָס פראַנץ יאָזעף האָט געשפּילט אין דער גע־שיכטע, האָט געגעבן אַ היסטאָריקער, וואָס האָט אַלץ כאַראַקטעריזירט אין איין זאַץ: „דער קייזער האָט נישט געהאַט קיין גוטן אָדער אין זיך, מער נישט, ער איז געוואָרן ווייכער און מענטשלעכער נאָך יעדער מפּלה, וואָס איז אים באַפאַלן". „פראַנץ יאָזעף איז געוואָרן פשרהדיק ווען ער האָט מורא באַקומען", זאָגט וועגן אים קאַרל טשופּיק, וואָס האָט אים זייער גוט געקענט. (אין זיין בוך: Franz Joseph I, 1930).

ווי אַזוי מ׳זאָל נישט קוקן אויף דעם דאָזיקן אורטייל, איז אָבער אַ פאַקט, אַז די גרעסטע השפּעה אויף זיינע שפּעטערדיקע, מער ליבעראַלע רעפאָרמען, האָבן געהאַט זיינע פאַרלוירענע מלחמות. זיין טראַגעדיע איז געווען, וואָס ער האָט שטענדיק אַזוי לאַנג געוואַרט און אַזוי פיל שלאַכטן פאַרלוירן, איידער ער האָט איבערגעדרייט דעם דישל פון זיין מלוכהשן וואָגן.

דערווייל האָט אין פראַנקרייך נאַפּאָלעאָן דער דריטער אָנגעהויבן צו רעדן אין נאָמען פון די אונטערדריקטע פעלקער. מיט זיין אונטער־שטיצונג האָבן די פראַנצויזן און די איטאַליענער צעקלאַפּט די עסטריי־כישע אַרמיי אין יאָר 1859, און די מפּלה פון סאָלפערינאָ, וווּ די הויפּט־שלאַכט האָט זיך אָפּגעשפּילט, האָט געצוווּנגען דעם קייזער לויזער צו מאַכן די דעספּאָטישע לייצעס פון זיין רעגירונג. אין דער „אָקטאָבער" פּראָקלאַמאַציע (פון 20סטן אָקטאָבער 1860) האָט דער קייזער געגעבן דעם פאָלק אַ נייע קאָנסטיטוציע, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ קאָמפּראָמיס צווישן אַ פאָלקס פאַרטרעטערשאַפט אין דער מלוכה גופא און פון אויטאָנאָמיע פאַר די פּראָווינצן. אַ נייער רייכסראַט איז גערופן געוואָרן, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי קאַמערן, פון דעם הערן־הויז און דער דעפּוטירטן־קאַמער. די לעצטע איז באַשטאַנען פון פאַרטרעטער פון די „לאַנדטאַגן" (די סיימען פון די פּראָווינצן). ווען דאָס האָט זיך אויסגעלאָזן נישט צופרידנשטעליק פאַר די פעלקער, האָט דער מער ליבעראַלער פּרעמיער אַנטאָן פאָן שמערלינג אויסגעאַרבעט אַ נייעם קאָמפּראָמיס פון לאָקאַלע

„זעלבסטרעגירונגען" און צענטראַלע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, די אַזוי גע־רופֿענע „פֿעברואַר־פֿאַרפֿאַסונג" (26סטער פֿעברואַר 1861), אַ דאַנק וועל־כער עסטרייך איז געוואָרן אַ „קאָנסטיטוציאָנעלע" מאָנאַרכיע.

אָבער די דאָזיקע „הנחות", וואָס האָבן אויסגעזען אַזוי ראַדיקאַל אין די אויגן פֿון די קלעריקאַלן, האָבן ווייט נישט באַפֿרידיקט די נאַציאָנאַלע פֿאָדערונגען פֿון די פֿעלקער. נאָר די דייטשע באַפֿעלקערונג איז געווען „פֿאַרפֿאַסונגס־טריי" און האָט פֿאַראַדירט אונטער דער ליבעראַלער פֿאָן אַלס צענטראַליסטן. אַלע אַנדערע, די אונגאַרישע און סלאַווישע פֿעל־קער זענען געווען „אויטאָנאָמיסטן". דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די קלעריקאַלן האָבן געזיגט, און אַרום 1865 איז די פֿעברואַר קאָנסטיטוציע ווידער אַנולירט געוואָרן.

אָט די קאָנסטיטוציע־מחלוקת האָט אויך געהאַט אַ השפּעה אויף די יידן. געוויסע הנחות האָט מען דאָך געמוזט מאַכן לטובת דער יידי־שער באַפֿעלקערונג, נישט אַזוי פֿיל מאהבת מרדכי ווי משנאת המן. עסטרייך איז געווען פֿינאַנציעל רואינירט און דער פֿינאַנץ־מיניסטער פֿרייהער פֿאָן ברוק האָט זיך באַקלאָגט, אַז מ'קען נישט באַקומען קיין שום הלוואה אין אויסלאַנד צוליב דער שלעכטער באַהאַנדלונג פֿון די יידן. דער, וואָס האָט זיך שטאַרק געווערט קעגן גרעסערע הנחות פֿאַר יידן איז געווען דווקא דער מיניסטער פֿון אינערן, דער פּוילישער גראַף גאָלוכאָווסקי. אָבער פֿונדעסטוועגן האָט מען דאָך עפּעס געמוזט טון פֿאַר יידן אויך.

אין יאָר 1859 האָבן די יידן באַקומען די דערלויבעניש צו האַלטן קריסטלעכע דינסט־מיידלעך. די חתונה־גזירה איז געוואָרן פֿאַרלייכטערט און דאָס האָט מילדער געמאַכט אַ זייער אָנגעווייטיקטע פֿראַגע, ווייל נאָך אין דעקרעט פֿון יאָר 1841, האָט אַ יידיש חתן־כלה פּאָרל נאָר אין אַזאַ פֿאַל באַקומען די „פּאָליטישע" דערלויבעניש חתונה צו האָבן, אויב זיי האָבן אָפּגעגעבן דעם עקזאַמען פֿון לעזן און שרייבן און פֿון אַריטמעטיק. זיי האָבן באַזונדער נאָך געדאַרפֿט צו האָבן אַ צייגעניש פֿון אַ ראַבינער, אַז זיי האָבן אָפּגעגעבן דעם עקזאַמען פֿון דעם שווין פֿריער דערמאָנטן רעליגיעזן קאַטעכיזם „בני ציון". דער רעזולטאַט פֿון אָט די אַלע אַלטע און נייע גזירות איז געווען דער, אַז יידן האָבן „גע־זעצלעך" אויפֿגעהערט חתונה צו האָבן. אָט די טאָפּלטע בוכאַלטעריע פֿון די יידישע חתונות האָט געהאַט אַמאָל אַ קאָמישע, אָבער אָפֿט אויך

אַ טראַגישע זייט. אין יאָר 1842 למשל, האָט מען רעגיסטרירט 117 יידי־שע געזעצלעכע חתונות, אָבער אין דעם זעלבן יאָר זענען געבוירן גע־וואָרן אין גאַליציע און בוקאָווינע נישט ווייניקער ווי 9.768 יידישע קינדער, אַלע „ממזרים״. פאַרשטייט זיך, אַז לויטן יידישן דין זענען דאָס געווען כשרע קינדער פון כשרע טאַטע־מאַמעס, וואָס האָבן גענומען חופה־וקדו־שין כדת משה וישראל, כאָטש זיי האָבן נישט חתונה געהאַט כדת פראַנץ יאָזעף ואויסטריה. דאָס איז געווען אַ ריין גאַליציַשע דערשיינונג, ווו די קינדער זענען מיינסטנס נישט רעגיסטרירט געוואָרן, און שפּעטער, נאָכ־דעם ווי זייער „אומגעזעצלעכקייט״ איז ווי נישט איז סאַנקציאָנירט געוואָרן, האָבן זיי געטראָגן דער מאַמעס נאָמען און נישט דעם טאַטנס, אַלץ לויט דעם עסטרייכישן מנהג פון האַלבע מיטלעןו.

נישט שטענדיק איז אַלץ צוגעגאַנגען אַזוי גלאַטיק. פון צייט צו צייט האָט מען געמאַכט אָבלאַוועס און באַשטראָפט די „אוממאָראַלישע״ חתונות. ספּעציעל האָט דער קראָקעווער סענאַט אַכזריותדיק פאַרפאָלגט די יידישע פּאָרלעך און האָט פאַר זיי געהאַט ספּעציעלע תפיסות, וואָס זענען תמיד געווען פול געפּאַקט. ערשט אין יאָר 1848 האָבן די מאַסן־אַרעסטן אויפ־געהערט. אין יולי 1856 זענען די צווייערלייַ עקזאַמענס בטל געוואָרן, אָבער מ׳האָט נאָך אַלץ פאַרלאַנגט אַ שול־צייגעניש און אַ באַשטעטיקונג פון אַ ראַבינער, איידער מ׳האָט געגעבן אַ געזעצלעכע הסכמה אויף דער חתונה. ערשט אין 1859 האָבן פאַר די יידן אָנגעהויבן גילטן די זעלבע געזעצן, ווי פאַר אַלע אַנדערע איינוווינער אין עסטרייך. פונדעסטוועגן האָבן די גאַליציַשע יידן כמעט ביז צום אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג ווייניק וואָס געדאַגהט זיך וועגן דער „געזעצלעכקייט״, און זיך ווייטער באַגנוגנט מיט רעליגיעזע חתונות אַליין.

די אַנדערע הנחות זענען אויך נישט געווען מער ווי האַלבע מיטלען אַקעגן דעם אַלטן חולאת פון אומטאָלעראַנץ. עס האָט געדויערט ביז 1860 בטל צו מאַכן די גזירה, אַז יידן טאָרן נישט עדות זאָגן קעגן קריסטן.

ערשט די שמערלינג־פאַראָרדענונג פון ערשטן מערץ 1861 האָט גע־מאַכט אַ דורכברוך אין דער מויער פון די אַנטי־יידישע גזירות. יידן האָבן באַקומען אַקטיווע און פּאַסיווע וואַל־רעכט צום רייכסטאַג און צום סיים.

זיי האָבן אויך געקענט געוויילט ווערן אין די מאַגיסטראַטן, אָבער אין אַ פּראָפּאָרץ, וואָס זאָל נישט איבערשטייגן אַ דריטל פון די ראַט־מענער. טעאָרעטיש איז אויך דער דעקרעט וועגן „נישט טאָלערירן יידן״

בטל געוואָרן. אָבער דאָס האָט זיך נישט באַצויגן אויף קראָקע און נישט אויף לעמבערג, וווּ די געטאָס זענען געבליבן אין דער פולער קראַפט. די פראַגע פון וווינרעכט אין די צווײ דערמאָנטע שטעט האָט מען איבער־געלאָזט צו דער אַנטשיידונג פון דער „נאַמיעסטניצטווע". אין 1858 איז אַ העלפט שטימען אין „נאַמיעסטניצטווע" געווען לטובת די יידן. אָבער דער נאַמיעסטניק, גראַף אַגענאָר גאָלוכאָווסקי, האָט אָפּגעגעבן זײַן אַנט־שיידעוודיקע שטימע קעגן די יידן. אַ צווייטע אינטערווענץ פון קהל אין יאָר 1863 האָט אויך נישט געהאָלפן.

ערשט אין יאָר 1865 האָט די „נאַמיעסטניצטווע" אויף דער בקשה פון קהל דערלויבט יידן צו וווינען מחוץ דעם לעמבערגער געטאָ: די דאָ־זיקע יידן, וואָס וועלן אָפּשניידן די פאות און אַראָפּוואַרפן די קאַפּאָטעס. עס האָט געדויערט ביז צו דער עמאַנציפּאַציע פון 1867, איידער דער ווױ־נונגס־פאַרבאָט איז בטל געוואָרן. אין דעם זעלבן יאָר איז אויך אָפּגעשאַפן געוואָרן דער פאַרבאָט, אַז יידן טאָרן נישט וווינען אין גרעסערע שטעט. אַזוי למשל, האָבן יידן נישט געטאָרט וווינען אין זשיוויעץ ביז דעם יאָר 1867, און אויך שפּעטער האָבן די יידן זיך נישט געאײַלט קומען אַהין. צווישן די שטעט, וווּ יידן האָבן נישט געטאָרט וווינען זענען געווען: באָכ־ניע, וויעליטשקע, קראָסנע, בזשאָזעוו, יאַסלע און אַנדערע.

אין טאַרנאָוו, גראָדעק, ניי־סאַנדז, סאַמבאָר און יאַרטשעוו האָבן יידן געהאַט פאַרשטאָטישע געטאָס.

אויף דער פּאָזיטיווער זייט דאַרף מען נאָך פאַרנאָטירן, אַז דער פאַר־באָט אַרויסצוגעבן יידישע „דרוקשריפטן" איז אויך בטל געוואָרן, און אין יאָר 1865 זענען יידיש און העברעאיש געשריבענע דאָקומענטן גע־כשרט געוואָרן, אָבער אין תּוך גענומען, איז יידיש און העברעאיש נישט געווען אָנערקענט אַלס גלײַכבאַרעכטיקטע שפּראַכן. אין יאָר 1859 איז אויך די באַגרענעצונג פון אייגנטום־באַזיץ געוואָרן אַנולירט מיטן אויס־נאַם פון קראָקע און לעמבערג, וווּ די יידישע קוואַרטאַלן זענען געווען שטרענג באַוואַכט דורך די פּוילישע באַאַמטע.

אַלע די הנחות און דעקרעטן, וואָס האָבן געזאָלט פאַרלאָזן דעם אַלטן עסטרײַכישן מלבוש, זענען אָבער ווײַט נישט געווען גענוג. קיין איין איינציקע פון די פעלקער האָבן נישט געקאָנט זײַן צופרידן מיט די האַלבע הנחות, וועלכע זענען געקומען צו שפּעט און זענען געווען צו ווייניק, כדי צו באַפרידיקן דעם הונגער נאָך ברויט און פרייהייט פון די ברייטע מאַסן.

ווייזט אויס, אַז עס איז נויטיק געווען אַ נייע פאַרשפּילטע מלחמה מיט גאָר גרויסע מפּלות אויפן שלאַכטפעלד, כדי צו שטעלן דעם קייזער און זיין הויף אויף געזונטע ליבעראַלע פיס. און ווייזט אויס, אַז דער גורל האָט טאַקע רחמנות באַקומען אויף עסטרייך און זי געבענטשט מיט איי־נער פון די ערגסטע מיליטערישע מפּלות ביי סאַדאָווא און קעניגרעץ, אין דעם פּרייסיש־עסטרייכישן קריג. דאָס איז געשען אין יאָר 1866, און אין יאָר 1867 איז עסטרייך געוואָרן באמת אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָ־נאַרכיע און מער ווי איינע, נאָר אַ טאָפּלטע — אַן עסטרייך־אונגאַרישע מאָנאַרכיע.

דער קייזער פון עסטרייך איז געקרוינט געוואָרן מיט דער הייליקער סטעפאַן־קרוין אין בודאַפּעשט, און אַזוי אַרום איז דער קייזער פון עסטרייך געוואָרן קעניג פון אַן אומאָפּהענגיקן אונגאַרן. עסטרייך גופא האָט באַקומען אַ שפּאָגל נייע קאָנסטיטוציע מיט אַ פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים. די קאָנסטיטוציע האָט אויך גאַראַנטירט גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן.

עס איז גראָד מעגלעך, אַז מיט דער צייט האָט זיך דער קייזער און אַ פּאָר פון זיינע מיניסטאָרן דערמאָנט אין אַ מעמאָראַנדום פון אַלטן פעלדמאַרשאַל פּרינץ ראַדעצקי, וואָס האָט פאָרגעשלאָגן, אַז מ׳זאָל שליסן אַ מין קאָמפּראָמיס מיט די יידן מחמת זיי זענען אמתע עסטרייכער אָן שום נאַציאָנאַל־טעריטאָריאַלע אַמביציעס און אַז זיי וואָלטן באמת גע־קענט דינען אַלס קעגנגעוויכט פאַר די שאָוויניסטישע עלעמענטן, וואָס שטרעבן אָפּצורייסן זייערע לענדער פון דער מאָנאַרכיע. יעדנפאַלס האָט זיך אין 1867 דאָס ראָד איבערגעדרייט: די צענטראַלע קייזערלעכע מאַכט איז געווען פאַר יידישע רעכט, אָבער די לאָקאַלע מאַכטן פון די קרוינ־לענדער האָבן זיך געווערט מיט ציין און נעגל אנטקעגן דער יידישער עמאַנציפּאַציע.

VI

יידן, פּאָליאַקן און רוטענער

די השכלה איז געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פון דער דייטשער קולטור. אין דער צייט, ווען העברעאיש איז געווען די ליטעראַרישע שפּראַך, איז דייטש געווען די קולטור־שפּראַך פון דער אויפגעקלערטער יידישער אינטע־

ליגענץ. די אַסימילאַציע, און אויך די פּאָליטישע אָריענטירונג, זענען געגאַנגען איז דער ריכטונג פון דייטשלאַנד און עסטרייך און ממילא האָבן זיי געטראָגן אַ דייטש ליבעראַלן און צענטראַליסטישן כאַראַקטער. שוין אין די יאָרן פון קאַמף פאַר פאָרשריט, און באַזונדערס נאָך דער רעוואָלוציע פון 1848, זענען אַנטשטאַנען פאַרשידענע פאַראיינען פאַר פאַרשפּרייטן קולטור צווישן די יידישע מאַסן. אַלס מוסטער האָבן געדינט די קלובן פאַר אויפקלערונג, ווי למשל דער „פאַראיין צו פאַרשפּרייטן אויפקלערונג", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך יעקב באָדעק, אברהם מענדל מאָהר און ראָזענשטיין אין לעמבערג, די „געזעלשאַפט פון די איזראַעליטן" אין קראָקע אונטער דער אָנפירונג פון ד"ר יאַקובאָוויטקי, דער פאַראיין אין סטאַניסלע אונטער דער אָנפירונג פון לעאָ סאַקס און קריסטיאַנפּאָלער, און אַנדערע השכלה פאַראיינען, לעזע־זאַלן, אָוונט־שולן אאַ"וו.

דער ערשטער דייטש־אָריענטירטער פאַרבאַנד, וואָס האָט אויסגעאיבט אַ פּאָליטישע און דערציערישע השפעה אויף די גאַליצישע יידן, איז געווען דער „שומר ישראל"־פאַראיין, געגרינדעט אין די יאָרן 1868—1869 דורך ד"ר פיליפּ מאַנש, ראובן בירער און ד"ר יוסף קאָהן. דער פּראָגראַם פון פאַראיין איז געווען צו פאַרשפּרייטן אויפקלערונג און לערנען די מאַסן זייערע פּאָליטיש־סאָציאַלע פליכטן. זיין פּאָליטישע אָריענטירונג איז געווען, ווי שוין דערמאָנט, די דייטש־ליבעראַלע „פאַרפאַסונגסטרייע", וואָס מיינט אַ פּראָ־עסטרייכישע און צענטראַליסטישע ריכטונג. דער פּאַרטיי־אָרגאַן פון דער דייטש־אַסימילאַטאָרישער באַוועגונג איז געווען דאָס צוויי־וואָכנבלאַט Der Israelit, פון וועלכן פיליפּ מאַנש איז געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר. דאָס דאָזיקע בלאַט האָט מאַריך ימים געווען ביז 40 יאָר, אַ לאַנגע צייט סיי פאַר אַ באַוועגונג, סיי פאַר אַ צייטונג אין יענער עפּאָכע.

אָבער די דייטש־עסטרייכישע אָריענטאַציע האָט נישט געקענט איבערלעבן געוויסע טענדענצן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען, נאָכדעם ווי גאַליציע האָט באַקומען איר אויטאָנאָמיע. די יידישע יוגנט האָט אָנגעהויבן באַזוכן פּוילישע שולן, און ממילא האָט די דייטשע אַסימילאַציע געמוזט אָפּטרעטן לטובת דער פּוילישער. דער „הייליקער פּאַטראָן" פון דער פּוילישער אַסימילאַציע איז געווען דער איינגעוואַנדערטער פון קאָנגרעס־פּוילן ד"ר בערנאַרד גאָלדמאַן, דער העלד פון פּוילישן אויפשטאַנד פון יאָר 1863. פאַרשיקט קיין סיביר, איז אים געלונגען

צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און נאָך רייזעס אין אַנדערע לענדער, האָט ער זיך באַזעצט אין לעמבערג אין יאָר 1870, ווו ער האָט געקראָגן דאָס היימאַטרעכט. דאָ האָט ער באַלד אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן דעם „דורשי־שלום״, אַ קאָנקורענץ פאַראייניקונג קעגן „שומר ישראל״. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „Zgoda״. איר הויך־פונקט האָט די פוילישע אַסימילאַציע דערגרייכט אין די יאָרן 1880—1890 און די „אגודת־אחים״ האָט איבערגענומען די פירערשאַפט פון דער אַסימילאַטאָרישער באַוועגונג. איר אָרגאַן איז געווען „Ojczyzna״. עס איז אינטערעסאַנט צו וויסן, אַז דער זשורנאַל האָט אויך געהאַט אַ העברעאישע אָפּטיילונג „המזכיר, אהבה לארץ מולדתו״, וואָס איז געווען רעדאַקטירט דורך יצחק אהרן (איזידאָר) בערנפעלד (ער איז אויך דער מחבר פון דער העברעאי־שער בראָשור „די קליינשטעטלדיקע אסיפה״). אביגדור מערמעלשטיין איז געווען מיטרעדאַקטאָר פונעם העברעאישן אַסימילאַטאָרישן צווייוואָכנבלאַט „האוהב עמו וארץ מולדתו״*).

די מיינסטע אַסימילאַטאָרישע פירער, ווי: ד״ר פיליפּ צוקער, עמיל ביק און אַנדערע זענען איבערגעשפּרונגען דעם פּלויט פון דייטש־נאַציאָנאַלן גאָרטן, און זענען מיט אַ לייכט האַרץ אַריין אין דעם פּוילישן אַסימילאַטאָרישן לאַגער. די אַסימילאַטאָרן האָבן גענומען גרינדן זייערע „גאָלדמאַנווער־קעס״ — שולן, לעזע־זאַלן און פאַראיינען, וואָס זייער צוועק איז געווען צו פאַרשפּרייטן אַסימילאַציע צווישן יידן. די אַסימילאַטאָרישע אוניווערזיטעט־סטודענטן זענען געווען אָרגאַניזירט אין פאַראיינען מיטן נאָמען „Zjednoczenie״.

אָבער כאָטש די אַסימילאַטאָרן האָבן געהאַט די פולע אונטערשטיצונג פון די פּוילישע פּאָליטיקער און געקריגן געזיכערטע מאַנדאַטן בעת די וואַלן, האָט זיך פונדעסטוועגן באַלד אַרויסגעוויזן זייער שוואַכקייט. קול־טורעל האָבן זיי קיין מאָל נישט געקענט שלאָגן קיין וואָרצלען ביי די ברייטע פאָלקס־מאַסן, און נאָר אין פּאָליטישע פראַגן פלעגט זיך זיי איינגעבן צו פירן די חסידישע מאַסן פאַר דער נאָז. עס איז זיי אויך געלונגען צו פאַרפּויליש די אַמטן פון קהל און אויך די שולן פאַר יידישע קינדער. אפילו די שול אויפן נאָמען פון אברהם קאָהן האָט איינגעפירט די פּוילישע לער־שפּראַך.

*) דערשינען אין פּזשעמישל אין די יאָרן 1879—1880.

אין קעגנזאַץ צו אַט דער אַקטיווער אַסימילאַציע, האָט די פּאַסיווע אַסימילאַציע דווקא יאָ געהאַט דערפאָלג, פּשוט צוליבן פּוילישן כאַראַק־טער פון לאַנד. פּויליש איז געוואָרן די שפּראַך פון דער יידישער אינ־טעליגענץ, אָבער די אַקטיווע אַסימילאַציע האָט געליטן אַ מפּלה.

(איינער פון די גלענצנדע פּוילישע קריטיקער און זשורנאַליסטן איז געווען ווילהעלם פעלדמאַן, אַ ייד געבוירן אין זבאַראַזש, וואָס אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער זיך פלייסיק באַטייליקט אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ הייסער פּוילישער אַסימילאַטאָר און אפילו זיך געשמדט אויפן טויטנבעט).

די סיבה פאַרוואָס די אַקטיווע אַסימילאַציע איז נישט געלונגען, איז געלעגן נישט נאָר אין די יידישע מאַסן אַליין, וואָס האָבן אויסגעמיטן די אַסימילאַציע, נאָר טאַקע אין די קעגנזייטיקע פּויליש־יידישע באַציאונ־גען אין גאַליציע. כדי צו פאַרשטיין ריכטיק דעם פּראָבלעם, מוזן מיר אַ ביסל מער גרינטלעך אַרומרעדן די גאַנצע פּראַגע.

עס איז שווער צו זאָגן אין וועלכע טיילן פון פּוילן איז די שנאה צו יידן געווען גרעסער. בכלל איז דער מין פון שנאה אַ זאַך, וואָס לאָזט זיך שווער מעסטן און פאַרגלייכן, און בפרט איז אַנטיסעמיטיזם אַ סחורה, וואָס לאָזט זיך גאָר׳ איינגאַנגען נישט וועגן אויף קיין וואָג. אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז ביז אין די אַכציקער יאָרן, האָט די באַפעלקערונג פון קאָנ־גרעס־פּוילן אַרויסגעוויזן מער טאָלעראַנץ צו די יידן, ווי די פּאָליאַקן אין גאַליציע. אין גאַליציע האָבן ביידע נאַציאָנאַליטעטן, די רוטענער און די פּאָליאַקן, וואָס זענען אַליין תמיד געשטאַנען אין קאָנפליקט צווישן זיך, נישט געהאַט קיין חלוקי־דעות אין דער פראַגע פון אַנטיסעמיטיזם. די פּוילישע שליאַכטע האָט אפשר אין ערגעץ נישט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל בייזקייט צו יידן, ווי דווקא אין גאַליציע. אומוויסנדיקע, פאַנאַטישע פּויערן האָבן פון זייער זייט אויך געהאַט די שנאה צו יידן טיף פאַר־פלאַנצט אין זייערע אַנטיסעמיטישע הערצער, און די פאַרשידענע פאַר־טייען האָבן — אַ יעדע נאָך איר אייגענעם נוסח — געהאַט אַן אייגענע גוט פאָרמולירטע פּלאַטפאָרם פון שנאה צו די יידן. אַן אויסנאַם איז נאָר געווען די „דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט" (פּאַרטיי), געגרינדעט פון אַזעל־כע פערזענלעכקייטן, ווי סמאָלקאַ, זשעמיאַלקאָווסקי, דונאַיעווסקי און אַ פּאָר אַנדערע, וואָס האָבן אָבער ביזן יאָר 1848 געהאַט גאָר אַ קליינעם איינפלוס אויף דער פּוילישער געזעלשאַפט, און שפּעטער, ווען זייער השפּעה

האָט דערגרייכט אַ גרעסערע פּאָפּולאַריטעט, האָבן נישט אַלע אירע פירער אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען.

צום גליק זענען אויף דעם אַזוי שוואַרץ געצייכנטן בילד דאָ עטלעכע ליכטיקע שטריכן, און די ליכטיקייט קומט דווקא פון פינצטערע געשע־ענישן. בשעת הדחק האָבן זיך באַוויזן צייכנס פון אַ שטיקל פאַרברידע־רונג. ליידער איז אָבער דער איבערגאַנג פון בין קודש לחול געווען זייער אַ קאַרגער אין דער פוילישער פּאָליטיק. אָט אַזוי, למשל, האָט מען אין די אויפשטאַנדן פון די יאָרן 1831, 1846, 1848 און 1863 געפּראַוועט גאַנץ שיינע פאַרברידערונג־פייערלעכקייטן, אָבער באַלד האָט מען זיך ווידעראַמאָל „אויסגעניכטערט" און מ'איז צוריקגעגאַנגען אויף די אַלטע וועגן פון שנאה.

אין די יאָרן 1856—1860, ווען די ווינער צענטראַל רעגירונג איז שוין יאָ געווען גענייגט צו מאַכן הנחות פאַר יידן, האָט די פוילישע פּרעסע אין גאַליציע אויפגעהויבן אַ ויצעקו, אַז יידן גייען אויסקויפן די הייליקע פוילישע ערד. די גאַנצע פוילישע געזעלשאַפט איז מאָביליזירט געוואָרן צו ראַטעווען די סיטואַציע, נישט צו דערלאָזן, אַז פראַנץ יאָזעף זאָל חלילה מבטל זיין די אַנטי־יידישע גזירות. אַזאַ ערנסטער שרייבער ווי דער היס־טאָריקער פּראָפ׳ ה. שמיט האָט פאַרפאַסט אַ בראָשור פול מיט אַליאַרם, אַז וואָס וועט זיין, אויב די געטאָס זאָלן חלילה ווערן אָפּגעשאַפט. זיין טעזע איז געווען, אַז „די יידן קענען זיך נישט אַסימילירן, מחמת זייערע אידעען, נטיות, אינסטינקטן און צילן זענען נישט האַרמאָניש מיט דער קריסטלעכער געזעלשאַפט". אַזוי האָט מען געפּרעדיקט האַס און געקלונ־גען טרעוואָגע: „יהודים עליך, פוילן!"

דאָס פּראָבלעם איז געווען גאַנץ פשוט:

די פּאָליאַקן זענען שוין געווען צוגעוווינט צו יידישע שקלאַפן, אָבער דער געדאַנק, אַז די יידן קענען ווערן פריי מיט מענטשן גלייך, האָט אויף זיי אָנגעוואָרפן אַ פּחד. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז די פּאָליאַקן האָבן גאַר אַליין נישט געוואָלט, אַז יידן זאָלן זיך אַסימילירן, און האָבן געציטערט פאַר אַ יידישע מאַסן־אַסימילאַציע. זיי האָבן צווישן זיך לגמרי פאַרלייקנט די מעגלעכקייט, אַז די יידן זאָלן זיך קענען אַסי־מילירן, אָבער אין דער עפנטלעכקייט האָבן זיי געליאַרעמט, אַז די יידן ווילן זיך נישט אַסימילירן מיט דער פּוילישער באַפעלקערונג. אפילו מענטשן פון אַזאַ ליבעראַלן שניט, ווי קאַלינקאַ און לעלעוועל האָבן פאַר־

לאַנגט, אַז יידן זאָלן מסכים זיין זיך צו אַסימילירן פאַרן פרייז פון גלייכבאַרעכטיקונג, כאָטש זיי האָבן צוגעגעבן, אַז אַ ביסל זענען אין דעם חייב די פּאָליאַקן פאַר נישט דערנענטערן די יידן צו זיך.

אָבער באַלד איז אין וואַרשע אויסגעבראָכן דער פּוילישער אויפֿשטאַנד פון יאָר 1863 און, די אַטמאָספערע צו יידן איז אין גאַליציע געוואָרן אַ מער פריינטלעכערע. יידישע סימפּאַטיעס און הילף פאַר דער „פּאָווסטאַניע" האָבן געוווּנען פריינט צווישן די פּאָליאַקן, בפרט, אַז די יידישע אינטעליגענץ האָט מיטגעקעמפט אין די מחנות פון די פּוילישע אויפשטענדלער פאַרן זיג פון דער פּוילישער זאַך.

דאָס האָט אָבער אַלץ נישט געשטערט, אַז עס זאָלן אויסברעכן אַנטיסעמיטישע מהומות אין לעמבערג (אין אַפּריל און יוני 1863). אפילו דער אָרגאַן פון דער פּראָוויזאָרישער נאַציאָנאַלער רעגירונג אין אויפשטאַנדישן פּוילן האָט געפונען פאַר נויטיק צו זאָגן שטראָף־רייד פאַר דער אַנטיסעמיטישער האַלטונג פון די גאַליצישע פּאָליאַקן אין אַ צייט פון אַזאַ גרויסער פּוילישער סכנה. אָבער מיט דער מפּלה פונעם אויפשטאַנד האָט אויך דער כלומרשטער „ליבעראַליזם" מפּיל געווען.

עס איז באמת אַ טשיקאַווע זאַך, אַז וואָס מער עסטרייך איז געוואָרן ליבעראַלער צו די יידן, אַלץ מער האָבן די פּוילישע פּאַרטייען, אין גאַליצישן סיים און אין די מאַגיסטראַטן, געדראַפּעט זיך אויף די גלייכע ווענט בטל צו מאַכן די ווינער דעקרעטן, און צו פועלן ביי דער צענטראַלער רעגירונג, אַז מ׳זאָל חלילה נישט פאַרפּלייצן גאַליציע מיט יידישע הנחות. די אויפפירונג פון סיים אין די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן איז זייער באַלערנדיק אין דעם פּרט.

אין דער סעסיע פון סיים פון מערץ 1865, האָט גראַף אגענאָר גאָלוכאָווסקי, וועלכער האָט פריער אַלס דעם קייזערס מיניסטער זיך שווער פאַרזינדיקט קעגן יידן, געוואָלט איצט אָפּוואַשן פון זיך דעם אַנטיסעמיטישן שמוץ מיט אַ ביסל ביליקע זייף, און האָט צו דעם צוועק פאָרגעלייגט אַ געזעץ אין סיים, אַז מ׳זאָל די יידן דערלויבן צו קויפן רעאַלבאַזיץ אין „קעניגרייך גאַליציע און לאָדאָמעריע מיט דעם גרויסהערצאָגטום קראָקע" (דאָס איז געווען דער אָפיציעלער יחוס־טיטל פון גאַליציע, כאָטש נאָך אַלץ נישט דער פולער נאָמען). גאָלוכאָווסקי האָט חלילה נישט דערוואַרט, אַז מ׳וועט דעם פּראָיעקט אָננעמען, און ער איז אין זיין דערוואַרטונג אויך נישט אָפּגענאַרט געוואָרן. די „בייע פרייע פרעסע" אין ווין האָט וועגן

דעם אינצידענט באַמערקט: „עס איז אַ מופת געשען, גאַלוכאָווסקי איז גע־וואָרן אַ ליבעראַל״.

אָבער מער טראַגיש איז געווען אַן אַנדערער פאַל. אין יאָר 1862 האָט די רעגירונג פאַרגעלייגט אַ געזעץ־פּראָיעקט וועגן אַ געמיינדע־אָרדענונג, וואָס האָט נישט געהאַט די געוועלעכע דיסקרימינאַטאָרישע פּאַראַגראַפן קעגן יידן. די סיים־קאָמיסיע, וואָס האָט דעם פּלאַן שטודירט, האָט פאַר־לאַנגט אַ „באַזונדערשטעלונג״ פון די יידן, מחמת זיי, די יידן, האָבן זייערע אייגענע קהילות, ווו קיין קריסטן ווערן נישט צוגעלאָזן. דעריבער וואָלט טאַקע געווען נישט מער ווי ריכטיק, האָבן זיי געזאָגט, אַז אין די „קריסטלעכע״ מאַגיסטראַטן זאָלן נאָר קריסטן אַליין אַנטשיידן איבער „זייערע״ אַנגעלעגנהייטן. אָט דער פּירוש איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן דורכן סיים. ערשט אין יאָר 1866 האָבן די סטאַטוטן פון לעמ־בערגער מאַגיסטראַט (שטאָטראַט) באַשטימט אַ פּראָפּאָרציע פון 20 יידי־שע ראַטמענער צו 80 קריסטלעכע. אַן אַנדערער פּאַראַגראַף האָט אַנטהאַלטן די באַשטימונג, אַז דאָס פאַרמעגן פון דער לעמבערגער שטאָטגעמיינדע זאָל זיין דאָס אויסשליסלעכע אייגנטום פון דער קריסטלעכער (און נישט פון דער יידישער) באַפעלקערונג. דער קייזער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו סאַנקציאָנירן אַזעלכע מאָדנע סטאַטוטן, האָט זיי דער מאַגיסטראַט געמוזט ענדערן, אַז אויב דער געמיינדע־ראַט וועט אַמאָל נישט האָבן 80 קריסט־לעכע מיטגלידער, זאָל מען דאַן וויילן אַ ספּעציעלן „קריסטלעכן קאָמיטעט״ צו פאַרוואַלטן די קריסטלעכע שטאָט־פאַרמעגנס.

פון דעם קען מען זיך פאָרשטעלן, וואָס די יידישע דעפּוטאַטן אין סיים האָבן געהאַט אויסצושטיין פון זייערע פּוילישע און רוטענישע קאָלעגן. דער סיים, וואָס איז געעפנט געוואָרן אין יאָר 1861, האָט געהאַט דריי יידישע דעפּוטאַטן אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון 141 דעפּוטאַטן. זיי זענען געווען: ד״ר שמעון סאַמעלזאָן פון קראָקע, דער אינדוסטריאַל מרדכי דובס פון לעמבערג און דער באַנקיר קאַליר פון בראָד. שפּעטער איז צוגע־קומען אַ פאָרטער ייד, ד״ר לאַזאַר דובס פון קאָלאָמיי, און נאָך זיין טויט ד״ר מאַקסימיליאַן לאַנדעסבערגער. אין יאָר 1867 זענען די דעפּוטאַטן ווידער געוויילט געוואָרן, מיטן אויסנאַם פון קאַלירן, וועמענס פּלאַץ עס האָט פאַרנומען ד״ר אָסוואַלד העניגסמאַן, אַן אַדוואָקאַט פון לעמבערג. צום רייכסטאַג איז קיין איין ייד נישט באַשטימט געוואָרן, אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון 38 דעפּוטאַטן, וועלכע דער סיים האָט אויסגעוויילט.

ערשט אין יאָר 1867 איז אין רייכסטאַג געשיקט געוואָרן איין ייד, דער שוין דערמאָנטער ד״ר לאַנדעסבערגער.

אָבער דער קלימאַקס איז געקומען ביי דער דעבאַטע פון סיים אין 1868, ווען די פּאָליאַקן האָבן נישט געהאַט קיין ברירה, און האָבן געמוזט מסכים זיין צו דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס איז געוואָרן אַ געזעץ מיט אַ שליטה פאַר דער גאַנצער מלוכה. אין דער הייסער דעבאַטע וועגן דעם ענין אין סיים, האָבן די בעסערע פּאָליאַקן זיך געשלאָגן על חטא, פאַרוואָס מ'האָט אַזוי לאַנג געוואַרט ביז ווין וועט אַרויסצווינגען די יידי־שע עמאַנציפּאַציע אויפן לאַנד און פאַרוואָס זיי, די פּאָליאַקן אַליין, האָבן נישט געהאַט גענוג פּאָליטישן שכל צו געבן די יידן פּריוויליק דאָס, וואָס זיי מוזן איצט געבן די יידן בעל כרחם. עס זענען דערביי אַרויסגעזאָגט געוואָרן פיל קלוגע געדאַנקען, וואָס זענען ווערט ציטירט צו ווערן נישט אַזוי צוליב זייער אייגענעם היסטאָרישן אינטערעס, נאָר מחמת די פּסי־כאָלאָגיש־סאָציאַלע מאָמענטן פון דער דעבאַטע גופא. אָט זענען עטלעכע פון זיי:

דער איידעלער דעמאָקראַט ד״ר פראַנציִשעק סמאָלקאַ, האָט אָנגעהויבן מיט אַ פראַגע, וואָס איז צוגלייך אויך געווען אַן ענטפער.

— „איך פרעג אייך״, האָט ער אויסגערופן: „צי איז עס מעגלעך צו מאַכן פּאָליאַקן פון די יידן, ווען איר אַליין זענט נישט גרייט צו געבן זיי די רעכט, וואָס אפילו ווין האָט שוין פאַר זיי גאַראַנטירט?״

דערפאַר האָט אָבער אַן אַנדערער דעפּוטאַט פון סיים, פראַנציִשעק טאַ־ראַשעוויטש, אָנגעקלאָגט די יידן דערפאַר, וואָס „זיי זענען אַ ספּעציעלער מין פון מענטשן, אָנגעטון אין אַנטי־פּוילישע קאָלירן״, און וואָס זענען אַ סכנה פאַר פּוילן. דערפאַר האָט ער פאַרגעשלאָגן, אַז די גאַנצע פראַגע זאָל אַראָפּגענומען ווערן פון טאָג־אָרדענונג. דערויף האָט דער פאַן ראַדצאַ, עדוואַרד גניעוואָש, געענטפערט מיט אַ דערקלערונג, אַז ווען עס זאָל אפילו זיין אַ קורטוב של אמת אין די באַשולדיקונגען, איז עס אַלץ די שולד פון די יעניקע, וואָס האָבן די יידן אויסגעשלאָסן פון זייער געזעל־שאַפט און זיי נישט דערלויבט צו ווערן ווי אייגענע. דערביי האָט דער סניגור פון געזעץ געגעבן אַ משל, וואָס איז שוין פאַר זיך אַליין גאַרנישט קיין קאָמפּלימענט. „אויב״, האָט ער געזאָגט, „עס איז אמת, אַז די יידן זענען אַן עלעמענט, וואָס דראָט צו פאַרסמען די געזעלשאַפט, טאָ דאַן פרעג איך זיך, צי וואָלט נישט געווען בעסער, אַז דורך אויסמישן זיך

מיט אונדז, זאָל דער סם ווערן שיטערער, איידער דורך סעפּאַראַציע אים מאַכן געדיכטער?״

ווען דער אַנטיסעמיטישער דעפּוטאַט, קשעשונאָוויטש, אַן אַרמענער פון געבורט, האָט זיך געריצט מיט די „יידן־פּריינט״, אַז וויבאַלד די יידן זענען אין פאַרלויף פון די לעצטע 20 יאָר נישט געוואָרן קיין פּאָליאַקן, וועלן זיי שוין קיינמאָל נישט ווערן, האָט אים סמאָלקאַ געמוסרט אַז היתכן? אָט איז ער, קשעשונאָוויטש אַליין, אַן אַרמענער, מוז ער דאָך גוט וויסן, אַז די הונדערטער יאָרן פון בשותפותדיקן לעבן צווישן די אַרמע־נער און פּאָליאַקן האָבן עס מעגלעך געמאַכט, אַז די אַרמענער זאָלן זיך אַסימילירן. „מען קען נישט״, האָט ער געזאָגט „דערגרייכן אין 20 יאָר דאָס, וואָס עס האָט ביי די אַרמענער גענומען הונדערטער יאָרן״.

אָט אַזוי האָט זיך די דעבאַטע געצויגן אַהין און אַהער, און צום סוף איז דעם 19טן סעפּטעמבער 1868 דאָס געזעץ אָנגענומען געוואָרן מיט אַלע שטימען, אַ חוץ 4 פון דער אָפּאָזיציע. פאַרשטייט זיך, אַז דע־מאָלט איז שוין סיי־ווי־סיי נישט געווען קיין אַנדערע ברירה.

פונדעסטוועגן האָבן די יידישע דעפּוטאַטן באַקומען אַ ביטערע לעקציע. די אַנטיסעמיטישע האַלטונג פון די דעפּוטאַטן האָט זיי געעפנט די אויגן. ביי די ערשטע דעקרעטירטע פּאַרלאַמענט־וואַלן פון 1873, האָבן די יידן צום ערשטן מאָל געהאַט דעם מוט צו שאַפן אַן אייגענעם וואַל־בלאָק און פירן אַן אייגענע וואַל־קאַמפּאַניע, דערצו נאָך בשותפות מיט די רוטענער. אַרום 12—13 יאָר שפּעטער איז דאָס שוין מער נישט געווען קיין נאָווינע. אָבער דעמאָלט זענען די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער זעלבסטשטענדיקער וואַל־קאַמפּאַניע נישט געווען קיין ציוניסטישע „שרייערס״ און נישט קיין סאָ־ציאַליסטן, נאָר להיפוך, גאַנץ באַלעבאַטישע מענטשן אין דייטשמעריש צוגעשניטענע קורצע רעקלעך, אָנגעטון אין הויכע צילינדערס אויף זייערע קעפּ. אָבער אפנים, אַז אפילו ביי זיי האָט געפּלאַצט דאָס געדולד. אַלץ וואָס זיי האָבן געבעטן ביי די פּאָליאַקן איז געווען, אַז מ׳זאָל זיי צוטיילן 6 מאַנדאַטן, אָבער די פּריצים זענען נישט געווען געוווינט צו אַזאַ „האַנדל״ און האָבן דעם פאַרלאַנג צוריקגעוואָרפן.

אויף דער איניציאַטיוו פון די שומר־ישראלניקעס, איז דעם 28סטן מאַי 1873 געגרינדעט געוואָרן אַ צענטראַלער וואַל־קאָמיטעט, וואָס איז באַ־שטאַנען פון די רעפּרעזענטאַנטן פון דער גרעסטער צאָל שטעט אין לאַנד. ד״ר יוסף קאַלישער איז געווען דער פאָרזיצער און ד״ר עמיל ביק איז



די פּאָרשטאָט שול אין לעמבערג



די טאַרנאָפּאָלער שול

געווען סעקרעטאַר. וואָס זיי האָט געפעלט, אַ חוץ דעם אַפּעטיט געווילט צו ווערן, איז געווען אַ יידישער פּראָגראַם. זייער פּלאַטפאָרמע איז לויט זייער אייגענעם מאַניפעסט געווען „די היילזאַמע פאַריונגונג פון עסטרייך". ד״ר יוסף קאָהן, דער פּרעזידענט פון שומר ישראל־פאַרבאַנד האָט זיין וואָל אני מאמין אויסגעדריקט אין 4 דייטשע ווערטער: „פעסטהאַלטן אַן דער פאַרפאַסונג" (קאָנסטיטוציע). אפילו די פּויליש־געשטימטע אַסימילאַטאָרן, ווי ד״ר אָסוואַלד העניגסמאַן און ד״ר מאַקס לאַנדעסבערג האָבן זיך אויך באַטייליקט אין דער יידישער וואַל־קאַמפּאַניע.

דער יידישער קאָמיטעט האָט, ווי געזאָגט, געמאַכט אַ פאַקט מיט די רוטענער און מיט זייער הילף געקריגן 3 מאַנדאַטן: ד״ר העניגס־מאַן איז דערווילט געוואָרן אין קאָלאָמיי, ד״ר יאָאַכים לאַנדוי אין בראָד און הערמאַן מיזעס אין דראָהאָביטש. צו זיי זענען צוגעשטאַנען ד״ר נתן קאָליר, דעפּוטאַט פון דער האַנדלס־קאַמער אין בראָד, און ד״ר אַלבערט מענדעלסבורג פון קראָקע. אינאיינעם מיט אַנדערע אויסגעווילטע יידן פון בוקאָווינע, מערן און ווין, האָבן זיי צונויפגעשטעלט אַן אייגענע „פאַרפאַסונג־פּאַרטיי".

ליידער האָט די יידישע דרייסטקייט אָדער זעלבסטשטענדיקייט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן און אין די וואַל־קאַמפּאַניעס אין די יאָרן 1879 און 1885 זענען שוין אַלע געגאַנגען אינאיינעם מיט די פּאָליאַקן, און נאָך די וואַלן זענען זיי צוגעשטאַנען צום פּוילישן קלוב. איינער פון זיי איז געווען דער קראָקעווער אָרטאָדאָקסישער רב ר׳ שמעון שרייבער. ער איז געווילט געוואָרן אין קאָלאָמיי אין יאָר 1879, און איז אויך אַריין אין פּוילישן קלוב, כאָטש ער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט פּויליש. ווען ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1883, איז אויף זיין אָרט געווילט געוואָרן ד״ר יוסף שמואל בלאָך, דער זון פון אַן אָרעמען בעל־מלאכה אין דוקלאַ, נעבן יאַסלע (מערב־גאַליציע). בלאָך איז דעמאָלט געווען ראַ־בינער אין פלאָריסדאָרף, אַ פאָרשטאָט פון ווין. אַנדערע יידישע דעפּוטאַטן, וואָס זענען שפּעטער דערווילט געוואָרן אין גאַליציע, זענען געווען: ד״ר עמיל ביק, ד״ר הענריק קאַלישער, יעקב פּיפּעס־באַראַטינסקי, ד״ר אַרנאָלד ראַפּאָפּאָרט, און ד״ר נ. ראָזענשטאָק.

דערווייל, האָט דער אַנטיסעמיטיזם כסדר געבושעוועט. די קאָנסער־וואַטיווע „סטאַנטשיקעס" מיט זייער „טרי־לאָיאַליזם" (בלייבן אַלס פּאָליאַקן לאָיאַל צו אַלע דריי אָקופּאַנטן) האָבן אין באַצוג צו אַנטיסעמיטיזם פאַרגעסן

יעדע מענטשלעכע לאַיאַליטעט. אַט וואָס איינער פון זיי, מיכאל באבזשינ־סקי, אַ היסטאָריקער, וואָס איז שפּעטער געוואָרן נאַמיעסטניק, האָט גע־שריבן: „וואָס מיר רופן אָן מיטן נאָמען פּוילישע טאָלעראַנץ איז געווען אַ רעזולטאַט פון מאַכטלאָזיקייט, פון מאַנגל פון כאַראַקטער, און אַ פאַל פון פּאָליטישער פוילקייט". עס איז אַ פאַקט, אַז בעת דער סעסיע פון סיים פון 1880—1881, האָט דער דעפּוטאַט טעאָפיל מערונאָוויטש אַריינ־געטראָגן אַ פאָרשלאָג ווידער אַמאָל צו באַגרענעצן די יידישע גלייכבאַ־רעכטיקונג. די קאָמיסיע פון סיים, וואָס האָט גענומען באַטראַכטן דעם פאָרשלאָג, איז צוריקגעקומען מיט אַן אויסבעסערונג, אַז מ'זאָל בלויז באַגרענעצן די רעכט פון די יידישע קהילות. דער פּראָיעקט איז אָנגע־נומען געוואָרן איינשטימיק.

טעאָפיל מערונאָוויטש האָט אין זיין פּאַשקוויל, — אַ ביכל, וואָס מ'האָט צעכאַפּט אין די גאַסן ווי הייסע בעבלעך — אָנגעקלאָגט די יידן, אַז זייערע קהילות זענען אַ נעסט פון קאָנספּיראַציעס און פון גע־היימע קאָנשאַכטן קעגן די קריסטן. מערונאָוויטש שרייבט אין זיין בראָשור „Żydowscy Radykaliści": „מ'קען זאָגן, אַז אַ ייד, וואָס נעמט אָן דעם יסוד פון ברידערלעכקייט לגבי דעם נישט־ייד, הערט אויף זיין אַ ייד". און ער וואָרנט קעגן גרינגשעצן די יידן־פראַגע אין פּוילן, וואָס איז „אמת נאָר איין אָרעם פון אַן אומגעהויערן פּאָליפּ, וואָס האָט שוין איבער־געלעבט נישט איין מלוכה און פאַרמעסט זיך מיט גרעסערע פעלקער ווי מיר, די פּאָליאַקן זענען דאָס".

אין אָנהויב פון די ניינציקער יאָרן איז אַנטשטאַנען די „פּוילישע פאָלקס־פּאַרטיי", וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַראייניקן קאַטאָליציזם מיט פאָלקיזם. די „פאָלקס־פּאַרטיי" האָט באַלד אָנגעהויבן צו שלאָגן יידן דאָרט, ווו זיי זענען געווען אַממיינסטן עמפּינדלעך: אויפן עקאָנאָמישן געביט. זיי האָבן אָנגעהויבן בויען זייערע אייגענע אַגריקול־טור פאַראיינען און קאָאָפּעראַטיוון פאַר פּויערים.

אין יאָר 1893 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאַטוילישער קאָנגרעס אין קראָקע, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט די קאָנסערוואַטיווע אַגראַ־רישע פּריצים. דער „באַריכטערגעבער" פון קאָנגרעס, גראַף טאַרנאָווסקי, האָט גערעדט בזה הלשון: „הגם אַנטיסעמיטיזם איז אַ זינד און שטייט אין ווידערשפּרוך מיט דער קאַטוילישער רעליגיע, מוז מען אָבער דאָך דעם יידן באַקעמפן מיט קריסטלעכע מיטלען, דהיינו, מיט ווירטשאַפטלע־

כע כלי־זיין. זאָלן מיר זיין פּאַטריאָטן! אַ קאַטאָליק, וואָס פאַרקויפט דעם ייד אַ שטיק לאַנד, גראָבט אונטער די יסודות פון אייגענעם פאָלק".

בשעת דער וואַל־קאַמפּאַניע פון יאָר 1898 האָט דער יעזואיט גלח סטאָיאַלאָווסקי, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור אין סאַנאָקער וואַל־קרייז, אַזוי אויפגעהעצט די פויערן מיט זיין הוזשן קעגן יידן, אַז אין יוני פון יענעם יאָר זענען אויסגעבראָכן פּאָגראַמען אין עטלעכע גאַליצישע שטעט. די פּאָגראָמען האָבן געדויערט ביז דער נאַמיעסטניק פּינינסקי האָט געשיקט מיליטער צו מאַכן אָרדענונג. דער סאָציאַליסט איגנאַצי דאַשינסקי, האָט אין ווינער פּאַרלאַמענט געהאַלטן אַ רעדע וואָס האָט אַנטפּלעקט דעם גאַנצן אָפּגרונט פון דער לאַגע. „אָרעמע פּאָליאַקן", האָט ער אויסגערופן „ווערן געהעצט קעגן אָרעמע יידן. דורך דעם פּאָגראָם זענען די אָרעמע יידן נאָך אָרעמער געוואָרן". ווי ער האָט סטאַטיסטיש באַוויזן, האָבן די גאַליצישע יידן אויסגעמאַכט 90 פּראָצענט פון די אָרעמעלייט (באַזיצלאָזע) אין לאַנד, כאָטש זייער פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג איז נישט געווען מער ווי 12 פּראָצענט.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז צוגעקומען נאָך אַ פּאַרטיי, די פּאַרטיי פון די „נאַראָדאָווע דעמאָקראַטן" (ענדעקעס), וואָס צוליב איר שטאַרקער אָרגאַניזאַציע און איר נאַציאָנאַליסטישן כוח המושך, איז זי געוואָרן די געפערלעכסטע פון אַלעמען פאַר די יידן. אין דעם אָרגאַן פון די גאַליצישע ענדעקעס, רעדאַקטירט פון סטאַניסלאַוו גראַבסקי, האָבן די ענדעקעס גאָרנישט אויפגעהערט צו העצן קעגן די יידן. די לופט איז געווען פול מיט פּאָליטישן דינאַמיט.

אין דעם פאַרפּלאָנטערטן קנויל פון געמיינזאַמע באַציאונגען, האָבן מיר גערעדט אַ סך וועגן פּאָליאַקן און ווייניק וועגן רוטענער (אוקראַינער פון גאַליציע). די סיבה דערפון איז נישט מחמת די רוטענער זענען געווען חלילה קלענערע אַנטיסעמיטן פון די פּאָליאַקן, נאָר מחמת זיי זענען אַזוי צו זאָגן, נישט געווען די הערשנדיקע נאַציע אין גאַליציע. אָבער דערפאַר זענען די רוטענער געווען נישט נאָר מער פאַרביסן נאָר וויפל ס'איז געווען מעגלעך, נאָך מער אָפן אין זייערע זלזולים קעגן די יידן. אין יאָר 1848, ווען אפילו די פּאָליאַקן האָבן אַרויסגעוויזן טאָלעראַנץ צו יידן, האָט אַ רוטענער אָנגעשריבן אַ בראָשור מיט דער פראַגע און ספקות „צי די יידן זענען רייף גענוג צו קריגן די גלייכבאַרעכטיקונג" און האָט, פאַרשטייט זיך, באַוויזן אַז נישט. בשעת דער דעבאַטע אין

סיים, אין יאָר 1868, זענען די רוטענער געווען צווישן די ערגסטע קעגנער פון דער יידישער עמאַנציפּאַציע. צווישן די רוטענישע פּאַרטרעטער אין סיים זענען געווען אַ היפּש ביסל גלחים (די „שוועגטאָיורצעס״) און פּויערן, וואָס האָבן ממש געברענט מיט שנאה צו יידן. אויסער סאָציאַלע, זענען נאָך צוגעקומען פּאָליטישע מאָטיוון, ווייל צוליב דעם, וואָס די פּאָליאַקן האָבן צוגערעכנט די יידן צו זייער נאַציע, האָבן זיי באַקומען אַ צאָלמעסיקע מערהייט אין לאַנד.

די יידן, ווידער, האָבן זיך צוגעשאַרט צו דער העכערער פּוילישער קולטור און נישט צו דער נידעריקער קולטור פון די אוקראַינער. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, נישט אויסגעשלאָסן פּאָליטישע מאַנעוורעס און פּאַקטן, ווען דאָס איז געווען נוצלעך פאַר די אוקראַינער. אָבער אין אַלגעמיין זענען די יידן געלעגן צווישן האַמער און דער קאָוואַדלע, — אוןביידע זענען געווען אָנגעברענט מיט שנאה.

און איצט, איידער מיר גייען אַריבער די שוועל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, דעם בלוטיקסטן אין דער מענטשלעכער געשיכטע, מוזן מיר ווידער אַ שפּרונג טון קיין ווין, ווייל פון איצט אָן וועט דער גורל פון די יידן אין גאַליציע שוועבן אין דער לופטן, צווישן לעמבערג און ווין.

פאַרן קריג האָבן געלעבט אַן ערך 1.313.687 יידן אין עסטרייך און 932.406 אין אונגאַרן, לויט דער פאָלקסציילונג פון 1910. דאָס מיינט, אַז אַ סך־הכל פון איבער 2.200.000 יידן זענען געווען פאַרבונדן נישט נאָר מיט אַ געמיינזאַמען מלך, נאָר אויך מיט דעם געמיינזאַמען גורל פון דער גרויסער עסטרייך־אונגאַרישער אימפּעריע.

VII

ווין — די שטאָט פון מיינע חלומות

ווין — איך ווייס נישט וועלכע שטאָט איז ביי מיר מער באַליבט: לעמבערג אָדער ווין. עס קומט ביי מיר אויס, פונקט ווי מ׳זאָל פרעגן אַ קינד: „וועמען האָסטו מער ליב, דעם טאַטן צי דער מאַמען?״ מיין ענטפער איז דער זעלבער קינדישער: „ביידע!״

ביידע שטעט זענען ביי מיר טיף איינגעבאַקן אין האַרצן און כאָטש איך האָב אין מיין לעבן באַזוכט פיל לענדער און געוווינט אין פיל שטעט,

זענען אָבער אָט די צוויי שטעט — לעמבערג און ווין, געבליבן איינ־געקריצט אין מיין מוח און איינגעוואָרצלט אין מיין נשמה אַזוי, אַז קיין שום נייע היים קען זיי נישט פאַרדרענגען. איך קוק אויף פּאַריז, דעם וווּנדערבאַרן שיינעם פּאַריז, מיט זיינע בולוואַרן און קאַפע־טישלעך און איך זע ווין מיט אירע ארקאַדן. און ווען איך שפּאַן אַרום אויף די ברייטע טראָטואַרן פון דעם גרויסן, רייכן, רוישעדיקן ניו־יאָרק, מיט זיינע וואָלקנקראַצערס, מיט זיינע פּאַרקן, בערגלעך און טייכן, זע איך לעמ־בערג, מיט דעם שלאָס, די וואַלי העטמאַנסקע, דעם קילינסקי פּאַרק, דעם טעאַטער און די אוניווערזיטעט דאָרט אויפן בערגל. איך קוק זיך צו צו וואַנעמייקערס אָדער מעסיס „דעפּאַרטאַמענט־סטאָרס״ און זע די וווּנדערלעך שיינע לאָדנס און געשעפטן אויף דער מאַריאַהילף־שטראַסע אין ווין. און ווען איך קוק זיך צו צו דער „איסט־סייד״, ווו ס׳רוישט און קאָכט אויף די גאַסן, זע איך פאַר זיך דעם קראַקאָווסקי פּלאַץ, די בוזשניטשנע גאַס און דעם גאַנצן „פּאַר־דער־שול״ אין לעמבערג, און עס בענקט זיך אַזוי שטאַרק נאָך דעם געשריי, דעם טומל, די שטופּעניש און דעם שלעפּ ביים קאַלנער פון די הענט אונדזערע געוועלבניקעס, און אַמאָל אויך אַ קללהלע פון די סעדעכעס.

אָבער ווין — ווער און וואָס טאַקע קען זיך פאַרגלייכן מיט דער שטאָט ווין פון מיינע סטודענטן יאָרן, ווען איך האָב דאָרט געלערנט מע־דיצין ביי די גרעסטע וועלט־אויטאָריטעטן, — ווין, די שטאָט פון שטראַוסעס וואַלצן, שוּבערטס מעלאָדיעס און גוסטאַוו מאַהלערס סימ־פאָניעס; די שטאָט פון אַדאָלף זאָנענטאַל, יאָזעף קאַינץ און די פּרימאַ־דאָנע זעלמאַ קורץ, ווין פון קונסט, ליבע און געזאַנג, — ווין פון אַרטור שניצלערס „רייגן״.

איך דערמאָן די פּאָר נעמען, ווייל זיי האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך דאָס העכסטע אין דער דראַמאַטישער קונסט, און זעלמאַ קורץ, די טאָכ־טער פון אַ חזן אין ביעליץ, איז געווען די פּרימאַדאָנע פון דער ווינער הויף־אָפּערע.

און ווי ווונדערבאַר אונדזער זעלמא האָט געזונגען. ווען זי פלעגט אויפטרעטן אין דער אָפּערע „טראַוויאַטאַ״, איינע פון אירע גלאַנץ־ראָלן, האָבן ממש די ווענט געטאַנצט פון אירע „טרילערס״. דער עולם האָט זי פאַרערט און מענטשן פלעגן שטיין שעהען לאַנג, ווי צוגעקאָוועט צום

אָרט און שרייען „בראַוואָ, זעלמאַ!״ „בראַוואָ, דו געטלעכע און איינציקע זעלמאַ!״

און ווען אין דעם בורג־טעאַטער איז אַדאָלף ריטער פאָן זאָנענטאַל (אַ ייד, געבוירן אין בודאַפּעשט), וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אַ בא־בימים, אין די זיבעציקער, ווען ער איז אויפגעטרעטן אין זיין מייסטער־ראָלע אין לעסינגס „נאַטאַן דער ווייזע״, האָבן מענטשן פאַרהאַלטן דעם אָטעם, כדי נישט צו פאַרלירן עפּעס פון דער הייליקייט פון דעם מאָמענט און פון דער פייערלעכקייט פון זיין שטימע, מיט וועלכער ער האָט געוועקט די הייליקסטע געפילן פון מענטשלעכקייט און טאָלעראַנץ. דער עולם האָט נישט אויפגעהערט צו אַפּלאָדירן: „זאָנענטאַל, גרויסער, אומשטערבלעכער זאָנענטאַל!״ יאָ, די ווינער פלעגן ליב האָבן קונסט.

און וועגן דעם יידישן קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט פון דער ווינער אָפּערע, גוסטאַוו מאַהלער, וויל איך ציטירן נאָר איין זאַץ פון ברעטאַ שעפּסעס כאַראַקטעריסטיק: „דער רענעסאַנס פון דער אָפּערע פון דער גאַנצער וועלט, איז דאָס ווערק פון גוסטאַוו מאַהלער. ער איז געווען דער, וואָס האָט געגעבן רעאַליטעט דעם באַגריף פון „געזאַמטקונסט״... זיין איינפלוס וועט אייביק לעבן״.

איך וואָלט געקענט אויסשעפּן ימים פון טינט און אַלץ נישט בלייבן געערכט צו דער גרויסקייט פון ווין! און איצט די ווינער „געמיטלעכקייט״! אַ קליינער עפּיזאָד באַשרייבט אַמאָל מער ווי גאַנצע בענדער. אַלס סטודענט, אַ קבצן, לא עליכם, האָב איך געמוזט זוכן אַ ביליקע דירה אויסער דער שטאָט. מיין „צימערל״ האָט אָנגעשפּאַרט אַזש לעבן היצינגער פּאַרק. זומער־צייט פלעג איך אין דער פרי שטודירן אין פּאַרק, איידער איך פלעג כאַפּן די „עלעקטרישע״ אָדער די „אונטערבאַן״ אין שטאָט אַריין. פּינקטלעך ווי אַ זייגער, יעדן פרימאָרגן, אַרום זיבן, פלעגט דער קייזער אין זיין קאַרעטע דורכפאָרן דורכן פּאַרק פון שענברון שלאָס, וווּ עס איז געווען זיין זומער רעזידענץ, און פּינקטלעך ווי אַ זייגער האָט ער מיר יעדן פרימאָרגן צוגעוואָרפן „אַ גוטן־מאָרגן״ און העפלעך סאַלוטירט דעם אָרימען סטודענט, וואָס האָט בשעת מעשה געקנעלט אַנאַטאָמיע אויפן קול.

אין דעם פּרט און אין פיל אַנדערע, איז דער קייזער געווען אַ טיפּי־

שער „וויאַנער". אמת, אין פאַרלויף פון דעם זעלבן טאָג פלעגן אַמאָל פּאַרקומען דעמאָנסטראַציעס אין דער אוניווערזיטעט מיט געשלעגן צווישן די יידן און די קריסטלעך-סאָציאַלע סטודענטן, אָדער צווישן סאָציאַ-ליסטן און די דייטש-נאַציאָנאַלע. און נישט איין מאָל האָט מען מיר צעבראָכן די ביינער ביי אַזעלכע געשלעגן, אָדער מיר איבערגעלאָזט אַ געשוואָלענע באַק, אָבער דאָס האָט גאָרנישט אויסגעמאַכט, ווייל צומאָרגנס פרי, האָט ווידער דער קייזער מיך באַגריסט מיט זיין העפ-לעכן „מאָרגן". אָט דאָס איז געווען ווין, פול מיט סתירות, פריינטלעך און ליב אויסנווייניק, כאָטש טרויעריק אינעווייניק. דער „הייריקער" פרישער ווין האָט זיך געגאָסן, די מוזיק האָט געשפּילט און די פּאָרלעך האָבן „געוואַלצט", אָבער אויף אַלעמען איז געלעגן די מעלאַנכאָלישקייט פון אַ שיינעם הערבסט, אַ זיסקייט פון רייפע פרוכטן, וואָס האָבן פאַר-לוירן די צווייטן; — אַן אויסגעלאַסענע אומזיכערקייט, אַ פאַרבלאַסטע שיינקייט מיט די וווּנדערבאַרע פאַרבן פון זון-אונטערגאַנג.

אָבער ווין איז אויך געווען אַ היפּש ביסל אַנטיסעמיטיש. אייגנטלעך האָט אין ווין געהערשט אַ לאַנגע צייט דער פאַרבאָט פאַר יידן דאָרט צו וווינען. אפילו דער יאָזעפינישער קאָדעקס האָט די יידן קיין ווין נישט צוגעלאָזט. די, וואָס זענען שוין יאָ געקומען קיין ווין, אָדער האָבן זיך דאָרט באַזעצט, האָבן געדאַרפט צאָלן אַ טאָלעראַנץ-טאַקסע, דעם אַזוי גערופענעם „באַלעטן-שטייער". מען דערציילט, אַז ווען דער באַרימטער קאָמפּאָזיטאָר דיאַקאָמאָ מייערבער (יעקב ליבמאַן בער) איז איינגעלאַדן געוואָרן צו קומען קיין ווין צו געבן אַ קאָנצערט (דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער רעאַקציע, וואָס האָט דאָרט געהערשט אין די דרייסיקער יאָרן), האָט ער געענטפערט, אַז ער וויל נישט קומען אַלס קליענט פון פּאָליצייאישן יודענראַט באַצאָלן דעם באָלעטן-שטייער. דערויף האָט ער געקריגן אַן ענטפער פון דער פּאָליציי, אַז זי וועט אים באַהאַנדלען נישט ווי אַ ייד, נאָר ווי אַ „קאַוואַליר"...

מיט דער דערגרייכונג פון דער עמאַנציפּאַציע האָט זיך אַלץ גע-ענדערט. יידישע טאַלענטן און דער יידישער געניוס האָבן באַקומען די פרייהייט פון באַוועגונג און יידן האָבן באַלד אָנגעהויבן פאַרנעמען אַלץ נייע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס. די פּרעסע, ווייניקסטנס די, מיט וועל-כער מ'האָט זיך גערעכנט, איז אין אַ גרויסער מאָס געלעגן אין יידישע הענט. געענוג צו דערמאָנען „דאָס נייע וויענער טאַגעבלאַט", געגרינדעט און

רעדאַקטירט דורך מאָריץ שעפּס און „די נייע פרייע פּרעסע״ אונטער דער ר׳עדאַקציע פון מאָריץ בענעדיקט. די צוויי „מאָריצעס״ האָבן געהאַלטן די פינגער אויפן פּולס פון געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן אין עסטרייך און זייער איינפלוס איז געוואַקסן אויך אין אויסלאַנד. דער יידישער גרויס־קאַפּיטאַל האָט געהאַט אַ פירנדיקע ראָלע אין דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון דער מאָנאַרכיע. יידישע פּראָפעסאָרן אין דער מעדיצין און אַנדערע וויסנשאַפטלעכע פּראָפעסיעס האָבן געשמט אויף דער גאַנצער וועלט. אויך אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד האָבן יידן אָנגעהויבן שפּילן אַ ראָלע און דאָס האָט טאַקע אַזוי שטאַרק אַלאַרמירט די קאָנסערוואַטיווע, קלעריקאַלע סביבה אַרום דעם קייזערלעכן הויף. די יידן זענען פאַרשטייט זיך, געווען פאַר אַ שטאַרקער רעגירונג, אָבער זיי האָבן אויך געלייגט דעם טראָפּ אויף די ליבעראַלע טענדענצן פון רעזשים, און דאָס האָבן נישט געוואָלט פאַרשטיין, נישט דער אַלטגעוואָרענער קייזער, און נישט זיינע יועצים.

איינער פון די ברילייאַנטענע זשורנאַליסטן און פּאָליטיקער אין ווין איז געווען דער דערמאָנטער מאָריץ שעפּס. ער איז געבוירן געוואָרן אין גאַליציע, אין 1834, אין שטעטל בוסק, און ביז צו זיין טויט אין יאָר 1902 אין ווין, איז ער געווען אַ צענטער פון אַ „שטורם און דראַנג״ פּעריאָד אין דעם עסטרייכישן פּאָליטישן לעבן. איינער פון די פּעאיקסטע זשורנאַליסטן אין דער גאַנצער מאָנאַרכיע, האָט ער, אין דער טאָג־צייטונג „דאָס נייע ווינער טאַגעבלאַט״, וואָס ער האָט געגרינדעט, רעפּרעזענטירט די דייטשע ליבעראַלע פּאַרטיי, פון וועלכער ער איז געווען דער וואָרטזאָגער. זיין צרה איז געווען, וואָס בשעת די דייטש־ליבעראַלע פּאַרטיי האָט פאַרלייקנט אירע טראַדיציעס און איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַליסטישע אַלדייטשע נאָכשלעפּערין פון פּרייסישן דייטשלאַנד, איז שעפּס געבליבן געטריי דער אַלטער פּאַרטיי ביז צום סוף. אין 1882 איז שעפּס פאַרגעשטעלט געוואָרן פאַרן קרוין־פּרינץ רודאָלף, וועלכער איז פּונקט ווי שעפּס געווען אַ ליבעראַלער מענטש, און האָט באַוווּנדערט זיינע אַרטיקלען און פּאָליטישע אַנאַליזן אין זיין צייטונג. פון דעמאָלט אָן און ביז צום יאָר 1889, ווען רודאָלף האָט זיך גענומען דאָס לעבן, איז אָנגעגאַנגען איינע פון די אינטימסטע פריינטשאַפטן, וואָס זענען ווען עס איז געווען צווישן מלכות און אַ פּשוטן בשר ודם און דערצו נאָך אַ גאַליציאַנער ייד.

אַ סך פון שעפּסעס טעטיקייט האָט געמוזט געטון ווערן אין געהיים און אָפט אַנאָנים. אָבער מיר פאַרמאָגן אַ לעבעדיקן דאָקומענט, געשריבן פון זיין טאָכטער בערטאַ שעפּס־צוקערקאַנדל א״נ: „Ich erlebte fünfzig Jahre Weltgeschichte".

מיט וואָס פאַר אַן אינטערעס איך אַליין האָב געלייענט דאָס בוך, קען מען זיך לייכט פאָרשטעלן נישט נאָר צוליב דעם מאַטעריאַל אַליין, וואָס נעמט אַרום אַ טייל פון מיינע אייגענע יאָרן, וואָס איך האָב אי־בערגעלעבט אין דעם ווירוואַר פון דער גלאַנציקער און אַזוי וויכטיקער עפּאָכע, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס איר מאַן, פּראָפ׳ עמיל צוקער־קאַנדל, אויך אַ ייד, איז געווען מיין לערער פון אַנאַטאָמיע אין דער ווינער אוניווערזיטעט, און מיר, די סטודענטן, האָבן זיך ממש געפילט ווי מיטגלידער פון זיין משפחה. אָבער דאָס בוך האָט אויך אַ גרויסן היסטאָרישן ווערט פאַר זיך אַליין און אָט צוליב וואָס:

בערטאַ איז פאַר דער חתונה געווען די פּערזענלעכע סעקרעטאַרין פון איר טאַטן און פאַר אירע אויגן זענען דורכגעגאַנגען ווי אין אַ קאַלײדאָסקאָפּ, דאָס לעבן, די אינטריגעס, די חלומות און די האַרטע פאַקטן פון אַ האַלבן יאָרהונדערט. שעפּסעס צווייטע טאָכטער האָט חתונה גע־האַט מיט פּאַל קלעמאַנסאָ, אַ ברודער פון דעם „טיגער" זשאָרזש קלע־מענסאָ. און שעפּס אַליין האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט כמעט אַלע שטאַטסמענער פון זיין צייט, אָנהויבנדיק פון ד׳איזראַעלי אין ענגלאַנד ביז לעאָן גאַמבעטאַ אין פּאַריז (דער לעצטער איז, ווי באַקאַנט, געווען דער רעטער און פּרעמיער פון באַזיגטן פראַנקרייך נאָך דעם דייטש־פראַנצויזישן קריג פון 1870. אגב איז גאַמבעטאַ אויך געווען אַ ייד).

גאַמבעטאַ און שעפּס האָבן זיך אָפט געטראָפן. ביידע האָבן געהאַרט בעט און באַמיט זיך צו שאַפן אַ ליבעראַלע וועלט; ביידע האָבן זיי גע־שטרעבט נאָך שלום און אַלס די בעסטע גאַראַנטיע פאַר שלום האָבן זיי באַטראַכט די שאַפונג פון אַ פראַנצויזיש־עסטרייכישע אַליאַנץ. און אויף דעם פּונקט האָבן זיך אויך צוזאַמענגעטראָפן אין עסטרייך צוויי מענטשן, וואָס זענען געווען אַזוי דיאַמעטראַל פאַרשידן אין יעדער הינזיכט, אויסער אין אָט דעם איינעם פּונקט, וואָס האָט זיי פאַר־אייניקט. דאָס איז געווען די שנאה צו דער רעאַקציע און דער אומצוטרוי צום גראָביאַנישן דייטשלאַנד, אין וועלכן ביידע האָבן געזען דעם שטן, דעם מחבל פון עסטרייך — און ווי די געשיכטע האָט עס

באַוויזן, זענען זיי געווען קאָרעקט אין זייער נביאישן בליק. די דאָזיקע צוויי מענטשן זענען געווען דער עלטערער, גרוילעכער, באַהאַוונטער יידי־שער זשורנאַליסט מאָריץ שעפּס און דער יונגער, שיינער, בלאָנדער עסטרייכישער „לאהענגרין״, דער קרוינפּריץ און טראָן־פאָלגער רודאָלף האַבסבורג.

דער קרוינפּריץ האָט שטענדיק געאַרבעט פאַר אַ פראַנצויזיש־עסטרייכישער אַליאַנץ. ווען ער האָט וועגן דעם גערעדט מיט דעם עסט־רייכישן אויסערן מיניסטער גראַף קאַלנאָקי, האָט דער מיניסטער אים געענטפערט, אַז די עסטרייכישע מאָנאַרכיע קען זיך נישט פאַרבינדן מיט אַ רעפּובליק. דער פאַקט, וואָס גאמבעטא איז געווען אַ ייד, האָט נאָך מער געשטאַרקט די אָפּאָזיציע פון די קלעריקאַלע קרייזן פאַר אַזאַ פאַרשטענדיקונג.

עס פאַרשטייט זיך, אַז פון איר זייט, האָט די רעאַקציע אויך נישט געשוויגן. דער פּויפּסט האָט נישט געוואָלט, אַז עסטרייך — די ערלעכע טאָכטער פון דער קאַטוילישער קירך זאָל זיך משדך זיין מיט דער אַנטי־קלעריקאַלער פראַנקרייך. אָבער דער הויפּט אשמדאי איז געווען דייטש־לאַנד. נאָך דער עסטרייכישער מפּלה ביי סאַדאָוואַ, האָט ביסמאַרק, וועל־כער האָט געהאַט אַ וויטערן בליק ווי זיין קעניג, זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, כדי אַריינצוכאַפּן עסטרייך אין דער נעץ פון זיינע דעראָבערישע פּלענער. נאָך דעם ווערסאַלער פרידן, אין יאָר 1871, איז דייטשלאַנד געשטאַנען גאַנץ איזאָלירט צווישן די פעלקער. די וועלט האָט אַלץ מער פיינט באַקומען דעם אַראָגאַנטן פּרוסאַק, און ביסמאַרק האָט אָקאָרשט דערוואַרט אַ צווייטן „מלחמה גאַנג״ מצד די פראַנ־צויזן. די אָפּגעקילטע באַציאונג, וואָס איז אַנטשטאַנען צווישן רוס־לאַנד און עסטרייך אַלס רעזולטאַט פון דער „קרימער״ אַוואַנטורע, האָט ביסמאַרקן געגעבן די געלעגנהייט, וועלכע ער האָט אויסגענוצט, כדי צו כאַפּן עסטרייך אויף דער ווענטקע. אויף דעם אופן האָט ביסמאַרק מער און מער געבונדן עסטרייך אין אַן אַליאַנץ צו דייטשלאַנד. אין יאָר 1887 איז שיער נישט אויסגעבראָכן אַ קריג צווישן עסטרייך און רוס־לאַנד, און נאָר אַ דאַנק דער פאָרזיכטיקייט פון עסטרייכישן קייזער איז עס נישט געקומען צו קיין מלחמה אויסברוך. אָט פאַרוואָס דייטשלאַנד האָט געהאַט אַן אָפּן אויג אויף רודאָלפן און זיינע יידישע פריינט און

געטון אַלצדינג, כדי צו פּאַרמיאוסן אים דאָס לעבן אויפן קייזערלעכן הויף.

דער עסטרײַכישער קייזער אַליין איז אויך נישט געווען צופרידן פון זײַן זונדל מיט זײַנע אידעען און האָט אים נאָכשפּיאָנירט אויף טריט און שריט. דערצו איז נאָך צוגעקומען רודאָלפס אומגליקלעך פאַמיליען־לעבן. אין 1881 האָט רודאָלף חתונה געהאַט. ווי בײַ אַלע פּרינצן איז די חתונה נישט געווען באַשטימט דורך זײַן האַרץ, נאָר דורך אינטערעסן פון דער דינאַסטיע. דער אַלטער קייזער האָט דעצידירט וועגן אַלעמען אין דעם קייזערלעכן הויזגעזינט און האָט אים אויסגעקליבן אַ יונגע בעלגישע פּרינצעסין פאַר אַ פרוי. אין אָנהויב האָט נאָך דאָס פּאָרל זיך אויפגעפירט נישט שלעכט, אָבער רודאָלף האָט זיך געפילט איזאָ־לירט און אומגליקלעך, און כדי צו אַנטלויפן פון דעם הויף, מיט זײַנע חשדים און אָנצוהערענישן און אַנטרונען פון דער נעץ פון דער הויף־קליקע בכלל, האָט ער אַ סך פון זײַן צײַט פאַרבראַכט אין זײַן רעזידענץ אין פּראָג. דאָ האָט ער זיך געפילט פרײַער פון דער אינטריגאַנטישער הויף־אַטמאָספערע. אָבער דאָ האָט עפּעס געטראָפן, וואָס האָט געהאַט אַן אײַנפלוס אויף זײַן ווײַטערדיק לעבן. די מעשה האָט אַלע סימנים פון אַ ליבעס־ראָמאַן, אָבער מיר האָבן דאָס עדות־זאָגן פון בערטאַ שעפּס, אַז עס איז אַן אמתע מעשה שהיה.

רודאָלף, וואָס האָט ליב געהאַט אַרומצוװאַנדערן איבער דער שטאָט, האָט אַמאָל באַזוכט די אַלטע פּראָגער געטאָ. דאָרט האָט ער דערזען אַ בילד־שײן יידיש מיידל און האָט זיך אין איר פאַרליבט. ווי לאַנג זיי האָבן זיך געקענט, איז נישט באַקאַנט, אָבער אַזוי ווי דער יידישער טאַטע האָט זיך דערוווּסט פון די „סכאַדזקעס", האָט ער זײַן טאָכטער פאַרשלעפּט אין אַ דאָרף און זי דאָרט געהאַלטן אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט. איז אָבער „אהבה עזה כמות", און דאָס פאַרליבטע מיידל האָט זיך אַרויסגעגנבעט און אַנטלאָפן צו איר געליבטן פּרינץ. אויפן וועג איז זי קראַנק געוואָרן, און באַלד נאָכן צוריקקומען קיין פּראָג, איז זי גע־שטאָרבן.

אָט, דאַכט זיך, אַ מעשה ווי פיל אַנדערע — אַ מעשה מיט אַ באָרד. אָבער דער פאַל האָט געהאַט טראַגישע נאָכווייען. אָפּט אין דער טיף־טונקעלער נאַכט, האָבן מענטשן געזען אין געטאָ אַ הויכע פיגור אָנגע־

טון אין אַ מאַנטל, אַרויפגיין אויפן בית־עלמין און אין פרימאָרגן האָט מען געפונען בלומען אויפן קבר פון דער אומגליקלעכער בת ישראל. קיינער האָט אים נישט געוואַגט צו פאַרהאַלטן. די יידן האָבן געוווּסט ווער דער הויכער „ריטער״ איז געווען. קרוינפּרינץ רודאָלף האָט באַזוכט דעם קבר פון זיין טויטער געליבטער און געלייגט בלומען אויף איר קבר. בערטאַ שעפּס, וואָס האָט גוט געקענט די סודות פון רודאָלפס לעבן דערציילט, אַז ווען מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, האָט דער קרוינפּרינץ זיך פאַרליבט אין דער יונגער טשעכישער בתולה מאַרי וועטשעראַ, האָבן אינטימע פריינט זיך געשושקעט, אַז דאָס איז אייגנטלעך נישט מער ווי אַ פאַרזעצונג פון זיין ערשטער ליבע, אַזאַ מערקווירדיקע ענלעכקייט איז געווען צווישן איר און דער פריערדיקער יידישער געליבטע.

דערווייל איז די רעאַקציע געוואַקסן אין קייזערלעכן הויף און אויך די דייטשע אינטריגע האָט געקריגן מעכטיקע פריינט. פיל יאָרן האָט רודאָלף געשריבן אַנאָנימע אַרטיקלען אין דעם „נייען ווינער טאַגעבלאַט״ און כדי קיינער זאָל נישט וויסן פון דעם סוד, האָט שעפּס נישט נאָר פאַרריכט דעם כתב יד, נאָר האָט אים אפילו איבערגעשריבן מיט זיין אייגענער האַנט. אָבער ביי דעם סיסטעם פון עסטרייכישן שפּיאָנאַזש, האָט אַזאַ זאַך נישט געקענט בלייבן פאַרבאָרגן. זיינע געהיימע קאָנפערענצן מיט שעפּסן און מיט דעם אויסגעצייכנטן פּאָליטישן קאָרעספּאָנדענט ד״ר בערטאָלד פרישויער (אויך אַ ייד), וואָס האָט אים אָפט באַגלייט אויף זיינע פּאָליטישע רייזעס, און אַנדערע „עקסטראַוואַגאַנצן״ (רודאָלף האָט אפילו אין געהיים זיך געטראָפן מיט זשאָרזש קלעמאַנסאָ, ווען ער איז געקומען אויף אַ באַזוך קיין ווין צו דער חתונה פון זיין ברודער פּאָל מיט שעפּסעס טאָכטער סאָפיע), — האָבן דערוועקט מער און מער קעגנערשאַפט צו אים.

שוין פריער, נאָך אין יאָר 1884, איז אויסגעבראָכן אַ שווערער עקאָנאָמישער קריזיס. דער שניט איז געווען אַ שלעכטער און די באַפעלקערונג איז געווען אומצופרידן. פאַרשטייט זיך, אַז דער געשריי „די יודן זינד שולדיג״, האָט געהילכט אין די גאַסן. עס האָט זיך געגרינדעט אַ נייע רעאַקציאָנערע, גרויס־דייטשע אַנטיסעמיטישע פּאַרטיי, אונטער דער פירערשאַפט פון געאָרג ריטער פאָן שענערער, וואָס איז געווען פראָדייטשיש און זיין פּראָגראַם ביז צום לעצטן לאָגישן אויספיר: אַ דייטשן „אַנשלוס״. אין דער זעלבער צייט איז אַנטשטאַנען נאָך אַן אַנטיסעמי־

טישע פּאַרטײ, געגרינדעט פון די ברידער איאַט, וואָס איז געווען מער פאַר עסטרײַך און פּראָ־וואַטיקאַניש. דאָס איז געווען אַ קלעריקאַלער דײַטש־עסטרײַכישער פליגל — דער היפּוך פון שמערערס פּאַרטײ אין אַלע פּרטים, אַ חוץ אין אײנעם — דעם אַנטיסעמיטיזם. אין דעם פּרט זענען בײדע געגאַנגען אינאײנעם.

ס׳פאַרשטײט זיך, אַז בײדע פּאַרטײען זענען געווען קעגן רודאָלפן, וואָס איז געווען אַנטי־האַהענצאַלערן און אויך אַנטי־וואַטיקאַניש. אין אײנעם פון זײַנע בריוו צו שעפּסן שרײַבט רודאָלף: „גלויב מיר, אַז דאָס איז שוין פאַר מיר גאָרנישט קײן פאַרגעניגן צו טרעפן זיך מיטן דורך־און־דורך רעאַקציאָנערע יונקערס״. דאָס איז געווען בשעת אַ מלוכה־וויזיט צום דעמאָלטיקן דײַטשן קרוינפּרינץ און שפּעטערדיקן קײזער ווילהעלם דער צווייטער, אײדער זײַן פאָטער, פרידריך דער דריטער איז גע־שטאָרבן אויף אַ ראַק פון גאָרגל און איבערגעלאָזט די דײַטשע אימפּע־ריע אין ווילהעלמס געלײמטע הענט. הכלל, אַלץ איז געווען צוגעגרײט צו מאַכן אוממעגלעך, אַז רודאָלף זאָל האָבן אַ ליאַדע געלעגנהײט צו ליבע־ראַליזירן עסטרײַך, און צום סוף האָט די קלעריקאַל־פּרײסישע אַליאַנץ געוווּנען.

מיר האָבן שוין דערמאָנט רודאָלפס ראָמאַן מיט מאַריאַ וועטשעראַ. עס ווילט זיך נישט גלויבן, אָבער דאָס איז אַ פאַקט, אַז דער גאַנצער ליבעס־רויש האָט נישט געדויערט מער ווי 3 חדשים צײַט, — פון נאָוועמבער 1888 ביז ענדע יאַנואַר 1889. דאָס איז געווען די צײַט, וואָס זײ האָבן זיך גאָר אינגאַנצן געקענט. און עס וועט בײַ אַ סך מענטשן צונעמען די ראָמאַנטישע אַטמאָספער פון דעם ראָמאַן, אויב מ׳וועט נעמען אין אַכט, אַז די טראַגעדיע אין מײַערלינג איז נישט געשען אויסשליס־לעך צוליב דער ליבע. דער פאַקט איז, אַז דאָס לעבן איז רודאָלפן אַזוי פאַרמיאוסט געווען, אַז ער האָט פאַר זיך נישט געזען קײן אַנדערן וועג ווי אַזוי אַרויסצוקריכן פון פּלאָנטער. אַ טאָג פריער האָט אים זײַן טאַטע בײַ אַ הויף־צערעמאָניע עפנטלעך באַלײדיקט און אפילו נישט געענט־פערט אויף זײַן באַגריסונג, וואָס דאָס איז לויט דעם הויף עטיקעט ערגער ווי אַ פּאַטש אין פּנים. עס זענען געווען אַלע עלעמענטן פאַר אַ קראַך. און דעם 31 יאַנואַר 1889 זענען בײדע, דער קרוינפּרינץ און זײַן געליבטע וועטשעראַ באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין מײַערלינג. דער קרוינפּרינץ איז אַלט געווען 32 יאָר.

מען דערציילט, אַז ווען דער טאַטע איז געוווּיר געוואָרן וועגן טויט פון זיין בן יחיד, האָט ער זיך צעשריגן: „ער איז געשטאָרבן ווי אַ שניי־דער־געזעל״ (אַ שניידערוק). זיין הויפּט־זאָרג איז איצט געווען: למען השם, אַבי נישט קיין סקאַנדאַל חלילה! צו דעם צוועק האָט מען די טראַגעדיע אַרומגערינגלט מיט אַן אייזערנעם פּאַרהאַנג, און וואָס מער מ׳האָט וועגן איר געמאַכט אַ סוד, אַלץ מער לעגענדעס זענען אויסגעוואַקסן פון דער קראָפּעווע פון שמועות און פּלאַטקעס, און דאָס האָט נאָך מער געשאַדט דעם פּרעסטיזש פון די האַבסבורגער, איידער דער ריינער אמת. ווי פּאָפּולער רודאָלף איז געווען ביים פאָלק באַווייזט די נישט פאַרשטומטע לעגענדע, אַז רודאָלף לעבט ווייטער און וועט באַלד צוריקקומען אויסרייניקן די פאַרפוילטע האַבסבורגישע ממשלה. די לעגענדע האָט ווייטער אָנגעהאַלטן זייער לאַנג נאָך רודאָלפס טויט. און עס איז אינטערעסאַנט, אַז בעת די סטאַיאַלאָווסקי פּאָגראָמען אין גאַליציע אין יאָר 1898, האָבן זיך צווישן די פּויערן פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז רודאָלף לעבט אין אַמעריקע און האָט פון דאָרט געשיקט אַ באַפעל צו הרגענען יידן.

די יידישע מאַסן האָבן נאָך אים שטאַרק געטרויערט. זיי האָבן אין אים געזען נישט נאָר זייער צוקונפטיקן מלך, נאָר אויך זייער מלאך הגואל. (בעת רודאָלפס אַ וויזיט אין גאַליציע האָט דער פּאמורענער דיכטער צבי אליעזר טעלער אָנגעשריבן אַ לויב־דעדיכט „בן פורת יוסף״, און נאָך רודאָלפס טויט האָט ברוך שאַפיר פון פּשעמישל פאַרעפנטלעכט אַן עלעגיע „ווינדאָבאָנאַס שמערץ״).

דערווייל האָט אין עסטרייך שטאַרקער און שטאַרקער געבושעוועט דער אַנטיסעמיטיזם און זיך צעפלאַקערט ווי אַ ווילדער פייער. אין סעפּטעמבער 1882 האָבן די אַנטיסעמיטן פון עסטרייך און דייטשלאַנד אָפּגעהאַלטן אַן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין דרעזדן. דער אַנטיסעמיטיזם פון דייטשלאַנד האָט פאַרכאַפּט גאַנץ עסטרייך און אַרום זיי איז אויסגעוואַקסן אַן אַנטיסעמיטישער אינטערנאַציאָנאַל, פון וועלכן אויך די פּאָליאַקן און טשעכן האָבן געשעפּט תענוג. פּראָפעסאָר אויגוסט ראָלינג פון דער פּראָגער אוניווערזיטעט האָט פאַרעפנטלעכט זיין פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלעך בוך „דער תלמוד־יודע״ וואָס האָט אַנטהאַלטן אַנטי־קריסטלעכע עלילות, כלומרשט גענומען פון תלמוד. דער שוין דערמאָנטער ראַבינער פון פלאָריסדאָרף, ד״ר יוסף בלאָך, האָט ראָלינגן אַרונ־

טערגעריסן ווי אַ שווינדלער און איגנאָראַנט. דער פּראָצעס ראָלינג־בלאָך האָט בלאָכן געמאַכט וועלט־באַרימט*).

אין יאָר 1882 איז אויך אין אונגאַרן, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דעם אַנטיסעמיטישן פּאַראַד פון די אַכציקער יאָרן, פּאָרגעקומען אַ בלוט־בלבול פּראָצעס אין טיסא עסלאר, באַגלייט פון פּאָגראָמען אין פּרעשבורג, אַן אַנדערער בלוט־בלבול איז פּאָרגעקומען אין גאַליציע מיט דער פּאַמיליע ריכטער אין ריישא אַלס די קרבנות פון דער עלולה. און אין יאָר 1899 איז פּאָרגעקומען דער טרויעריק באַרימטער פּראָצעס פון לעאָפּאָלד הילזנער אין מערן.

די צייט איז געווען רייף פאַר אַ נייע אַנטיסעמיטישע פּאַרטיי אין עסטרייך, און אַזאַ פּאַרטיי איז טאַקע געשאַפן געוואָרן. די נייע פּאַרטיי איז געווען די אַנטיסעמיטישע קריסטלעך־סאָציאַלע פּאַרטיי מיט ד״ר קאַרל לועגער בראש. אין 1891 איז די פּאַרטיי שוין געווען אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט באַוויזן אויסצוווילן 13 דעפּוטאַטן אין רייכסטאַג מיט לועגערן בתוכם. לועגער האָט באַנוצט זיין דעמאַגאָגישן טאַלענט אויפצורייצן דעם ערב־רב קעגן די יידן, קעגן די ליבעראַלן און קעגן די גרויס־קאַפּיטאַ־ליסטן. אין זיין דעקלאַראַציע האָט ער פּאָרגעוואָרפן, אַז די צוויי מיליאָן יידן אין עסטרייך־אונגאַרן האָבן מאָנאָפּאָליזירט דאָס גאַנצע געלט און די גאַנצע מאַכט; אַז אין ווין מאַכן די יידן אויס 70 פּראָצענט פון אַלע זשורנאַליסטן, און כמעט 90 פּראָצענט אין בודאַפּעשט. דער פינאַנציע־לער קריזיס פון קליינעם מיטלשטאַנד האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט צו רייטן אויף די פּלייצעס פון די ווינער בורגהערס צו דער העכסטער שטופע פון דער שטאָטישער מאַכט, און אין יאָר 1895 איז ער אויסגעווײלט געוואָרן אַלס בירגערמייסטער פון ווין. פּאַרשטייט זיך, אַז דעם קייזער איז דאָס נישט געווען זייער באַקוועם, אַז אין ווין זאָל זיצן אַזאַ דעמאַ־גאָג, און ער האָט פיר מאָל דורכאַנאַנד אָפּגעלייגט די באַשטעטיקונג פון זיין אַמט. ווען ער איז טראָץ דעם געווײלט געוואָרן צום פינפטן מאָל, האָט שוין דער קייזער געמוזט נאָכגעבן, און אין יאָר 1897 האָט

*) ד״ר יוסף בלאָך איז געבוירן געוואָרן אין דוקלא און געלערנט אין דער ישיבה אין לעמבערג, אונטער דער השגחה פון באַרימטן תלמיד חכם ר׳ יוסף שאול־נאַטאַנזאָן. ער איז געווײלט געוואָרן אין פּאַרלאַמענט פון קאָלאָמיי אין יאָר 1883 ביז 1885. צום צווייטן מאָל איז ער געווײלט געוואָרן אין ווינער פּאַרלאַמענט פון 1896 ביז 1897. ער האָט אויך געגרינדעט די „אוניאָן פון עסטרייכישע יידן״.

ווין דערלעבט, אַז אַ מיטגליד פון דער אַנטיסעמיטישער קליינבירגערלע־כער פּאַרטיי איז געוואָרן דער „הערשער״.

און אַט ווילן מיר צעשטערן נאָך אַ לעגענדע פון די יידישע היס־טאָריקער וועגן דעם „גוטן״ קייזער, וואָס האָט כלומרשט נישט געוואָלט באַשטעטיקן לועגערן אַלס בירגערמייסטער, מחמת ער איז געווען אַן אַנטיסעמיט. די אמתע סיבה פאַרוואָס דער קייזער האָט אַזוי געהאַנדלט און נישט געוואָלט האָבן אַ בירגערמייסטער פון דער קריסטלעך־סאָציאַ־לער פּאַרטיי (דורכן פאָלק באַצייכנט אַלס קריסטלעך־סקאַנדאַלע פּאַרטיי), איז לגמרי נישט געווען זיין כלומרשטע ליבשאַפט צו יידן. דער אַלטער קייזער האָט פשוט פיינט געהאַט לועגערן ווייל ער איז געווען פון נידע־ריקן אָפּשטאַם, אַ פּלעבעי, אַ זון פון אַ ווינער סטרוזש, אַ דעמאַגאָג, אַ שרייער, מיט וועלכן עס האָט נישט געפּאַסט „זיין אַפּאָסטאָלישער מאַ־יעסטעט״ צו זיצן אין איין וואָגן. ווי וויניק דער קייזער אַליין האָט געהאַלטן פון יידישן יחוס, קען מען אָפּלערנען פון אַן עפּיזאָד, וואָס האָט שיער נישט גורם געווען צו אַ דיפּלאָמאַטישן ברוך מיט אַמעריקע.

אין יאָר 1885 האָט דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט גראָווער קליוור־לאַנד באַשטימט אַלס אַמבאַסאַדאָר פון די פאַראייניקטע שטאַטן קיין ווין אַ דיפּלאָמאַט מיט אַזאַ כשרן נאָמען ווי אַנטאָני קעילי פון וויר־דזשיניאַ. מר. קעילי האָט באַלד איינגעפּאַקט זיינע זאַכן און איז אָפּגע־פאָרן מיט דער שיף קיין פּאַריז אויפן וועג קיין ווין. פּלוצלינג איז אָנגעקומען אַ דעפּעשע פון עסטרייכישן אויסערן מיניסטער גראַף קאַל־נאָקי, אַז עפּעס איז נישט כשר אין דער גאַנצער מעשה, און געבעטן, אַז די נאָמינאַציע זאָל דערווייל צוריקגערופן ווערן. עס איז געוואָרן אַ רעש אין סטייט־דעפּאַרטאַמענט, ס׳טייטש היתכן? איז טאַקע באַלד די קאַץ אַרויס פון זאַק. מר. קעילי אַליין איז טאַקע אַל־רייט, אַ גוטער גוי, אָבער עס איז דאָ אַ פּגם אין דער משפחה, דהיינו, מר. קעילי האָט חתונה געהאַט מיט אַ יידיש מיידל און איצט, האָט דער מיניסטער געטענהט, ווי קען מען פאַרלאַנגען אַז ביי דיפּלאָמאַטישע אויפנאַמען און ביי די הויף־צערעמאָניעס זאָל מען אויפנעמען דעם אַמבאַסאַדאָר מיט זיין יידישער אַמבאַסאַדאָרשע? פאַרשטייט זיך, אַז דער אַמעריקאַ־נער סטייט־דעפּאַרטאַמענט האָט נישט געוואָלט הערן פון בטל מאַכן די נאָמינאַציע צוליב רייך רעליגיעזע מאָטיוון, און עס האָט זיך אָנגע־הויבן אַ דיפּלאָמאַטישער נאָטן־אויסטויש מיט אַ לאַנגן דיפּלאָמאַטישן

סכסוך. צוגעדריקט צו דער וואַנט, האָבן די עסטרייכער אָנגעהויבן צו געבן אַלץ נייע תירוצים. דער סוף איז געווען, אַז דער באַשטימטער אָבער ז'ערוויל נאָך נישט דערפאָרענער אַמבאַסאַדאָר, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסן אין פּאַריז, איז צוריקגעקומען קיין וואַשינגטאָן און האָט אַליין רעזיגנירט, כדי נישט צו ווערן די סיבה פון אַ דיפּלאָמאַטישן ברוך צווישן די צוויי לענדער. אָבער זיין בריוו וועגן דער רעזיגנאַציע האָט אויפגעדעקט די גאַנצע פּערפידיע און די פּחדנות פון דער עסטרייכי־שער רעגירונג. עס האָט געדויערט צוויי יאָר צייט, איידער אַמעריקע האָט געשיקט אַן אַנדערן אַמבאַסאַדאָר קיין ווין.

די אַנטיסעמיטישע כוואַליעס אין עסטרייך און ספּעציעל אין ווין האָבן געשלאָגן אַלץ העכער. אָבער נישט אַלע זייערע רעזולטאַטן זענען געווען נעגאַטיוו. אונטערן דרוק פון דער שוואַרצער אַנטיסעמיטישער פּלאַכטע האָבן זיך אָנגעהויבן צו גאַרטלען נייע ליכטיקע כוחות פון יידישן רענעסאַנס. אין יאָר 1882 האָט זיך דער יידיש־נאַציאָנאַלער אַקאַ־דעמישער פאַראיין „קדימה" געגרינדעט אין ווין. און עס איז זיכער נישט געווען קיין צופאַל, וואָס דווקא אין ווין איז אין די אַכציקער יאָרן דערשינען פּרץ סמאָלענסקינס „השחר" און אין 1885 בירנבוימס זשור־נאַל „זעלבסטבאַשטימונג". דער יידישער זעלבסטבאַוווסטזיין האָט זיך אויפגעוועקט צום קאַמף פאַרן קיום האומה.

דער באַטייט פון ווין פאַרן יידישן לעבן האָט געהאַט נישט בלויז אַ לאָקאַלן כאַראַקטער, נאָר אַ כלל־ישראלדיקן היסטאָרישן ווערט. און עס איז אפשר כדאי צו שליסן דאָס קאַפּיטל מיט אַן אָבסערוואַציע פון אַ נישט־יידישן אַמעריקאַנער היסטאָריקער פון דער וועלט־קולטור: „טאַקע נאָר דאָס אַלטמאָדישע ווין און נישט דאָס מאָדערנע בערלין, האָט געקענט זיין דאָס געבורטאָרט פון צוויי פון די רעוואָלוציאָנערסטע ריכטונגען פונעם נייעם יאָרהונדערט, דהיינו: פון דער פּסיכאָאַנאַליזע און פון ציור־ניזם" (קווינסי האַו, „וועלט־געשיכטע פון אונדזערע צייטן").

VIII

יידישע פּאַרטייען

באַוועגונגען און סאָציאַלע פּלאַטפאָרמען האָבן נישט קיין אייגנטלע־כע געבורטס־דאַטן. אָבער מענטשן טראַכטן לויט שאַבלאָנען און אָפּערירן

מיט אַבסטראַקטע קאַטעגאָריעס. דער זכרון קלאַמערט זיך אָן געוויסע צייטלעכע און אָרטיקע פּאָזיציעס, כדי נישט פאַרבלאָנדזשעט צו ווערן אין אַ לאַבירינט פון שוועבנדיקע געדאַנקען און געפילן. דער מענטש־לעכער געדאַנק איז געוווינט געוואָרן צו געבורטסטאָגן, חתונות און לויות, צו אַלעם, וואָס האָט אַן אָנהויב און אַ סוף. אָבער געשיכטע איז אַ טייך מיט אַ סך ריטשקעלעך, דינענקע וואַסער־אָדערן, קליין ווי מענטשלעכע בלוט־קאַפּילאַרן, נעבן גרויסע, דיקע שטראָמען. אָט טאַקע נאָר אין דעם זין וועלן מיר זיך באַנוצן מיט דאַטן, יאָרן און חדשים, כאָטש מיר ווייסן, אַז קיין שום היסטאָרישע געשעעניש געשעט נישט אַנדערש ווי נאָר אַלס פּועל־יוצא פון דורות אַרבעט, געפילן, איבערקערענישן, דערגרייכונגען און קרבנות. דאָס איז אויך אמת בנוגע פּאַרטייען. ווען איז דער ציוניזם געבוירן געוואָרן אין גאַליציע? יש אומרים, אַז ער איז דאָרט גאָרנישט געבוירן געוואָרן, ער איז דאָרט געווען די גאַנצע צייט, וואָס יידן האָבן דאָרט געוווינט. רעדן מיר טאַקע נישט וועגן ציוניזם אַלס אַזעלכן, נאָר פון דעם מאָדערנעם ציוניסטישן געדאַנק, און אויך דאָ איז נישט לייכט צו זאָגן ווו עס איז די גרענעץ פון היה והוה.

ווי מיר האָבן שוין געהאַט אָנגעוויזן, איז די אַסימילאַציע, וואָס איז פריער געווען אַ דייטשע, שפּעטער געוואָרן אַ פּוילישע. אָט די פּאָר צי־פערן באַווייזן דאָס באַשיימפּערלעך. אין 1880 האָבן איבער 300.000 יידן אָנגעגעבן דייטש פאַר זייער מוטערשפּראַך (יידיש איז נישט געווען אָנער־קענט אַלס אַ מוטערשפּראַך). דאָס הייסט, אַז כמעט אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט כלומרשט גערעדט דייטש. צען יאָר שפּעטער האָבן 621.000 יידן אָנגעגעבן, אַז פּויליש איז זייער מוטערשפּראַך, 138.000 האָבן אויסגעוויילט דייטש און 40.000 רוטעניש. אַזאַ איבערקע־רעניש איז פאָרגעקומען אין משך פון אַזאַ קורצער צייט. פונדעסטוועגן האָט די פּוילישע אַסימילאַציע נישט זייער מצליח געווען, ווייל גראָד אין די אַכציקער און נאָך מער אין די ניינציקער יאָרן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקער צעשיידונגס־פּראָצעס צווישן יידן און פּאָליאַקן. שולדיק איז אין דעם געווען דער וווקס פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט אָנגענומען אַלץ ווילדערע פאָרמען, אָבער נאָך מער איז עס געווען צוליבן דערוואַכן, אָדער בעסער געזאָגט, צוליב דעם אויסקריסטאַליזירן זיך פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. אָט אָ די דערוואַכונג איז נישט געווען קיין גאַ־ליצישער פּראָדוקט, נאָר אַ טייל פון דער אַלגעמיינער תחית האומה, ווייל

גאַליציע, כאָטש זי איז געווען איינגעשלאָסן אין עסטרייכישן רעמל, איז פונדעסטוועגן געווען אַ טייל פון כלל ישראל. פּאָליטישע גרענעצן זענען קיין מאָל נישט געווען קיין מחיצות צווישן יידישע באַוועגונגען. דער הד־קול, אָדער בת־קול פון דער חובבי ציון קאָנפערענץ, וואָס פינסקער האָט פאַררופן אין יאָר 1884 אין קאַטאָוויץ (די מזכרת־משה אָרגאַניזאַציע לכבוד משה מאָנטעפיאָרע); די חובבי ציון קאָנפערענץ אין דרוס־קעניק אין 1887 און אין ווילנע אין 1889, האָבן נישט פאַרפעלט צו האָבן זייער פעולה צווישן דער גאַליצישער אינטעליגענץ. דער חובבי ציון געדאַנק האָט זיך פאַרשפּרייט איבער די גאַליצישע שטעט און שטעטלעך פון סאַמע אָנהויב אָן.

אָבער גאַליציע האָט אויך געבראַכט אַן אייגענעם צושטייער. האָבן מיר דאָך געזען, אַז שוין אין 1882 איז אין ווין געגרינדעט געוואָרן דער פאַראיין „קדימה״ אויף דער איניציאַטיוו פון פּרץ סמאָלענסקין מיט דער באַטייליקונג פון ד״ר ראובן בירער, נתן בירנבוים און עוזר קאַקעש. די מיינסטע פון די מיטגלידער זענען געווען גאַליציאַנער, וואָס האָבן גע־שטודירט אין ווין.

אין גאַליציע גופא האָט זיך די יידיש־נאַציאָנאַלע באַוועגונג אָנגע־הויבן אין די פריע אַכציקער יאָרן. איינע פון די ערשטע שוועלבעלעך פון דער נייער באַוועגונג איז געווען דער פאַראיין „מקרא קודש״ אין לעמבערג מיט אַ ברייטן נאַציאָנאַלן און קולטורעלן פּראָגראַם. שפּעטער איז פון דעם אויסגעוואַקסן דער „ציון־פאַריין״ — מיט ראובן בירער און די צוויי ברידער שטאַנד, אַדאָלף און קאַרל, אברהם דוד און יעקב קאָרקיס, מרדכי ערענפּרייז, יהושע טהאָן, דוד מאַלץ, גרשון ציפּער, שמואל ראַפּאָפּאָרט, דוד הירש טיגער, יצחק פעלד, מאַקס שפּרעכער, יצחק שוואַרץ, יעקב שמעון רענצער, מיכל בערקאָוויטש, דוד ניימאַרק און פיליפּ מאַנש. שפּעטער זענען צוגעקומען גרשם באַדער, שלמה שילער, דוד שרייבער און אַנדערע. דאָס זענען אַלץ געווען נעמען פון די פּיאָנערן פון גאַליציאַנער ציוניזם. אַ יעדער פון זיי האָט געשפּילט אַ פּירנדיקע ראָלע אין דער ווייטערדיקער געשיכטע פון ציוניזם, און אַ פּאָר פון זיי אויך אַלס קאָריפייען פון דער ציוניסטישער און פון דער העברעאיש־יידישער ליטעראַטור.

עס האָט באַלד אָנגעהויבן דערשיינען אַן אייגענער זשורנאַל פון

דער „ציון״־גרופע מיטן נאָמען ”Przyszłość„ (צוקונפט). דער ערשטער נומער איז דערשינען אין יאָר 1891. פריער נאָך איז דערשינען אַ בראָ־שור אויף פויליש, וואָס איז פאַרן גאַליציאַנער ציוניזם געווען דאָס — אויב מ׳קאָן קליינע זאַכן פאַרגלייכן מיט גרויסע — וואָס הערצלס „יודענ־שטאאט״ איז געווען פאַרן ציוניזם אינעם וועלט־מאַסשטאַב. דער נאָמען פון דער בראָשור איז געווען „וואָס דאַרף זיין דער פּראָגראַם פאַר דער יידישער יוגנט?״ די בראָשור האָט אַנטהאַלטן קלאָר פאָרמולירטע פּאָסטו־לאַטן פאַר אַן אומאָפּהענגיקע און זעלבסטשטענדיקע יידיש־נאַציאָנאַלע פּאָליטיק. אין דער פויליש־געשריבענער בראָשור ווערט אויך דייטלעך אַרויסגעזאָגט די נויטווענדיקייט פון פירן אַן אייגענע יידישע לאַנד־פּאָליטיק מיט דער פאָדערונג פון אַ יידיש־נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. דאָס איז געווען אַ שאַרפער קווער־שניט, וואָס האָט איין מאָל פאַר אַלע מאָל געבראָכן מיט יעטוועדע אַסימילאַטאָרישע קאָמפּראָמיסן, אָדער האַנדל מיט יידישע אינטערעסן. די יידן האָבן דערוויזן, אַז זיי זענען פּאָליטיש דער־וואַקסן און באַדאַרפן נישט קיין פּאָליטישע אַפּוטרופּסים. די בראָשור איז געווען געשריבן פון גרשון ציפּער און דוד מאַלץ. די נאָענטסטע דאַטע, 1893, איז וויכטיק מחמת אין דעם יאָר איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון די יידישע פאַרטרעטער אין לאַנד, אויף וועלכן דער פּראָגראַם פון תחית ישראל על אדמת אבותם און אַ נאַציאָנאַלע פּאָליטיק אין לאַנד, זענען געוואָרן קריסטאַליזירט. אין די אַכציקער יאָרן איז מען צוגע־טראָטן צו דער פּראַקטישער אַרבעט. אַ גאַליצישע קאָלאָניזאַציע געזעל־שאַפט „אהבת ציון״ איז געגרינדעט געוואָרן מיטן זיץ אין טאַרנאָוו. אין דער שפּיץ פון דער געזעלשאַפט איז געשטאַנען ר׳ פייביש שרייער פון בראָדשין, אַלס ערן־פּרעזידענט, ר׳ בנימין אריה ווייס פון טשערנאָוויץ איז געווען פּרעזידענט, און ד״ר אברהם זאַלץ פון טאַרנאָוו איז געווען וויצע־פּרעזידענט. ד״ר זאַלץ, אויף וועמענס פּלייצעס עס איז געלעגן די שווערסטע אַרבעט, האָט אַנטוויקלט אַן ענערגישע קאַמפּאַניע. שוין אין 1882 איז געלייגט געוואָרן דער גרונט־שטיין פאַר דער קאָלאָניע „מחניים״ אין ארץ ישראל. עס איז אים אפילו געלונגען צו קריגן די שטיצע פונעם טשאָרטקאָווער רבין פאַר דעם פּראָיעקט פון קאָלאָניזאַציע. אין 1898 האָט די אָרגאַניזאַציע שוין געהאַט 597 מיטגלידער, כמעט אַ העלפט דער־פון אין טאַרנאָוו אַליין. עס האָבן עקזיסטירט 14 לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס אין פאַרשידענע שטעט אונטער אַזעלכע נעמען ווי „ציון״, „בני ציון״,

„חובבי ארץ ישראל“, „ישורון“ און אַנדערע. אפילו ד״ר הערצל אַליין האָט זיך פאַרשריבן אַלס מיטגליד פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. ווי נאָר עס איז אַרויס דער קול קורא צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל זענען די גאַליצישע פאַריינען געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער נייער באַוועגונג פון פּאָליטישן ציוניזם.

אין יאָר 1902 איז דער אָרגאַן פון די „ציון“-מיטגלידער פאַרביטן געוואָרן אויף Wschód. אַ וואָכנבלאַט אונטער דער רעדאַקציע פון אברהם דוד קאָרקיס, ביי דער מיטאַרבעט פון אַדאָלף שטאַנד, גרשם באדער, דוד מאלץ און הענריק גאבעל. די אויגן פון דער גאַליצישער אינטעליגענץ זענען געווען געווענדט צום מזרח. ארץ ישראל איז געוואָרן די לאָזונג פון זייער לעבן און שטרעבן.

דאָס איז אַ גאַנץ קורצער איבערבליק, טאַקע נישט מער ווי אפשר ראשי פרקים פון דער אַנטוויקלונג פון אַ באַוועגונג, וואָס האָט געהאַט אַ רעוואָלוציאָנערן אימפּעט און אַ גרויסע השפעה אויפן לעבן און טראַכטן פון גאַליצישן יידנטום; טאַקע דאָרט אין גאַליציע אפשר מער ווי אומעטום, צוליב די באַזונדערע לאָקאַלע פאַרהעלטענישן, צווישן וועלכע די יידן אין גאַליציע האָבן געלעבט. דאָס איז געווען פאַר אונדז, די יונגע, און אויך פאַר די, וואָס זענען ערשט פון וויגעלע אַרויסגעקראָכן, נישט נאָר אַ נייע עפּאָכע, נאָר טאַקע אַ גאַנץ נייע וועלט, וואָס האָט אונדז פאַרכשופט, פאַרחלומט. און ממש פאַרשכורט מיט אירע וואונדערלעכע טרוימען וועגן אַן אייגענער היים, וועגן גרויסן יידישן שטאָלץ און די באַפּליגלטע יידישע האָפענונגען.

איך געדענק אַלס קינד — און איך געדענק עס ווי אין חלום — ווי מיין טאַטע האָט געפּאַקט דאָס קלימעקל און געפּאָרן פאַרשרייבן זיך אַלס עולה קיין ארץ-ישראל. די שכנים זענען אַלע געקומען אין שטוב אַריין און דיסקוטירט ווער, ווען און וואָס מען וועט מיטנעמען קיין פּאַלעסטינע. אין קליינע שטעטלעך — און מיין שטעטל סאָסאָוו איז געווען אַ פּיצעלע שטעטעלע — האָבן יידן אָנגעהויבן זוכן קונים אויף זייער ביסל אָרעמקייט, כדי צו זיין גרייט ווען דער בעל-עגלה וועט נאָר אַ קנאַל טון מיט זיין בייטש. איך ווייס נישט ווער עס האָט אַרויסגעלאָזט אַ שמועה, אַז מ׳זאָל זיך „פאַרשרייבן“, אָבער איך ווייס, אַז מיין טאַטע איז צוריקגעקומען אַ שווייגעדיקער, און אויב מ׳האָט אים צו שטאַרק צוגעדריקט צו דער וואַנט, האָט ער געזאָגט: „נאַ, וואַרט נאָך צו אַ פּאָר חדשים,

אפשר וועט עפּעס דאָך געשען״. דערווייל איז דער עולם שטיל געוואָרן און נישט איינער האָט ביי זיך געטראַכט: „נאַ, מילא, נאָך אַ פאַלשער משיח!״ אָבער ביי מיר אין מוח האָט עס געעגבערט און ביי די אַנדערע יינגלעך אין חדר האָט זיך דאָס מויל נישט צוגעמאַכט: „אוודאי וועלן מיר פאָרן!״ ווייל ביי אונדז קינדער אין חדר איז גאָר קיין ספק נישט געווען: — מיר וועלן פאָרן אם ירצה השם, טאַקע קיין ציון. ווייט, ווייט וועלן מיר פאָרן — איבער דער מדבר דער וויסטער, איבער דעם סמבטיון דעם ברויזעדיקן, וואָס שיסט מיט שטיינער און זידט מיט הייסן וואַסער, אָבער פאָרן וועלן מיר. אין דעם זענען מיר געווען זיכער...

אָט אַזוי זענען מיר געבוירן געוואָרן אין ציוניזם און אויסגעוואַקסן אין ציוניזם. אָבער די עלטערע, די פּיאָנערן, די קאַרקיסעס, די שטאַנדס, די ציפּערס און די אַנדערע, זיי האָבן געהאַט אַ שווערן קאַמף אויסצושטיין, מיט די אַסימילאַטאָרן פון איין זייט און די חסידים פון דער צווייטער. צווישן די אַסימילאַטאָרן זענען געווען וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, דעפּו־טאַטן, שרייבער און כלל טוער, ווי ד״ר בערנאַרד גאָלדמאַן, ד״ר נתן לעווענשטיין, ד״ר טאָביאַש אשכנזי, ד״ר א. ליליען, ד״ר עמיל ביק, ד״ר ב. מערווין און אַנדערע, אַלע מענטשן מיט הויכע סאָציאַלע פּאָזיציעס, וואָס זענען געווען נישט זשעדנע אין קיין געלט און נישט אין קיין כבוד. די ציוניסטישע פירער זענען געווען יונגע, ענערגישע בחורים, אָבער אָן פּאָזיציעס און אָן איינפלוס, און דער קאַמף איז געווען גאָר נישט קיין גלייכער, — מער נישט וואָס די צייט מאַרשירט תמיד מיט די יונגע, און אין צוזאַמענשטויס פון קרעפטן, איז דער צייטגייסט די בעסטע אַרטילעריע.

שווערער איז עס געווען מיט די חסידים, מיט די צדיקים, און סתם ערלעכע יידן, וואָס, געפּרוווט אין דער טראַדיציע פון פאַלשע משיחים, האָבן זיי זיך געווערט קעגן יעדן אָנהייב צו „פאַרפירן״ דעם עולם.

אַמערגסטן זענען געווען די חסידישע „פּאָליטישענס״. די חסידישע מאַסע האָט אין יענע יאָרן אינגאַנצן פאַרלוירן איר זעלבסט־שטענדיקייט. אין געוויסע מאָמענטן האָט זי זיך אויפגעפירט ווי אַ טשע־רעדע שאָף און זיך געלאָזט טרייבן פון די צדיקים צו דער וואַל־אורנע, אָדער ביי ענלעכע געלעגנהייטן. זיי זענען געווען כחומר ביד היוצר, ביי דער גאַליצישער מאַכט און זייערע אַסימילאַטאָרישע משרתים. דער נאַמיעסטניק און דער סטאַראָסטע האָבן געוווסט, אַז זיי קאָנען זיך פאַר־

לאָזן אויף זייערע רביים, און די צדיקים האָבן קיין מאָל נישט פאַרגעסן, אַז ווען מ׳דאַרף אַ טובהלע — און וועלכער ייד האָט עס עפּעס נישט געדאַרפט אַ טובה אין גאַליציע — איז דער סטאַראָסטע און, אפילו דער „וויט״ אין אַ קליין שטעטל, געווען פיל וויכטיקער ווי די ציוניסטישע כל־בוניקעס.

איבעריקנס האָבן די אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן געהאַט זייער אייגענע אָרגאַניזאַציע. ווייל אין די אַכציקער יאָרן, וואָס זענען געווען אַ מין פּאָלי־טישער אינקובאַטאָר פון פאַרשידענע פאָלקס־באַוועגונגען, האָבן אויך די אָרטאָדאָקסישע קרייזן געגרינדעט אַן אייגענע אגודה. די איניציאַטיווע איז אַרויסגעגאַנגען פון בעלזער הויף, אָבער דער אָרגאַניזאַטאָר איז געווען דער קראָקעווער רב, ר׳ שמעון שרייבער. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון „מחזיקי הדת״ פאַרבאַנד. אין יאָר 1882 האָבן זיך פאַרזאַמלט 200 רבנים און 800 רעפּרעזענטאַנטן פון די קהילות אין גאַליציע און פון בוקאָווינע און האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם פאַר דער אָרגאַניזאַציע, פון וועלכן דער הויפּט־פּונקט איז געווען די דעראָבערונג פון די קהילות און פירן זיי אויפן יסוד פון שולחן ערוך.

אָבער נישט ווייניקער וויכטיק פון שטאַנדפּונקט פון אָרטאָדאָקסיע איז געווען דער פּונקט וועגן באַקעמפן דעם ציוניזם. דער אָרגאַן פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען די צוויי־וואָכנשריפט „מחזיקי הדת״ און וואָס מער עס איז געוואַקסן די ציוניסטישע באַוועגונג, אַלץ מער פעך און שוועבל איז אין איר אויסגעגאָסן געוואָרן קעגן די ציוניסטישע „גוים״.

אָבער די ציוניסטן און חסידים זענען נישט געווען די איינציקע אויפן פּאָליטישן יאַריד פון די אַכציקער און ניינציקער יאָרן. די סאָציאַ־ליסטישע באַוועגונג אין גאַליציע איז געווען אַ מער באַגרענעצטע אין איר פאַרנעם איידער אין רוסיש־פּוילן, סיי אין דער צאָל און סיי אין דער אינטענסיווקייט. זי איז נישט געווען קיין רעוואָלוציאָנערע, נאָר מער אַ קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי. אין גאַליצישן סאָציאַליזם זענען אויך נישט פאָרגעקומען קיין גרויסע שפּאַלטונגען, ווי למשל, אין רוסיש־פּוילן צווישן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס האָט געשטרעבט צו אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אומעטום, און דער פראַקציע פון די פּויליש־רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן פון פּילסודסקיס טיפּ, וואָס האָט די פּוילישע אומאָפּהענגי־קייט געשטעלט אויפן סאַמע אויבנאָן פון דעם סאָציאַליסטישן פּראָגראַם. אין גאַליציע איז די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געווען אַ טייל פון

דער עסטרייכישער, וואָס האָט אויך נישט פאַרוואָרפן די נאַציאָנאַלע תביאות פון פוילישער אומאָפּהענגיקייט. עס מאַכט נישט אויס פון וועלכן פליגל עס זאָל נישט זיין, אין איין פּרט זענען זיי אַלע געגאַנגען אינ־איינעם מיט דער בורזשואַזיע — דאָס איז געווען אין דער פראַגע פון דער נויטווענדיקייט פון דער יידישער אַסימילאַציע.

צו דעם צוועק האָט די פּ.פּ.ס.ד. (פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי) אין גאַליציע אפילו געהאַט אַ ספּעציעלע יידישע קולטור־אָפּטיילונג און האָט אין יאָר 1894 אַרויסגעגעבן אַ יידיש וואָכנבלאַט מיטן נאָמען „דאָס יידישע וואָכנבלאַט" (שפּעטער „יידישע אַרבייטער־צייטונג"), וואָס איז געווען רעדאַקטירט דורך דוד סאַלאַמאַנדער. (די פּ.פּ.ס. האָט אויך געהאַט יידישע פאַראיינען ווי „יד החזקה" און אַנדערע).

אין אָנהויב האָבן די ציוניסטן געזוכט אַ פאַרשטענדיקונג מיט די סאָציאַליסטן. אין די פּאַרלאַמענט־וואַלן פון 1897 האָט אַ טייל ציוניסטן אַגיטירט פאַר די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן און די צוויי סאָציאַליסטן, קאָזאַקעוויטש און דאַשינסקי, האָבן געהאַט די פולע אונטערשטיצונג פון די ציוניסטן. די „ליבע" איז נישט געווען קיין קעגנזייטיקע. די יידישע מיטגלידער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווי הערמאַן דיאַמאַנד, הערמאַן ליבערמאַן און רפאל בובער, האָבן געפירט אַ ביטערן קאַמף קעגן די ציוניסטן, וואָס האָבן ביי זיי צוגענומען די אינטעליגענץ און די מאַסן פון מיטלשטאַנד, און די סאָציאַליסטן האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין אַראַטאָרישע אַמוניציע קעגן די ציוניסטן.

אָבער באַלד איז ביי זיי אַליין איינגעטראָטן אַ שפּאַלטונג. עס איז באַלד געוואָרן קענטיק, אַז די אַסימילאַציע האָט זיך נישט איינגעגעבן, אפילו נישט ביי די סאָציאַליסטן אַליין. נאָכמער, אין די רייען פון די פּוילישע סאָציאַליסטן זענען געווען אַ היפּש ביסל אַנטיסעמיטן און יידן האָבן בטבע פיינט אַנטיסעמיטן, די רויטע נישט ווייניקער ווי די שוואַרצע. אין יאָר 1905 האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן אַ טייל פונעם יידישן פליגל פון דער פּ.פּ.ס. און זיך אָרגאַניזירט אין אַן אייגענער יידיש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (זש.פּ.ס.). די פּאַרטיי איז געווען דער „בונד" פון גאַליציע, וואָס האָט נישט נאָר איבערגענומען דעם פּראָגראַם פון דער בונדישער פּאַרטיי, נאָר איז וואַרשיינלעך אויך באַאיינפלוסט געוואָרן פון דעם ביישפּיל פון די בונדאָווצעס און זיך אָפּגעשפּאָלטן פון פּוילישן בלאָק. אין דער

שפּיץ פון זש.פּ.ס. פליגל איז געשטאַנען הענריק גראָסמאַן און א. מאָזלער, און אין אַ יאָר צייט האָט די נייע אָרגאַניזאַציע שוין געהאַט אַרום 4.000 מיטגלידער מיט אַן אייגענעם פּאַרטיי אָרגאַן „דער סאָציאַלדעמאָקראַט". די נייע פּאַרטיי איז געווען זייער רירעווודיק און קעמפעריש.

עס האָט נישט גענומען לאַנג און די ציוניסטישע פּאַרטייען, באַזונדערס די פּועלי ציון, האָבן דערשפּירט נישט נאָר אַ קאָנקורענץ, נאָר אויך די שטאַרקע פויסט פון די זש.פּ.ס.־ניקעס וואָס פלעגן קומען אין גרויסע מאַסן און צעטרייבן די פאַרזאַמלונגען פון זייערע קעגנער. אין דער היץ פון אַזאַ געפעכט פלעגן פאַלן שייטער האָלץ, גלאָז פון צעבראָכענע שויבן און אפילו אויסגעריסענע טירן פלעגן פליען איבער די קעפּ פון די פאַרזאַמלטע. ביי איינער פון די פאַרזאַמלונגען אין לאָקאַל „תקות ציון", ווו ד"ר דניאל פּאַסמאַניק האָט געהאַלטן אַ פאָרטראַג, בין איך אויך אַרויס אַ צעבלוטיקטער, און כאָטש איך ווייס נישט, צי דאָס מאַכט מיך פאַר אַ פּועלי ציוניסט, בין איך אָבער אַלס יונגער ייִנגל געווען כמעט אַזוי שטאָלץ אויף די קלעפּ, וואָס איך האָב באַקומען, ווי פון די, וואָס איך האָב אַליין דערלאַנגט. ד"ר פּאַסמאַניק פלעגט אַרומפאָרן איבערן לאַנד מיט אַ געלאַדענעם רעוואָלווער אין דער קעשענע, מחמת דאָס זענען געווען צייטן, ווען מ'האָט נישט נאָר דיסקוטירט פּראָבלעמען, נאָר אויך זיך געשלאָגן צוליב זיי, און די זש.פּ.ס.־ניקעס האָבן ערלעך פאַרדינט זייער צושטייער נישט נאָר צו די גאַליצישע פּאַרטיי־פּראָבלעמען, נאָר אויך צו די גאַליצישע פּאַרטיי־קלעפּ. נאָכן ערשטן וועלט־קריג האָבן זיי זיך צונויפגעגאָסן מיטן „בונד" אין פּוילן.

דער פּועלי ציוניזם אין גאַליציע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין גאַליצישן פּאַרטיי־לעבן. זיין אָנהויב אין גאַליציע איז געווען אַ גאַנץ פּריאיקער כאָטש נישט קיין דיפערענצירטער. יעקב קענער האָט אין זיין לעצטן בוך „קווערשניט" (ניו־יאָרק, 1947), געבראַכט אַן אינטערעסאַנטן ביישטייער צו דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

די ערשטע פּראָלעטאַריש־ציוניסטישע גרופּירונגען, וואָס האָט זיך באַנוצט מיטן נאָמען „פּועלי ציון" איז ווייזט אויס אַנטשטאַנען אין מינסק, אין יאָר 1900. אין יאָר 1902 האָבן זיך די פּראָלעטאַרישע צווייגן אָפּגעטיילט פון די רוסישע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, און ווי יונגע פייגעלעך אָנגעהויבן פליען מיט אייגענע כוחות. אין דעצעמבער 1905 איז אָפּגע־

האַלטן געוואָרן די פּ״צ קאָנפערענץ אין פּאָלטאַווע, אונטער דער פירונג פונעם פועלי ציוניסטישן טעאָרעטיקער בער באָראָכאָוו. און אין אַ פּאָר חדשים שפּעטער (אַפּריל 1906), איז זיך צוזאַמענגעקומען די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי אין קיעוו. די פּיאָנערן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער פּאַרטיי אין פּוילן זענען געווען זרובבל, בלומענפעלד און ראַפּאַלקעס. פון אָנהייב אָן זענען פאָרגעקומען שפּאַלטונגען און רייבונגען צוליב פּראַגראַמאַטישע טעמים, און אין משך פון צוויי יאָר זענען אַנשטאַנען דרייערליי פראַקציעס פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם. אויסער דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין קיעוו, איז אַנטשטאַנען די ס.ס. פּאַרטיי (ציוניסטן־סאָציאַליסטן), וואָס האָבן שפּעטער זיך פאַראייניקט מיט די „סיימיסטן״ און דערפון שטאַמט דער נאָמען „פאַראייניקטע״. די דריטע איז געווען די יידיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (פּ. צ.).

אין גאַליציע האָט, ווי געזאָגט, דער „פּועלי ציון״ געדאַנק געשלאָגן וואָרצלען זייער פרי. אין 1903—1904 זענען שוין געווען גרופּן אין ווין און אין קראָקע, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט אין אַ „פעדעראַציע פון יידישע אַרבעטער און האַנדלס־אָנגעשטעלטע מיטן נאָמען פּועלי ציון״. אין לעמבערג איז אַנטשטאַנען די „אחוה״ און די „אחדות״ פאַראיינען פון יידישע האַנדלס־אָנגעשטעלטע. אַנדערע קליינע גרופּירונגען זענען געווען צעזייט איבער די שטעט און שטעטלעך פון מזרח־גאַליציע.

די אמת פונדאַמענטאַלע פאַראייניקונג פון די צעשפּליטערטע כוחות איז צושטאַנד געקומען אויף דער קראָקעווער קאָנפערענץ פון 1906, ווען מיט דער הילף פון בער באָראָכאָוו איז געלייגט געוואָרן דער יסוד, און עס איז פאָרמולירט געוואָרן דער פּראָגראַם פון דער „יידישער אַרבעטער־פּאַרטיי פּועלי ציון״ אין עסטרייך. קראָקע איז נישט נאָר געווען דער הר סיני פון פּועלי־ציוניזם, נאָר גאַליציע בכלל האָט אויך בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג און קלאָרמאַכונג פון דער באַוועגונג, וואָס האָט באַלד אַרומגעכאַפּט גרעסערע קרייזן.

צווישן די ערשטע פירער פון דער פּועלי־ציוניסטישער פּאַרטיי זענען געווען שלמה קאַפּלאַנסקי, איינער פון די קליגסטע טעאָרעטיקער און פּאַרטיי־פירער, וועמענס בייטראָג צו דער פאָרמולירונג און באַגרינדונג פון

דעם פּועלי־ציוניסטישן געדאַנק האָט אפשר, חוץ באַראַכאָוון, איבערהויפּט נישט זיין גלייכן*).

אַנדערע פירער זענען געווען: ד״ר יצחק שיפּער (ער איז שפּעטער אַוועק צו די אַלגעמיינע ציוניסטן), ד״ר יוסף מאַרגוליעס, א. ל. שוסהיים, ד״ר מאַקס ראָזענפעלד און בערל לאָקער. פון די יינגערע פירער דאַרף מען דערמאָנען אנזעלם רייס, ד״ר א. זילבערשיין, ד״ר ירמיהו פרענקל, ד״ר ש. סאָקאָל און אַנדערע. אין אָנהייב זענען אין דער פּאַרטיי געווען אפשר מער גענעראַלן ווי סאָלדאַטן, אָבער די אָרגאַניזאַציע האָט באַלד באַוויזן, אַז גרויסע גענעראַלן קאָנען געווינען שלאַכטן, אפילו ווען זיי האָבן ווייניק מיליטער. ביי דעם אַלעמען טאָר מען נישט פאַרגעסן די גרויסע פאַרדינסטן פון דעם שוין דערמאָנטן דניאל פּאסמאניק. זיין בראָשור „טעאָריע און פּראַקטיק פון פּועלי־ציוניזם״, האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג.

איך געדענק, ווי אין אַ שבת צונאַכטס (17 יאַנואַר 1906) האָט ער אין גימנאַסטישן זאַל געהאַלטן אַ פאַרטראַג וועגן דעם מינאַריטעטן־פּראָגראַם. איינע פון זיינע טעזן איז געווען, אַז נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם זענען זיך נישט סותר. דאָס איז תמיד געווען אַ האַרבע קשיא ביי די רוסישע פּועלי־ציוניסטן, וואָס האָבן געשטעלט דעם טראָפּ אויפן קלאַסן־קאַמף. די רוסישע פּועלי־ציוניסטן האָבן זיך מער געשטיצט אויף דער מאַרקסיס־טישער אידעאָלאָגיע און האָבן אפילו געבראָכן מיטן ציוניסטישן קאָנ־גרעס! אָבער פיל ווייניקער האָט די פראַגע געצגבערט אין די מוחות פון זייערע גאַליצישע חברים, וואָס זענען באַשטאַנען פון האַלב־פּראָלעטאַרישע האַנדלס־אָנגעשטעלטע און מיטלשטאַנד עלעמענטן, ביי וועמען דער עקאָ־נאָמישער מאָמענט איז געווען אַ צווייט־ראַנגיקע פראַגע, און דעם אויבנאָן האָט פאַרנומען דער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין. אין דעם זין איז אויך גע־וואַקסן זייער כוח אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

די פּועלי־ציוניסטישע באַוועגונג האָט אויך פיל בייגעטראָגן צום קול־טורעלן רענעסאַנס פון די יידישע מאַסן אין גאַליציע, און זייער אָרגאַן „דער יידישער אַרבייטער״ איז געווען אַן אוצר נישט נאָר פון פּאַרטיי־פראַגן, נאָר אויך פון אַלגעמיין קולטורעלע ענינים. שוין דער פאַקט אַליין

*) דאָס איז נאַטירלעך מיין פּערזענלעכע מיינונג, — אַ רושם, וואָס קאָ־פּלאַנסקי האָט געמאַכט אויף מיין יינגלשן ענטוזיאַזם, אָבער איך גלייב נישט, אַז דאָס איז אַן איבערגעטריבענע אָפּשאַצונג.

איז געווען וויכטיק, וואָס, אין קעגנזאַץ צו די אַלגעמיינע ציוניסטן, וועלכע האָבן גערעדט מיט ביטול וועגן „זשאַרגאָן״ און געהאַט אַ פויליש־אַסימי־לאַטאָרישן צוגאַנג צו דער יידישער ליטעראַטור, האָט די פועלי־ציוניסטישע פירערשאַפט דערקלערט אָן שום קאָמפּראָמיס, אַז יידן האָבן צוויי שפּראַכן, יידיש און העברעאיש, און אַז ביידע זענען „גלייכבאַרעכטיקט״.

און נאָך איין פּאַרטיי דאַרף מען דאָ דערמאָנען: „די אומאָפּהענגיקע פּאַרטיי״, וואָס איז אגב אויך נישט געווען קיין נאָווינע ביי יידן. די „אומאָפּ־הענגיקע״ פּאַרטיי איז געגרינדעט געוואָרן אין קראָקע דורך אַדאָלף גראָס. אין 1907 האָט זיין פּאַרטיי געוואונען דעם מאַנדאַט אַנטקעגן ד״ר חיים הילפּשטיין. דער זיגער, ד״ר גראָס, איז נישט אַריינגעטרעטן אין יידישן פּאַרלאַמענטאַרישן קלוב. זיין „פּאַרטיי״ איז נעלם געוואָרן נאָך דער ער־שטער וועלט־מלחמה.

IX

וואַלן

א. פּאַרלאַמענט־וואַלן

די וואַלן אין אַמאָליקן עסטרייך, לויט דער קאָנסטיטוציע פון 1867, זענען פאָרגעקומען אויף אַ סיסטעם פון קוריעס. אין דער ערשטער קוריע זענען געווען פאַרטרעטן די גרויסע גרונט־באַזיצער, אין דער צווייטער — די האַנדלס־קאַמערן. דעם דריטן פּלאַץ האָבן פאַרנומען די שטעט, און אויף דער לעצטער מדרגה זענען געשטאַנען די שטעטלעך און דערפער. ס׳פאַר־שטייט זיך, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדן האָבן די יידיש־נאַציאָנאַלע פּאַרטייען געהאַט וויייניק וואָס צו דערוואַרטן. יאָרן־לאַנג האָט דאָס פאָלק פאַרלאַנגט דעמאָקראַטישע וואַלן. די סאָציאַליסטן האָבן געמאַכט פאָלקס־דעמאָנסטראַציעס און די פּאָליציי האָט געהאַקט קעפּ מיט די שאַבלעס. דערוויייל איז געשען עפּעס, וואָס האָט דעם איבערגעשראָקענעם קייזער נישט געלאָזט שלאָפן רואיק. נעמלעך, די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

דער קייזער האָט גוט געוווסט פון דער אייגענער דערפאַרונג, אַז אַ רעוואָלוציע האָט נישט קיין רעספּעקט פאַר גרענעצן, און מען האָט גיך באַשלאָסן אין ווין צו געבן דעם פאָלק די אַלגעמיינע וואַלן, נאָך וועלכע

דאָס פאָלק האָט אַזוי לאַנג געלעכצט. אַן אַנדער גרונט איז געווען, וואָס מען האָט געהאָפט דערמיט אָפּצוקילן דעם הייסן נאַציאָנאַליטעטן־קאַמף. האָבן אָבער די קאָנסערוואַטיווע און די ערד־באַזיצער, מיט די פּאָליאַקן בראש, פּראָטעסטירט. זיי איז גוט געווען מיטן אַלטן סיסטעם. איז נאָך לאַנגע דיסקוסיעס געמאַכט געוואָרן אַ מין פּשרה מיטן נאַציאָנאַליטעטן־פּרינציפּ, ד״ה מען האָט פאַרטיילט די מאַנדאַטן לויט דעם שליסל פון די אומות פון דער מאָנאַרכיע. אַזוי אַרום זענען באַשאַפן געוואָרן נאַציאָנאַלע קוריעס. דער וואַל־שליסל האָט אָנערקענט 8 נאַציאָנאַליטעטן: דייטשן, טשעכן, פּאָליאַקן, רוטענער, סלאָוואַקן, סערבאָקראָאַטן, איטאַליענער און רומענער. און ווו זענען געווען די יידן? די רוטענער — נישט אַזוי פיל מאהבת מרדכי ווי משנאת המן — האָבן פאָרגעשלאָגן, אַז די יידן פון גאַליציע און בוקאָווינע זאָלן אָנערקענט ווערן אַלס אַ באַזונדערע נאַציאָנאַליטעט מיט אַן אייגענער קוריע. די ציוניסטן האָבן אָנגעהויבן אַ שטאַרקע אַגיטאַציע פאַר אַזאַ קוריע. דער פאַרלאַנג האָט געפונען אַ געוויסע אונטערשטיצונג אפילו אין ווין, מחמת די יידן, וואָס האָבן פאַרנומען לויט זייער צאָל דעם פינפטן נאַציאָנאַליטעטן־פּלאַץ אין דער באַפעלקערונג, האָבן פאָרדינט, אַז אויך די צאָל פון זייער פאַרטרעטערשאַפט זאָל זיין פאַרזיכערט דורך אַ פּלאַץ אין אַ נאַציאָנאַלן קאַטאַסטער אָדער רעגיסטער, און נישט, אַז זיי זאָלן זיין געצוווּנגען נאָכצושלעפּן זיך נאָך די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן.

אָבער סיי די אַסימילאַנטן און סיי די אָרטאָדאָקסיש־חסידישע פּאַרטיי אין גאַליציע — פון די פּאָליאַקן אַליין איז שוין גאָר אָפּגערעדט — האָבן געשטורעמט קעגן דעם פּראָיעקט פון אַ סעפּאַראַטער יידישער קוריע, און אַלץ, וואָס מ׳האָט דערגרייכט איז געווען אַ געוויסע אויסבעסערונג צום וואַל־געזעץ, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט די יידן אין געוויסע געדיכטע יידישע דיסטריקטן, אַרויסצושטעלן זייערע אייגענע קאַנדידאַטן. דאָס נייע געזעץ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דעם 26סטן יאַנואַר 1907, און אין זומער פון דעם זעלבן יאָר האָט זיך אָנגעהויבן די הייסע וואַל־קאַמפּאַניע.

די פּאַרטייען האָבן זיך לאַנג געגרייט צו די וואַלן. דאָס איז נישט געווען אַזוי אַ פראַגע פון מאַנדאַטן אַליין, ווי פון אַ נייער פּאָליטישער אָריענטירונג, וואָס האָט אָנגערירט דעם פּראָגראַם פון אַ יעדער פּאַרטיי. די ציוניסטן, אַלס די גרעסטע נאַציאָנאַלע פּאַרטיי, האָבן אָפּגעהאַלטן אַ קאָנפערענץ אין ווין (אין מאַי 1906) און האָבן אויסגעוויילט אַ קאָמיטעט

פון 80, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען אויסצואַרבעטן אַ פּראָגראַם פאַר דער פּאָליטישער טעטיקייט אין עסטרייך, און אויך צוגרייטן אַ פּלאַן פאַר דער גרויסער קאָנפערענץ פון די לענדער און שטעט. די גרעסטע קאָנפערענץ האָט זיך פאַרזאַמלט אין קראָקע דעם 1טן יולי. עס האָבן זיך באַטייליקט 135 דעלעגאַטן, וואָס האָבן פאַרטרעטן אַלע טיילן פון עסטרייך.

די האַרבסטע פראַגע איז געווען, צי זאָל די פּאָליטישע אַרבעט גע־פירט ווערן דורך דער ציוניסטישער פּאַרטיי אַלס אַזעלכע, אָדער צי זאָל אַ נייע פּאָליטישע פּאַרטיי איבערנעמען די אַרבעט. נאָך אַ לאַנגע דעבאַטע האָט געזיגט דער פאָרשלאַג פון מאַרגוליעס פון ווין, אַז מ׳זאָל שאַפן אַ יידיש־נאַציאָנאַלע פּאַרטיי, וועלכע אָנערקענט די וויכטיקייט פון ארץ־ישראל פאַרן יידישן לעבן אומעטום. דאָס האָט ממילא אויסגעשלאָסן אַלע נישט־ציוניסטן. אַנדערע פּונקטן זענען געווען: אַ דערקלערונג פון לאָיאַליטעט דער עסטרייכישער מלוכה און פאַר אַ סאָציאַל־פּראָגרעסיוון פּראָגראַם.

איינער פון די וויכטיקסטע פּראָגראַמאַטישע דעקלאַראַציעס איז געווען דער פאָרשלאַג פון נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פאַר אַלע פעלקער, איינ־שליסלעך די יידן. דאָס איז געווען וויכטיק, מחמת מיט דעם פאַרלאַנג האָט מען איין מאָל פאַר אַלע מאָל פון זיך אָפּגעטרייסלט די צענטראַליסטישע פאַרפאַסונג־געטרייישאַפט, מיט וועלכע די פריערדיקע יידישע „פאַרפאַסונג־פּאַרטייען" האָבן שטענדיק פּאַראַדירט.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט נישט געקאָנט באַפרידיקן אַלעמען. דער נישט־ציוניסט נתן בירנבוים האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון דער ציוניס־טישער פראַקציע און זיך דערקלערט בלויז פאַר אַן „אויטאָנאָמיסט" און האָט באַלד געגרינדעט אַן אייגענע פּאַרטיי „דער יידישער פאָלקס־פאַר־איין".

די פּועלי ציון האָבן אויף זייער קאָנפערענץ אין אָקטאָבער 1906 אין לעמבערג, מיט דעם אָנטייל פון 92 דעלעגאַטן פון 39 שטעט, זיך אַרויס־געזאָגט פאַר נאַציאָנאַלע רעכט, און דער פאַרזיצער פון דער קאָנפערענץ, מאַקס ראָזענפעלד, איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע אוי־טאָריטעטן אויף דעם געביט פון יידישע נאַציאָנאַלע רעכט.

די יידישע סאָציאַליסטן האָבן אויף זייער קאָנסטיטוציאָנעלער פאַרזאַמ־לונג און אויף דער קאָנפערענץ אין לעמבערג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן גע־וואָרן אין מאַי 1906, אויך זיך דערקלערט פאַר נאַציאָנאַל־קולטורעלע

אויטאָנאָמיע. פאַרשטייט זיך, אַז אויך די אַסימילאַנטן זענען נישט געזעסן ליידיק, און אַזוי אַרום האָבן מיר געקריגן אַ מאָזאַאיק פון פאַרטייען און פראָגראַמען, צווישן וועלכע דער ווילער האָט געדאַרפט אויסקלייבן זיין אייגענעם אני־מאמין.

דער וואַל־קאַמף איז געווען איינער פון די ביטערסטע און האָט זיך אָפגעשפילט צווישן די ציוניסטיש־נאַציאָנאַלע גרופן פון איין זייט, און די אַסימילאַנטן, סאָציאַליסטן און די „אומאָפהענגיקע" פון דער אַנדערער. אויך די יידיש־נאַציאָנאַלע פאַרטייען זענען געווען אין אַ פלוגתא צווישן זיך. אָנשטאָט צו באַטאָנען, וואָס איז געווען בשותפותדיק, האָט מען צע־שפליטערט די אייגענע כוחות און אָט אַזוי דערמעגלעכט אַז די אַסימי־לאַנטן זאָלן האָבן אַ גרעסערן דערפאָלג, ווי זיי אַליין האָבן דערוואַרט.

פון דער גרויסער אָראַטאָריע איז מיר געבליבן אין זכרון נאָר איין אָריגינעלער שלאָגוואָרט, וואָס איז, דאַכט זיך מיר, געקומען דווקא פון ד״ר קאַרקיס, דעם פירער פון זש.פ.ס. „ווען משה רבנו", האָט דער רעד־נער אויסגערופן, „וואָלט דערלעבט ביז אונדזער צייט, וואָלט ער צו די צען געבאָטן צוגעגעבן נאָך אַן עלפטן: למען השם שטימט פאַר די יידי־שע סאָציאַליסטן!"

די יידישע נאַציאָנאַלע ליסטע האָט אַרויסגעשטעלט אַרום ניינצן קאַנ־דידאַטן. צווישן זיי זענען געווען ד״ר מאַרקוס ברוידע אין לעמבערג און אין סטאַניסלע, אַדאָלף שטאַנד אין בראָד, ד״ר טהאָן אין קאָלאָמיי, ד״ר גרשון ציפער אין דראָהאָביטש, ד״ר איזידאָר שאַליט אין טאַרנאָפּאָל און אין דעם ווינער לעאָפּאָלדשטאָט דיסטריקט, ד״ר אברהם זאַלץ אין סטרי־קאַלוש, ד״ר דוד מאַלץ אין בורשטין, פראָפעסאָר אַרטור מאַלער אין טשאַרטקאָוו, ר׳ גדליה שמעלקעס אין בוטשאַטש (פאַרטרעטן פון ד״ר נתן בירנבוים), ד״ר שמואל ראַפּאָפּאָרט אין בערזשאַן, ד״ר חיים הילפשטיין אין קראָקע, ד״ר יהושע גאָטליב אין רימאַנעוו, ד״ר בענא שטרויכער אין טשערנאָוויץ, ד״ר יוסף ברוין אין קאָפּיטשינעץ און ד״ר הענריק גאַבעל אין מאַנאַסטעזשיסק.

די וואַלן זענען פאָרגעקומען דעם 17 מאַי 1907 מיטן פאָלגנדן רע־זולטאַט:

אין סטאַניסלע איז געווילט געוואָרן ד״ר מאַרקוס ברוידע, אָבער די וואַל־קאָמיסיע האָט געפסלט אַזוי פיל שטימען, אַז ער האָט דעם מאַנ־דאַט נישט באַקומען. אין בוטשאַטש ווידער, איז ד״ר נתן בירנבוים טאַקע

געווילט געוואָרן, אָבער די פּוילישע וואַל־קאָמיסיע האָט אַזוי לאַנג גע־האַלטן דעם רעזולטאַט בסוד, ביז זי האָט געהאַט גענוג צייט צו פאַר־ברענגען אַזוי פיל שטימען, וויפל עס איז געווען נויטיק כדי אַן אַנדערער זאָל קריגן דעם מאַנדאַט.

פון די סאַמע יידישע וואַל־קרייזן אין גאַליציע, איז נאָר איינעם גע־לונגען צו קריגן דעם מאַנדאַט, און דאָס איז געווען אַדאָלף שטאַנד אין דער שטאָט בראָד. דערווייל האָט געטראָפן אַ נס, אַז אין צוויי קרייזן, אין וועלכע אַ ייד וואָלט נאָרמאַל נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אויסגעווילט צו ווערן מיט די יידישע שטימען אַליין, האָבן, מיט דער הילף פון די רו־טענער, געזיגט פּראָפ׳ מאלער אין טשאַרקאָוו און ד״ר גאבעל אין מאנאס־טעזשיסק.

די דריי דערווילטע דעפּוטאַטן: שטאנד, מאלער און גאבעל אין גאַלי־ציע מיט ד״ר בענא שטרויכער, וואָס איז געווילט געוואָרן אין טשערנאָ־וויץ, האָבן געשאַפן אַ יידישן פּאַרלאַמענטאַרישן קלוב אין נייעם עסטריי־כישן פּאַרלאַמענט — דעם ערשטן נאַציאָנאַל־יידישן פּאַרלאַמענט־קלוב אין עסטרייך, — וואָס כאָטש ער איז באַשטאַנען נאָר פון פיר דעפּוטאַטן, האָט ער פונדעסטוועגן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אומעטום. דער פּרעס־טיזש פון קלוב איז נאָך מער געשטיגן צוליב דעם, וואָס דער פּאַרלאַמענט האָט גראָד געהאַט אַזוי פיל סלאַווישע ווי דייטשע דעפּוטאַטן, (אַלס פאָר־זיצער פון פּאַרלאַמענט איז אויסגעווילט געוואָרן דער קריסטלעך־סאָציאַ־לער אַנטיסעמיט ד״ר ריכאַרד ווייסקירכנער) און עס האָט נישט איין מאָל געטראָפן, אַז ביי וויכטיקע אָפּשטימונגען האָבן די פיר יידן געשפּילט די ראָלע פון אַ צינגל ביי דער וואָגשאָל און האָבן אַזוי אַרום געהאַט דעם אַנטשיידענעם איינפלוס אויפן רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג.

אין יאָר 1910 איז גאבעל פּלוצלינג געשטאָרבן, און פון די פיר דע־פּוטאַטן אין דעם יידישן פּאַרלאַמענט־קלוב, זענען פאַרבליבן דריי יתומים. אויסער די דריי זענען געווען צען יידישע אַסימילאַנטן אין פּאַרלאַמענט. אָט דאָס איז געווען דער סך־הכל פון די ערשטע אַלגעמיינע וואַלן אין גאַליציע.

די באַרימטע גאַליצישע וואַל־מעטאָדן האָבן געפייערט אַ פיל גרעסערן טריומף אין די נאָענטע וואַלן, אין יאָר 1911, ווען קיין איין ציוניסט איז נישט אויסגעווילט געוואָרן. אָבער דערפאַר איז עס געקומען צו אַ שרעק־לעכער בלוטפאַרגיסונג אין דראָהאָביטש, ווו ד״ר גרשון ציפּער האָט



די „אלטע שול" אין קראקע



דעם טשאָרטקאָווער רבינס קלויז

קאַנדידירט קעגן ד״ר נתן לעווענשטיין. די אויפרעגונג איז געווען אַ שטאַר־קע אין די וואַל־קאַמפּאַניע אַ ביטערע. ווען יידישע ווילער, אויפגערעגט קעגן די וואַל־שווינדלער, האָבן זיך געלאָזט שטורמען ד״ר לעווענשטיינס וואַל־לאָקאַל, האָט דער סטאַראָסטאַ אַרויסגעשיקט מיליטער, וואָס האָט געשאָסן און געהרגעט אַ צאָל יידן אויפן אָרט. די נאַציאָנאַלע יידן האָבן פאַרלוירן די וואַלן, און עס זענען אויסגעוויילט געוואָרן צען אַסימילאַנטן. נאָך דער וואַל־מפּלה האָבן אַ פּאָר יידיש־נאַציאָנאַלע פירער אָנגעהויבן פאַראורטיילן די גאַנצע לאַנדעס־פּאָליטיק, וואָס האָט אָפּגעשטופּט אין אַ זייט די הויפּט־ציוניסטישע אויפגאַבן בנוגע ארץ־ישראל. בכלל האָט זיך די ציוניסטישע פירערשאַפט אַ ביסל אויסגעניכטערט פון דער לאַנדעס־פּאָליטיק־שכרות, און כאָטש די ציוניסטישע לאַנדעס־פּאָליטיק איז גאָר אינגאַנצן נישט אויפגעגעבן געוואָרן, איז אָבער איר בליק געווען מער קאָנצענטרירט אויף ריין יידישע ענינים, דהיינו, אויף דער דראָבערונג פון די קהילות און אויף דיווירטשאַפטלעכע ענינים, וואָס האָבן מער באַרירט דעם תמצית פון פאָלקס־לעבן, ווי פּאַרלאַמענטאַרישע נצחונות, וואָס האָבן סוף־כל־סוף נישט געבראַכט קיין סך ממשותדיקע רעזולטאַטן לטובת דער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער סטרוקטור פון פאָלק.

ב. קהילות

די דראָבערונג פון די קהילות איז געווען איינע פון די שטיצפּונקטן פון ד״ר הערצלס ציוניסטישן פּראָגראַם. דערפאַר איז זי שוין ממילא געווען אַ יסוד פאַר אַן אמת ציוניסטישער לאַנדעס־פּאָליטיק. אָבער אין גאַליציע איז דאָס נישט געווען אַזוי איינפאַך. אין אָנהויב פון דער עסטרייכישער אַנעקסיע פון גאַליציע, האָט די קייזערינע מאַריאַ טערעסאַ געזוכט וואָס מער נוצן צו ציען פון יידיש געלט. איר באַציאונג צו „אירע יידן״ קאָן מען בעסער נישט אויסדריקן ווי דורך איר אייגענער דערקלערונג: אַז „זי קען נישט קיין ערגערע פּעסט אין דער מלוכה, ווי די יידישע נאַציע״. פונדעסטוועגן האָט די קייזערין צוליב פינאַנסיעלע מאָטיוון אָנער־קענט די וויכטיקע פונקציע פון דער יידישער קהילה. צוליב דעם האָט זי טאַקע אָנערקענט די עקזיסטירנדיקע יידישע קהילות און זיי געשטעלט אונטער דער השגחה פון דער „יודען־גענעראַל־דירעקציע״ אין לעמבערג,

וואָס איז באַשטאַנען פון אַ הויפּט־ראַבינער און פון צוועלף מיטגלידער (לאַנד־ און קרייז־עלטסטע).

אָבער איר זון יאָזעף האָט נישט געהאַלטן פון אויטאָנאָמישע אינ־סטיטוציעס. אין 1785 האָט ער אינגאַנצן אָפּגעשאַפט די טערעזיאַנישע קהילה־רעפאָרמען און נישט איבערגעלאָזט קיין ברעקל פון דער פריער־דיקער יידישער „זעלבסטרעגירונג״. לויט זיין דעקרעט האָט די קהילה גע־דאַרפט באַזאָרגן נישט מער ווי די לאָקאַלע רעליגיעזע באַדערפעניש, אָן וועלכער ס׳איז פאַרבינדונג מיט אַנדערע קהילות אין לאַנד. אַזוי אַרום האָבן די קהילות פאַרלוירן יעטוועדן פאָליטישן, אָדער אפילו פיסקאַלישן כאַראַקטער. דאָס האָט גאָר אינגאַנצן אומגעוואָרפן דעם יסוד פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס אפילו טראָץ אַלע איסורים פון דער פוילישער מאַכט אין יאָר 1764, האָט עס אין די קהילות נאָך אַלץ געפונען אַן אָנשפּאַר פאַר אַן אייגענעם יידישן לעבן. גאַנץ גאַליציע איז איינגעטיילט געווען פרי־ער אין 141 הויפּטגעמיינדן (שפּעטער איז די צאָל פאַרקלענערט געוואָרן אויף 133 און אויף 135, ווען די קראָקעווער פאַרשטאָט איז איינגעגלידערט געוואָרן אין גאַליציע). צוזאַמען מיט אַ צאָל קליינע „נעבן־געמיינדן״ זענען, לויט אַ באַריכט פון 1869, געווען אַרום 273 קהילות אין גאַליציע. דער „יודענגעמיינדעפאַרשטאַנד״ איז באַשטאַנען פון 7 מיטגלידער (פּרנסים) אין לעמבערג און אין בראָד, וואָס האָבן געדאַרפט אויסגעוויילט ווערן אַלע 3 יאָר. אין אַנדערע קהילות זענען געווען צוויי אָדער דריי פאַרשטייער. די לויזע פאָרמולירונג, אָן וועלכער עס איז צענטראַלער פאַרבינדונג אָדער אויפזיכט, חוץ פון דער מלוכה באַאַמטשאַפט, האָט געהאַט אַ דעמאָראַלי־זירנדיקן כאַראַקטער.

די דעמאָראַליזאַציע פון די קהילות אין צוזאַמענהאַנג מיט די יידישע שטייער־פּאַכטערס, האָבן מיר שוין אַרומגערעדט אין אַ פריערדיקן קאַ־פּיטל. די שענדלעכע ראָלע, וואָס די תקיפים פון דער קהילה האָבן געשפּילט אין די כאַפּעניש פאַר סאָלדאַטן די וואָס האָבן נישט געהאַט צו באַצאָלן אויסלייז־געלט, מיטן גאַנצן סיסטעם פון קאָרופּציע און מאַכטהאָבערישע חוצפּה, האָט נאָך מער געמאַכט פאַרהאַסט דעם נאָמען „קאהאלניק״ ביים פאָלק. זשאַרזש קלעמאַנסאָס סקיצע „שלמה זעלנער״ האָט גלענצנד גע־שילדערט דעם אויבן דערמאָנטן מנהג פון כאַפּן אָרעמעלייט אַז זיי זאָלן דינען פאַר די רייכע און מיוחסימדיקע יידן. אגב איז זיין בוך Au pied du Sinai נישט נאָר געווען אַ באַשרייבונג פון גאַליציש

שטעטל בוסק, נאָר אַ ווײ־געשרײ נאָך גערעכטיקײט פאַר די אָרעמע יידן. ער האָט פאַרלאַנגט „ווײניקער מעשים פון אכזריותדיקײטן קעגן זײ און מער רחמנות פאַר זײ״.

אין די קהילות האָט געהערשט אַ פולשטענדיקע אַנאַרכיע.

די מײנסטע קהילות האָבן אָדער געפעלשט די וואַלן און דעם צענזוס פאַר די וויילער, אָדער זײ האָבן איבערהויפּט קיין וואַלן נישט געהאַט. געוויסע קאַהאַלניקעס, ווי למשל אין זבאַראַזש, זענען געזעסן אין דער פאַרוואַלטונג ביז צו 40 יאָר דורכאַנאַנד, אין אַנדערע צו 30 אָדער 25. אין די קהילות גופא האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ קאַמף צווישן די אָר־טאָדאָקסישע און פאַרשריטלעכע עלעמענטן און די פראַגע איז געווען ווער עס איז געווען שטאַרקער אַרויסצוואַרפן דעם צווייטן. נישט קיין ווונדער, וואָס דער קהילה אויטאָריטעט איז געזונקען אַלץ נידעריקער.

דער מאַנגל פון אַ צענטראַלע פאַרטרעטערשאַפט האָט לסוף געבראַכט דערצו, אַז אַ יעדער, ווער עס האָט נאָר געוואָלט, איז געווען אַ יידישער אפּוטרופּוס. עס האָט געווימלט פון פּראָיעקטן ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די יידן. דער בראָדער באַנקיר מאיר קאַליר האָט געגרינדעט אַן „איזראַעליטישע געזעלשאַפט פאַר אַקערבוי״ און פאַרלאַנגט, אַז אַ יעדע שטאָט זאָל גרינדן אַן אייגענע קאָלאָניע. און אפילו דער זשולקעווער קרייז־ראַבינער, ר׳ חיים צבי חיות האָט געשריבן, אַז פאַר די גאַליצישע יידן איז דאָס דער בעסטער וועג „צום בירגערלעכן לעבן״. אין יאָר 1851 האָט דער סאַמבאָרער ראַבינער שמואל דייטש פאַרשיט די רעגירונג מיט פּראָ־יעקטן ווי אַזוי די יידן צו „רעפאָרמירן״. צווישן אַנדערע (אויך פאַר אַקער־בוי איז ער, פאַרשטייט זיך, געווען אַ שטאַרקער ענטוזיאַסט), האָט ער פאַרלאַנגט, אַז מ׳זאָל צווינגען די יידן אַראָפּנעמען די „פּוילישע״ מלבושים און אָנטון דייטשע. דער הער ראַבינער האָט זיך אפילו נישט אָפּגעהאַלטן פון צו דענונצירן די „פּאָלנישע יודן״, באַזונדערס די חסידים און אָרטאָ־דאָקסן, וואָס ווילן זיך נישט לאָזן ציוויליזירן. בקיצור, ווו עס איז געווען אַ מאַנגל אין אײן אויטאָריטעט, זענען יעדעס מאָל אַרויסגעשפּרונגען נײע אויטאָריטעטלעך — כוואַסטעס מיט פּיעטרושקעס, וואָס האָבן געשפּילט די ראָלע פון עצי־ארזים.

דער אמת איז, אַז אויך דער רעגירונג איז עס נמאס געוואָרן נישט צו האָבן קיין צענטראַלע קערפּערשאַפט, און אין יאָר 1849 האָט מען זיך אין ווין באַמיט צו שאַפן אַן איינהייטלעכע יידישע געמיינדע. אין יאָר

1850 איז אפילו פֿאַרגעלייגט געוואָרן אַ פּראָוויזאָרישער געמיינדע־סטאַטוט פֿאַר דער נידער־עסטרייכישער שטאַטהאַלטעריי. ווי געווענלעך, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן יידישע אינסטיטוציעס, איז אויך דער פּראָיעקט, ווי פֿילע אַנדערע, פֿאַרזונקען געוואָרן אין די קאַנצעלאַריעס, אָן ווען ס׳איז קאָנקרעטן רעזולטאַט.

אָבער דאָס לעבן איז שטאַרקער פֿון אַ יעדער טעאָריע. לעמבערג איז געווען די הויפּטשטאָט פֿון גאַליציע, און די לעמבערגער קהילה האָט זיך אויפֿגעפֿירט ווי אַ צענטראַלע קערפּערשאַפֿט פֿון לאַנד. אמת טאַקע, זי איז נישט געווען באַרעכטיקט דערצו לויטן געזעץ, אָבער בשעת אַ סכּנה האָט זי געפֿילט אַ מאָראַלישן חוב צו רעדן אין נאָמען פֿון אַלע יידן פֿון לאַנד און נישט נאָר אין נאָמען פֿון לעמבערג אַליין. אַזוי ווי יעדע קהילה האָט לויטן געזעץ געמעגט רעדן נאָר אין איר אייגענעם נאָמען, האָט מען זיך אַן עצה געגעבן, אַז אַנדערע קהילות האָבן קאָפּירט און אַוועקגעשיקט די זעלבע פּעטיציעס ווי די לעמבערגער, אַ יעדע אין איר אייגענעם נאָמען. אין יאָר 1847 האָט די לעמבערגער קהילה געשיקט אַ פּעטיציע, וואָס האָט זיך גערופֿן „אַן אַדרעס פֿון די גאַליצישע איזראַעליטן אַן די הויכע רייכספֿאַרזאַמלונג״ אין ווין, אין וועלכער עס ווערן אויסגערעכנט די שווערע דיסקרימינאַציעס קעגן די יידן, בנוגע יידישע טאַקסעס, אין דער פֿראַגע פֿון רעזידענץ אאַ״וו. די קהילה האָט אויך שפּעטער פֿאַרטראָטן די יידישע אינטערעסן אין די פֿאַרהאַנדלונגען מיט די פּאָליאַקן און מיט דער צענטראַלער רעגירונג.

ספּעציעל איז די לעמבערגער קולטוס־געמיינדע אַרויפֿגעשוואומען אויבנאויף, ווען אין יאָר 1841 האָט די רעגירונג אַריינגעזעצט אין דער קהילה אויסשליסלעך מענטשן פֿון דער אינטעליגענץ, אַנשטאָט, ווי פֿריער, אויסשליסלעך די אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן. די נייע פֿאַרשטייער זענען געווען ד״ר עמנואל בלומענפֿעלד, ד״ר אָסוואַלד מענקעס, ד״ר אדאם באַראַך־ראַפּאָפּאָרט, מרדכי דובס, ד״ר ה. קאַלישער און י. א. ראָזענשטיין. ד״ר בלומענשטיין איז געוואָרן פּרעזידענט פֿון דער קהילה. די דאָזיקע קהילה־פֿאַרוואַלטונג איז געבליבן צוואַנציק יאָר אָן נייע וואַלן. ערשט אין 1861 זענען פֿאָרגעקומען וואַלן, וואָס האָבן ווידער אַריינגעבראַכט מענטשן פֿון דער אינטעליגענץ, מיט אַ פּאָר מעסיקע און אָרטאָדאָקסישע פֿאַרטרע־טער (ד״ר מאַקס לאַנדעסבערגער, מ. ר. מיזעס, מאיר מינץ, ס. קאָהן, סאַלאָמאָן קלערמאַן, רחמיאל אָרענשטיין, ד״ר א. העניגסמאַן און מ. דובס).

אין יאָר 1878 האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין לעמבערג די פֿאַרטרעטער פֿון 25 קהילות, כּדי אויסצואַרבעטן אַ פּראָיעקט פֿון אַ פֿאַראייניקטער ייִדישער קהלות־אָרגאַניזאַציע. שפּעטער האָט אויך אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון רבנים אונ־טערשטיצט אַזאַ מין פּראָיעקט. אויך די רעגירונג האָט געפֿילט, אַז סוף־כּל־סוף וועט מען דאַרפֿן מאַכן אָרדענונג אין דעם כאַאָס, און אין יאָר 1890 איז אַרויס אַ געזעץ וועגן דער „איזראַעליטישער רעליגיאָנס־געגנאָ־סענשאַפֿט", אָבער נישט קיין צענטראַלע אויטאָריטעט און נישט קיין קהי־לות־פֿאַרבאַנד זענען נישט געשאַפֿן געוואָרן. אַ דאַנק דעם, איז ווייטער נישט געווען קיין אַפּוטרופּסות און נישט קיין צענטראַלע געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט אין דעם תּהו־ובֹהו פֿון די קהילות, פֿון וועלכע אַ יעדע איינע האָט געמאַכט שבת פֿאַר זיך, און די ראשי־קהילות אין קליינע שטעטלעך האָבן רעגירט ווי די רוסישע רעוויזאָרן פֿון גאָגאָלס קאָמעדיע, מיט גרויס־מאַכעריי און חוצפּה. אַ שמייכל פֿון סטאַראָסטע איז געווען וויכ־טיקער ווי די הסכּמה פֿון די ייִדישע מאַסן. דער סיסטעם פֿון הפֿקר האָט געהערשט איבעראַל, און איז געשטאַרקט געוואָרן דורכדעם אומדעמאָקראַ־טישן וואַל־סיסטעם וועגן עס האָט זיך שוין יאָ איינגעגעבן צו האָבן וואַלן.

פֿון יאָר 1888 ביז צום יאָר 1903 איז דער אינדוסטריאַליסט און גוט־באַזיצער סאַמועל פֿון האָראָוויץ געווען קהילה־פּרעזידענט אין לעמבערג. נאָך אים איז געוויילט געוואָרן ד"ר עמיל ביק. אינטערעסאַנט איז נאָך צו באַ־מערקן, אַז נאָכדעם ווי די ייִדישע טאַקסעס זענען נאָך אַזוי פֿיל אָנשטרענ־גונגען פֿון אַלע שיכטן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג ענדלעך בטל גע־וואָרן, האָבן זיך די קהילות אָנגעהויבן אַרומצוקוקן, אַז זיי זענען געבליבן אָן הכנסות, און די מײנסטע פֿון זיי האָבן איינגעפֿירט זייערע אייגענע טאַקסעס פֿון כּשר פֿלייש, זאַלץ, הייוון, קאָכגעשיר אָדער אַנדערע. דאָס האָט טאַקע אַריינגעבראַכט מער הכנסות, אָבער עס האָט נישט דעמאָקראַטיזירט דעם וואַל־סיסטעם. יחוס, עשירות און חזקה זענען ווייטער געבליבן די חשובֿסטע קוואַליפֿיקאַציעס אויף צו ווערן אַ „קאַהאַלניק".

טראָץ די געזעצלעכע באַשרענקונגען, האָבן די קהילות געהאַט אַ היפּש ביסל געזעלשאַפֿטלעכע, סאָציאַל־היגיענישע און דערציערישע פֿונ־קציעס, אַ חוץ דער ריין רעליגיעזער פֿאַרוואַלטונג, וואָס איז בלי־ספֿק געווען דער יסוד פֿון איר באַשטאַנד. אָט זענען אַ פּאָר פֿון די אויפֿגאַבן, לכּל הפּחות אין די גרעסערע קהילות. די קולטוס־געמיינדן האָבן אויסגעהאַלטן, אָדער אונטערשטיצט די ייִדישע שולן (דריי עלעמענטאַר־שולן אין לעמ־

בערג), חדרים און תלמוד־תורות; זיי האָבן אויסגעבויט אַ מרחץ און מקוות פאַר געזונטע, און שפּיטאָלן פאַר קראַנקע; זיי האָבן אויסגעהאַלטן אַ „הקדש״, אָדער הייזער פאַר אָרעמעלייט. גרעסערע קהילות האָבן אויך פאַרמאָגט יתומים־הייזער און שפּייזקיכן, ביבליאָטעקן און סטיפּענדיעס פאַר סטודענטן און פיל אַנדערע. פאַרשטייט זיך, אַז דער הויפּט חוב פון אַ יעדער קהילה, מעג זי זיין גרויס אָדער קליין איז געווען די פאַרוואַל־טונג פון דער שול און די בתי מדרשים, פון דעם בית עלמין און חברה קדישא. אויסער דעם האָבן די קהילות אָנגעפירט מיט דעם וויכטיקן רעסאָרט פון צעטיילן נדבות („אַרמען־פאַרזאָרגונג״). דאָס אַלץ האָט גע־געבן די קהילה־פאַרטרעטער אַ גרויסע מאַכט אין די הענט, וואָס האָט שווער געדריקט אויפן אָרעמאַן, און אָרעמעלייט זענען אין גאַליציע געווען אין לשער. אָט פאַרוואָס דער געשריי „דעראָבערן די קהילות״ האָט באמת אָנגעריגט די סאַמע סטרונעס פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין גאַליציע און איז אַרויפגעשוואומען פונעם לעצטן צום ערשטן עטאַפּ פון נאַ־ציאָנאַלן לאַנדעס־פּראָגראַם.

אָבער דאָ האָבן די ציוניסטן זיך אָנגעטראָפן אויף אַ שטאַרקער מניעה נישט נאָר מצד די אַסימילאַנטן, נאָר אויף אַ פאַרביסענעם קאַמף מצד די חסידים, און נישט נאָר מצד די חסידים אַליין, נאָר אפילו פון די סאָציאַ־ליסטן, וואָס הגם זייערע רעליגיעזע געפילן זענען געווען גאַנץ קאַלטע, האָבן זיי אָבער געוווסט ווי אָפּצושאַצן די וויכטיקייט פון סאָציאַלן מאָמענט פון דער קהילה. אָבער צי די פאַרטיי, צי אַן אַנדערע, די קהילה, וואָס איז געווען די לעצטע פעסטונג פון דער אַסימילאַציע, האָט אויסגעהאַלטן אַלע אָנפאַלן און באַלאַגערונגען.

אין יאָר 1906 האָבן די פּועלי ציון גערופן צו אַ דעמאָנסטראַציע פאַרן לאָקאַל פון דער קהילה, ווו ד״ר עמיל ביק, פּרעזידענט פון דער קהילה, האָט געהאַט צונויפגערופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע קהילות פון לאַנד, און צוליב דער דעמאָנסטראַציע איז דער פּועלי־ציון פאַראיין אויפ־געלייזט געוואָרן דורך דער פּאָליציי, וואָס האָט תמיד געשטיצט דעם קהל.

דעם 14טן אויגוסט 1907 זענען דורכגעפירט געוואָרן נייע וואַלן, אָבער דער רעזולטאַט איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי דאָס, וואָס דער ציו־ניסטישער „ווסכוד״ האָט אָנגערופן אין זיין לייטאַרטיקל מיטן נאָמען „אַ טריומף פון באַנקראָטן״. די אַסימילאַנטן האָבן געזיגט אויף דער גאַנצער ליניע. אויפן אָרט פון פריערדיקן פּרעזעס פון דער קהילה, ד״ר ביק, איז

געווײלט געוואָרן ד״ר שמעון שאַף. דאָס זעלבע איז געשען בעת די וואַלן אַ פּאָר יאָר שפּעטער.

איך געדענק דעם לעצטן וואַל־אינצידענט זייער גוט, מחמת איך בין בעת די וואַלן געווען איינער פון די „קייטן־בחורים״ — אַ מחנה סטודענטן, וואָס זענען געשטאַנען מיט געשלאָסענע אָרעמס, ווי אַן אייזערנע קייט אויף דער בערנשטיין־גאַס, און נישט דורכגעלאָזט די אַסימילאַנטן גיין שטימען. איך געדענק ווי צעטומלט איך בין געוואָרן, ווען אויף איין מאָל איז פאַר מיר אויסגעוואַקסן די פיגור פון פּראָפעסאָר בעק, דער רעקטאָר פון דער אוניווערזיטעט און מיין לערער פון פיזיאָלאָגיע אין מעדיצינישן פאַקול־טעט. ער האָט געוואָרט מען זאָל אים לאָזן דורכגיין צום קהל בנין אָפּצו־געבן זיין וואַל־שטימע. אגב האָט ער געהאַט אַזוי ווייניק סענטימענט אָדער באַציאונג צו יידישע ענינים, אַז נאָר אַ שטאַרקער אַלאַרם־גלאָק פון דעם אַסימילאַטאָרישן שטאַב האָט אים געקאָנט באַוועגן צו גיין שטימען צום קהל.

אָבער וואָס עס זאָל נישט זיין, מיין האַרץ האָט אָנגעהויבן פּלאַטערן: „לאָז אים דורך, גזלן״. מיין צונג האָט געזאָגט, טאַקע יאָ דורכלאָזן, אָבער מיינע איינגעשפּאַרטע עלנבויגנס האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט. פּראָ־פעסאָר בעק האָט מיך אָנגעקוקט, זיך אויסגעדרייט און פּאַוואָליע אַוועק־געגאַנגען. איך דערצייל דאָס ווי אַן אילוסטראַציע פון אונדזער דרייסט־קייט און איינגעשפּאַרטקייט, ווייל לאַנג האָט אונדזער נצחון, פאַרשטייט זיך, נישט געדויערט. עס איז באַלד אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג פּאָליציי אויף טאַנצעדיקע פערדלעך און די „קייטן־בחורים״ זענען אָדער זיך צעלאָפן, אָדער געבליבן ליגן אונטער די קאָפּיטעס פון די צעפּאָלאָשעטע פערד.

ערשט נאָכן קריג איז די ציוניסטן און אַנדערע דעמאָקראַטן געלונגען צו זיין פאַרטראָטן אין די קהילות.

ג. דער סיים

און נאָך אַ וואַל־קאַמף האָבן די נאַציאָנאַלע יידן געפירט, אַ קאַמף בעת די סיים־וואַלן (דער גאַליצישער לאַנד־טאָג). דאָ קאָנען מיר זיין גאַנץ קורץ. אין קעגנזאַץ צו די פּאַרלאַמענט־וואַלן, זענען די סיים־וואַלן אפילו נאָך 1907 געבליבן אויפן אַלטן שטייגער — אומדירעקטע וואַלן, באַזירט אויף אַ פאַרעלטערטן סיסטעם פון וואַל־קוריעס, וואָס האָט במילא אויס־

געשלאָסן אַ נאַציאָנאַל יידישע פּאַרטרעטערשאַפט. די נאַציאָנאַל־יידישע פּי־רער האָבן אָנגעפירט אַ ביטערן קאַמף פאַר דעמאָקראַטישע וואַל־רעפאָר־מען אין סיים מיט אַ יידיש־נאַציאָנאַלע קוריע. אין יאָר 1909 האָט דער בוקאָווינער לאַנד־טאָג פאַקטיש באַשלאָסן אַזאַ קוריע פאַר די יידישע ווייי־לער. אין בוקאָווינע האָבן די יידן געוווינט אינאיינעם מיט די רומענער, רוטענער און פאָליאַקן, אַ ס"ה פון אַרום 100,000 יידן. אַלע פעלקער אויסער די יידן, האָבן באַקומען אייגענע נאַציאָנאַלע וואַל־קוריעס, און עס איז געווען אין די אייגענע אינטערעסן פון די פעלקער, אַז די יידן זאָלן נישט צוגעטיילט ווערן צו דער דייטשער קוריע און אויף דעם אופן איבער־וועגן די וואָגשאָל. האָבן זיך אָבער די אַסימילאַנטן אין ווינער פּאַרלאַ־מענט, מיט קוראַנדאַ און לעווענשטיין בראש, אָנגעזעצט אויף דעם מיניס־טער־פּרעזידענט פאָן בינערט, אַז ער זאָל נישט באַשטעטיקן דעם באַשלוס פון בוקאָווינער לאַנד־טאָג. דער מיניסטער־פּרעזידענט האָט נאָכגעגעבן דעם דרוק און אָפּגעוואָרפן דעם באַשלוס פון לאַנד־טאָג מיט דער באַגרינ־דונג, אַז היות „עס איז נישטאָ קיין אייניקייט צווישן די יידן אַליין בנוגע דער עקזיסטענץ פון אַ יידישער נאַציאָנאַליטעט", דעריבער קאָן ער אויך נישט אָננעמען אַ יידיש־נאַציאָנאַלע קוריע פאַר בוקאָווינע.

אַלס אַ קוריאָז ווילן מיר דאָ באַמערקן, אַז אין באָשניע איז יאָ געווען אַזאַ יידישע קוריע, כאָטש עס זענען דאָרט געווען בלויז 12,000 יידן. דאָרט אָבער זענען די וואַל־קוריעס געווען געשטיצט אויף אַ רעליגיעזע פּלאַט־פאָרם און נישט אויפן יסוד פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן. יעדנפאַלס האָט דער בוקאָווינער באַשלוס פאַרשאַפט אַמוניציע פאַרן קאַמף צו דער־גרייכן אַ רעפאָרם פון וואַל־סיסטעם אין דעם גאַליצישן סיים, אַ קאַמף, וואָס האָט זיך געצויגן ביז צום אויסברוך פון דער מלחמה.

דער יידישער פאָסטן אין סיים איז געווען וויכטיק צוליב דעם פאַקט, וואָס די גאַליצישע אויטאָנאָמיע האָט אַרומגענומען אַ ברייט פעלד פון טעטיקייטן. אָבער די וויכטיקסטע פון זיי אַלע איז געווען די השפעה, וואָס דער סיים האָט געהאַט אויף דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון לאַנד, און אויף דעם חלק, וואָס יידן האָבן געהאַט, אָדער געקאָנט האָבן אויף דער דאָזיקער ווירטשאַפטלעכער ספערע. און דער ווירטשאַפטלעכער מאָמענט איז געווען באַדאַי אויב נישט דער וויכטיקסטער, איז דער אַממיינסטן אָנגע־ווייטיקטער בנוגע דער לאַגע פון די יידן אין גאַליציע.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט זענען אין יאָר 1861 געוויילט געוואָרן

אין סיים די יידן סאַמעלזאָן, קאַליר, דיביידע דובסן (מרדכי דובס פון לעמבערג און שפּעטער ד״ר לאַזאַר דובס פון קאָלאָמיי) און נאָך לאַזאַרס טויט, מאַקסימיליאַן לאַנדעסבערג. אין יאָר 1867 זענען די זעלבע יידישע סיים־דעפּוטאַטן אויסגעוויילט געוואָרן, נאָר אָנשטאָט קאַלירן, איז ד״ר אָס־וואַלד העניגסמאַן געווען צווישן די ניי־געוויילטע. צוליב דער רעזיגנאַ־ציע פון לאַנדעסבערג, זענען אין יאָר 1870 געבליבן די יידן ד״ר הערמאַן פרענקל און נתן קאַליר אַלס איינציקע יידישע דעפּוטאַטן אין סיים.

אין די שפּעטערדיקע וואַלן איז ד״ר גאָלדמאַן געווען דער יידישער פאַרטרעטער פון לעמבערג. נאָך זיין טויט איז פאָרגעקומען אַ וואַל־קאַמף צווישן ד״ר ביק און לילייען און ביידע האָבן פאַרלוירן.

אין יאָר 1908 איז אין לעמבערג געוויילט געוואָרן ד״ר נתן לעוועג־שטיין און אין קראָקע ד״ר איגנאַץ לאַנדוי פון דער „אומאָפּהענגיקער פּאַרטיי״, אָבער אין די וואַלן פון 1912 האָבן ביידע פאַרלוירן. אָט אַזוי האָט אויסגעזען די יידישע פאַרטרעטערשאַפט אין סיים — און ערשט נאָכן קריג איז עס געלונגען די נאַציאָנאַלע כוחות צו דעראָבערן אַ פּאָזיציע סיי אין פּוילישן סיים און סיי אין די קהילות.

X

די עקאָנאָמישע לאַגע פון די גאַליצישע יידן

א. די אַלגעמיינע לאַגע

די יידן אין גאַליציע האָבן געהאַט אַ סך מעלות טובות. זיי האָבן געשמט מיט זייער השכלה, מיט זייער חסידות, מיט „זייער״ פראַנץ יאָזעף, מיט זייער נאַציאָנאַלער לאַנדעס־פּאָליטיק און — מער פון אַלעמען — מיט זייער קבצנות. די גאַליצישע אָרעמקייט איז געווען אין לשער און דער גרעסטער עקספּאָרט פון גאַליציע איז געווען — די יידישע עמיגראַציע. יידן זענען געלאָפן קיין ווין, קיין בעמען (טשעכיע), קיין אונגאַרן און קיין אַמעריקע. אַבי אַוועק פון גאַליציע! די רוסישע עמיגראַציע האָט זיך אָנגע־הויבן צוליב די פּאָגראָמען, — די גאַליצישע צוליב דער גרויסער נויט. סיבות זענען געווען אַ סך. דאָס לאַנד איז געווען אָרעם און פאַרלאָזן, די פּויערן אומוויסנדיק און פאַרקנעכט צו די „פּאַנעס״, וואָס האָבן געהאַט גרויסע „לאַטיפונדיעס״ (גרויסבאַזיץ) און די פּויערן האָבן געמוזט לעבן פון קליינ־

טשיקע פּאַרצעלן, פון וועלכע זיי האָבן געדאַרפט אויסהאַלטן גאַנצע פאַמיליעס.

די אַגראַר־פראַגע אין גאַליציע איז געווען איינע פון די אַמוינסטן אַנגעווייטיקטע. די פויערן זענען טאַקע באַפרייט געוואָרן פון דער „פּאַנשטשיזנע״, אָבער נישט פון די פּאַנעס. זיי זענען געווען פריי, אָבער אָן די עקאָנאָמישע מיטלען פון דער פרייהייט. אין מזרח־גאַליציע זענען 91 פּראָצענט פון דער רוטענישער באַפעלקערונג און כמעט אַ העלפט פון די פּאָליאַקן, געווען אָנגעוויזן אויף ערד־אַרבעט. צו שעפּן יניקה פון אַזאַ אָרעמע באַפעלקערונג איז געווען שווער פאַר אַזאַ איבערוויגנדיקן שטאָטישן עלעמענט ווי עס זענען געווען די יידן. דערצו האָבן נאָך פאַרשטאַרקט די יידישע נויט ריין־פּאָליטישע פאַקטאָרן: די אַנטי־יידישע גזירות און דעקרעטן, וואָס אָנהויבנדיק מיטן קייזער יאָזעף דעם צווייטן און קייזער פראַנץ דעם ערשטן, ביז צו פראַנץ יאָזעפס שלטון, האָבן זיי אַלץ ענגער געמאַכט די ד׳ אמות פון דער ווירטשאַפטלעכער באַטייליקונג און איינפּאַסונג אין די ענגע ראַמען פון דער לאַנד־עקאָנאָמיע. ווי מיר געדענקען, האָבן ביז צו דער עמאַנציפּאַציע די יידן נישט געטאָרט וווינען אין די גרויסע שטעט אויסער די געטאָס און אין די דערפער האָבן זיי אויך נישט געטאָרט באַזעצן זיך, אויסער פאַר אַרבעט אויפן פעלד. און אפילו ווען זיי האָבן שוין יאָ געוואָלט באַאַרבעטן די ערד, האָבן די פּאָליאַקן אויפגעהויבן אַ געשריי, אַז די יידן ראַבעווען ביי זיי אַוועק די ערד.

יידן האָבן נישט געטאָרט קויפן קיין הייזער, נישט געטאָרט זיין שענקערס, דינגען מילן אאַ״וו. בכלל האָבן יידן נישט געטאָרט טון מער זאַכן, ווי זיי האָבן געמעגט — אַ חוץ איין זאַך וואָס מען האָט זיי נישט פאַרווערט — צאָלן שטייערן. די שטייערן זענען אַרויף אַלץ העכער, וואָס ווייניקער עס זענען געווען יידישע פרנסות.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן קאָן מען לייכט פאַרשטיין פאַרוואָס די יידן זענען געלאָפן פון גאַליציע. די עמיגראַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1776, האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט גאָר אינגאַנצן. ביז 1890 האָבן די גאַליציאַנער וואַנדערערס מייַנסטנס זיך באַזעצט אין שלעזיע, אין בוקאָווינע און אין ווין. נאָך 1890 איז דער שטראָם פון עמיגראַנטן געגאַנגען קיין אַמעריקע און אונגאַרן. אין די דרייסיק יאָרן פון 1880—1910 האָט גאַליציע פאַרלוירן אַ סך־הכל פון 236.503 יידן דורך עמיגראַציע. דאָס הייסט, אַז אין משך פון איין גענעראַציע האָט אַ דריטל פון דער

גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אויסגעוואַנדערט. אין יאָר 1869 זענען אין גאַליציע געווען 822.000 יידן און 40 יאָר שפּעטער, אין יאָר 1910, זענען געווען נישט מער ווי 871.908, דאָס הייסט, אַז מיטן אויסנעם פון אַרום 50.000 יידן, איז כמעט דער גאַנצער גרויסער צוּוווּקס פון 40 יאָר פאַר־שווּנדן אין דעם גרויסן עמיגראַציע שטראָם.

ווען מען באַטראַכט די פאַרטיילונג פון די יידן לויט די באַרופן, איז די פּראָפּאָרץ פון האַנדל טאַקע די העכסטע (מער ווי די העלפט), אָבער ערשטנס, איז די פּראָפּאָרץ נישט אַזאַ הויכע, אויב מ׳נעמט אין אַכט די אַלגעמיינע באַדינגונגען פון לאַנד, וואָס האָט געהאַט אַזאַ גרויסן פּראָצענט פון פויערן און אַזאַ קליינעם מיטלשטאַנד, און צווייטנס, איז דאָס אַלץ, וואָס די סטאַטיסטיק רופט אָן מיטן נאָמען „האַנדל״, נישט תמיד געווען ביי יידן אַן אמתער מסחר, נאָר מער אַ שטיקל מעקלעריי, אָדער אַ מין „לופטמענטש״־קאַטעגאָריע; מענטשן, וואָס האָבן געדרייט מיטן שטעקעלע, אַלס זייער איינציקע אינוועסטירונג אין די „געשעפטן״, אָדער אַמאָל גע־ברענגט צו טראָגן אַן עוף פון דאָרף און עס פאַרקויפט מיט אַ ריוח פון צען גראָשן.

דערפאַר אָבער האָבן די יידישע בעל־מלאכות, וואָס האָבן אין צאָל אויסגעמאַכט אַרום די העלפט פון די סוחרים און פון די „האַנדלס־באַראָ־נען״ מ׳שטיינסגעזאָגט, שווער געהאָרעוועט, שווערער ווי די שווערסטע האָרעפּאַשניקעס אין די מערב־לענדער, און די מיינסטע פון זיי האָבן דערביי פאַרדינט נישט מער ווי אַ טרוקן שטיקל ברויט פאַר זיך און פאַר דער משפחה. און וואָס איז געווען די אמתע סיבה פון דער ווירטשאַפט־לעכער ירידה?

די עסטרייכישע רעגירונג און די לאַנד־רעגירונג פון גאַליציע האָבן זיך שטאַרק באַמיט פאַר דער אַנטוויקלונג פון אינדוסטריע און מלאכות אין לאַנד. אין מיניסטעריום פאַר עפנטלעכע אַרבעטן איז געווען אַ ספּע־ציעלע ביוראָ פאַר דער אונטערשטיצונג פון אינדוסטריע און פאַר מלאכה־קרעדיטן. דער מיניסטער פון האַנדל האָט געהאַט אַ בעל־מלאכה־ראַט פאַר דעם צוועק. אין גאַליציע אַליין זענען געווען טעכנישע אינספּעקטאָרן און אינסטרוקטאָרן, כדי צו העלפן דערציען גוטע בעלי־מלאכות און העלפן זיי אין זייערע טעכנישע פּראָבלעמען. אין דער לאַנד־רעגירונג גופא זענען אויך געווען טעטיק טעכנישע קאָמיסיעס מיט גרויסע פאָנדן. די „באַנק קראַ־יאָווי״ האָט געדינט אַלס דער פינאַנציעלער אינסטרומענט פאַר דער אַנט־

ווירקלונג פון דער אינדוסטריע אין לאַנד. אָבער אין גאַליציע האָט דאָס וואָרט „לאַנד״ נישט געמיינט קיין געאָגראַפישן נאָר אַ פּאָליטישן באַגריף. בנוגע די יידן זענען אָט די אַלע אינסטיטוציעס געווען קעגנעריש און גיפ־טיק אַנטיסעמיטיש — אַלע זענען געווען איינגעשטעלט קעגן די יידן.

פון דער צווייטער זייט האָט דער עקאָנאָמישער באָיקאָט קעגן די יידן נאָך מער רואינירט די מעגלעכקייטן פון האַנדל און וואַנדל. די „קולקאָ ראָלניטשע״ (לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיווע), וואָס זענען אַנטשטאַ־נען אין 1882, האָבן זיך פאַרברייטערט אין לאַנד ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן. אין יאָר 1913 האָט די אָרגאַניזאַציע פאַרמאָגט איבער 2.000 קראָ־מען מיט 80.000 מיטגלידער. זייער אומזאַץ האָט באַטראָפן 20.000.000 קראָ־נען אַ יאָר. די רוטענער ווידער האָבן אויפגעבויט זייערע אייגענע קאָאָפּע־ראַטיוון, וואָס אינאיינעם מיט די פּוילישע קאָאָפּעראַטיוון, האָבן זיי געהאַט אַ יערלעכן אומזאַץ פון 50.000.000 קראָנען. דאָס הייסט מיט אַנדערע ווערטער, אַז פון דער מאָגערער פרייער האַנדלס־צירקולאַציע האָט מען פּלוצלינג אויסגעצאַפּט אַ סומע, וואָס איז אונטער די דעמאָלטיקע אומ־שטענדן ממש געווען אַן אוצר. די סומע האָט מען חלילה נישט צוגענומען פון פּוילישע אָדער רוטענישע הענט, נאָר טאַקע אינגאַנצן פון די יידישע. דעריבער איז גאָר קיין וווּנדער נישט געווען, וואָס אַזוי פיל הענט זענען געוואָרן ליידיק און יידן זענען געלאָפן ווי די אויגן האָבן זיי געטראָגן.

אָבער נישט אַלע האָבן געקאָנט אַנטלויפן.

פאַרטריבן פון האַנדל און באַגרענעצט אין די מלאכות, האָבן זיך די יידן געשטופּט אומעטום, ווו עס איז נאָר געווען עפּעס אַ מעגלעכקייט צו פאַרדינען. און מחמת מאַנגל פון עפּעס בעסערס — ווי די פראַנצויזן זאָגן — האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקער געדראַנג צו די פרייע פּראָפעסיעס, אַ יאָגעניש אין די גימנאַזיעס, אין די רעאַל־שולן און אין די אוניווערזיטעטן. אין שול־יאָר 1881—1882 האָבן 1983 יידישע שילער באַזוכט די גימנאַ־זיעס און 176 די רעאַל־שולן. אין 1910—1911 זענען שוין געווען 7.157 יידישע תלמידים אין די גימנאַזיעס און 740 אין די רעאַל־שולן. יידן האָבן שוין דעמאָלט אויסגעמאַכט כמעט אַ פערטל (אַרום 22 פּראָצענט) אין די מיטל־שולן (גימנאַזיעס און רעאַל־שולן). אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג פון גאַליציע איז אויסגעפאַלן איין תלמיד פון מיטל־שולן אויף 222 איינ־ווינער, בעת ביי יידן איז די פּראָפּאָרץ געווען איין תלמיד אויף 110. וואָס דאָס האָט באַדייט פאַר דעם לעבנס־ניוואָ פון אַ דורכשניטלעכער יידישער

פאַמיליע, וואָס האָט געהאַט אַזוי שווער צו קעמפן פאַרן שטיקל ברויט, קאָן מען זיך משער זײַן. — דאָס האַרצווייטיק, די טרחא און דאָס אָפּשפּאָרן ממש פון מויל, כדי אויסצוהאַלטן דעם קינפטיקן דאָקטאָר. אַזאַ שווערן קרבן האָבן די עלטערן געבראַכט פאַר אַ צוקונפט, וואָס, אין בעסטן פאַל, איז זי געווען אַזוי נעפּלדיק, אַזוי אומזיכער!

אין דער זעלבער פּראָפּאָרץ ווי עס איז געוואַקסן די צאָל שילער אין די מיטלשולן, איז נאַטירלעך אויך געוואַקסן די צאָל יידישע סטודענטן אין די אוניווערזיטעטן. אין קעגנזאַץ צו די נישט־יידישע סטודענטן, האָט דער יידישער סטודענט נישט געהאַט קיין ברירה. ער האָט זיך נישט געקאָנט באַגנוגענען מיט דער מאַטורא־צייגעניש אַליין, מחמת נישט די אינדוסטריע און נישט דער האַנדל, שוין אָפּגערעדט פון אַ באַאַמטן־שטעלע — האָבן אויפגענומען יידן מיט גימנאַזיאַלע בילדונג. איינמאָל אויפן וועג, האָט דער סטודענט געמוזט דראַפּען זיך אַלץ העכער און העכער, ביז ער האָט דער־שלאָגן זיך צום דאָקטאָר־טיטל. אין ערגעץ זענען נישט געווען אַזוי פיל „הערן דאָקטאָרן" ווי אין גאַליציע. באַזונדערס פיל איז געווען אַדוואָ־קאַטן, ממש עס האָט גערעגנט מיט יידישע אַדוואָקאַטן (מחמת אַדוואָקאַטור האָט מען געקאָנט שטודירן אין דער היים, נאָכן ענדיקן גימנאַזיע).

אַזוי איז געוואַקסן דער „דיפּלאָמירטער" פּראָלעטאַריאַט, מיט גרויסע שוועריקייטן צו פאַרדינען אויפן אייגענעם לעבן, קל וחומר עפּעס צו העלפן דער פאַמיליע, וואָס האָט זיך אַזוי צעבראָכן כדי אים אויסצוהאַלטן. פון אַלע טראַגעדיעס פון ווירטשאַפטלעכן לעבן אין גאַליציע, איז דער גאַליציאַנער „הער דאָקטאָר" געווען דער טראַגישסטער. איך ציטיר אַ זאַץ פון אַן אַרבעט, וואָס איך האָב געדרוקט אין „ווסכוד" פון יאָר 1912: „אין דורכשניט שטעלט מיט זיך פאָר דער יידישער סטודענט נישט מער ווי אַן ערובניק פון זײַן גאַנצער משפּחה, אַ שליח, וואָס דאַרף נישט נאָר זיך אַליין אַרויפדראַפּען אויף אַ העכערער סאָציאַלער שטופע, נאָר אויך אויס־בעטלען פאַר זיי אַ ביסל זונשיין בייטאָג און אַ בעסערע וועטשערע ביינאַכט".

און איצט אַ פּאָר ציפערן:

אין שול־יאָר 1900—1901 זענען אויף דער לעמבערגער אוניווערזי־טעט געווען פאַרשריבן 405 יידן, און 209 אויף דער קראָקעווער הויך־שול. צען יאָר שפּעטער איז די צאָל געוואַקסן אויף 1.386 אין לעמבערג, — איבער אַ פערטל פון אַלע סטודענטן, — און 419 (קרוב צו 15 פּראָצענט) אין

קראָקע. אין ווין זענען אין שול־יאָר 1912—1913 געווען 2.693 יידישע אינסקריבענטן (די מיינסטע פון גאַליציע), וואָס האָבן אויסגעמאַכט איבער 26 פראָצענט פון אַלע ווינער סטודענטן.

גאַליציע האָט פאַרמאָגט 984 יידישע אַדוואָקאַטן אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון 1.513. עס זענען געווען 1.464 דאָקטוירים אין גאַנץ גאַליציע, דערונטער כמעט אַ דריטל — 411 יידישע דאָקטוירים. אויף 34.817 גאַליצישע באַאַמטע פון אַלע קאַטעגאָריעס, זענען אָבער געווען נישט מער ווי 4.479 יידן. אָרום 6.555 יידן זענען געווען לערער (4.873 פון זיי מלמדים און בעלפערס אין חדרים). אַזוי האָט אויסגעזען דאָס בילד פון די אינטעלעקטועלע און דיפּלאָמירטע באָרופן.

איידער מיר גייען אַריבער צו די הילפס־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט לינדערן די גרויסע נויט אין גאַליציע, ווילן מיר דאָ דערמאָנען נאָך אַ גזירה, וואָס האָט ממש אויפגעציטערט דעם קראַנקן ווירטשאַפטלעכן גוף פון דעם יידישן ישוב אין גאַליציע. דאָס איז געווען די שענקער־פראַגע, וואָס איז געפאַלן ווי אַ דונער פון הימל. אין יאָר 1913, האָט אַ נייער געזעץ איבערגעטראָגן די קאָנצעסיאָנירונג פון שענקן און פראָפּינאַציעס — אויך דעם זאַלץ־מאָנאָפּאָל — פון דער צענטראַלער רעגירונג, ווי זי איז ביז דעמאָלט געווען, צו דער קאָמפּעטענץ פון דער לאַנד־רעגירונג. אָט דורך אַזאַ איינפאַכן דריי פון דעם ביוראָקראַטישן בליישטיפט, האָבן 8.000 יידישע משפחות פאַרלוירן זייערע קאָנצעסיעס. גראָד האָט אין דעם יאָר געהערשט אַ שאַרפער ווירטשאַפטלעכער קריזיס און דאָס אומגליק, וואָס האָט געטראָפן די נייע קרבנות, איז געווען כמים עד נפש.

עמיל ברייטער, דער איידעלער פּאָליאַק, וואָס האָט געקעמפט אַזוי העראָאיש פאַר די פאָלקס־מאַסן און זייערע רעכט — ער האָט אַרויסגעגעבן דעם וואָכן־זשורנאַל ״Monitor„ אין לעמבערג, און איז אויך געווען געוויילט געוואָרן צום ווינער פּאַרלאַמענט — האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פון די שענקערס, און האָט געפירט אַ מאַסן פראָטעסט קיין ווין מיט דער באַטייליקונג פון 800 שענקערס. דער „מאַרש קיין ווין״, די מאַסן דעמאָנסטראַציע ביים פּאַרלאַמענט, האָט טאַקע געמאַכט אַ רושם, אָבער דער איינפלוס פון די פּוילישע פּריצים איז געווען גרעסער. קיין הנחות האָבן די יידן נישט געקריגן.

און די פּוילישע פּריצים אַליין, וואָס האָבן זיי געטון, כּדי צו לינדערן די וואַקסנדיקע נויט?

דער סיים־דעפּוטאַט ד״ר לעווענשטיין, האָט נאָך אין יאָר 1907 אַריינ־געטראָגן אַ פאָרשלאַג אין גאַליצישן סיים, אַז מ׳זאָל דורכפירן אַן אַנקעטע וועגן דער יידישער נויט. די אַנקעטע איז ענדלעך געמאַכט געוואָרן אין יאָר 1911, און זי האָט אַנטפּלעקט אַ שרעקלעך בילד פון אָרעמקייט און ירידה.

כּמעט צו דער זעלבער צייט, אָדער אַ יאָר פריער האָט די „איזראַעלי־טישע אַליאַנץ״ אין ווין, דער „הילפס־פאַראיין דער יודן״ אין דייטשלאַנד, און אויך די בריטישע „אַנגלאָ דזשואיש אַסאָסיישן״ און אַנדערע הילפס־אָרגאַניזאַציעס אָפּגעהאַלטן אַ קאָנפערענץ צו באַקלערן ווי אַזוי זיי אַלע אינאיינעם וואָלטן געקאָנט העלפן באַקעמפן די אָרעמקייט צווישן די גאַ־ליצישע יידן. מען האָט באַשלאָסן צו גרינדן אַ זעלבסט־הילף געזעלשאַפט מיט שמואל פאָן האָראָוויץ אַלס פּרעזידענט. אין קאָמיטעט זענען אויך אַריין ד״ר טאָן, ד״ר דיאַמאַנד און ד״ר גראָס. עס האָט געדויערט ביז 1914 איידער די מאַכט האָט באַשטעטיקט די סטאַטוטן.

ב. די יידישע הילף־אַקציע

איינע פון די ערשטע מוסדות, וואָס זענען געקומען צו הילף די גאַ־ליציאַנער יידן, איז געווען די „עסטרייכישע איזראַעליטישע אוניאָן״. די „אוניאָן״ האָט אויפן יסוד פון אַן אַנקעטע, וואָס זי האָט דורכגעפירט אין יאָר 1892, אַלס פּועל־יוצא פון די פּאָגראָמען אין גאַרליץ, יאַסלע, נייסאַנדז און אַנדערע ערטער אין מערב־גאַליציע, געשאַפן דעם „הילפס־פאַראיין פאַר דער נויטליידנדער יידישער באַפעלקערונג״, וואָס האָט געפּרוווט דורך אַנטוויקלונג פון הויז־אינדוסטריע (היים־אַרבעט) צו שאַפן נייע מקורות פון פּרנסה. אַ דאַנק אָט־אָ־דער טעטיקייט האָבן 4.000 פּערזאָנען געפונען באַשעפטיקונג מיט אַ פאַרדינסט פון 300.000 קראָנען. דאָס איז געווען אַ סובסידירטע אונטערנעמונג פון ספּעציאַליסטן פאַר עקספּאָרט, און איז ממילא געווען אָפּהענגיק פון די קאַפּריזן פון די אָפּנעמער און האָט דערפאַר נישט געהאַט קיין סטאַבילן פונדאַמענט אונטער זיך. די עסטרייכישע „איזראַעליטישע אַליאַנץ״ אין ווין, מיט אַ קאַפּיטאַל פון איבער דריי פערטל מיליאָן קראָנען, האָט סובווענציאָנירט געוויסע שולן און אַקאַדעמישע

הילפס־אָרגאַניזאַציעס, ווי דער ריגאַראַזאַנטן־פאַראיין למשל און איז אויך געווען טעטיק אויפן געביט פון עמיגראַציע.

„דער הילפס־פאַראיין דער דייטשען יודן״, וואָס איז געגרינדעט גע־וואָרן אין יאָר 1901 מיט פאָול נאַטאַן בראש, האָט באַשאַפן קינדער־גאָרטנס און אויסגעהאַלטן יתומים־הייזער אין גאַליציע.

אָבער די קרוין פון אַלע הילפס־טעטיקייטן האָט באַלאַנגט צום גרויסן נדיב באַראָן מאָריץ דע הירש.

די באַראָן הירש פונדאַציע האָט באמת רעוואָלוציאָניזירט דעם פרינ־ציפּ פון צדקה און האָט געהאַט אַ היסטאָרישן פאַרדינסט פאַרן חנוך פון אַ גאַנצן יונגן דור אין גאַליציע. פילאַנטראָפּיע איז ,ווי באַקאַנט, די אומ־דאַנקבאַרסטע סחורה. זייער וויניק פילאַנטראָפּן האָבן געקריגן אַ פּרעמיע פון דער געשיכטע, כאָטשביים לעבן זענען זיי געזעסן ביי דער סאַמע מזרח־וואַנט. די איראָניע פון דעם גרויסן בעל־צדקה איז, וואָס ער בויט אויף שטיינער, און די אומרחמנותדיקע צייט מאַכט פון אַלע שטיינער זאַמד. אָבער דער באַראָן האָט באמת פאַרדינט אַ בעסערע היסטאָרישע אָפּשאַ־צונג, נישט נאָר צוליב דעם ריזן־פאַרמעגן, וואָס ער האָט אויסגעגעבן אויף צדקה, נאָר אויך פאַר זיין וויטן סאָציאַלן בליק און גרויסאַרטיקן פאַרנעם.

אַלס איינער, וואָס האָט גענאָסן פון דעם חנוך אין דער „באַראָן הירש שולע״ און האָט פונקט ווי צענדליקער טויזנטער אַנדערע יידישע קינדער געשעפּט יניקה פון זיין גרויסן אויפטו, וויל איך זיין נאָמען כאָטש אויף אַ מינוט אָפּראַטעווען פון טומל פון „גרויסע נעמען״ און פון נאָך גרעסערע פּרעטענסיעס מצד פאַרשידענע „גלות אויסלייזערס״, וואָס האָבן נאָר שפּאָט און ביטול פאַר די בעלי־צדקה פון אַמאָל.

באַראָן הירש האָט זיין גאַנץ לעבן געשטרעבט אויפצוהויבן די יידישע פּאָן, ראַטעווען, בויען און פלאַנצן לטובת זיינע אונטערדריקטע ברי־דער, און ער האָט אויף זיין אופן צוגעלייגט אַ ציגל צום בנין פון עם נצח.

דער גרויסער אויפטו פון באַראָן הירש פאַר גאַליציע דאַטירט זיך פון 17טן פעברואַר 1891. די דאָזיקע דאַטע איז כמעט אַ היסטאָרישע אין לעבן פון גאַליציאַנער יידנטום. דער באַראָן האָט זיך שוין לאַנג געהאַט אַרומגע־טראָגן מיטן געדאַנק, אַז מ׳דאַרף עפּעס טון פאַר די גאַליציאַנער „מיט־בירגער״, און איצט איז געקומען די צייט. לויט דער עצה פון ווינער ראַ־בינער ד״ר אַדאָלף יעלינעק האָט דער נדיב געשאַפן די ספּעציעלע פונ־דאַציע פון באַראָן הירש שולן אין גאַליציע און אין בוקאָווינע, מיט אַ

גרונט־קאַפּיטאַל פון 12 מיליאָן פראַנק. אין 2 יאָר אַרום זענען שוין אין גאַליציע געווען 50 שולן. ווען מען דערמאָנט זיך וואָס פאַר אַ אומוויסנ־קייט עס האָט געהערשט ביי די מאַסן אין גאַליציע, און ווי גרויס עס איז געווען די שנאה, וואָס די חסידים האָבן געהאַט צו יעדן טיפּ וועלטלעכע שולן, און די געשלעגן, די חרמות און מניעות, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן, כדי צו שטערן די דערעפענונג פון די נייע באַראָן הירש שולן, מוז מען באַוואונדערן די פעסטקייט און אַנטשלאָסנקייט פון די קוראַטאָרן און די לע־רערס, וואָס זענען ממש נישט געווען זיכער מיטן לעבן אויף דער גאַס. איך געדענק די פּעטש, וואָס דער דירעקטאָר פון מיין שולע האָט געכאַפּט פון אַ חסידישן שלעגער, שוין גאָרנישט צו רעדן וועגן דער חברה חסי־דישע יינגלעך, וואָס פלעגן באַפאַלן די „תלמידים פון באַראָן הירש" און זיי גוט איבערדרעשעווען פאַר דער עבירה, וואָס זיי גייען אין אַ „גויאישע" שול.

אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט ביז די שולן זענען געוואָרן אַ טייל פון יידישן לעבן אין גאַליציע. אויסער דער פּוילישער שפּראַך און אַלגעמיינע קעגנשטאַנדן האָט מען אויך געגעבן „העברעאישע שטונדן", תנ"ך און „רעליגיע־אונטעריכט". נאָכמיטאָג האָט מען געלערנט שניידעריי, טאָקעריי, צייכענען און אַלערליי אַנדערע האַנט־אַרבעטן. דערביי האָט מען אויך נישט פאַרנאַכלעסיקט גימנאַסטיק אין ווינטער, און פרישע לופט מאַיוווקעס אין זומער.

אָבער וואָס אין דער גאַנצער גרויסער וועלט האָט זיך עפּעס געקאָנט פאַרגלייכן מיט אַ טעפּל הייסע מילך, וואָס האָט ממש אַרויסגעשמעקט פון די קעסלען ווי פון אַ רויזן־וואַזאָנעק? ווער קאָן דען פאַרגעסן די פריש־געבאַקענע פאַרברוינטע קאַיזער־זעמעלעך, וואָס האָבן געקיצלט דעם גו־מען, ווי זיסער האָניק לעקעך? און ווער נאָך איז אונדז געווען גלייך, ווען מיר האָבן זיך פאַרפּוצט אויף פסח מיט די נייע הויזן, די קעשענעס אָנגע־שטאָפּט מיט נאָז־טיכלעך, און מיט די אַ ביסל צו ברייטע באַראָן הירש רעקלעך, וואָס האָבן ממש געשיינט ווי די זון? און זומער האָט מען אויס־געטיילט העמדער, און אין ווינטער טיפּע שטיוול מיט כאַלעוועס. פאַר אַלעמען האָט געזאָרגט דער גוטער באַראָן, און פאַוואַליע האָט זיך גענומען הויבן ד'ער אינטעלעקטועלער ניווא אויף פון די עלטערן אין די קליינע שטעטלעך, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו לערנען פון די קינדער, אַז ערגעץ־ווו איז דאָ אַ נייע וועלט, און זיי זענען שוין ממילא געוואָרן מער טאָלעראַנט

צו דער וועלטלעכקייט. אַט ווי די באַראָן־הירש שולע האָט דעראָבערט גאַליציע.

די צאָל תלמידים, וואָס האָבן באַזוכט די באַראָן הירש שולן האָט אין די יאָרן 1901—1902 באַטראָפן אַרום 9.634 מיט 178 לערערס. אין יאָר 1907—1908 זענען געווען אַ ביסל ווייניקער: — 7.557 תלמידים אין 47 שולן. (דריי שולן האָבן זיך צוגעמאַכט צוליב פאַרגרעסערטע הוצאות, פאַר וועלכע עס האָבן נישט געקלעקט די פאָנדן).

עס זענען אויך געווען נאַכט־קורסן פאַר עלטערע מענטשן. אויסער דעם האָט די פונדאַציע געהאַט פאַך־קורסן פאַר בעלי־מלאכות אין פאַר־שידענע שטעט און שטעטלעך. אין משך פון 8 יאָר האָבן 2.000 יינגלעך באַקומען אונטעריכט אין די פאַך־שולן פון דער פונדאַציע: 768 אין שניי־דעריי, 584 אין סטאָלערײַ און 306 אין בלעכערײַ. די „איקאָ״ האָט אויס־געהאַלטן אַ שולע פאַר ערד־אַרבעט אין סלאָבודקע, נעבן קאָלאָמיי.

פאַר מיידלעך ווידער האָט געזאָרגט די „קלאַראַ הירש פונדאַציע״, מיט אַ קאַפּיטאַל פון כמעט 4 מיליאָן קראָנען. עס זענען געווען פאַך־שולן פאַר מיידלעך אין אַזעלכע שטעט ווי בוטשאַטש, בורשטין, קאָלאָמיי, טאַר־נאָוו און אַנדערע. די פונדאַציע האָט אויך אַנטוויקלט אַ פאַרצווייגטע טע־טיקייט אויף אַנדערע געביטן. אויף בגדים פאַר שול־קינדער אַליין איז אויסגעגעבן געוואָרן דריי פערטל מיליאָן קראָנען אין משך פון 9 יאָר צייט.

נאָך דעם טויט פון דעם גרויסן נדיב אין יאָר 1896, האָט זיין פרוי קלאַראַ דע הירש, ביז צו איר טויט אין 1899, ווייטער געפירט די גרויסע פאַרצווייגטע טעטיקייט פון איר מאַן, און האָט אין דריי יאָר צייט פאַרטיילט 60.000.000 פראַנק פאַר אַלערליי צדקות. דער נדיב און זיין פרוי האָבן דאָ וואָרט צדקה נישט נאָר פאַראיידלט מיט זייער גרויסן פאַרנעם, נאָר אויך געגעבן דעם וואָרט צדקה אַ נייעם באַטייט. קיין בעסערן שבח קאָן מען דעם גרויסן נדיב נישט נאָכזאָגן, ווי איבערדרוקן דעם ענטפער, וואָס באַראָן הירש האָט געגעבן נאָכן טויט פון זיין איינציקן זון אין יאָר 1887, אויף די פיל טרייסט־טעלעגראַמעס, וואָס ער האָט געקריגן, האָט ער גע־ענטפערט: „איך האָב פאַרלוירן אַ זון, אָבער נישט קיין יורש — די מענטשהייט איז מיין יורש״.

די באַדייטונג פון באַראָן הירש פאַר דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער יוגנט אין גאַליציע איז גאָר שווער אָפּצושאַצן.

XI

דער יונגער דור אין גאַליציע

מען זאָגט, אַז יעדער מענטש בענקט נאָך זיין יוגנט, אָבער איך בענק נישט נאָך מיינע יונגע יאָרן. דאָס זענען געווען האַרטע יאָרן, אומעטיקע יאָרן, לויטער מלחמה יאָרן, כמעט פון מיין געבורט אָן. אָבער וואָס איך בענק יאָ, איז נאָך דער יוגנט, נאָך די חברים, מיט וועלכע איך האָב אינאַיי־נעם געחלומט, זיך אויפגעכאָוועט, און אינאַיינעם געלעבט און געטראַכט. און ווו זענען זיי איצט?

אָט שווימען אַרויף פאַר מיינע אויגן זייערע שאָטנס מיטן גאַליצישן שמייכל אויף זייערע ליפּן און אַ יוגנטלעכע אמונה אין זייערע איידעלע הערצער. איך קען זיי אַלעמען ביי די נעמען, אין מיין וויזיע זענען זיי געבליבן פּונקט אַזוי ווי איך האָב זיי איבערגעלאָזט און אַזוי לאַנג ווי איך געדענק זיי, זענען זיי, פאַר מיר וויניקסטנס, לעבעדיקע שאָטנס, לע־בעדיקע בילדער פון מיין זכרון.

אָט איז איין בילד. מיט כל אמצי כוחות האַלט איך אים און לאָז אים נישט פאַרשווונדן ווערן. איך קוק אויף אים. ער זיצט מיט מיר אויף דער זעלבער באַנק אין דער זלאָטשאָווער גימנאַזיע אין דער ערשטער, צווייטער, דריטער קלאַס און מיר רעדן העברעאיש צווישן זיך צו להכעיס די גוים — קיין וואָרט נישט פּויליש. די גוישע סטודענטן הערן זיך צו. וואָס פאַר אַ שפּראַך רעדן זיי, די צוויי „זשידעס“?

— אימבערקו! צאָ טאָ זאַ זשאַרגאָן?

יאָ, דאָס איז ער, שמואל יעקב אימבער, וואָס ברענגט יעדן טאָג אַ נייעם פערז צו טראָגן, אַ פערז אויף העברעאיש און יידיש, און מיר רעדן, חלומען, הערן נישט אויף צו רעדן, ביז דער פּראָפעסאָר צעשרייט זיך:

— „מילטשעטש, טאָ ניע זשידאָווסקי חדר!“ (שטיל זאָל זיין, דאָס איז נישט קיין יידישער חדר!).

און אָט איז אַן אַנדערער, דאָס מאָל אין דער לעמבערגער גימנאַזיע, אין דער פערטער קלאַס. שוין גאָרנישט קיין פּאָעט, נאָר אַ דאַרינקער, אַ נעבעכל, אַ רויטער מיט געלע קליינע צעשיט איבערן פּנים, אַ יעדער קליינע אַזוי גרויס ווי אַ וואַלעכישע נוס. די גוים טשעפּען זיך צו אים,

צופן, רייסן אים ביי די רויטע האָר און צינדן אָן שוועבעלעך אונטער זיין זיצפלייש. און איינער, דער שטאַרקסטער פון זיי אַלע, אַ גוי, לאַנג און ברייט ווי עוג מלך־הבשן — מיטן נאָמען טישקעוויטש — שלאָגט אים מערדערלעך, כלומרשט, ווייל ער האָט זיך באַקלאָגט אויף אים ביים פּראָפעסאָר. איך פּראָטעסטיר און, תוך כדי דיבור, ליגן מיר שוין ביידע אויף דער פּאָדלאָגע, און מיינע פיס פאַרפאָרן דעם גוי אין פנים אַריין. שרייט ער און געוואַלדעוועט ווי אַ געקוילעטער חזיר, דער שגץ, ביז דער פּראָפעסאָר לויפט אַריין און שלעפּט מיך ביי די האָר אין קאַנצעלאַריע צום דירעקטאָר. דער דירעקטאָר האָט נישט געזשאַלעוועט קיין שטראָף און געגעבן גוטע קלעפּ מיט אַ ווירע איבער די הענט, אָבער טישקעוויטש האָט קיין מאָל מער נישט געטשעפּעט דעם אָרעמען שעל, אָדער „פּאַננאַ שעליאַ״, ווי די גויים האָבן פון אים חוזק געמאַכט.

די צוויי בילדלעך שפּיגלען אָפּ צוויי זייטן פון אונדזער סטודענטן לעבן. מיר זענען געווען אָפּגעטיילט פון די גויים, זיך געטוליעט איין ייד צום אַנדערן, ממש אַליין באַשאַפן אַ געטאָ... מיר האָבן זיך איזאָלירט מחמת מיר האָבן זיך געפילט איזאָלירט, אין אַ פרעמדער סביבה. איך וואָלט דערמיט געוואָלט אָפּשליסן מיינע פּערזענלעכע זכרונות, אָבער עס דערמאָנט זיך אַן אַנדערער עפּיזאָד, וועלכער איז אויך געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזערע יונגע יאָרן.

אָט זיץ איך אויף דער באַנק אין דער צווייטער קלאַס גימנאַזיע, דאַכט זיך, כמעט נישט מער ווי אַ בר־מצווה יינגל, און דער פּראָפעסאָר, אַן אוקראַינער, שרייבט אויף דעם לוח אַן אַריטמעטישע קאָמפּאָזיציע. ציפערן מאַרשירן שורה נאָך שורה, און אויף אַמאָל דרייט זיך אויס דער פּראָ־פעסאָר צום קלאַס און זאָגט אַ חכמהלע:

— אָט די שורות פון צאָלן זעען אויס ווי די „זשידקעס״, וואָס גייען שבת אין שול אַריין.

דערויף כאַפּ איך מיך אויף:

— הער פּראָפעסאָר, און ביי מיר זעט דאָס דווקא אויס ווי אַ קריסט־לעכע פּראָצעסיע מיט צלמים... (ווי באַקאַנט ווערט אַ צלם + באַנוצט אַלס צייכן פון חבור).

דערויף הייבן אַלע אויף די אויגן! די שטילקייט איז אַזוי שאַרף, אַז די אויערן טוען אַזש וויי. דער פּראָפעסאָר ווערט בלייך, אָבער אין אַ מינוט דערכאַפּט ער זיך:

— דאָס קאָן אויך זיין — פּאָנפּעט ער אונטער, און נעמט פּאַמעלעך אָפּווישן דעם לוח מיט אַ נאַסן שוואָם.

צוליב וואָס דערצייל איך דאָס אַלץ? צוליב דעם, וואָס כאָטש מיר זענען געווען יונגע קינדער, האָבן מיר זיך שוין אויסגעלערנט, אַז מען טאָר זיך נישט לאָזן שפּייען אין דער קאַשע אָדער לאָזן באַליידיקן אונדזער אומה. די פּראָפעסאָרן און די קריסטלעכע סטודענטן האָבן זיך אָנגעהויבן צוצוגעווינען צום נייעם טאָן פון די יידישע סטודענטן. אָט אַזוי האָט זיך פּאַוואָליע אויסגעבילדעט אַ מין „מאָדוס וויוועגדי". וואָס מער מיר זענען אויפגעוואַקסן, אַלץ מער זענען מיר געוואָרן דרייסטער אין אונדזער נאַציאָנאַלער האַלטונג. די פּוילישע פּאָעטן: מיצקעוויטש, קראַשינסקי, און עפּעס וויניקער, סלאָוואַצקי, האָבן געשעפּט פון יידישן תנ״ך זייערע אינספּיראַציעס פאַר זייערע פּוילישע משיחות אידעען. און מיר, די יונג־וואַרג האָבן צוריקגעשעפּט פון די ווערק פון אָט די פּוילישע ראָמאַנטיקער דעם גרויסן ענטוזיאַזם און די ברענענדיקע האָפענונג פון שיבת ישראל. זייערע נאַציאָנאַלע ימים טובים, זייערע העלדן האָבן מיר פאַרטייטשט אויף אונדזערע אייגענע נאַציאָנאַלע פיגורן און אַלצדינג, וואָס איז געווען שיין און אידעאַל אין דער פּוילישער געשיכטע, האָט באַקומען אַ יידישע צורה אין אונדזער בענקעניש נאָך דער גאולה.

די גימנאַזיע איז געווען אונדזער שולע, אָבער אונדזער אמתער בית מדרש, אונדזער קלויז און אונדזער דערציאונג איז געווען אונדזער אייגענע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, דער „השחר". דאָרט פלעגן מיר זיך צונויפקומען, דאָרט האָבן מיר געהאַט אונדזער „קולקאָ", געלערנט העברעאיש, יידישע געשיכטע, „פּאַלעסטינאָגראַפיע" (געאָגראַפיע פון ארץ־ישראל), ליטעראַטור און יידישע קונסט. דאָרט פלעגן מיר שבת צו נאַכט און זונטיק אָפּהאַלטן פאַרזאַמלונגען מיט פאָרטראַגן, פאַרלעזונגען און דיסקוסיעס. און וועגן די שבתים און זונטיקן פלעגן מיר חלומען אַ גאַנצע וואָך, צוגרייטן זיך אָדער צו אַ פאָרטראַג, אָדער צו אַ דיסקוסיע, וועלכע מיר פלעגן נעמען זייער ערנסט, כמעט ווי אַן אַקט פון קדושה. בקיצור, אין דער צייט, וואָס אונדזער גוף איז געווען אין די קלאַסן פון דער גימנאַזיע, האָבן אונדזערע נשמות געפלאַטערט אַרום דער זשעזשניצקאַ גאַס, ווו עס איז געווען דער צענטער פון די ציוניסטישע גימנאַזיסטן.

דאָס אַלץ, פאַרשטייט זיך, איז געווען בסוד סודות מחמת דאָס באַלאַנגען צו וועלכער עס איז נישט „פּאָליטישער" אָרגאַניזאַציע, ספּעציעל צו

אַ ציוניסטישער, איז געווען אַ פֿאַרברעכן, פֿאַר וועלכן עס האָט געדראָט אַרויסגעוואָרפֿן צו ווערן פֿון די מיטל־שולן. די קאָנספּיראַטאָרישע אַטמאָ־ספֿערע האָט נאָך מער צוגעגעבן ראָמאַנטישקייט צו אונדזער התלהבות.

„השחר״, איז געווען אַ טייל פֿון דער לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע פֿון די גימנאַזיע תּלמידים, וואָס האָט געהייסן „צעירי ציון״ (נישט צו פֿאַרמישן מיט דער שפּעטערדיקער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע „צעירי ציון״). דער ערשטער קרייז איז אויפֿגעקומען אין יאָר 1893. צווישן די ערשטע מיטגלידער זענען געווען דוד שריבער, דער מעדיצין דאָקטאָר ביקעלעס מיט דער לאַנגער, שוואַרצער באָרד, פּאַטראַך, שפּיגער, לעווין, גאבעל און יעקב טאַן, אַלע די, וואָס האָבן שפּעטער געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער פֿירערשאַפֿט פֿון ציוניזם. זייערע מדריכים זענען געווען דער העברעאישער שריפֿטשטעלער ראובן אשר ברוידעס, אַדאָלף שטאַנד און אַנדערע. ד״ר דוד שרייבער האָט געשריבן אין זיינע זכרונות וועגן די דאָזיקע צייטן: „איך בין איבערצייגט, אַז ראובן אשר ברוידעס האָט גע־האַט די גרעסטע השפּעה אויף אונדזער גייסטיקער אַנטוויקלונג״. אין יאָר 1903 האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען די „מוריה״, אַ ליטעראַריש־פּובלי־ציסטישער חודש־זשורנאַל פֿאַר די אַקאַדעמיקער און העכערע מיטל־שול קלאַסן און שפּעטער איז דערשינען אַ ספּעציעלער אילוסטרירטער האַלב־חודש זשורנאַל „השחר״ פֿאַר יינגערע גימנאַזיסטן. דער זשורנאַל איז גע־ווען אַ פּוילישער מיט אַ העברעאישער ביילאַגע, וועלכע איז געווען רעדאַק־טירט פֿונעם העברעאישן מחנך נפֿתּלי זיגעל.

אין יאָר 1905 בין איך געווײלט געוואָרן אַלס פּאָרזיצער פֿון דעם לעמבערגער קרייז „השחר״. די וואַל איז געווען פֿאַר מיר אַן איבערראַ־שונג, מחמת עס זענען געווען עלטערע פֿון מיר און עס איז געווען כּמעט אַן אומגעשריבענע טראַדיציע צו ווײלן פֿאַר פֿאָרזיצער אויסשליסלעך סטו־דענטן פֿון די העכערע קלאַסן. איך בין דעמאָלט ערשט נאָר וואָס אַריין אין דער פֿינפֿטער קלאַס, וואָס איז געווען דאָס ערשטע יאָר פֿון דער „אויבערגימנאַזיע״ (די גימנאַזיע האָט געהאַט אַכט קלאַסן). אין דער אָרגאַניזאַציע האָבן זיך אויסגעכאָוועט די בעסטע פֿון דער יידישער יוגנט, ווי משה פּראָסטיג, נתן טשאַטשקעס, מלך כּמעלניצקי און די יינגערע, ווי ש. י. אימבער, נ. מ. געלבער א״א, וואָס האָבן באַלד געוווּנען פֿאַר זיך אַ נאָמען אַלס שרייבער און פֿירער. פֿאַר מיר איז געווען פּרעזעס דער שפּעטערדיקער שרייבער און דראַמאַטורג צבי שפּיצער־ביקעלס. כּמעלניצ־

קי האָט שוין דעמאָלט געשריבן שיינע יידישע לידער, וועלכע ער פלעגט פּאַרלייענען פאַר אונדז בשעת דער פויזע צווישן די לעקציעס אין גאָרטן פון דער זעקסטער גימנאַזיע אויף דער ליטשאַקאָווסקע גאַס, ווו מיר זענען ביידע געגאַנגען אין גימנאַזיע — ער מיט דריי גילדענע פּאַסעקלעך מער אויפן קראַגן פון זיין סטודענטן־מונדיר, וואָס האָט באַדייט, אַז ער איז געווען מיט דריי קלאַסן העכער פון מיר.

נאָך מיין וואַל אַלס פּאַרזיצער פון „השחר" האָב איך מיך גענומען צו דער אַרבעט, כדי צו באַווייזן די, וואָס האָבן געהאַט תרעומות, אַז איך בין געווען צו יונג פאַרן בענקל, אַז זיי האָבן געהאַט אַ טעות. עס ווייזט אויס, אַז איך האָב דווקא אַלעמען באַפרידיקט, ווייל שפּעטער בין איך געוויילט געוואָרן אין דער לייטונג פון דער לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע „צעירי ציון". די אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט פּעריאָדישע לאַנדעס־אסיפות, איין מאָל אַ יאָר, בשעת די וואַקאַציעס, ווו עס זענען באַהאַנדלט געוואָרן די פּראַגן פון יוגנטלעכער דערציאונג און יוגנט־פּאַרטיילעכע פּראָבלעמען.

אַלס פּאַרזיצער פון דער דערציערישער אָרגאַניזאַציע האָב איך אויך געהאַט דעם חוב צו וויזיטירן מיינע שעפּעלעך איבערן לאַנד און אַזוי ווי מיר האָבן קיין מאָל נישט געהאַט קיין געלט, האָב איך אויסגעאַרבעט אַ סיסטעם פון „שוואַרצן" די באַנען, כדי צו פאָרן אָן אַ בילעט — אַ סיסטעם, וואָס האָט גוט געקלאַפּט אין אַלע פּרטים, ביז אויף איינעם, ווען אַ באַן־אינספּעקטאָר האָט זיך אַמאָל ביינאַכט פאַרגלוסט אַרויפצוקריכן אויפן צוג אין מיטן פעלד, בשעת די באַן האָט זיך פאַרקירעוועט און גע־גאַנגען פּאַמעלעך, אַזוי, אַז קיינער האָט זיך אויף דעם שד נישט געריכט. און אָט איז ער אַריין אין מיין וואַגאָן ווו איך בין געזעסן און געדרימלט אַזוי פרידלעך, ביז פּלוצלינג האָב איך דערהערט זיין קול — בילעטן!

פאַרשטייט זיך, אַז דאָ האָט שוין נישט געהאָלפן קיין שום שמיי־דריי. ער האָט מיך געכאַפּט ביי דער גנבה, און ער האָט מיך שוין נישט אָפּ־געלאָזט ביז צו דער סטאַציע, ווו ער האָט מיך אַראָפּגענומען פון צוג און געפירט צו דער זשאַנדאַרמעריע אין דאָרף אַריין. ווען איך האָב דער־זען, אַז אַלע מיינע תחנונים העלפן נישט, האָב איך אים אַ פרעג געטון, אַז אפשר ווייס ער נישט, אַז מ'וועט מיך דערפאַר אַרויסוואַרפן פון גימ־נאַזיע? דערויף האָט ער אויף מיר אַ קוק געטון און מיט אַ בייזער מינע אַ זאָג געטון:

— אין וועלכער גימנאַזיע גייסטו?

און ווי ער האָט דערהערט, אַז איך באַזוך די זעקסטע גימנאַזיע, האָט ער אַ געשריי געטון:

— מאַרש, פּאַרשיווי סיאָניסטאַ.

און ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן מאַכן פּיס, האָט ער מיר נאָכגעוואָרפן אַ מטבע, אַז איך זאָל קויפן אַ בילעט קיין בוטשאַטש. מיין גליק האָט גראָד געוואָלט, אַז ער זאָל האָבן אַ זון אין דעם אייגענעם קלאַס פון מיין גימנאַזיע. אָבער פון דעמאָלט אָן האָב איך אינגאַנצן פאַרלוירן דעם בטחון אין מיין סיסטעם פון שוואַרצן די באַנען און אויב ס׳איז מיר פּאַרט אויסגעקומען צו פאָרן אָן אַ בילעט, האָב איך דאָס געטון מיט אַ סך האַרץ־שרעקעניש.

די יוגנט האָט געלעבט און געחלומט פון תחית העם, און תחית העם האָט ביי זיי געמיינט אויך תחית הלשון, און פאַר אונדז איז תחית הלשון געווען מער ווי אַ שפּראַכן־פּראַגע, זי איז געווען אַ לעבנס־פּראַגע. ביאַליק, אחד העם, טשערניכאָווסקי און בערדיטשעווסקי, — די אַלטע און די יונגע דיכטער און שרייבער זענען געווען אונדזערע נביאים און אונדזערע וועג־ווייזער. מיר האָבן געקענט ביאַליקן אויסנווייניק, און די גרעסטע זכיה איז ביי אונדז געווען אַליין זוכה צו זיין צו שרייבן העברעאיש.

פלעגן מיר טאַקע רעדן „רק עברית“ און שרייבן „רק עברית“. אין דעם פּרט האָבן מיר גאָרנישט געמאַכט קיין קאָמפּראָמיסן. אין 1907 בין איך געווען דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע „תחית שפת עבר“ פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צעירי ציון“. מיר האָבן זיך געשמאַק גענומען צו דער אַרבעט, געעפנט העברעאישע קורסן פאַר סטודענטן און פאַרשפּרייט די העברעאישע ליטעראַטור אין וואָרט און אין שריפט. נישט געקוקט אויף אונדזער אָרעמקייט האָבן מיר אָנגעשטעלט לערער און געעפנט בתי ספר. די עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט נישט געהאַט די געהעריקע פאַרשטענדעניש און נישט קיין געלט פאַר דער דערציאונג פון יונגן דור. אָבער דערפאַר האָבן מיר געהאַט מער בטחון ווי גראַשנס און האָבן געשטורעמט די הימלען מיט א ברייטן בעזעם פון שטרויענע הבטחות. און די לערער, וואָס מיר האָבן אָנגעשטעלט זענען אפנים געווען פונקט אַזוינע „ביזנעסלייט“ ווי מיר, זייערע ברויטגעבער, מ׳שטיינסגעזאָגט, און האָבן נישט איין אָנבייסן פאַרשלונגען מיט אידעאַליזם, אָנשטאָט מיט ברויט.

און צווישן זיי זענען געווען מענטשן מיט טאַלענט, ווי חנוך דיסטענ־פעלד, היינט אַ גרויסער בלשן אין ירושלים, דער דיכטער אשר באַראַש, היינט דער פרעזידענט פון דער אגודת הסופרים פון ישראל און אנדערע*).

איך געדענק, ווי עס זאָל געווען זיין היינט, ווען מיר האָבן אַראָפּגע־בראַכט דעם דיכטער אשר באַראַש פון לאָפּאַטין. אַ דינעטשקער, דאַרינ־קער יונגערמאַן מיט געקרייזלטע פּאהלעך און אין אַ זיידענע בעקעשקעלע. אָבער ער האָט שוין דעמאָלט געשריבן אַזוינע פיינע שירים (אַ טייל פון זיי זענען דערשינען אין „סנונות״). איינער, וועלכער האָט אַראָפּגעבראַכט די ספרדישע הברה און האָט זי פאַרשפּרייט צווישן דער יוגנט, איז געווען אַ רויטער יונגערמאַן מיטן נאָמען בן דוד, וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד און געווען איינער פון די ערשטע מורים אין אונדזער אָרגאַניזאַציע.

אָבער מיר האָבן זיך נישט געוואָלט באַשרענקען מיט לערנען העברע־איש. מיר האָבן אויך געוואָלט פאַרשפּרייטן העברעאיש. אין יאָר 1907 האָבן מיר זיך פאַרמאָסטן אַראָפּצוברענגען דעם העברעאישן שרייבער און קריטיקער ראובן בריינין פון בערלין, אַז ער זאָל מאַכן א טור איבערן לאַנד פאַר פּראָפּאַגאַנדע פאַר העברעאיש. איך געדענק ווי היינט, ווי געפּלעפט מיר זענען געווען, ווען בריינין האָט פאַרלאַנגט פון אונדז מיר זאָלן אים שיקן טעלעגראַפיש 75 קראָנען, איידער ער וועט אָננעמען אונדזער איינלאַדונג. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן נישט געהאַט קיין 75 גראָשן אין דער קאַסע. מיר זענען געווען שולדיק שכר הלימוד, און די לערערס זענען שוין געווען געוווינט דערצו. אָבער בריינין האָט זיך הפּנים נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז די גרויסע קאָמיסיע „תחית שפת עבר״ פאַרמאָגט נישט קיין גרייצער אין דער קאַסע. און דערווייל האָבן מיר שוין אָנגעמאַכט אַ גאַנצן טאַראַראַם וועגן זיין באַזוך און באַשטעלט דעם גרעסטן זאַל פאַר זיין אויפנאַמע. הכלל, עס איז אונדז געוואָרן ביטער אין מויל און זויער אויפן געמיט. אָבער יוגנט איז בטבע מלא בטחון. מיר האָבן זיך אַנידער־געזעצט און אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן. מיר האָבן באַשלאָסן אַרומצושיקן פאַרלעך — ייִנגלעך מיט מיידלעך — גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס, אַז זיי

*) שפּעטער האָט זיך אָרגאַניזירט אַ פאַרבאַנד פון העברעאישע לערער. אויף איינער אַן אסיפה פון די לערער אין יאָר 1912, איז שמחה געלבער געוויילט גע־וואָרן אַלס פאַרזיצער און אין ועד זענען אַריין: זיגעלבוים, צבי שאַרפשטיין, פעלד, קוויטנער, פראָסט, פייגענבלאַט און איך.

זאָלן „גיין אין די הייזער״, פון שטוב צו שטוב, און בעטן נדבות. פּאַוואָ־ליטשקע האָבן מיר צונויפגעשלעפּט אַ גרייצער נאָך אַ גרייצער, ביז מיר האָבן דערגרייכט אַ סך־הכל פון אַרום 60 קראָנען. הער יאַוועץ,אַ יונגערמאַן אַ משכיל און אַן „עושר״, וואָס האָט אונדז תמיד אַרויסגעהאָלפן בשעת־הדחק, האָט צוגעגעבן זיינע אייגענע 10 קראָנען, און אָט אַזוי זענען מיר גובר געווען דעם קריזיס. עס האָט גענומען דעם פּאָסט־באַאַמטן 3 שעה צייט איבערצוציילן דעם זאַק קליין־געלט, וואָס מיר האָבן אים געבראַכט און צום שלוס האָט ער באַשטעטיקט — נישט ווייניקער ווי 70 קראָנען זענען געווען אין זאַק.

ברייַנין איז געקומען מיט דער שיינער באָרד דורכגעפלאָכטן מיט אַ פּאָר זילבערנע פעדעם, און מיט זיין וווּנדערבאַרער ווייכער שטימע האָט ער ממש באַצויבערט דעם עולם. אָבער ער אַליין איז אויך נתפּעל געוואָרן פון דעם יוגנטלעכן התלהבות און האָט זיך ממש אָנגעזאַפּט מיט התפּעלות.

ווען נישט מיינע אייגענע פאַמיליען־פליכטן, — האָט ער געזאָגט, — וואָלט איך געגאַנגען באַרוועס פון שטאָט צו שטאָט וועקן ליבע פאַר דער העברעאישער שפּראַך.

נאָר ער האָט נישט געדאַרפט גיין באָרוועס. אומעטום האָט מען פאַר אים געמאַכט גרויסע אויפנאַמען אין לאַנד און עס איז שוין דעמאָלט נישט געווען קיין פראַגע מער וועגן דעקן די הוצאות.

אָבער מיר, פון דער „קאָמיסיע״, זענען נישט זאַט געוואָרן פון די זאַנגען פון פּראָפּאַגאַנדע. מיר האָבן געוואָלט האָבן אַן אייגענעם אָרגאַן, אַ צייטונג פאַר אונדז יונגע, ווו מיר זאָלן טאַקע אַליין זיין אי די שרייבער, אי די לעזער. מיר האָבן אויך געהאַט אויף וועמען זיך אָנצולענען. ווייל צוליב דער פּאָגראָם־כוואַליע אין רוסלאַנד נאָך דער נישט־געלונגענער רעוואָלוציע, זענען יידן מאַסנהאַפט אַנטלאָפן פון רוסישן גיהנום און גע־קומען קיין גאַליציע, וואָס איז געלעגן אויפן שליאַך צו די מעבר־לענדער און לעמבערג האָט געדינט פאַר אַן עיר המקלט פאַר אַ סך פליטים. איינער פון די, וואָס האָט זיך באַזעצט אין לעמבערג אויף אַ היפּש ביסל יאָרן און האָט שפּעטער איבערגענומען די רעדאַקציע פון „יידישן טאָגבלאַט״, איז געווען משה קליינמאַן. זיין השפּעה אויפן קולטורעלן מצב אין גאַלי־ציע איז געווען אַ גרויסע. זיין חכמה, זיין צוגעלאָזנקייט האָבן אַלעמען באַצויבערט, און זיינע ווערטער זענען פאַר אונדז געווען ווי דער פרישער

טוי פון פרימאַרגן. מען האָט קלײנמאַנען תמיד געקאָנט טרעפן אין אַ נאָכמיטאָג, טיף פאַרזונקען בײַם שאכשפּיל אין קאַפע „אבאציא", אַנטקעגן דעם שטאָט־טעאַטער. װען מיר, יונגע, האָבן געדאַרפט עפּעס אַן עצה פון אים, האָט ער איבערגעלאָזן דעם קעניג אין סכנה, פאַרזעצט די קע־ניגין אויף הפקר און אונדז מקרב געװען װי אַ טאַטע זײַנע קינדער.

אײנער פון די האַרציקסטע מענטשן — אויך אַ פּליט אין לעמבערג — איז געװען י. ח. ברענער. מיר, יונגע, האָבן אים ממש פאַרגעטערט. פון זײַן אײַנפאַכן, ברײטן, כמעט מאָנגאָלישן פּנים, האָט אַרויסגעשײַנט די גוטס־קײט זײַנע, װי די פולע לבנה אויפן אויסגעשטערנטן הימל. אויף זײַנע לעפצן האָט זיך תמיד געפונען אַ גוט װאָרט, און זײַן ברײטע, קרעפטיקע האַנט, האָט תמיד געהאַט אַ האַרציקן שלום עליכם פאַר אַלעמען. האָבן מיר זיך געװאָלט באַנוצן מיט דער גרויסער גלעגנהײט, כדי אַרויסצוגעבן אַ ליטעראַרישן זשורנאַל מיט ברענערן אַלס רעדאַקטאָר. ברענערן איז דער פּלאַן געפעלן געװאָרן און ער האָט מיטגעהאָלפן װי װײַט ער האָט נאָר געקאָנט. האָבן מיר אָבער לא עליכם נישט געהאַט גענוג געלט פאַר אַ חודש־זשורנאַל װי מיר האָבן געפּלאַנעװעט, און מיר האָבן אונטער זײַן רעדאַקציע אַרויסגעגעבן אַ ליטעראַרישן זאַמלבוך „רביבים".

צװײ נומערן זענען דערשינען פון די „רביבים", אין 1908 און 1909. זײ האָבן אַנטהאַלטן אַרטיקלען, קריטיק און דערצײלונגען פון אַזעלכע באַקאַנטע שריפטשטעלער װי שניאור, בערדיטשעװסקי, קלײנמאַן, קאַצע־נעלסאָן, װײנבערג, בר־טוביה, פישמאַן און אַנדערע (ברענער האָט אַ פּאָר מאָל שפּעטער געפּרוּװט באַנײַען די „רביבים" אין ארץ־ישראל און האָט אַרויסגעגעבן אַ פּאָר העפטן). דאָס האָט אונדז נישט באַפרידיקט מחמת עס זענען געװען פאַרטרעטן אַזױ װייניק גאַליצישע קרעפטן (אגב האָט ש. י. אימבער געהאַט דאָרט זײַנעם אַ שיר). אין אַ רעצענזיע אין „מוריה" פון דעצעמבער 1909, האָט מײַן יוגנט־פרײַנט קאָפּעל שװאַרץ (איצט אין תל אביב) אונדז שטאַרק אָרונטערגעריסן פאַרװאָס מיר האָבן אין „רבי־בים" געדרוקט אַרבעטן פון שרײַבערס װאָס האָבן געקענט שרײַבן אין אַנדערע זשורנאַלן, און ער האָט געפרעגט „מה חדשתם?"

איך אַלײן האָב די „רביבים" לאַנג נישט געזען, אָבער איך דערמאָן זיך דעם רושם, װאָס קלײנמאַנס אַן אַרטיקל האָט געמאַכט װעגן דעם אונטערשיד צװישן אַ רוסישן און אַ גאַליציאַנער ייִדן. דער רוסישער ייִד, האָט ער אויסגעפירט, איז אַ געבוירענער רעװאָלוציאָנער, אַ האַרט־נעקי־

קער מענטש, אַן אומצופרידענער און דרייסטער קעמפער. דער גאַליציאַ־נער איז אַ מער קיילעכדיקער, מיט אַ ווייכער קאָנסטיטוציע, אַ מענטש, וואָס גייט אויף קאָמפּראָמיסן און איז נאָכגיביק.

אָט די פראַגע האָט מיך תמיד אינטערעסירט — דער יחס פון אומ־געבונג און כאַראַקטער ביים יידישן פאָלק. און ווייל מיר האַלטן נאָך ביי ברענערן, וויל איך דאָ דערמאָנען איינע פון זיינע אייגנשאַפטן, וואָס זענען געווען באַהאַלטן אונטער דעם רואיקן, כמעט פּאַסיוון טעמפּעראַמענט זיי־נעם. מיט זיין גאַנצער אויסערלעכער רואיקייט איז ברענער געווען אַ קעמ־פער. אָט האָב איך, בשעת איך האָב דורכגעבלעטערט דעם „וסכוד״ פון מערץ 1908, געפונען זיינע אַ פּאָלעמיק מיט אברהם רייזען. און אָט איז זיינער אַ האַרבער זאַץ: „איך וועל מיך נישט אריינלאָזן אין אַ דיסקוסיע מיט רייזענען. זיינע אַרגומענטן זענען תמיד פול מיט איגנאָראַנץ״. גע־האַנדלט האָט עס זיך וועגן איינעם פון רייזענס אַ יידישיסטישן אַרטיקל, און ברענער איז געווען אַ פאַרברענטער העברעאיסט. (איך ווייס, אַז רייזען וועט אים היינט דאָס נישט פאַראיבל האָבן). הכלל, די קאָמיסיע האָט גע־וואָלט אַן אייגענעם זשורנאַל און אַז די קאָמיסיע האָט עפּעס געוואָלט, האָט זי געוועלנלעך אויסגעפירט.

שוין אין יאָר 1910 האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אונטער מיין רעדאַק־ציע אַ ליטאַגראַפישע אויסגאַבע פון אַ חודש־זשורנאַל מיטן נאָמען „סנונית״ (די שוואַלב). לײדער איז דער יאָרגאַנג פאַרלוירן געגאַנגען, און איך האָב נישט מער אין מיין באַזיץ ווי איין קאָפּיע, חוברת ב׳, פון ניסן תר״ע (15 אַפּריל 1910). דער נומער אַנטהאַלט 32 האַנטגעשריבענע זייטן. ער פאַרמאָגט די פאָלגנדע אַרטיקלען: 1. הרהורי צעיר ט״ף (יוסף טענענ־בוים); 2. תורה שבעל־פה ושבכתב... חוקר; 3. עבודה לשעה ולדורות... ס. ז. (קאַפּל שוואַרץ); 4. הולדת הרגש... בן צבי; 5. חידות העולם (ב)... עברי (יוסף טענענבוים); 6. הכניסיני (שיר עם המנגינה)... ח. נ. ביאַליק; 7. את מי אני מעריץ... בן דוב (י. טענענבוים); 8. את מי אני מעריץ... הר ברזל (איזנבערג); 9. בספרות; 10. בעתונות; 11. שונות.

אין יאָר 1911 האָט דער „סנונית״ אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ גע־דרוקטן חודש־זשורנאַל מיט אַ בילד פון אַ שוואַלב אויפן שערבלאַט. דאָס שערבלאַט האָט אַנטהאַלטן אַן אונטער־טיטל: „ירחון לעניני החיים, לספרות ומדע־יוצא לאור ע״י צעירי ציון בלבוב, נערך בהשתתפותו של ג. שופמאַן״. שאָפמאַן איז אויך געווען איינער פון די פליטים אין לעמבערג,

און האָט פיל בייגעטראָגן צו אונדזער התלהבות פאַר העברעאיש. איך בין געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר. שאָפּמאַן האָט אויך גע־האָלפן מיט דער רעדאַקציע פון צווייטן יאָרגאַנג (1912), וואָס האָט געהאַט אַן אַנדער שערבלאַט, אָן דעם בילד פון אַ שוואַלב. ליידער זענען אין מיין באַזיץ געבליבן נישט מער ווי געציילטע גליונות. פון די פּאָר נומערן וואָס איך פאַרמאָג יאָ, וועל איך פאַרצייכענען אַ פּאָר פון די נעמען און אַר־טיקלען, כדי צו געבן אַ באַגריף פון די ליטעראַטור־ און לעבנס־פראַגן, וואָס האָבן דעמאָלט באַשעפטיקט אונדזערע מוחות און אונדזערע הערצער. די מיינסטע פון די שרייבער זענען געווען יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיך אָקאָרשט נאָר וואָס אויסגעלערנט צו שרייבן העברעאיש פון ספר־הלימוד.

אין ערשטן נומער געפינט זיך אַ קול קורא פון דער רעדאַקציע צו די לייענער, וואָס איז מער אַן אַרויספאָדערונג ווי אַ פּראָגראַם.

צווישן די היימישע שרייבער־סטודענטן זענען געווען דער שוין דער־מאָנטער קאָפּל שוואַרץ מיט אַרטיקלען וועגן פּרץ בן משה סמאָלענסקין, נ. מ. געלבער, מיט אַ ריי אַרטיקלען וועגן יצחק בער לעווינזאָן, — „די געשיכטע פון דער לעמבערגער קהילה״, „דער יידישער געלט־האַנדל אין דייטשלאַנד״ און אַנדערע; מ. פּייערמאַן האָט געשריבן וועגן „לעאָפּאָלד צונץ״; ש. שוויג וועגן „די ביאָגראַפיע פון מענדעלע מוכר ספרים״; בן־ימים וועגן דער „יידן־פּראַגע אין פּוילן״; י. גריבל „מחשבות און מעשים פון רבי קרוב״; חיים טאַרטאַקאָווער — „חג הפסח״; מ. א. ווייסטויב — „די הייליקייט פון שבת״; צבי שאַרפשטיין — „פון דער פינצטערניש״, און דער „יום העברי״; א. הערצלאָוויץ „דער טאַנץ פון די אַלטע״; און אַנדערע סקיצן, אַרטיקלען, קריטיק און כראָניק.

פון די דיכטער איז אשר באַראַש געווען איינער פון די יונגע פּאָעטן, וואָס האָבן געדרוקט זייערע בכורים אין „סנונית״. ג. שופמאַן האָט געדרוקט אַ פּאָר פון זיינע דערציילונגען און קריטישע אַרטיקלען. אויסער דעם זענען געווען געדרוקט אַרטיקלען פון אַנדערע שרייבער אונטער פאַרשידענע פּען־נעמען, וועלכע עס איז מיר שוין היינט שווער צו אידענ־טיפיצירן.

איין עפּיזאָד פון מיין לעצטן באַזוך אין ישראל, ווו איך האָב, פאַר־שטייט זיך, געינישטערט צו געפינען אַ קאָמפּלעט פון „סנונית״, איז דאָ ווערט צו דערמאָנען. איך בין ווי אַ יעדער, וואָס וויל עפּעס וויסן, וואָס האָט אַ שייכות צו גאַליציע, געגאַנגען צום מקור, און באַזוכט דעם באַ־

רימטן און ליבן שרייבער דב שטאָק, וועלכער איז נישט נאָר אַ לעבעדי־קע ענציקלאָפּעדיע פון פאָרשונג און וויסן, נאָר אויך דאָס, וואָס סאָקאָלאָוו פלעגט רופן מיטן נאָמען „קאָזער״, (אַ גוטער שמועסער). איך האָב אים געבראַכט צו וויזן די פּאָר העפטן, וואָס איך האָב מיט זיך מיטגענומען און אים געפרעגט, ווו איך וואָלט געקאָנט קריגן אַ פולן קאָמפּלעט פון „סנו־נית״. ווי עס איז זיין מנהג, האָט שטאָק גענומען בלעטערן אין די העפטן און באַלד איז ער אויפגעשפּרונגען מיט באַגייסטערונג.

— אָט — זאָגט ער, — איז אין אייער „סנונית״ דאָ אַ פאַרלוירנ־געגאַנגענער שיר פון דיכטער שמעונוביץ, וועלכן מיר האָבן אומעטום געזוכט, כדי אים אַריינצונעמען אין דער נייער אויסגאַבע פון זיינע לי־דער. יגענו ולא מצאנו — און איצט קומט איר אַזש פון אַמעריקע און ברענגט אונדז אַזאַ מתנה...

הכלל, דער שיר הייסט „מזרח״ און דב שטאָק האָט זיך אַנידערגעזעצט און קאָפּירט דעם שיר מיט דער האַנט, כדי צו ברענגען אַ מתנה דעם קראַנקן דיכטער שמעונוביץ.

מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן ביים „סנונית״ אַ ביסל לענגער, מחמת אפילו לויט דער היינטיקער אָפּשאַצונג שטעלט מיט זיך פאָר אָט־אָ־דער מאָנאַטלעכער זשורנאַל, ווי אויך די דערגרייכונגען פון די „צעירי ציון״ בכלל, אַ שטיק קולטור־געשיכטע פון גאַליציע, וואָסביידע האָבן געהאַט אַ וויכטיקן באַדייט פאַרן יידישן שאַפן אין דעם לאַנד און בפרט פאַר דער העברעאישער קולטור. ווייל אין קעגנזאַץ צו דער השכלה, איז די עפּאָכע פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס אין גאַליציע געווען אָרעם אין העברעאישע פובליציסטישע אָדער אפילו וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן. ווי י. ח. ברענער דאָס באַמערקט אין יאָר 1908 אין זיין איבערבליק אין Wschód, איז אין גאַליציע דערשינען דער „הירדן״, אַרויסגעגעבן פון די שריפט־שטעלער ד״ר אליעזר רוקח, יצחק פערנהאָף און א. לעבענסאַרט — אַ סך־הכל 4 גליונות — און דער „העת״ פון גרשום באַדער, — אַרום 20 נו־מערן. געזען אין דעם ליכט, איז „סנונית״ טאַקע געווען אַ שוועלבעלע, וואָס איז געקומען צו פליען אין אַ ווינטערדיקער קעלט, איידער דער שניי האָט אויפגעטייעט — אַ פרווו פון אַן עקשנותדיקער יוגנט צו באַשאַפן אַן אָרגאַן פאַר יונגע גאַליצישע לייענער און שרייבער, און אַ נעסט פאַר יונגע ליטעראַרישע עופהלעך, וואָס ערשט נאָר וואָס האָבן זיי אָנגעהויבן פליען אויף זייערע צאַרטע פליגלעך. און ווען איך לייען די אַרטיקלען פון

אַ דיסטאַנץ פון 38 יאָר, ווייזט זיך מיר אויס, אַז דער פונדאַמענט איז נישט געווען צו ווייט פון דאַך. און זאָל מיר דער לעזער מוחל זיין פאַר מיין באַרימען זיך מיט מיין ווערק.

אגב ווילן מיר אַ ביסל דערגאנצן ברענערס מאָגערע אָפּשאַצונג פון דער העברעאישער פובליציסטיק אין גאַליציע. עס זענען געווען מער פּרוון צו שאַפן אַ העברעאישע זשורנאַליסטיק. עס איז כדאי בלויז צו דערמאָנען דעם „השמש“, דעם „השרון“ און דעם שוין דערמאָנטן „העת“ פון באָדער אין לעמבערג; דעם „המצפה“ אין קראָקע; דעם „נגה הירח“ אין טאַרנאָפּאָל מיט בעריש גאָלדענבערג אַלס רעדאַקטאָר; דעם „השחר“, רעדאַקטירט פון משה וויזענפעלד און שפּעטער באַנייט דורך ירמיהו פרענקל; וואָכנבלאַט „העברי“ („עברי אנכי“), אַרויסגעגעבן אין בראָד פון ברוך ווערבער און זיינע נאָכפאָלגער, פון יאָר 1865 ביז 1890; דעם זאַמלבוך „אוצר הספרות“, אַרויסגעגעבן דורך ש. א. גראָבער אין קראָקע; די צייטונג „היה־דות“, אַרויסגעגעבן דורך ראובן אשר ברוידעס אין 1887; און דעם „הזמן“ אין 1891; אַ פּאָר נומערן פון אַ ביבליאָגראַפישער מאָנאַטשריפט „ירושלים“ אין קראָקע; און אפילו אַ העברעאישע טאָג־צייטונג „היום“, אַרויסגעגעבן דורך יונה קרעפּעל און משה קליינמאַן, וואָס איז דערשינען נישט מער ווי 3 חדשים. שוין אין די זיבעציקער יאָרן איז געדרוקט געוואָרן אין לעמבערג דער „הבוקר אור“, רעדאקטירט פון דעם משכיל און דיכטער אברהם בער גאָטלאָבער אין דובנע, אויך מיט דער הילף פון ברוידעס אין לעמבערג. די מיינסטע פון די פּרוון זענען געווען נישט מער ווי עפּעמערע עפּיזאָדן — פּלאַנצן אָן וואָרצלען און אָן אַ געזונטן פונדאַמענט. זייער צייט איז געווען אַ באַשרענקטע, די העברעאישע יצירה האָט געהאַט אַ צו קורצן נאָפּל, אַז זי זאָל זיך קאָנען פאַרבינדן מיט דער לעבעדיקער יניקה פון פאָלקס־לעבן*).

---

*) פונדעסטוועגן דאַרף דער גאַליצישער צושטייער נישט מינימיזירט ווערן. אין א רשימה פון וויליאַם פּאָפּער אין דער „דזשואיש ענציקלאָפּעדיא“, באַנד XI, ווערט די צאָל פון דער פּעריאָדישער פּרעסע — די יאָרביכער נישט אַריינגע־רעכנט — געשאַצט אויף 55, ביז צום יאָר 1904. בלויז אין אָט דעם יאָר זענען דערשינען אַרום 10 העברעאישע און 4 יידישע צייטשריפטן. די פולע צאָל פון דער יידישער פּעריאָדישער פּרעסע ביז 1904 איז געווען 18. אין איינעם מיט די פּוי־לישע (4), דייטשע (7) און צוויי דייטש־העברעאישע, אַזוי אַרום זענען ביז צום יאָר 1904 דערשינען א סך־הכל פון 87 צייטונגען.

צווישן די העברעאישע צייטשריפטן און מאספים, וואָס ווערן אָבער גאָרנישט דערמאָנט אין טעקסט פונעם איצטיקן בוך, זענען, אָנהייבנדיק פון יאָר 1870,

מיר האָבן ביז איצט באַשעפטיקט זיך מער מיט דער העברעאישער פרעסע, מיט דעם העברעאישן חנוך און מיט דער „העברעאישער״ יוגנט. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזוי אַרום געקוקט, וואָלט דאָס בילד געווען איינזייטיק, אָן אַן אמתער פערספעקטיוו, ווייל מ׳קאָן נישט רעדן וועגן דער נייער יוגנט אָן אַן אָפּשאַצונג פון דער יידיש־רעדנדיקער און יידיש־שרייבנדיקער יוגנט. מ׳קאָן היינט נישט שרייבן וועגן אַ קולטור־באַוועגונג אין גאַליציע אָן אַן אימבער, אַ כמעלניצקי, אַ שפּיצער, אַ מעסטעל, אַ קליינמאַן, אַ ראַוויטש, אַ גרינבערג און פיל פיל אַנדערע, וואָס האָבן אויפגעהויבן און געהאַלטן הויך די פאָן פון דעם רענעסאַנס פון דער יידישער שפּראַך און פון איר שאַפונג.

XII

יידישע אַקאַדעמיקער

א. די פאַראיינען

אין יאָר 1910 בין איך שוין געווען צוויי יאָר אַן אַקאַדעמיקער, האָב שוין געהאַט אַבסאָלווירט צוויי יאָר מעדיצין אין ווין און בין צוריקגעקו־

געווען נאָך די פאָלגנדיקע צייטשריפטן (דער נאָמען פון רעדאקטאָר איז איינגעשלאָסן אין קלאַמערן): דער שוין דערמאָנטער יאָרבוך „החלוץ״ איז דערשינען אין בראָד אונטער דער רעדאַקציע פון יהושע העשל שאָר, ביזן יאָר 1889; „קול־העת״, לעמבערג 1870 (משה שולבוים); די מאָנאַטשריפט „הכרם״, לעמבערג 1870 (מיכל וואָלף); „הקהלת״ פרעמישל 1812; די וואָכנשריפט „התור״, קאָלאָמיי 1877—1880 (אברהם גינצלער) דאָס צוויי־וואָכנבלאט „קול התור״, קראָקע 1878 (יעקל בער); אַ צוויי־וואָכנבלאַט „הצופה״, לעמבערג 1878 (אבוש אייזנער); די צוויי־וואָכנשריט „השמש״, קאָלאָמיי 1888 (הירש לייב גאָטליב, שפּעטער אלס וואָכנשריפט מיט גרשום באַדער); „שם ויפת״, לעמבערג 1888, דייטש, פראַנצויזיש און העברעאיש (ישראל באל); „המגיד לישראל״ ווי אַ ביילאַגע צום „המגיד״, קראָקע 1893, (יעקב ש. פוקס) — דער „המגיד״, וואָס איז דערשינען פריער אין ליק, בערלין, איז זינט 1892 דערשינען אין קראָקע; די צוויי־מאָנאַטשריפט „קרית ספר״, קראָקע 1903 (ב. צ. שיינפינקל); „שלוח שעשע״, קראָקע 1892 (יעקב ש. פוקס); דער חודש־זשורנאַל „השחר החדש״, קראָקע 1893 (משה א. אָרענשטיין); „אהבת ציון״ אַ חודש־זשורנאַל, קראָקע 1894, דייטש און העברעאיש (זכריה שפּיראָ) — און אַלס ביילאַגע צום „המגיד״ און שפּעטער צום „העברי״ איע 1899; „אהל מועד״ — פערטליאָר־שריפט — קראָקע 1901 (בן אביגדור און ש. ל. גורדון) — ווי א ביילאַגע די מאָנאַטשריפט הפדגוג (ש. ל. גורדון); „קרית ספר״, קראָקע 1903 (שיינפינקל); און עטלעכע מיט איין אָדער צוויי נומערן, וועלכע זענען באַלד אונטערגעגאַנגען. אנדערע ווי דער חודש־זשורנאל „האור״, די צוויי־וואָכנשריפט „העם״ און די זאמל־שריפט „הצופה לבית ישראל״ גייען אַריין אין שפּעטערדיקן טעקסט.

מען קיין לעמבערג פאַר די איבעריקע דריי יאָר קלינישע סטודיען. אין לעמבערג האָט דאָס אַקאַדעמישע לעבן אָפּגעשפּיגלט די צוויי נייע וועלטן, די השפעה פון מערבדיקן סטודענטן־לעבן, און פון די לאָקאַלע טענדענצן פון נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט. פון די מערבדיקע אוניווערזיטעטן האָבן די גאַליצישע „בורשענשאַפטן" איבערגענומען די שווערד און די דראָטענע הענטשקעס צום פעכטן, דעם ערן־קאָדעקס פון די דייטשע „בורשענשאַפטן" און דעם בלוטיקן דועל. אפשר איז דאָס געווען נוצלעך נאָכצוקרימען די גוים און זיי שלאָגן מיט זייער אייגענעם וואָפן, אָבער ווען איך דערמאָן זיך אין די צערעמאָניעס מיט די פענער, די פלאַטשיקע קאַשקעטלעך און די ספּאָרטאָווע רקידות מיט די שווערדן, ווייזט זיך מיר דאָס היינט אויס נישט ווייניקער קאָמיש ווי אַמאָל.

די איבערגעטריבענע עמפּינדלעכקייט בנוגע ערן־פראַגן, וואָס איז דערגאַנגען ביז צו אַן אַבסורד, און פון וועלכע מ'האָט זיך געקאָנט אויס־קויפן נישט פאַר ווייניקער ווי מיט אַ ריטש אויף דער נאָז, אָדער אַ שפּאַלט אין דער באַק — אַ טיפּיש דייטשע פילאָזאָפיע פון ערע — לייגט זיך עפּעס נישט אויפן שכל. עס איז נישטאָ אַזאַ באַליידיקונג, וואָס מ'זאָל נישט קאָנען פאַרגלעטן מיט אַ פּאָר פּעטש. אָבער דאָס אַרומטראָגן זיך מיט „ערע", ווי מיט אַ גלאָז וואַסער, די מורא, טאָמער חלילה וועט אַ טראָפּן אָפּרינען, איז דאַכט זיך נישט נאָר ברוטאַל דייטשמעריש, נאָר ריין מענטש־לעך אידיאָטיש. פונדעסטוועגן איז עפּעס יאָ געווען אין דעם פּורים־שפּיל פונעם דועלירן, וואָס האָט געהאַט אַ געוויסע באַרעכטיקונג.

ערשטנס, טאַקע וועגן דעם המן אַליין. מ'האָט געוואָלט אויסלערנען די אַנטיסעמיטישע הינט, אַז זיי טאָרן נישט בילן אויף יידן. אמת, די אַנטיסעמיטישע סטודענטן זענען אויך נישט געווען קיין נאַראָנים און כדי זיך צו שיצן פון יידישער אַגרעסיע האָבן זיי דערקלערט, אַז יידן זענען נישט „סאַטיספאַקציע־פעאיק", לויטן כשרן גערמאַנישן ערן־געזעץ. נו, איז אויב נישט „סאַטיספאַקציע־פעאיק" מיט אַ שווערד, האָט מען זיך גענומען שלאָגן פשוט מיט די פויסטן. ערגער איז געווען, ווען יידן צווישן זיך האָבן זיך אָנגעהויבן צו דועלירן פאַרן אָנרירן איינער דעם צווייטנס כבוד.

פונדעסטוועגן האָבן די אַקאַדעמישע פאַראיינען אויך געהאַט אַ סך גוטס אין זיך. ערשטנס, ווייל זיי האָבן צוגעצויגן די יוגנט, איינשליסלעך די האַלב־אַסימילירטע, וואָס וואָלטן אפשר בלי זה אַריינגעכאַפּט געוואָרן

אין דער אַסימילאַטאָרישער מחנה. — דרך אגב האָבן אויך די אַסימילאַנטן געהאַט זייערע אייגענע אַקאַדעמישע פאַראייגען, וואָס איינער פון זיי איז געווען דער Zjednoczenie פאַראיין. דערביי דאַרף מען באַמערקן, אַז דווקא די איינשווערונג־צערעמאָניע, די גוט־ברודערשאַפט שכרות און די פרעזענטאַציע פון די פאַראיינס־פענער האָבן, פונקט ווי ביי די מאַסאָנען, אויך ביי דער יוגנט שטאַרק אויסגענומען מיט זייער התבודדות, אפילו דעמאָלט ווען דער gaudeamus igitur האָט זיך נישט שטאַרק גע־גראַמט מיט יידישע זמירות. איבעריקנס וואָלט עס געווען אַ פעלער נישט צו געבן אָנערקענונג אויך צו דער קולטורעלער טעטיקייט פון די אַקאַדעמישע פאַראיינען און זייער ביישטייער צום נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, כאָטש קיין גרויסע תנאים זענען, אמת, פון זייערע ישיבות נישט אויס־געוואַקסן.

איינער פון די עלטסטע און אויך די שטאַרקסטע אַקאַדעמישע פאַר־אייניקונגען אין גאַליציע איז געווען די „אמונה“ אין לעמבערג. דאָרט האָט זיך קאָנצענטרירט די רייכע אַקאַדעמישע יוגנט מיט אַ שפּרענ־קעלע פון „זשענעס ד׳אָר“ (די גאָלדענע יוגנט). דאָרט האָט מען אויך גע־קאָנט טרעפן די אמתע דועליסטן מיט דייטשע קאַרבן (צייכנס פון פאַר־היילטע וואונדן) אויף די פנימער. אָבער צווישן זיי זענען אויך געווען פע־איקע מענטשן מיט גוטע מוחות, פון וועלכע עס זענען אויסגעוואַקסן אמתע פירער פון פאָלק, און אַ סך האָבן באַוויזן זייער העלדישקייט אונטער דער נאַצי־אָקופּאַציע. אָבער ווער האָט עס דעמאָלט געחלומט פון אַזאַ שרעקלעכן סוף?

צווישן אַלע פאַראיינען, איז די „אמונה“ אויך געווען די רירעוודיקסטע פון אַלע. איך געדענק אַ פאָרלעזונג פון נחום סאָקאָלאָוו, וואָס ער האָט געהאַלטן אין לעמבערג, דעם 21 פעברואַר 1912. ער איז געווען דער גאַסט פון דער „אמונה“. דער זאַל איז געווען געפּאַקט און די טעמע איז געווען „אונדזער קולטור־צוקונפט“. ווי תמיד האָט סאָקאָלאָוו גערעדט מיט חכמה, מיט מבינות און האָט אַלעמען באַצויבערט מיט דעם כשוף פון זיין וואָרט און הומאָר.

פערזענלעך האָב איך מיט סאָקאָלאָוון אַ סך פאַרבראַכט אין פּאַריז בשעת דער פרידנס־קאָנפערענץ אין יאָר 1919. איינמאָל, זיצנדיק אין האָטעל „מאָריס“, ווו ער איז איינגעשטאַנען, האָב איך אים געוויזן אַ טראָ־פּיי — אַ לאָך אין קאָפּ, וועלכן איך האָב מיר כשר פאַרדינט בשעת זיין

באַזוך אין גאַליציע אין יאָר 1913. די פּאַליאַקן האָבן דעמאָלט געהאַט גרויסע טענות צו סאָקאָלאָוון. די טענות זענען איצט נישט וויכטיק, אָבער וויכטיק איז, וואָס די פּוילישע סטודענטן האָבן געמאַכט אַ גרויסע דעמאָנ־סטראַציע נעבן זיין האָטעל, און האָבן פאַרלאַנגט, אַז דער „ליטוואַק" דער „זדרייצאַ" (פאַררעטער) זאָל פאַרלאָזן פּוילן (גאַליציע). האָבן מיר, יידישע „סטודענטן געמאַכט אַ קעגן־דעמאָנסטראַציע, און איך האָב מיך געפונען אין פראָנט, אויפגעהויבן אין דער הויך אויף די הענט און אַקסלען פון מיינע חברים. איך האָב אָנגעהויבן צו האַלטן אַ רעדע און געוואָלט איבער־שרייען די פּוילישע קאָליגאַנעס, אָבער באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ גע־שלעג און אַ פּוילישע פּאַלקע האָט מיר אַ זעץ געטון אין קאָפּ, אַז דאָס בלוט האָט מיר פאַרגאָסן די אויגן. איך האָב נישט געזען אפילו ווי אַ פּאָליציאַנט האָט מיך אויפגעהויבן און געשלעפּט אין פּאָליציי־קאָמיסאַ־ריאָט. די גאַנצע זאַך האָט זיך שפּעטער אַריבערגעטראָגן אין געריכט, ווו אַ דאַנק ד״ר רייכס פאַרטיידיקונג, בין איך אָפּגעקומען בלויז מיט אַ שטראָף פון 25 קראָנען. צוליב דער מלחמה האָב איך די שטראָף קיין מאָל נישט באַצאָלט, אָבער דער צייכן אויף מיין שאַרבן איז נאָך אַלץ דאָ.

אויסער דער „אמונה" זענען נאָך געווען אַנדערע פאַראיינען ווי די „האַסמאָנעאַ" („החשמונאים"), די „מכבים" און די „יודעא". אַ יעדע פון זיי האָט געשפּילט איר ראָלע אין יידישן אַקאַדעמישן לעבן פון לעמבערג. די לעצטע צוויי האָבן אַרומגענומען דעם מער פאָלקסטימלעכן עלעמענט און אויך פיל פון די חניכים פון די „צעירי ציון"־יוגנט־אָרגאַניזאַציעס זענען דאָרט געווען פאַרטראָטן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז מיר, די קערנדיקע „צעירי ציוניקעס" און פאַרברענטע העברעאיסטן זענען נישט געווען איינגאַנצן צופרידן מיט די עקזיסטירנדיקע פאַראיינען און באַלד נאָך מיין צוריקקומען פון ווין, האָבן מיר אָרגאַניזירט אַן אייגענע אַקאַדעמישע פאַרבינדונג מיטן נאָמען „הע־תיד", ווו העברעאיש איז געווען די אָפיציעלע אומגאַנג־שפּראַך און קול־טורעלע אויסבילדונג איז געשטאַנען אין אויבנאָן פון פּראָגראַם. אפילו די אַמטן פון די „סעניאָרעס" און ווי נאָך זיי האָבן געהייסן אין אַנדערע פאַר־איינען, האָבן ביי אונדז באַקומען שפּאָגל־נייע העברעאישע נעמען. איך בין געווײלט געוואָרן ווי אַ „נשיא", בנימין מילבויער „סוכן", יעקב רייזער איז געוואָרן „מזכיר", און ליפּע שומער „גזבר", און אַלע איבעריקע מיטגלי־דער פון דעם ועד זענען געשטעלט געוואָרן אויף געזונטע לשון־קודש פיס.

דער „העתיד" האָט עקזיסטירט ביז צום אויסברוך פון דער מלחמה, און גע־נומען אַן אינטענסיוון אָנטייל אין דעם סטודענטן־ און פּאַרטיי־לעבן פון גאַ־ליציע. מיר האָבן אפילו געלערנט ווי אַזוי צו „דועלירן" אויף העברעאיש, אָבער מיר זענען, ווייזט אויס, געבליבן „יידישע גזלנים", ווייל קיינער פון אונדז האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין דועל, כאָטש פּעטש האָבן מיר יאָ געגעבן כשרע „העברעאישע" און צוריק געכאַפּט טריפענע גויאישע קלעפּ.

אַלס אַן אַקאַדעמישער פאַרבאַנד האָבן מיר אָפט אָנטייל גענומען אין די זיצונגען פון דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. פאַרשטייט זיך, אַז מיר זענען געווען צווישן די אומצופרידענע און די אָנגעבלאָזענע, און מיר זענען תמיד געווען גרייט צו קריטיקירן די ציוניס־טישע „גויים". מיר האָבן תמיד געהאַט טענות צו די אַסימילירטע ציו־ניסטן פאַרוואָס זיי האָבן נישט געקענט נישט קיין העברעאיש און נישט קיין יידיש. אָבער מיר האָבן אויך געמאַכט אויסנאַמען. אַ גרויסן רעספּעקט האָבן מיר געהאַט פאַר אַדאָלף שטאַנד, וואָס איז געווען אַ גרויסער רעדנער און אַ טיפער קולטור־מענטש. מיר האָבן אים מוחל געווען, וואָס ער האָט נישט געקענט קיין העברעאיש און גאָר קנאַפּ יידיש צוליב זיין שיינעם פּויליש. ער איז געווען אַ מייסטער פון דער פּוילישער שפּראַך.

מיר האָבן געפילט אַ יראת הכבוד פאַר שלמה שילערס פילאָזאָפישע בילדונג און ערנסטקייט, און אויך פאַר אברהם קאָרקיס, וואָס איז דעמאָלט געווען דער סעקרעטאַר פון דער האַנדלס־קאַמער און האָט אויף אונדזערע זיצונגען אַרויסגעוויזן אַ סך איידלקייט און אַ געזונטן חוש פאַר דער ווירק־לעכקייט. גרשון ציפּער האָבן מיר תמיד געשעצט פאַר זיין ווייטן פּאָליטישן בליק און פאַר זיין וואַרעם יידיש האַרץ.

פאַרשטייט זיך, עס זענען געווען אַנדערע, נישט אַזוינע סימפּאַטישע, אויף וועלכע מיר האָבן געקוקט מיט ביטול, און וועגן די שרייב איך נישט. נאָר איינעם נאָך וויל איך דערמאָנען, און דאָס איז אַ ייד מיטן נאָמען דוקער, אַ סוחר, וואָס האָט געקענט סיי העברעאיש און סיי יידיש, אָבער דערפאַר שוין גאָרנישט פּויליש. ער איז געווען אַ גוטער, האַרציקער ציוניסט, אָבער זיין יידישע הברה איז געווען אַ ליטווישע און ער אַליין איז געווען אַ ליטוואַק מיט אַלע פּיטשעווקעס. זיין לשון („לאָסן") האָט געקיצלט אונדזערע אויערן. ער פלעגט זיך זייער שעמען און האָט אפילו געפּרווט רעדן דעם גאַליציאַנער יידיש, אָבער אָט גיי און מאַך פון אַ ליטוואַק אַ גאַ־ליציאַנער! איך פלעג ביי מיר אַליין טראַכטן: נעבעך אין גלות ביי די

גאַליציאַנער! היינט, ווען איך אַליין פּראַווע גלות ביי די ליטוואַקעס, וואָס לאַכן פון מיין ברייטער צירה און שפּאַטן אָפּ פון גאַליציאַנישע חולמות און שורקים, טו איך אַ טראַכט ביי זיך אַליין: אוי, ווי גאָט איז גערעכט! אפּנים אויף אַלעמען קומט אַ צייט! איצט איז מיין צייט געקומען צו טון תשובה פאַר דוקערס אַפּקומעניש ביי די גאַליציאַנער...

דער „העתיד״ האָט אויך זיך באַטייליקט אין די אַקאַדעמישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס, ווי די „אָגניסקאָ״ און דער „ריגאָריזאַנטן־פאַראיין״, וואָס האָבן געהאָלפן אָרעמע סטודענטן מיט אַלערליי שטיצע, מיט געלט און הלוואות. איינער פון די פרעזידענטן פון דעם „ריגאָריזאַנטן־פאַראיין״ איז געווען ד״ר עמיל זאַמערשטיין. ד״ר זאַמערשטיין, דער פירער פון פוילישן יידנטום, וואָס געפינט זיך איצט אַ קראַנקער אין אַמעריקע, האָט שוין אין זיינע אַקאַדעמישע יאָרן באַוויזן אַ גרויסן אָרגאַניזאַציאָנעלן טאַלענט און אַ גרויס האַרץ. ער איז געווען דער פאָטער, דער איניציאַטאָר און דער בויער פון יידישן אַקאַדעמישן הויז אויף דער שוויענטאַ אַננאַ גאַס, וואָס האָט געגעבן דירות פאַר נישט פאַרמעגלעכע יידישע סטודענטן. דאָרט האָבן זיי אויך באַקומען ביליקע מאָלצייטן און אויך אַ שיינע יידישע סביבה, מיט אַ ביבליאָטעק, אַ פאַרזאַמלונג־זאַל און חדרים פאַר גימנאַסטיק און פאַר גנזעלשאַפטלעכע אונטערהאַלטונגען. איך אַליין האָב דאָרט אויך געוווינט איבער אַ יאָר צייט. איך געדענק ווי ביי דער דערעפענונג פון דעם „הויז״, אָדער ביי אַ שפּעטערדיקן דין־וחשבון האָט אַ קריטיקער — און ווי גייט עס עפּעס ביי אונדז יידן אָן קריטיק — שטאַרק אַטאַקירט ד״ר זאַמער־שטיינען דערפאַר, וואָס ער האָט עפּעס יאָ געטון, אָדער נישט געטון. דערויף האָט אים זאַמערשטיין קאַלטבלוטיק געענטפערט: „פּאַניע קאָלעגאָ! עס זענען דאָ צווייערליי מענטשן, אַזעלכע, וואָס בויען הייזער, און אַזעל־כע , וואָס קריטיקירן״ און דער קריטיקער איז באַלד פאַרשטומט געוואָרן. זאַמערשטיין האָט מיר שטאַרק אימפּאָנירט מיט דעם ענטפער און היינט, ווען מיר קוקן צוריק אויף דעם אָפּשניט פון ד״ר זאַמערשטיינס כמעט 50 יאָר אַרבעט, וואָס איז געווען אַזוי אינטענסיוו און פּרוכטבאַר, דאַכט זיך מיר, אַז דער ענטפער, וואָס ער האָט געגעבן, כאַראַקטעריזירט זיין גאַנצע גרויסע טעטיקייט לטובת דעם יידישן פאָלק עד היום.

ב. דער „קולטור־קאַמף"

איך מוז בעטן מחילה! — דאָס איז נישט קיין אויטאָביאָגראַפיע. איך האָב אַ נדר געטון קיין מאָל נישט צו שרייבן קיין אויטאָביאָגראַפיע. ווייל, ערשטנס, אויב עס וועט זיין עפּעס וואָס צו שרייבן וועגן מיר, זענען דאָ ב"ה גענוג שרייבער, אי גוטע, אי מיטלמעסיקע, וואָס קאָנען עס טון, און צווייטנס, האַלט איך, אַז אויטאָביאָגראַפיעס זענען נישט אויפריכטיק און נישט בטעם. כאָטש טיף אין האַרצן טוט מיר טאַקע באַנג, וואָס איך האָב נישט געהאַט דעם היסטאָרישן חוש ווייניקסטנס צו באַהאַלטן די דאָקומענטן און פּרעסע־אויסשניטן, וואָס וואָלטן היינט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַן אומשאַצבאַרן מאַטעריאַל.

אָבער פונדעסטוועגן פיל איך, אַז שרייבנדיק וועגן יאָרן, וואָס זענען פאַרלאָפן, און וועגן אַ פאָלק, פון וועלכן עס איז כמעט נישט געבליבן קיין שריד ופליט, און איבער אַ לאַנד, וואָס איז שוין מער נישטאָ, ווילט זיך עס אַ ביסל לעבעדיקער מאַכן די סביבה, און אַ קוק טון אויף די אַלע געשע־ענישן נישט נאָר דורך די אַלטע אָפּגעריבענע מצבות פון זכרון, נאָר דורך דער הייסער לעבעדיקייט פון פּערזענלעכע איבערלעבענישן. די פּערזענ־לעכע עפּיזאָדן זענען מער נישט ווי אילוסטראַציעס, בילדער געזען דורכן שפּאַקטיוו פון דער צייט, אָדער וואָס איז פון זיי איבערגעבליבן אין מיינע געפילן און רעפלעקסיעס. און טאַקע דערפאַר דאַרף מען מאַכן קאָרעקטורן פון פּערספּעקטיוו און באַטאָנונג.

אָט, למשל, וואָלט מען געקאָנט מיינען פון מיין אָפּשטעלן זיך אויף מיין אייגענע העברעאישע אַקטיוויטעטן, אַז יידיש איז גאָר אינגאַנצן פאַר־נאַכלעסיקט געוואָרן. דאָס איז אַ טעות. יידיש איז שטענדיק געווען אַ לע־בעדיקע שפּראַך, די איינציקע אמתע פאָלקס־שפּראַך אין גאַליציע. און ווייל די אינטעליגענץ האָט גערעדט פּויליש, און געקוקט אויף יידיש ווי אויף אַ שפחה, האָט יידיש פאַוואָליע אָנגעהויבן צו דעראָבערן זיין פּלאַץ פונקט אַזוי אין דער ליטעראַטור, ווי ער איז געווען אין לעבן. אויב עס איז גע־ווען עפּעס וואָס האָט אויסגעזען ווי זלזול פון יידיש, איז עס געווען מער צוליב מורא איידער עפּעס אַ פאַראַכטונג — אַ מין קנאה פון די, „וואָס האָבן נישט" אַנטקעגן די, „וואָס האָבן יאָ". העברעאיש איז געווען מער געגליכן צו אַן אָרעמען „יורד", דעם עושר פון אַמאָל, וואָס דאַרף זיך

אויסבעטן בײַ דער שפּחה מעות חטין אויף פּסח. אַנדערש איז עס געווען בײַ די ציוניסטישע אַסימילאַטאָרן, וואָס האָבן ליב געהאַט „לשון קודש", ווײַל זיי האָבן העברעאיש גאָר אינגאַנצן נישט געקענט, און האָבן פֿײַנט געהאַט דאָס יידישע וואָרט, ווײַל זיי האָבן עס נישט געקאָנט פֿאַרגעסן. „אַריסטאָקראַטן" האָבן בטבע פֿײַנט, אַז מ׳זאָל זיי דערמאָנען זייערע „פּלע־בייאישע" קינדער־יאָרן.

דערפֿאַר אָבער איז בײַ דער יוגנט, וואָס האָט באמת געלערנט העב־רעאיש און געקענט די העברעאישע קולטור, דווקא יאָ געווען אַ פּחד פֿאַר דער יידישער קאָנקורענץ, און נישט סתם אַ שנאה, און שוין גאָרנישט קיין זלזול. דאַרף איך ברענגען ראיות?

די יוגנט האָט געלעזן פּונקט אַזוי פֿיל יידישע ביכער, ווי העברעאישע און ווען עס פֿלעגן קומען צו פֿאָרן יידישע שרײַבער פֿון אויסלאַנד, פֿלעגן די יונגע גימנאַזיסטן אָנפֿילן די זאַלן און ממש אײַנשלינגען יעדעס וואָרט, וואָס פֿלעגט קומען פֿון זייערע ליפּן. און דווקא אין לעמבערג פֿלעגן זיך אָפּט אָפּשטעלן יידישע שרײַבער. איך געדענק, ווען אין יאָר 1906 איז געקומען קיין לעמבערג שלום עליכם. ער האָט פֿאַרלאָזן רוסלאַנד און דער אומעט איז אים ממש געלעגן אויפֿן פּנים. אָבער ווען ער האָט געזען דעם גרויסן עולם, וואָס איז געקומען אים מקבל פּנים זײַן, האָט ער פֿאַרגעסן אַלע זײַנע פּערזענלעכע נסיונות און איז ווידער געוואָרן דער פֿאָלקסטימלעכער, שמייכלענדיקער שלום עליכם, וועלכן מיר האָבן געקענט פֿון זײַן בילד און ליטעראַטור.

אין אָוונט, דעם 15 יאַנואַר 1906 האָט ער אין אַ פֿול־געפּאַקטן ייד־חרוצים זאַל פֿאָרגעלעזן זײַנע ווערק. דער ענטוזיאַזם פֿון עולם איז גע־שטיגן פֿון מינוט צו מינוט. אַזאַ יידיש, אַזאַ אמתדיקן, זאַפֿטיקן „שלום עליכם יידיש", האָבן מיר נאָך קיין מאָל פֿריער נישט געהערט, און מ׳האָט נישט געדאַרפֿט זײַן קיין יידישיסט, כדי צו פֿאַרשטיין דעם ליטעראַרישן כּוח פֿון זײַן שפּראַך.

אין יאַנואַר 1908 האָט אברהם רייזען אין דעם זעלבן זאַל געלעזן זײַנע לידער און מ׳האָט אים שטאַרק אָפּלאָדירט. אָבער דעם גרעסטן קבלת פּנים האָט געהאַט י. ל. פּרץ, וועלכן עס האָט אײַנגעלאַדן דער „פּועלי ציון" פֿאַראיין אינאיינעם מיט דעם אַקאַדעמישן פֿאַרבאַנד „אמונה". יצחק לייבוש פּרץ איז אָנגעקומען מיט זײַן פֿרוי קיין לעמבערג דעם 30סטן אויגוסט 1907, און אויף דעם וואָקזאַל האָט אים דערוואַרט אַן עולם פֿון טויזנטער

מענטשן. אַזאַ עולם האָט מען נאָר געקאָנט זען, ווען חסידים פלעגן אָפּ־וואַרטן עפּעס אַ גרויסן צדיק. איך גלויב נישט, אַז אפילו די חסידים האָבן אַרויסגעוויזן מער ליבע און יראת הכבוד צו זייערע רביים, ווי די וועלטלעכע אַקאַדעמיקער, די סטודענטן און אַרבעטער, און די פאָלקס־מאַסן בכלל האָבן אָפּגעגעבן פּרצן ביי זיין אָנקומען. דער האָטעל „בריס־טאָל״, ווו ער איז איינגעשטאַנען, איז געווען באַלאַגערט מיט מענטשן, וואָס האָבן אים געוואָלט זען און אָפּגעבן שלום. שבת צו נאַכט איז אַראַנ־זשירט געוואָרן אַן אָוונט אין דעם גרעסטן זאַל פון לעמבערג, אין „דאָם נאַראָדני״, וואָס איז געווען אָנגעפּילט איבער די ברעגעס מיט מענטשן. איך וועל נישט פּרוּוון באַשרייבן דעם גרויסן רושם, וואָס פּרץ האָט גע־מאַכט אויף אַלעמען און די שטורמישע אָוואַציע, וואָס מ׳האָט אים געמאַכט נאָכדעם, ווי ער האָט פאָרגעלעזן „די גאָלדענע קייט״ און אויסצוגן פון אַנדערע זיינע ווערק. אַ גרויסע אָוואַציע האָט אַרויסגערופן דער מאָמענט, ווען אַ דאַמע פון קאָמיטעט האָט אים דערלאַנגט אויף אַ סאַמעטענעם קישע־לע אַ זילבערנעם קראַנץ מיט דער אויפשריפט: „פאַרן יידישן שריפט־שטעלער — פּועלי ציון באַוועגונג און די ציוניסטישע יוגנט״. אַדאָלף שטאַנדס רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן ביי דער געלעגנהייט, איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער שטימונג פון דער צייט, אַז איך וויל ציטירן אַ פּאָר זאַצן פון איר: „אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך״, האָט שטאַנד גע־זאָגט, „איז העברעאיש. דער גלות־לשון איז דער זשאַרגאָן״. דערנאָך האָט ער צוגעגעבן, אַז ער באַטראַכט דעם „זשאַרגאָן״ אַלס אַן איבערגאַנג פון דעם לשון קודש פון ירמיהו, ישעיה און מימונידעס צום העברעאיש פון ביאַליק, בערדיטשעווסקי און טשערניכאָווסקי. „אָבער יעדנפאַלס״, האָט ער צוגעגעבן, „איז שוין מער נישט די צייט, אַז מ׳זאָל אַריבערגיין צו דער טאָג־אָרדענונג איבער דעם פּראָבלעם פון „זשאַרגאָן״. פאַרלייקענען דעם „זשאַרגאָן״ הייסט פאַרנאַכלעסיקן דאָס לעבן״.

אָבער דער „זשאַרגאָן״ האָט מער נישט געוואַרט אויף דער אָפיציעלער הסכמה פון די ציוניסטן. דער שפּראַכן־קאַמף האָט זיך צעפלאַקערט פון איין עק צום צווייטן. אין יאָר 1908 (פון 30סטן אויגוסט ביז דעם 3טן סעפּ־טעמבער) איז פאָרגעקומען די יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָ־וויץ, גערופן דורך ד״ר נתן בירנבוים. אויף זייער דורכרייזע קיין טשער־נאָוויץ האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין לעמבערג דער „אַלטמייסטער״ פּרץ און דער „יונגער״ שלום אַש.

דער קאָרעספּאָנדענט פון „וסכוד״, וואָס האָט באַשריבן דעם אינטער־וויו מיט זיי ביידע, האָט אָפּגעשאַצט פּרצן פאַר אַ בן־חמישים און אַשן אויף 28 יאָר. לויט דעם אינהאַלט פון דעם אינטערוויו, זאָל פּרץ האָבן געזאָגט, אַז „ער דערוואַרט נישט פיל פון דער טשערנאָוויצער קאָנפע־רענץ״.

און אַט, אין דער צייט, ווען דער קאַמף יידיש־העברעאיש איז אָנגע־גאַנגען ,און די „שפּחה״ מיט דער „באַלעבאָסטע״ האָבן זיך צעפּאַטשט, האָט זיך אָנגערוקט די עסטרייכישע פאָלקס־ציילונג. און דאָ האָט זיך באמת אַרויסגעוויזן, אַז דאָס לעבן איז שטאַרקער פון יעדער טעאָריע. ווייל דעמאָלט איז דער עולם געשטעלט געוואָרן פאַר אַ פּראַקטישער פּראַ־גע, די פּראַגע פון דער טעגלעכער שפּראַך, וואָס מ׳האָט געדאַרפט אָנגעבן ביי דער ציילונג. שרייבן פּויליש, וואָלט געהייסן דערקלערן זיך באַנקראָט לטובת דער אַסימילאַציע. שרייבן העברעאיש, וואָלט געווען אַן אומגעלומ־פּערטער ליגן, מחמת די מאַסן האָבן נישט גערעדט קיין העברעאיש, און דערפאַר האָט דאָס לעבן אַליין געצוווּנגען זיך צו אַנטשיידן פאַר יידיש. די יידישע אָרגאַניזאַציעס, מיט די ציוניסטן בראש, האָבן זיך טאַקע דער־קלערט פאַר יידיש און אָנגעהויבן אַן אַגיטאַציע צו פאַרשרייבן יידיש אַלס די אומגאַנג־שפּראַך. אין דעם פּרט האָט זיך דער גאַנצער נאַציאָנאַלער לאַגער כמעט איינשטימיק פאַראייניקט. אויסנווייניק זענען געבליבן די אַסימילאַטאָרן. אָבער אויך די חרדים, די אָרטאָדאָקסן און אַ סך פון די הייסע חסידים, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען זייערע צדיקים, האָבן באַקומען אַ באַפעל צו באָיקאָטירן דעם פאַראייניקטן „יידישן״ פראָנט. דער בעלזער רבי האָט אַרויסגעגעבן אַן אויפפאָדערונג, אַז מען זאָל נישט פאָלגן די ציוניסטן און דווקא אָנגעבן פּויליש אַלס „זייער״ אומגאַנג־שפּראַך.

די פּוילישע מאַכט האָט געוואָרנט, אַז יידיש איז נישט אָנערקענט אַלס אַ שפּראַך, און יעדער, וואָס וועט דערקלערן יידיש, אַלס זיין לשון, וועט ווערן באַשטראָפט מיט קנס און תפיסה, און אין דעם פּרט האָט טאַקע די רעגירונג געהאַלטן וואָרט. מ׳האָט אַרויפגעלייגט אַ שטראָף אויף יעדן „פאַרברעכער״, וואָס האָט „פאַריידישט״ זיין פראַגע־בויגן, און געשלעפּט קישנס און איבערבעטן, און איינגעזעצט אין תפיסה די יעניקע, וואָס האָבן די שטראָף נישט באַצאָלט, אָדער אַזוי זיך פאַרדינט אַ וואַקאַציע אין די „בריגידקעס״ (לעמבערגער תפיסה). אָבער קיין שום רעפּרעסיעס האָבן נישט געהאָלפן. דער פאָלקס־ווילן האָט מנצח געווען און יידיש האָט גע־

זיגט. מער ווי אַ העלפט פון אַלע יידן האָבן זיך דערקלערט פאַר יידיש.

דער סך־הכל פון דער פאָלקס־ציילונג אין 1910 איז געווען, פאַרשטייט זיך, אַז דער גאַנצער צענזוס איז נישט געווען קיין רעאַלער און אין די מייג־סטע פאַלן האָבן די באַאַמטע פשוט אויסגעמעקט „יידיש" און אַריינגעשריבן „פויליש".

ג. אוניווערזיטעט־אומרוען

איידער איך וועל אָפּשליסן דעם קאַפּיטל וועגן אַקאַדעמישן לעבן אין גאַליציע, מוז איך כאָטש אין קורצן דערמאָנען די ערנסטע קאָנפליקטן, וואָס זענען אויסגעבראָכן אין די פאַרמלחמהדיקע יאָרן, און שילדערן די ראָלע, וואָס די יידישע סטודענטן האָבן אין די קאָנפליקטן געשפּילט. דאָס איז אַ קאַפּיטל נישט נאָר פון סטודענטן לעבן, נאָר פון דער גאַנצער פאַר־מלחמהדיקער היציקער אַטמאָספערע, וואָס האָט געהערשט אין לאַנד.

מילא, געשלעגן אויף דער אוניווערזיטעט זענען נישט געווען קיין נאָווינע. געלעגנהייטן צו געשלעגן זענען געווען גענוג און אויב עס האָבן אויסגעפעלט סיבות, האָט מען זיי צוגעשניטן און צוגעשוסטערט ווי שיך אויף אַ קאָפּיטע. ווי זאָגט דאָס ווערטל? אַז מ'וויל שלאָגן דעם הונט, געפינט מען דעם שטעקן. און אויב איך נעם זיך שרייבן וועגן דעם ענין, איז דאָס נאָר צוליב דעם, ווייל ער האָט אָנגערירט אַ פונדאַמענטאַלע פראַגע, וואָס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט און געפירט צו בלוט־פאַרגיסונג, טאַקע אויף דעם מעדיצינישן פאַקולטעט, ווו איך אַליין בין געווען אַ סטודענט. די מחלוקה איז אויסגעבראָכן אַט צוליב וואָס:

די פוילישע נאַציאָנאַליסטן אין וואַרשע האָבן דערקלערט אַ באָיקאָט אויף דער דאָרטיקער אוניווערזיטעט. זיי האָבן פאַרלאַנגט, אַז קיינער זאָל נישט באַזוכן די לעקציעס, נישט די פּראָפעסאָרן און נישט די סטודענטן. פאַרשטייט זיך, אַז די פּאָליאַקן אַליין האָבן זיי געהערט ווי די קאַץ און די יידישע סטודענטן האָבן זיך דאָס איבערהויפּט נישט גענומען צום האַרצן. האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז דער פּראָפעסאָר פון פּאַטאָלאָגיע, איינער אַ פּאָליאַק מיטן נאָמען דמאָכאָווסקי, וואָס האָט נישט געהאַלטן פון באָיקאָט, איז נאָמינירט געוואָרן אויפן פּאָסטן פון פּראָפעסאָר אין לעמ־בערגער מעדיצינישן פאַקולטעט, און כאָטש די הייסע פּאָליאַקן האָבן אָנ־גענומען אַ פּראָטעסט, האָט אָבער קיינער אים נישט געשטערט צו האַלטן

זיינע לעקציעס. אגב איז ער געווען א גרויסער כלב צו די סטודענטן, און ווען די פּאָליאַקן זאָלן אים טאַקע יאָ געווען באַיקאָטירן, וואָלטן מיר, יידן, אפשר געווען געהאָלפן די פּאַטריאָטניקעס.

האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז צווישן די סטודענטן אין לעמבערג זענען אויך געווען אַ פּאָר רוסיש־פּוילישע יידן, וואָס זענען פּאַרקלאָגט געוואָרן פון די פּוילישע ענדעקעס, אַז ווען זיי זענען געווען אין וואַרשע, האָבן זיי געבראָכן דעם באַיקאָט. די „פּאַטריאָטניקעס" האָבן פאַרלאַנגט, אַז מ'זאָל זיי דערפאַר אויסשליסן פון דעם פאַקולטעט. דערווייל האָבן די פּוילישע סטודענטן זיי נישט אַריינגעלאָזט אין דעם אַנאַטאָמישן אינסטיטוט. מאָנטיק, דעם 7 מערץ 1913 איז פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענשטויס צווישן די פּאָליאַקן און די יידישע סטודענטן, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר די יידן פון קאָנגרעס־פּוילן. איך געדענק, ווי מיט אַ פּאָר אַנדערע האָב איך דורכגעבראָכן די „וואַך" פון די פּאָליאַקן און דורכגעפירט די יידישע מעדיצינער אין זאַל אַריין. אָבער באַלד איז אָנגעקומען אַ כאָפּטע פּאָליאַקן מיט שטעקנס און אייזערנע „באָקסערן" און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג, וואָס האָט געדויערט אַ היפּש ביסל צייט. בלוט האָט גערונען און אַ פּאָר פון אונדז האָט מען אַוועקגעפירט מיט צעבראָכענע ביינער אין שפּיטאָל אַריין. די איבעריקע יידן זענען געשטאַנען פאַרעקשנט און נישט דערלאָזט, אַז מ'זאָל די יידישע סטודענטן אַוועקשלעפּן פון אינסטיטוט. די געשלעגן זענען אַריבער אויף די גאַסן און אויף אַנדערע פאַקולטעטן, ביז דער סענאַט האָט זיך אַריינגעמישט און פאַרמאַכט די אוניווערזיטעט.

דעם 30סטן מערץ 1913 האָבן די יידישע אַקאַדעמיקער געהאַט אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון אַלע פּאַרטייען און שאַטירונגען. איך בין געווען פאַרזיצער. פייערמאַן (פּועלי ציוניסט) און בלוישטיין (יידישער סאָציאַליסט) זענען געווען מיטגלידער פון פרעזידיום. די איינשטימיק אָנגענומענע רעזאָלוציע האָט פאַרלאַנגט, אַז מ'זאָל די יידישע סטודענטן פון קאָנגרעס־פּוילן געבן די פולע רעכט צו באַזוכן די אוניווערזיטעט אָן וועלכער עס איז שטערונג. עס איז געווילט געוואָרן אַ רעפּרעזענטאַנץ פון אַלע פּאַרטייען מיט לעאָן וועקסלער בראש צו פאַרהאַנדלען מיטן רעקטאָר און מיטן סענאַט פון דער אוניווערזיטעט. די פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך לאַנג געצויגן ביז די יידישע סטודענטן האָבן געקריגן פאַרזיכערט זייער אַקאַדעמישע רעכט גלייך מיט אַלעמען.

און איצט קומען מיר צו דער צייט, ווען איך האָב אויפגעהערט צו זיין אַ סטודענט און בין געוואָרן דאָקטאָר פון מעדיצין. דאָס איז געווען אין יאָר 1914. און איך וואָלט וועגן דעם זיכער נישט געשריבן, ווען נישט די „סינע נאַציאָנע״ פאָרמולע. דאָס איז געווען אַ ריין גאַליצישער פּראָדוקט און דאַרף דערמאָנט ווערן. „סינע נאַציאָנע״ מיינט אויף פּראָסט מאַמע־לשון „אָן אַ נאַציע״, און וואָס באַדייט אָן אַ נאַציע?

די פאַקולטעטן אין לעמבערג האָבן נישט אָנערקענט די יידישע נאַ־ציע. פאַר זיי זענען יידן געווען פּאָליאַקן פון משהס גלויבן און זיי האָבן דאָס אַזוי אָפּגעדרוקט שוואַרץ אויף ווייס אויפן פאָרמעט פון דעם דאָקטאָר־דיפּלאָם. האָבן יידן אָנגעהויבן צו פּראָטעסטירן און שרייען, היתכן? מיר זענען נישט קיין פּאָליאַקן, מיר זענען יידן און מיר ווילן נישט אַרומטראָגן זיך מיט אַ ליגן אויף אונדזערע דיפּלאָמען. האָבן די פּאָליאַקן פאַרביסן מיט די ציין, געשטראָפט און געבייזערט זיך. אָבער עס האָט נישט גע־האָלפן. די יידן האָבן גיכער געוואָלט פאַרפאַלן לאָזן די דיפּלאָמען, איידער נאָכגעבן. איז מען געפאַלן אויף אַ המצאה: היות פּויליש ווילן די יידן נישט, און אויף יידיש ווילן די פּאָליאַקן נישט איינגיין, זאָל מען אפשר גאָר אין גאַנצן אויסמיידן די נאַציע־פאָרמול און אין דער רובריק, וואָס איז באַשטימט פאַר דעם צוועק, זאָל מען אַריינשרייבן דאָס וואָרט „סינע״, וואָס מיינט אויף מאַמע־לשון „אָן״. און אַזוי איז אַ ייד געוואָרן אַ „סינע נאַציאָנעניק״, וואָס מיינט, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין נאַציאָנאַליטעט.

איז אָבער דאָס אויך נישט געווען אַזוי איינפאַך, ווי עס רעדט זיך. ווייל, ראשית זענען די דינער אין דעם דעקאַנס ביורא געווען גרויסע גנבים און אויב מ׳האָט זיי נישט געגעבן כאַבאַר האָבן זיי אַמאָל אָפּגעטון אַ שפּיצל און אויסגעפּילט „פּויליש״, אַנשטאָט דעם „סינע״. און שנית, זענען אויפן וועג פון ביוראָ צום דרוקער געווען געניג פאַרטלען, כדי צו „מאַכן אַ פעלער״ און אַזוי ווי מ׳האָט דעם דיפּלאָם פאַר דער „פּראָמאָ־ווירונג״ (גראַדואַציע) נישט געזען, האָט זיך אַלעס געקאָנט טרעפן און דערנאָך, כאָטש גיי שריי חי וקיים.

אָבער נישט וויניקער וויכטיק איז געווען די וואַל פון אַ פּראָמאָטאָר, אַ מין צערעמאָניע־מייסטער ביי דער גראַדואַציע. האָב איך מיר אויסגע־קליבן אַ פיינעם גוי, אַ כוואַט, מיינעם אַ געוועזענעם פּראָפעסאָר פון פאַר־מאַקאָלאָגיע, וואָס האָט נישט געהאַט קיין רשעות אין זיך. ווען איך בין אים געגאַנגען איינלאַדן — אַזוי איז געווען דער מנהג — האָט ער מיך

אַנגעקוקט מיט זיינע נאַאיווע בלויע אויגן און געפרעגט: „טענענבוים, פאַרוואָס ווילן יידן דווקא מיך האָבן פאַר אַ פּראָמאָטאָר?״ אמת אַ כשרע שאלה. אָבער אַזוי ווי ער האָט מיר געזאָגט: „זאָג נישט קיין ליגן!״ בין איך אים שולדיק געבליבן אַ תשובה.

די פּראָמאָציע אַליין איז געווען פאַרבונדן מיט אַ פייערלעכע צערע־מאָניע, צו וועלכער מ׳פלעגט איינלאַדן געסט, פריינט און משפחה, ווי צו אַ חתונה. דער פּראָמאָטאָר האָט פאַרגעלייענט די היפּאָקראַטישע שבועה, און נאָכן „אמן״ האָט זיך אויפגעהויבן דער דעקאַן אין ברייטן מאַנטל, און די בייזיצער אין די אַקאַדעמישע מלבושים און אָפּגעגעבן אַ ברייטן תקיעת־כף מיט אַ מזל טוב. מיין דעקאַן איז גראָד דעמאָלט געווען פּראָ־פעסאָר רידיגער, אַ פאַרביסענער אַנטיסעמיט, דער פירער פון דער קאַ־טוליש־רעאַקציאָנערער פּאַרטיי אין גאַליציע. ער האָט כסדר זיך אָפּגעזאָגט צו געבן די האַנט די „סינע נאַציאָנעקעס״. איצט אָבער פּלא ונפלא! ער האָט זיך אויפגעהויבן און אויסגעשטרעקט די האַנט צו מיר. דערויף האָב איך מיך אַוועקגעדרייט און אים מיין האַנט נישט געגעבן. אַלע האָבן דאָס באַמערקט און עס איז געוואָרן אַ פיינלעכע פּויזע. אָבער דער גוי האָט געקריגן זיינס! אפילו מיינע עלטערן האָבן דערפילט, אַז עפּעס איז דאָ געשען נישט קיין פיינע זאַך, און ווען איך בין מיט זיי אַרויסגעגאַנגען, האָבן זיי מיך געפּרווט מוסרן. „פּאַרט נישט שיין!״ מיינע אָרעמע טאַטע־מאַמע נעבעך, — דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס זיי האָבן געשעפּט נחת פון זייער זון. קיינער פון זיי האָט נישט איבערגעלעבט די ערשטע וועלט־מלחמה.

XIII

יידישע קולטור אין גאַליציע

מיר שרייבן נישט קיין קולטור־געשיכטע פון גאַליציע. דאָס איז אַן ענין פאַר אַ פיל גרעסערן ווערק און פאַר אַ גרעסערן מומחה אויף דעם געביט. מיין אויפגאַבע איז צו געבן אַ בילד פון דער צייט וואָס האָט געהאַט אַזאַ גרויסן איינפלוס אויפן לעבן פונעם פאָלק, ספּעציעל צו שיל־דערן די יאָרן פון דער געבורט און פון דעם פונאַנדערפאַל פון אַן עפּאָכע. אויך דאָס קאָן מען נאָר אָפּשפּיגלען מיט אַ פּאָר קאַרדינאַלע צייכענונגען, און אויב איין זייט קומט אַרויס אַ ביסל געדיכטער פון דער אַנדערער,

איז דאָס ראשית צוליב דעם, וואָס ביי מיר איז דאָס נישט קיין טויטע פאַרגאַנגענהייט וואָס קאָן ווערן געמאָסטן און געוויגן, נאָר נאָך אַלץ אַ לעבעדיקער, פולסירנדיקער און ריידעוודיקער עבר, און דער לשון פון לעבן איז בעצם סוביעקטיוו, און טאָקע דערפאַר מאַלערישער, און אפשר אויך אמתער; און שנית, איז אין די ראַמען פון אַזאַ אַרבעט נישטאָ קיין אָרט פאַר אַ סך פּרטים, א חוץ די, וואָס דער מחבר פילט, אז זיי נוצן אַלס קאָלאָריט פאַר דער גאַנצקייט.

ווי מיר האָבן שוין באַמערקט איז דער לעצטער פערטל פונעם נייַנצענטן יאָרהונדערט געווען אפשר דער פרוכפּערדיקסטער אין דער געשיכטע פון דער יידישער גאַליציע, נישט אַזוי מחמת עס זענען דערשינען גרויסע גייסטיקע ווערק, אָדער אַ דור פון גייסטיקע ריזן, נאָר מחמת ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם אָנהויב פון אַ באַוועגונג וואָס מען קאָן באַצייכענען מיט די צוויי ווערטער „תחית העם״. די השכלה איז געווען דער שטאָלץ פון דעם גאַליצישן ביישטראָג צו דער יידישער קולטור־געשיכטע. אָבער די „אַלטע״ השכלה האָט זיך באַלד אויסגעשעפּט, און אין מיטן פונעם ניינצענטן יאָרהונדערט געפינען מיר דאָרט נישט מער ווי עפּיגאָנען פון דער גלאַנץ־פּעריאָדע, מער נאָכמאַכערס ווי אָריגינעלע שרייבער און דענקער. פּשוט, די צייט און איר טאָן האָבן זיך געענדערט.

דער קאַמף מיט חסידות איז אַלץ טיפער פאַרקראָכן אין אַ מין סאָציאַלן קלויז און אַ נייער מין פאַרשריטלער האָט גענומען אַרויפשווימען אויף דער סצענע און איבערנעמען די פירנדיקע ראָלע אויף דער סאָציאַלער אַרענע.

דער קאַמף מיטן „אָבסקוראַנטיזם״ האָט אַרויסגעבראַכט אַ סענטימענטאַלע, האַלב סאַטירישע ליטעראַטור, פון איין זייט, און אַ שלילהדיקע און פאַרקלאָגנדיקע פּאָלעמיק פון דער אַנדערער. דער פאַרטרעטער פון דעם ערשטן זשאַנער איז געווען דער דיכטער און נאָוועליסט מרדכי דוד בראַנדשטעטער. בראַנדשטעטער האָט געשריבן העברעאיש, אָבער זיינע ווערק זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש. זיינע סאַטירישע, הומאָרפולע בילדער פונעם יידישן לעבן אין גאַליציע שילדערן די אָפּגעשטאַנענקייט פונעם חסידישן לעבן, אָבער צו דער גלייכער צייט איז דאָ שוין קענטיק די טענדענץ צו פאַרוואַרפן דעם עקסטרעמען נוסח פון דער פאַרגעשריטענער „פּראָגרעסיוועր״ יידישער אַריסטאָקראַציע און אויך אַ פּרווו צו געפינען אַ סינטעז צווישן די צוויי עקסטרעמען מיט אַ פּאָזיטיוון צוגאַנג צום מאָדערנעם יידישן לעבן. אָט די אַלע עלעמענטן קאָן מען באַמערקן

אין זיין נאָוועלע „מרדכי קיזאָוויץ״, און ספּעציעל אין „ראשית המדון״, ווי אויך אין אַנדערע.

נאָך בולטער קומט די טענדענץ אַרויס ביי ראובן אשר ברוידעס, וואָס כאָטש ער איז נישט געווען קיין געבוירענער גאַליציאַנער, האָט ער אָבער די בעסטע יאָרן פון זיין שאַפן פאַרבראַכט אין גאַליציע. ברוידעס איז געקומען קיין לעמבערג אין יאָר 1876. ער האָט שוין דעמאָלט גע־האַט אַ שם אַלס אַ שרייבער. אין 1886 האָט ער פאַרעפנטלעכט דעם ראָמאַן „הדת והחיים״, וואָס ווערט אָפּגעשאַצט ווי „איינס פון די בעסטע ווערק פון דער טענדענציעזער השכלה ליטעראַטור״. דאָ האָט שוין ברוידעס געזוכט אַ סינטעז וואָס זאָל פאַראייניקן אין זיך דעם אַלטן חומר פון טראַ־דיציע מיט דעם נייעם קלייד פון אויפקלערונג, צופּאַסן דעם דת צום החיים. זיין בעסטער ראָמאַן איז אָן ספק געווען „שתי הקצוות״, ווו די טענדענץ פון שלום מאַכן צווישן אַלטן און נייעם לעבנס־שטייגער איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן מיט מערקבאַרע שטריכן. ברוידעס איז אויך גע־ווען אַ ליבהאָבער פון יידיש און האָט געקעמפט פאַר אירע רעכט. ער האָט געשריבן יידישע ספורים, ווי די דערציילונגען „ויברח יעקב אודר וויא יעקב איז אַנטלאָפן״, „דאָס אומגליק״, און אויך אַגיטאַטאָרישע ציוניס־טישע בראָשורן און אַרטיקלען אין די יידישע צייטונגען וועלכע ער האָט רעדאַקטירט.

די נייע טענדענצן האָבן אויך געפונען אַן אויסדרוק ביי אַנדערע דיכטער און שרייבער פון אַ קלענערן פאַרנעם. דער העברעאישער דיכטער יהודה לייב לאַנדוי האָט צווישן אַנדערע גרעסערע ווערק, שירים און מאמ־רים פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור מיטן טיטל „ההשכלה החדשה״, אַלס אַ מורה־דרך פון דער נייער רענעסאַנס באַוועגונג. צווישן די וויסנשאַפטלער פון דער נייער השכלה באַוועגונג איז געווען דער שריפטשטעלער שלמה רובין. זיינע אַנטראָפּאָלאָגיש־עטנישע שטודיען איבער די זיטן און מנהגים פון פאַרשידענע ראַסן, זענען געווען נישט נאָר וויסנשאַפטלעכע שטודיען נאָר אויך אַן אָנווייז אויף דעם עצם פון די יידישע זאַבאָבאָנעס. אין דער באַציאונג קאָן ער באַטראַכט ווערן פאַר דעם „יידישן וועסטערמאַרק״. זיין הויפּט־ווערק „מעשי תעתועים״ איז דערשינען אין 1887. אַן אַנדערער פון דער ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכער פּלעיאַדע איז געווען שלמה בובער, דער פאָרשער פון אַלטע מדרשים, דער בעל „מדרש תנחומא״, „שערי ציון״, און זיינע נישט וויניקער וויכטיקע היסטאָרישע ווערק, ווי „קריה

נשגבה״, אַ געשיכטע פון די זשאַלקעווער רבנים און פון דער זשאַלקעווער עדה; און „אנשי שם״ וועגן די לעמבערגער גאונים און רבנים. זיי באַווייזן די פילזייטיקייט און דעם קריטישן בליק פון אַ געבוירענעם פאָרשער און היסטאָריקער.

זייט ביי זייט מיט דעם יידיש־העברעאישן שאַפן האָט זיך אַנטוויקלט אַ ליטעראַטור פונעם יידישן לעבן אין אַנדערע שפּראַכן, אין ערשטער ריי אין דייטש, שפּעטער אויך אין פּויליש, וואָס האָט מיינסטנס זיך אויסגע־צייכנט מיט אירע נעגאַטיווע טענדענצן בנוגע דעם יידישן פאָלקס־לעבן. איינער פון די שרייבער, וועלכער קאָן באַטראַכט ווערן אַלס אַ בין־השמשות־דיקער, ווייל ער איז געשטאַנען אויפן מיטל־וועג צווישן אַ פּאָזיטיווער און נעגאַטיווער אָפּשאַצונג פונעם יידישן פאָלקס־לעבן, איז געווען נתן נטע סאמועלי. אויסער זיינע שירים און ספּורים (געזאַמלט אין „מן החיים״ און „פּרצופים״), האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דייטש אַ ריי ראָמאַנען: „צווישן ליכט און פינצטערניש״, „קולטור־בילדער״ און אַ דרייבאַנדיקן ראָמאַן „איין ביסכען וואַסער״.

דער באַרימטסטער צווישן די „קלאָגערס״ איז געווען דער אין טשאָרט־קעוו געבוירענער קאַרל עמיל פראַנצאָס, דער מחבר פון דעם פיל גע־לעזענעם ראָמאַן Die Juden von Barnow, אַ מין שיילאָק־געשיכטע פון אַ גאַליציאַנער טאַטן וועמענס טאָכטער איז אַנטלאָפן מיט איר געליבטן, אַן אָפיציר פון די הוזאַרן. זיין Aus Halbasien מיט די טיפן און סצענעריע פון זיין אַלטער היים און זיין ראָמאַן Ein Kampf ums Recht האָבן אים געבראַכט אַ ליטעראַרישן שם אויף דער וועלט. אַן ענלעכע פּאָזיציע נעמט אויך איין סאכער מאזאכס Judengeschichten, מיט שיל־דערונגען פון גאַליציש־יידישן לעבן, וועלכעס ער האָט געקענט פון זיינע קינדער יאָרן. באַקאַנטלעך איז דער פאָטער פון דעם באַרימטן עסטרייכישן נאָוועליסט לעאָפּאָלד פאָן סאכער מאזאך, געווען אַ צייט לאַנג אַ פּאָליציי־דירעקטאָר אין לעמבערג.

שפּעטער איז דערשינען אויך אין פּויליש אַ דערציילונג מיט ענלעכע אַסימילאַטאָרישע טענדענצן א. ט. Żydziak פון ווילהעלם פעלדמאַן.

דער דריטער פּעריאָד איז געווען אַ מין קאָנסאָלידירונג פון טראַדי־ציאָנעלן יידישן לעבן מיט דער אויפקלערונג — די יידיש־העברעאיש־פּוילישער ליטעראַרישער רענעסאַנס. דאָס איז געווען אַ נאַציאָנאַל־יידישע

ליטעראַטור גאַנץ אומאָפּהענגיק פון וועלכער עס זאָל נישט זיין שפּראַך, אין וועלכער זי איז געווען געשריבן.

מיר האָבן שוין דערמאָנט די צוויי גרויסע זוכערס פון אַ סינטעזע צווישן אמונה און לעבן, בראַנדשטעטער און ברוידעס. דער וואָס האָט די סינטעזע געפונען איז געווען פּרץ בן משה סמאָלענסקין. זיין „התועה בדרכי החיים" (1868—1870) און „עם עולם" (1873) האָבן געעפנט נייע האָריזאָנטן. אין דער פּעריאָדישער העברעאישער ליטעראַטור האָט דער „השחר", וועלכן סמאָלענסקין האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין ווין, אין יאָר 1869, געהאַט כמעט אַ תקופהדיקע באַדייטונג. די באַדייטונג איז געווען נאָך אַ גרעסערע פאַר די גאַליצישע שרייבער, וואָס האָבן זיך גע־נומען שאַרן אַרום דעם „השחר". פון דאָרט האָט די נאַציאָנאַל־יידישע טעאָריע און פּראַקטיק נישט נאָר געשעפּט איר אינספּיראַציע, נאָר איר גאַנצן אַרסענאַל פאַר קאַמף און נצחון. עס איז באַלד אויסגעוואַקסן אַ פּיל־שפּראַכיקע פּאַרטיי — אָדער פּאַרטייען־ליטעראַטור, אַ חוץ די ריין לי־טעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע שאַפונגען.

אָבער באַלד האָט די פּוילישע שפּראַך מער און מער פאַרדרענגט די דייטשע. אַ גרויסן איינפלוס אויף דער פּאַרטיפונג פונעם נאַציאָנאַל־יידישן געדאַנק האָט געהאַט די בראָשור פון דעם ציוניסטישן דענקער און פילאָזאָף שלמה שילער. זיין Byt Narodowy Żydów איז גע־ווען דער משניות פון דער ציוניסטישער אינטעליגענץ. די דראַמע פון ד"ר דוד מאלץ Mojżesz Blum איז געווען דער רעפּערטואַר פון די ציוניסטישע בינעס, און אַדאָלף שטאַנדס Rocznik Żydowski איז געווען איינער פון די בעסטע און שענסטע ציוניסטישע זאַמלביכער וואָס זענען ווען עס איז דערשינען. איבעריקנס, האָט זיך די נאַציאָנאַל־יידישע זשורנאַליסטיק ווי אויך די ליטעראַרישע בייטראַגן קאָנצענטרירט אַרום דעם זשורנאַל Moriah (רעדאַקטירט, לויט דער ריי נאָך, פון יעקב טאָן, פרעדריק אשכנזי, און קאַפּעל שוואַרץ); אַנדערע צייטשריפטן זענען געווען דאָס וואָכנבלאַט Wschód; און שפּעטער אויך קראָקע־ווער טאָגבלאַט Nowy Dziennik, רעדאַקטירט דאַן פון מיין יוגנט־פריינט ד"ר ווילהעלם בערקעלהאַמער פון טאַרנאָוו.

אָבער דער אמת יידישער גייסט האָט פּולסירט אין דער ביי אונדז נאָך אַזוי יונגער, ליטעראַרישער שפּראַך פון מאַמע־לשון. אויך דאָ באַ־וויזט זיך די השפעה פון דער נייער עפּאָכע. בשעת דער ערשטער תקופה

פון דער השכלה איז דער יידישער לשון געווען אַ פאַרנעבעכטער. פאַר־שטייט זיך, אַז מען האָט זיך שוין דעמאָלט אויך נישט געקענט באַגיין אָן יידיש, וואָס איז געווען די איינציקע פאָלקס־שפּראַך. מיר האָבן אין אַן אַנדערן קאַפּיטל אָנגעוויזן אויף דעם סטאַטוס פון יידיש אין דער ער־שטער עפּאָכע פון דער השכלה. יידיש איז נישט געווען באַליבט ביי די משכילים, און אויב מען האָט זיך אָן יידיש נישט געקענט באַגיין, האָט מען זיך באַנוצט מיט אים ווי מיט אַ האַק אויסצובויען אַ וועג אין דעם געדיכטן וואַלד פון דער חסידישער מאַסע פאַר בעסערע עקוויפּאַזשן. מיר האָבן דערמאָנט די פּרוּוון אין מיטן נײַנצנטן יאָרהונדערט און די נישט־געלונגענע אָנשטרענגונגען כדי אויפצוהאַלטן אַ יידישע צייטונג.

איצט האָט זיך דאָס אַלץ געענדערט, כאָטש אין דעם פּרט איז גאַליציע געווען מער צוריקגעשטאַנען ווי רוסלאַנד. די סיבה דערפון איז געווען די דייטשע לינגוויסטישע קרובהשאַפט צו יידיש. פון איין זייט האָט געהערשט די טענדענץ צו פאַרדייטשן (פאַרטייטשן) דעם יידיש, און פון דער צווייטער זייט איז געווען די נטיה פון דער אינטעליגענץ זיך צו באַדינען בעסער מיט אַ ריינעם דייטש, איידער מיט אַ „דייטשן זשאַרגאָן". היות וואָס יעדער האָט פאַרשטאַנען „דייטש", אָדער „דייטשמעריש", האָט מען געקענט טרעפן צום פאָלק פונקט אַזוי גוט מיט „דייטש" ווי מיט „יידיש־דייטש". פונדעסטוועגן קען מען נישט זאָגן אַז עס האָט גאָר אינגאַנצן געפעלט דער אינטערעס פאַר יידיש. מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט וועגן וויכטיקע פילאָלאָגישע אַרבעטן אין דייטש וועגן יידיש. אַ וויכטיקע אַרבעט אין דייטש איז געווען Der Polnisch Jüdische Jargon פון פיליפּ מאַנש וואָס האָט זיך געדרוקט אין Israelit אין 1888—1890. ער האָט אויך איבערגעזעצט שלום־עליכמס ראָמאַן „סטעמפעניו" אויף דייטש.

עס איז אַ מערקווירדיקע זאַך וואָס גראַד דעמאָלט ווען די דייטשע אַסימילאַציע האָט אָפּגעטראָטן פאַר דער פּוילישער אַסימילאַציע, האָט יידיש אָנגעהויבן צו ווערן אַ חשוב, מחמת די מאַסע האָט קיין פּויליש נישט פאַרשטאַנען. און די פירער פון פאָלק, וואָס זענען געווען טאַקע שפּראַכלעך אַסימילירט אָבער גייסטיק נאַציאָנאַל, האָבן געמוזט אָנקו־מען צו יידיש כדי צו דערגרייכן צו די מאַסן און זיי געווינען פאַר זייער פּראָגראַם. פונדעסטוועגן, ווי מיר האָבן געזען, האָט מען נאָך אַלץ גע־רעדט מיט זלזול וועגן „זשאַרגאָן" און זיך געטרייסט מיט דעם אַז לעתיד

וועט, סוף כל סוף, העברעאיש ווערן די איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך.

אָט דער געדאַנקען־גאַנג האָט זיך אַרויסגעוויזן גאָר אַ פאַלשער. להיפּוך, אַזוי ווי אין דער ערשטער העלפט פונעם 18טן יאָרהונדערט איז העברעאיש געווען די ליטעראַרישע שפּראַך און יידיש האָט שווער געקענט קאָנקורירן מיט איר, אַזוי האָט אין דער צווייטער העלפט, און נאָך מער אין די ניינציקער יאָרן, יידיש פאַרנומען אַלץ מער פּלאַץ אויך אין דעם ליטעראַרישן שאַפן; בפרט נאָך איז דאָס געווען דער פאַל אין דער פּאַמפלעט־ליטעראַטור, פון דער פּעריאָדישער ליטעראַטור איז שוין אינגאַנצן אָפּגערעדט. צו דער אַנטוויקלונג פון אַ יידישער פּאַמפלעט־ליטעראַטור, פונקט ווי פון אַ פּעריאָדישער פּרעסע, האָט געבראַכט טאַקע דאָס לעבן אַליין.

אין דער הינזיכט פאַרדינט דערמאָנט צו ווערן די בראָשור „עצה טובה", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1848 אַלס „ גוטער ראטה אונד עצה, וואָס מען זאָל צונד און דיזער צייט טואין היר אין לעמבערג אונד אין אַללע קליינערי קרייזין און שטעטליך". דאָס איז געווען בעת אַ ביטערן קאַמף צווישן די חסידים און די פּראָגרעסיסטן. און די „אַנאָנימע" פּאַרפאַסער (געווען זענען זיי יעקב באדעק און אברהם מענדל מאהר) האָבן געוואָרנט ביידע פּאַרטייען, אַז „איר האָבן ביידע אונרעכט", אַז זיי פאַרלאַנגען צופיל און אַז די „קטטות" (קריגערייען) זאָלן אויפהערן. אָבער אַזוי ווי „עצה טובה" האָט באַשולדיקט, אַז געוויסע אָרטאָדאָקסן פירן אַ קאַמף צוליב פּערזענלעכע אינטערעסן, האָבן די חסידים געענטפערט מיט אַ קעגן־אַטאַקע אין אַ בראָשור „מפר עצת רשעים — קול קורא..." אַ מין אָפּשלאָג פון די „עצת הרשעים" און האָבן געוואָרנט, אַז מען זאָל נישט פאָלגין און צוהערין די פאַלשי עצות פון די רשעים וואָס זיי האָבין געשרובן אין עצה טובה". אָבער מען האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט דעם אַליין. איבערהויפּט איז אברהם מענדל מאהר געווען אַ רייכע פּערזענלעכקייט. אַ חוץ זיינע העברעאישע ווערק ווי „מגן החכמה", אַ פאַרטיידיקונג פון פילאָזאָפיע, און זיין געאָגראַפישער ספר „שבילי עולם", מיט וועלכן ער האָט זיך שטאַרק קונה שם געווען, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי ביאָגראַפיעס און בראָשורן. הפנים אַז ער האָט אויך געהאַט אַ סך מוט, ווי ער האָט דאָס באַוויזן אין זיין קריטישן זשורנאַל „הרואה ומבקר ספרי חכמי זמננו", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אינאיינעם מיט דעם פּאָעט נחמן־יצחק פישמאַן, דעם שוין דערמאָנטן

לעמבערגער משכיל יעקב באדעק, און יעקב מענטש. די צו־שאַרפע קרי־טיק האָט געבראַכט דערצו אַז מען האָט אי דעם ערשטן, אי דעם צווייטן העפט אָפּגעשטעלט דורך דער צענזור און פאַרבאָטן אַריינברענגען קיין גאַליציע (דאָס צווייטע העפט איז געדרוקט געוואָרן אין אונגאַרן). אין יאָר 1844—1845 האָט מאהר צוזאַמען מיט באדעקן באַנייט די אויסגאַבע א. ט. „ירושלים״ (3 העפטן).

אָבער טאַקע דער גרעסטער אויפטו זיינער איז געווען אין יידיש. ווי מיר האָבן פריער אָנגעוויזן האָט מאהר אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט מיטן נאָמען „צייטונג״, וואָס איז דעמאָלט (דער ערשטער נומער איז אַרויס דעם 5טן מאַי, 1848) געווען די איינציקע יידישע צייטונג אין דער וועלט. די וואָכנשריפט איז דערשינען ביז צום אָנהייב 1850, ווען די רעגירונג האָט באַשטימט, אַז די רעדאַקטאָרן זאָלן געבן אַ קויציע פון 5.000 גולדן, וואָס רעדאַקטאָר מאהר האָט נישט געקענט נאָכקומען. פונדעסטוועגן האָט ער די צייטונג באַנייט אין יאָר 1863 אונטער די נעמען „יידישע צייטונג״ און „טעלעגראַף״, וואָס האָבן זיך געביטן אַ וואָך איבער אַ וואָך. אין דעם פּראָספּעקט „בשורה טובה״ האָט דער אַרויס־געבער דערקלערט:

„די דאָזיגי צווייא צייטינגן מוזן האָבן צווייא באַזונדרי נעהמן, וואָרן עס אוז אַזו פאַרגישריבן פון דעם גזעץ. עס איז אבר אַזו אויס־גרעכנט, אַז אַלי וואָך... וועט איין נומר פוןביידי אַרויס קומן. אטלכס נומר וועט זיין אַ גאַנצע בוגן...״

מאהרס ביישפּיל האָבן דאַן נאָכגעפאָלגט אַנדערע. אין יאָר 1875—1876 איז דערשינען אין לעמבערג אברהם גאָלדפאַדענס „ישראליק״.

איינער, וואָס האָט אַ סך בייגעטראָגן צו דער יידישער פּרעסע, איז געווען ראובן אשר ברוידעס. פון 1893 ביז 1895 האָט ברוידעס רעדאַ־גירט דאָס יידישע וואָכנבלאַט „כרמל״ און דעם „וועקער״, וועלכער איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דאָס „יידישע וואָכנבלאַט״ אַלס אָפּי־ציעלער אָרגאַן פון דער ציוניסטישער פּאַרטיי. אין די דערמאָנטע וואָכנ־בלעטער האָבן פאַרעפנטלעכט זייערע בייטראָגן גאַליצישע שרייבער און כלל־טוער וואָס האָבן זיך שפּעטער קונה־שם געווען אַזוי גוט אין דער ליטעראַטור ווי אין דער כלל־אַרבעט.

איינער וואָס האָט פאַרדינט דעם נאָמען פּיאָנער פון דער יונגער

יידישער ליטעראַטור אין גאַליציע איז געווען גרשם באדער. בכלל איז זיין השפּעה אויפן יונגן גאַליצישן דור און בפרט אויף דער ציוניסטישער יוגנט געווען גאָר אַ גרויסע. איך געדענק דעם נאָך דעמאָלט יונגן באדער אין דער לעמבערגער יידישער געמיינדע־ביבליאָטעק אויף זשעזשניצקא גאַס נר. 5, פון וועלכער באדער איז געווען דער איניציאַטאָר און ערשטער ביבליאָטעקאַר. דאָס איז געווען איינע פון די גרויסע יידישע ביבליאָטעקן אין תפוצות ישראל מיט צענדליקער טויזנטער ביכער. דאָרט זענען געקומען אַלע וואָס האָבן געזוכט מאַטעריאַל צום לעזן און צום שרייבן, און באדער האָט אַלעמען געהאָלפן. ער אַליין פאַרמאָגט אַן ענציקלאָפּע־דישן זכרון און האָט געקענט אויסגווייניק געפינען יעדן מקור, בוך אָדער ציטאַט, וועלכן מען האָט באַדאַרפט פאַר אַ ליטעראַרישער אַרבעט. גרשם באדער, אַ געבוירענער קראָקעווער, איז געקומען קיין לעמבערג אין יאָר 1893, נאָכדעם ווי ער האָט פריער רעדאַקטירט דאָס העברעאישע וואָכנ־בלאַט „השמש" אין קאָלאָמיי, און אַרויסגעגעבן אַ העברעאישע זאַמל־שריפט „הצופה לבית ישראל" אין קראָקע. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ העברעאישע זאַמלשריפט „השרון". אין 1907 האָט ער רעדאַקטירט אַ צייטונג „העת", דערשינענע דריי מאָל אין דער וואָך. פון דער יידישער פּרעסע — האָט ער רעדאַקטירט אַ יידישע צייטונג „העברי" (דערשינען אַ יעדן צענטן טאָג, אין יאָר 1898). זעקס יאָר שפּעטער האָט ער גע־גרינדעט דאָס „לעמבערגער טאָגבלאַט", די ערשטע יידישע טאָג־צייטונג אין גאַליציע, פון וועלכער ער איז געווען צוויי יאָר רעדאַקטאָר. נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָזן די רעדאַקציע פון „טאָגבלאַט", האָט ער אָנגע־הויבן אַרויסגעבן דאָס „נייע לעמבערגער טאָגבלאַט" וואָס איז דערשינען זיבן חדשים לאַנג. מער באַרימט פון אַלע אַנדערע זענען געווען זיינע זיבעצן יאָרביכער (1896—1912) „יידישער פאָלקסקאַלענדער". אין אָט די יאָרביכער האָבן זיך געשאַרפט די פען פילע יינגערע און עלטערע שריי־בער, דיכטער און עסעאיסטן. באדער האָט אויך אַרויסגעגעבן די זאַמל־ביכער „שטראַהלען" און נאָך פאַרשידענע אַנדערע אויסגאַבן אין העברע־איש און יידיש.

איינע פון די עלטערע — „דער זיידע פון די גאַליציאַנער העברע־איש־יידישע שריפטשטעלער" (לויט רייזענס לעקסיקאָן), וואָס האָט גע־האָט אַ השפּעה אויף די יונגע, איז געווען דוד ישעיהו זילבערבוש. ער אַליין איז געווען די בעסטע אילוסטראַציע ווי שווער עס איז געווען אָפּ־

צוטיילן אַ העברעאישן פון אַ יידישן שריפטשטעלער אין אָט דער עפּאָכע. און זילבערבוש האָט געגרינדעט דעם העברעאישן חודש־זשורנאַל „האור״ אין באטאשאן און אין לעמבערג (8 העפטן), און די צוויי־וואָכנשריפט „העם״ אין קאָלאָמיי. אָבער דער אייגענער זילבערבוש האָט אויך רע־דאַקטירט אַ יידיש וואָכנבלאַט „דאָס פאָלקסבלאַט״ אין 1892. זיינע גרע־סערע ווערק אין יידיש זענען „שטרעכעלעך״, „פון דער מלחמה צייט״; „סקיצן״ מיט אַ לעבנס־בילד פון וועלוועל זבארזשער, וואָס ווערט אָנער־קענט אַלס איינע פון די בעסטע אַרבעטן וועגן דעם באַרימטן יידישן פאָלקס־דיכטער. זיינע העברעאישע „זכרונות״ (1885) און זיינע דערציי־לונגען און הומאָרעסקן „חדשים גם ישנים״ (1890), ווי אויך „דמעת עשוקים״ (1891), און אַנדערע ווערק, האָבן שטאַרק אויסגענומען ביי די העברעאישע לייענערס.

אין דער פובליציסטיק האָט דאָס „לעמבערגער טאָגבלאַט״ פאַר־נומען דעם אויבנאָן. צוערשט אונטער באַדערס רעדאַקציע, און נאָך אים אונטער דער רעדאַקציע פון משה קליינמאַן, איז דאָס „לעמבערגער טאָג־בלאַט״ אין 1908 אַריבער אונטער דער שליטה פון משה פראָסטיג, וועל־כער האָט געפירט די רעדאַקציע ביז צום אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג. אין יאָר 1915 איז די צייטונג ווידער באַנייט געוואָרן פון צבי ביקעלס־שפיצער און אין די קריטישע יאָרן פון 1918—1919 איז מיין יוגנט־פריינט מ. א. טענעבלאַט געווען רעדאַקטאָר פון דער צייטונג. דורך דער גאַנצער צייט איז דאָס „טאָגבלאַט״ געווען נישט נאָר אַ פובליציסטי־שע טריבונע נאָר אויך אַ ליטעראַרישע תלמוד־תורה פאַר יונגע טאַ־לאַנטן.

פון אַנדערע צייטשריפטן, וואָס האָבן געדינט אַלס פובליציסטישע, ליטעראַרישע זשורנאַלן פאַר די יידישע לייענערס און פאַר דער אויס־בילדונג פון נייע ליטעראַרישע כוחות, וואָס האָבן אָנגעהויבן וואַקסן אויף דער גאַליצישער קולטור־אַרעמער ערד, זאָלן דערמאָנט ווערן די וואָכנשריפט „דער יוד״, אַרויסגעגעבן פונעם פאַרלאַג „אחיאסף״ אין 1899, אונטער דער רעדאַקציע פון יהושע חנא ראבניצקי, שפּעטער פון ד״ר יוסף לוריא, מיט דער מיטאַרבעטערשאַפט פון מיכל בערקאָוויטש. די צייטונג האָט זיך געדרוקט אין קראָקע און האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. אויך אַלס פיאָנער פון אַן איינהייטלעכער פאַראייניפאַכטער אָרטאָגראַפיע האָט „דער

יוד״ זיך דערוואָרבן אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער קולטורגעשיכטע פונעם יידישן לשון.

אין די ניינציקער יאָרן זענען שוין געווען מער זשורנאַלן פאַר די יידישע שרייבער, ווי די „וואהרהייט״ פון משה ריכטער; די „דראָהאָבּיטשער צייטונג״, אַ דייטשער זשורנאַל מיט יידישע אותיות, אַרויסגעגעבן פון הירש זשופּניק, דער גרינדער פון דער העברעאיש־יידישער דרוקעריי אין דראָהאָביטש, מיט אַ מאָנאַטלעכער העברעאישער ביילאַגע „ציון״; דאָס „יידישע וואָכנבלאַט״ אין סטאַניסלע פון לייבל טויביש, און זיין „פאָלקספריינט״, וואָס איז פריער אַרויסגעגאַנגען אין קאָלאָמיי (אין יאָר 1890).

ווי אומעטום, האָט אויך אין גאַליציע אברהם רייזען געטון אַ פּיאָנערישע אַרבעט. רייזען איז אין יאָר 1904 געקומען קיין ווין און פון דאָרט זיך איבערגעצויגן קיין קראָקע, וווּ ער האָט אַרויסגעגעבן די וואָכנשריפט „דאָס יידישע וואָרט״. ביי זיין צוריקקומען קיין קראָקע אין יאָר 1908, איז אונטער זיין רעדאַקציע אַרויס דער מאָנאַטלעכער זשורנאַל „קונסט און לעבן״ (4 העפטן).

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ וועטגעלויף צווישן די פאַרשידענע שטעט, פון וועלכע אַ יעדע האָט געוואָלט האָבן איר אייגן יידיש בלעטל.

אין די יאָרן 1905—1907, האָט משה וויזענפעלד אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט די „נייע פאָלקסצייטונג״ אין ריישע; און שמעון עלענדמאַן האָט מיט דער מיטאַרבעט פון ד״ר אליעזר רוקח רעדאַקטירט אַ וואָכנבלאַט דער „יידישער וועקער״ אין סאמבאר. יונה קרעפּפעל איז געווען דער אַרויסגעבער פון וואָכנבלאַט די „יידישע אילוסטרירטע צייטונג״, וואָס איז דערשינען אין קראָקע פון 1909 ביז 1915 — מיט אַ הומאָריסטישער חודשלעכער ביילאַגע די „הבדלה״ און פון 1909 ביז 1914 האָט ער רעדאַקטירט אַ טעגלעכע צייטונג „דער טאָג״ (אויך אין קראָקע). אין סטאַניסלע איז דערשינען „דער יוד״ פון מאיר העניש; און אין סאַנאָק — „דער פאָלקספריינט״, אונטער דער רעדאַקציע פון אברהם שטערנבאך. עס האָט אויך עקזיסטירט „דער פאָלקספריינט״ אין לעמבערג, אַרויסגעגעבן פון אייזיק ווינשטאָק אינאיינעם מיט פישל וויטקאָווער און י. שנייד (אין יאָר 1912—1913). עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערן „סאַנדזער צייטונג״ אין נייסאנדז, און אויך אַ צוויי־וואָכעדיקע צייטשריפט, אונטער דער רעדאַקציע פון א. ל. שוסהיים און פּראָפ׳ מאַקס בינענשטאָק, „דאָס

יידישע וואָרט״, וואָס איז דערשינען אונטער דער אוקראַינישער באַזע־צונג פון מזרח־גאַליציע אין פאַרלויף פון דריי חדשים. די דאָזיקע וואָכנ־שריפט איז דערשינען אין סטאַניסלע צווישן 1918—1919 ביז די רוטע־נער האָבן זי צוגעמאַכט צוליב דער שאַרפער קריטיק פון די אוקראַינישע פּאָגראָמען אין מזרח־גאַליציע.

אָבער מיט דעם איז די ביבליאָגראַפיע פון זשורנאַלן ווייט נאָך נישט אויסגעשעפּט. אָט למשל האָבן מיר ביז איצט נישט דערמאָנט דאָס וואָכנבלאַט „דער יידישער אַרבעטער״, אונטער אַ ריי רעדאַקטאָרן, ווי — אהרן לייב שוסהיים, כתריאל, זרובבל, ד״ר יצחק שיפּער, בערל לאָקער און אַנדערע. אמת, „דער יידישער אַרבעטער״ האָט געדינט אַלס פּאַרטיי־אָרגאַן פון דער „פּועלי־ציוניסטישער״ באַוועגונג, אָבער אין תוך איז ער געווען אַ זשורנאַל וואָס איז תמיד געשטאַנען אויף אַ העכערן זשורנאַ־ליסטישן און ליטעראַרישן ניווא און האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע ביי דער ווידערבאַלעבונג פון דער יידישער קולטור אין גאַליציע. אויפן קרעדיט פון דער באַוועגונג איז אויך פאַררעכנט דאָס זאַמלבוך „יוגענט״, וואָס זרובבל האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1910 און וואָס האָט אַנטהאַלטן ווערטפולע ליטעראַרישע ביטראַגן. יעקב קענער האָט רעדאַקטירט די „יידי־שע אַרבעטער יוגענט״, אַ חודש־זשורנאַל וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואָכנבלאַט. דער „יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַט״, אַרויס־געגעבן פון דער זש.פּ.ס. פּאַרטיי (גאַליצישער „בונד״), איז געווען רע־דאַקטירט פון אליהו שוועבער. (די לידער פון לעאָן דרייקורס, וועמעס ברודער איז דערהרגעט געוואָרן אין לעמבערגער פּאָגראָם, זענען פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־אָרגאַנען. זיי זענען געווען שטאַרק באַליבט ביים פאָלק). עס זענען געווען נאָך אַנדערע: „דאָס יידישע אינטערעסאַנטע בלאַט״, אַ וואָכנבלאַט, אַרויסגעגעבן פון נתן טשאטשקעס און צבי פאסט, די „פּשעמישלער פאָלקסשטימע״, און אפילו אַ וואָכנבלאַט פון דער חסידישער יוגנט „דער אמתער יוד״.

פון די זאַמלביכער, וואָס האָבן פאַרנומען אַ וויכטיקן ליטעראַרישן פּלאַץ זענען געווען אויסער די שוין דערמאָנטע משה פראָסטיקס „דער יידישער קאַלענדער״ — פון 1909—1913; „דער יונג־גאַליצישער אַלמאַ־נאַך״, רעדאַקטירט פון גרשם באַדער, צבי שפּיצער ביקלס און יעקב מעססטעל (אין 1910 אין לעמבערג), און „ניילאַנד״ פון ש. י. אימבער, באַלד נאָכן קריג (2 העפטן). צו אַ באַזונדערער קאַטעגאָריע באַלאַנגט

דאָס הומאָריסטישע וואָכנבלאַט „דער גוטער ברודער״, פון מאיר כאַרטי־נער (1908), וועלכער איז געווען דער לעצטער רעדאַקטאָר פונעם „העולם״ אין ישראל*).

אָט ווי אַזוי עס האָבן געשריבן די „אַלטע״ און זיך אויפגעכאָוועט די „יונגע״. אַ גרויסע שטערונג אין דער אַנטוויקלונג איז געווען דער אַזוי גערופענער „גאַליציאַנער יידיש״. צוליב באַקאַנטע טעמים איז דער גאַליציאַנער יידיש געווען אַ דייטשמערישער.

מיר גאַליציאַנער פלעגן האָבן אַ גאַליציאַנער שמייכל פאַר די „אומאַרטיקולירטע״ יידישע רעדנערס, און ספּעציעל האָבן מיר געהאַט הנאה, ווען מיר האָבן געכאַפּט זיי ביים פאַרדרייען יידישע ווערטער וואָס זייער דייטשן שורש זיי האָבן נישט געקענט. דאָס דערמאָנט מיך אָן אַ רע־דע, וואָס מנחם מענדל אוסישקין האָט אַמאָל געהאַלטן אויף אַ פאַרזאַמ־לונג אין לעמבערג. העברעאיש רעדן האָט ער זיך נישט געטרויט, ווייל דער עולם וואָלט אים נישט געווען פאַרשטאַנען, און יידיש האָט אים נישט געפאַסט. האָט ער אַנידערגעלייגט אַ „דייטש״, לא עליכם, אַז ממש די ווענט האָבן געוויינט. נייך, אויף אַזאַ „יידיש״ האָבן מיר בשום אופן נישט געקענט איינגיין. און באַלד האָבן מיר טאַקע באַוויזן אין גאַליציע, אַז מיר קענען פון אונדזער „דייטשמערישן יידיש״ מאַכן אַ ווונדערשפּראַך, מיט פּאָעטן וואָס האָבן געזונגען ווי די פייגל „אויף דער גרינער ווייד״, און שרייבער וואָס האָבן באַלד פאַרנומען דעם אויבנאָן פון אונדזער לי־טעראַרישער שאַפונג.

ווען איך זאָג דאָס, איז דאָס נישט צוליב אַ מין לאָקאַלע פּאַטריאָ־טישקייט. גאָט אַליין ווייס, אַז היינט האָבן מיר נישט מער די „לאָקאַלן״ און במילא נישט קיין „לאָקאַל־פּאַטריאָטיזמען״. איך זאָג דאָס נאָר צוליב

---

*) אַ פּאָר יידישע צייטונגען פון פריער דאַרפן דאָ דערמאָנט ווערן: דאָס װאָכנבלאַט „נייעסטע נאַכריכטן״, לעמבערג 1866 (י. קאהן); די „יודישע פּריי־פּרעסע״ און די „בייע יודישע פּרעסע״, פּרעמישל 1872 — מיט דער ביילאַגע „הקהלת״; דער „העם״ אין קאָלאָמיי האָט אויך געהאט אַ יידישע ביילאַגע, דריי מאָל אַ חודש; „איזראַעליטישעס פאָלקסבלאַט״, קאָלאָמיי 1890 (ע. לויפער); די צייטשריפט „איש יהודי״, קאָלאָמיי 1896; די צייטשריפט „העברי״ (גרשם באַדער און משה עווינגער) האָט געהאט אַ העברעאישע ביילאַגע „אהבת ציון״; די וואָכנ־שריפט „יודישע פאָלקסצייטונג״, קראָקע 1902 (מרדכי ספּעקטאָר און ד״ר חיים ד. הורוויץ; א חודש־זשורנאַל „יודישע פאַמיליע״, קראָקע 1902 (יוסף לוריע); „יודי־שע פרויען־וועלט״, קראָקע 1902 (משה דייטשער) — אַלס ביילאַגע צו „דער יוד״; אַנדערע וועלן מיר דערמאָנען אין יחס מיט די מחברים איבער וועלכע עס וועט אונדז אויסקומען באַזונדער צו שרייבן.

דעם, וואָס אונדזער נייער דור פון יידישע שרייבער און פּאָעטן אין גאַלי־ציע האָבן זיך אויפגעכאָוועט אונטער די שווערסטע באַדינגונגען. זייענדיק אין אַן אַסימילאַטאָרישער סביבה, וואָס איז געווען פּאַרפּלייצט פון די הויכע קולטורן פון דעם מערב, און ספּעציעל אונטער דעם איינפלוס פון ווין, און זייענדיק כמעט אָן טראַדיציעס פון אַ ריין יידישן שאַפן, האָבן זיי זיך פונדעסטוועגן כמעט ווי אַרויפגעשלעפּט ביי די אייגענע כאַלעוועס צו אַ הויכער מדרגה פון ליטעראַרישער טעטיקייט אין יידיש.

און אָט זענען אַ פּאָר פון זיי. איינער, וואָס איז געווען אַן אמתער פּיאָנער פון „יונג יידיש״ אין גאַליציע, איז געווען דער ליריקער און פעליעטאָניסט מיכל ווירט, וואָס האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט אַליין שרייבן, נאָר האָט ממש אויפגערודערט גאַליציע פאַר יידיש. דעם ערשטן פון די „ווילדע״ וואָס איך געדענק, איז געווען משה לייב האַלפּערן. ער איז געווען אין זלאָטשעוו און איך אין סאַסאָוו, אַ מהלך פון אָרום זיבן קילאָמעטער. איך געדענק אים, ווי ער איז אַמאָל געקומען אין זומער קיין סאַסאָוו אויף אַ „וויטשעטשקע״, באָרוועס, צעפּלאָכטע און אָפּגעריסן, ממש ווי אַ רויטער שגץ מיט געלע קלייען אויפן פּנים. ער האָט זיך פאַר אַ יעדער קליינקייט געקריגט, געשריגן און נישט געזשאַלעוועט קיין פעטש, און איך בין זיך מתוודה, אַז מיך האָט דער פאַרשוין עפּעס גאָר נישט צוגעצויגן צו זיך. אָבער באַלד האָבן מיר אָנגעהויבן לייענען „פרידאַ״, האַלפּערנס שיינע לידער אין „טאָגבלאַט״ און אין „יידישן אַרבעטער״, און איך האָב באַלד פאַר אים גרויס דרך־ארץ באַקומען. אין 1908 איז ער אַוועק קיין אַמעריקע און דאָ האָט ער באַוויזן, וואָס האַלפּערן קען אויפטון. עפּעס איז געווען אין דעם מענטשן אַן עלעמענטאַרע קראַפט, די פאַרקערפּערונג פון אַ פּראָמעטעאוס אָן קייטן. ערשט שפּעטער האָט זיך ביי אים באַוויזן די „גאָלדענע פּאַווע״.

דער צווייטער, וועלכן איך האָב שוין פריער דערמאָנט, איז געווען שמואל יעקב אימבער. שמואל יעקב איז געווען מיינער אַ לאַנדסמאַן, אַ סאַסאָווער געבוירענער, אָבער באַגעגנט האָב איך אים ערשט אין גימנאַזיע אין זלאָטשעוו. אימבער איז נישט נאָר אַליין געווען אַ פּאָעט, נאָר אַ „פּאַטראָן״ פון פּאָעטן. ער האָט אָרום זיך געשאַפן אַ גאַנצע שולע — די אימבער־שולע. זיין ערשטע זאַמלונג לידער אונטערן טיטל „וואָס איך זינג און זאָג״ (פאַרעפנטלעכט אין 1910) האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. אָבער די הויך פון דער יונג־גאַליצישער פּאָעזיע האָט ער דערגרייכט אין

זיין פּאָעמע „אסתּרקע", אין 1911. זיין זאַמלבוך Inter Arma בעת דער מלחמה, האָט אַנטהאַלטן די פּירות פון די שוין פול־אַנטוויקלטע טאַלאַנטן פון דער „יונגער" גענעראַציע.

מלך כמעלניצקי איז נישט געווען קיין געבוירענער גאַליציאַנער, אָבער לויט זיין ליטעראַרישער טעטיקייט באַלאַנגט ער אויך צו די גאַ־ליציאַנער יוגנטלעכע. שוין זייט 1904 האָט ער אָנגעהויבן פּאַרעפנטלעכן זיינע שירים אין „לעמבערגער טאָגבלאַט", און דערנאָך האָט ער זיך באַטייליקט אין אַלע קבצים, „קאַלענדערס" און זאַמלשריפטן פון גאַליציע. זיין ערשטע זאַמלונג פון לידער אין בוכפאָרם איז אַרויס א. ט. „אויף אַ שטילער סטעזשקע", אין ווין 1921.

יעקב מעסטל איז געווען אַ זלאָטשעווער, אויך איינער פון מיינע יוגנט פריינט. מיר האָבן אינאיינעם שפּאַצירט, געחלומט און געטראַכט. און מעסטעל האָט נישט נאָר פאַרמאָגט אַ באַצויבערנדיקן שמייכל, נאָר אויך אַ באַצויבערנדיקע פעדער. אין 1909, ווען מיר זענען ביידע נאָך געווען זייער יונג, האָב איך באַקומען אַ מתנה פון זיינע „פאַרחלומטע שעהען", און אַ צוויי יאָר שפּעטער איז אַרויס אין בוכפאָרם זיין בוך שירים א. ט. „אַ ליבעס־ליד", און זיין פילאָזאָפישע פּאָעמע „וויטא חייזד", 1913. מעסטעל און צבי שפּיצער האָבן זיך פיל באַשעפטיקט מיט דער דראַמאַטורגיע, און האָבן זיך באַלד גענומען רעפאָרמירן דאָס יידישע טעאַטער. דאָס יידישע טעאַטער אין לעמבערג, גימפּעלס טעאַטער, וואָס האָט אַנאָנסירט „טראַגעדיעס מיט מוזיק, טאַנץ און געזאַנג", און נישט געזשאַלעוועט קיין שונד־פּיעסן אויף דער בינע, האָט נישט געקענט באַ־פרידיקן דעם אינטעליגענטן עולם, און ער האָט אַלץ מער פאַרביליקט זיין רעפּערטואַר כדי צו קריגן דעם המון. די „יונגע" האָבן געשטורעמט און געדראָעט, און אַליין אויפגעפירט אַמאַטאָרישע פאָרשטעלונגען. מעס־טעל און שפּיצער האָבן געהאַלטן אַ ריי פאָרטראַגן, כדי דעם עולם צו באַווייזן דעם ווערט פון טעאַטער פאַר דער יידישער קולטור. מעסטעל איז אויך געבליבן טריי דעם טעאַטער, נאָכדעם ווי ער איז געקומען קיין אַמעריקע און אַליין גענומען שפּילן אין אנשל שורס טרופּע אין פילאַ־דעלפיע. (אגב, איז אנשל שור אויך געווען אַ זלאָטשעווער).

איינער פון די אַקטיווע יונגע איז אויך געווען אנזעלם קליינמאַן, וועלכער האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן דעם „יידיש ליטעראַרישן קאַלענ־דער". בן־ציון מאזער האָט געשריבן סקיצן אין „לעמבערגער טאָגבלאַט"

און אין „פאָלקסבלאַט״. פישל וויטקאָווער, אימ״ן און ישראלווינלעז, אַלע זענען זיי געווען יידישע שרייבער אַרום דעם „לעמבערגער טאָגבלאַט״.

און באַלד זענען די יונגע געוואָרן אַלטע, ווייל עס האָבן זיך באַוויזן נאָך ייִנגערע, אַנהויבנדיק פון אברהם משה פוקס, וועלכער האָט אין 1911 פאַרעפנטלעכט זיינע סקיצן און דערציילונגען אין סאנאקער „פאָלקספריינט״, און אין 1912 איז אַרויס זיין ערשטע ביכל דערציילונגען אונטערן טיטל „איינזאַמע״.

מלך ראַוויטש, דער רעדעמער האָט אָנגעהויבן שרייבן אין 1909. זיין ערשטע זאַמלונג פון פּאָעזיע „אויף דער שוועל״ איז דערשינען אין לעמבערג אין 1912. אָבער ראַוויטש איז נישט לאַנג געשטאַנען אויף דער שוועל. זיין צווייטע זאַמלונג „רואינען גראַז״, געשריבן פונעם שלאַכטפעלד, איז אַרויס אין יאָר 1917 און האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין דער ליטעראַרישער וועלט (לויט ווי ראַוויטש באַשרייבט אין זיין לעקסיקאָן, האָט אפילו זיין קאָמאַנדאַנט פונעם רעגימענט פאַר אים דרך־ארץ געקריגן). ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער אין חודש־זשורנאַל „קריטיק״, אַרויסגעגעבן פון משה זילבורג אין וויך, און איז אויך געווען אַ מיטגרינדער פונעם פאַרלאַג „דער קוואַל״. ישראל מאיר ברענדער, אַ געבוירענער סטאַניסלער, האָט אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג שירים „אין שטורם פון לעבן״ (1911) און אַ בוך פּראָזע א. ט. „זומער נעכט״ (1912).

אַ יונגער פּאָעט פון בוסק „מיט סימנים פון געניאַליטעט״ איז געווען דוד קעניגסבערג. זיין ערשטע יידיש ליד איז געדרוקט געוואָרן אין דעם זאַמלבוך „יוגענט״ אין 1910. זיינע „לידער״ זענען אַרויס אין בוכפאָרם אין 1912, און אַ בוך „סאָנעטן״ אין 1913. ער איז געווען דער ערשטער באַדייטנדיקער סאָנעטן־דיכטער אין דער יידישער ליטעראַטור, און מען האָט אויף אים געלייגט גרויסע האָפענונגען.

דער פּאָעט אורי צבי גרינבערג, געבוירן אין בולקאמין נעבן זלאָטשעוו, האָט אָנגעהויבן דעביוטירן אין דעם וואָכנבלאַט „דער יידישער אַרבעטער״. זיין ערשטע זאַמלונג „ערגעץ אויף פעלדער״ איז דערשינען אין לעמבערג אין יאָר 1915. זיינע לידער פון מלחמה־צייט זענען דערשינען אין אימבערס Inter Arma. בשעת דעם לעמבערגער פּאָגראָם איז דאָס הויז פון זיין פּאָטערס ווינונג פאַרברענט געוואָרן פון די כוליגאַנעס. דאָס האָט אויפן יונגן דיכטער נישט פאַרפעלט צו האָבן אַ גרויסן

איינפלוס און האָט אפשר מיטגעווירקט צו דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון זיין שטורמישן לעבן.

דיביידע גראָסן, משה און נפתלי, האָבן אויך בייגעטראָגן צו דער ליטעראַרישער טעטיקייט פון דער צייט. משה גראָס, אַ באַריסלאַווער, איז אין יאָר 1918—1920 געווען דער רעדאַקטאָר פון דער יידישער טעגלעכער צייטונג די „ווינער מאָרגנצייטונג", און שפּעטער די „יידישע מאָרגנפּאָסט", אַרויסגעגעבן פון מ. נ. ראָקער. נפתלי גראָס, אַ קאָלאָמייער, איז שפּעטער געוואָרן „איינער פון די אָנגעזעענסטע פאָרשטייער פון דער יונגער יידישער ליריק אין אַמעריקע".

רחל (הערדינג) קאָרן, איינע פון די ערשטע יידישע דיכטערינס פון גאַליציע און איינע פון די בעסטע, האָט פאַרעפנטלעכט אירע ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון אין דער „פּשעמישלער פאָלקסשטימע" און אין „דאָס יידישע וואָרט". און דער נאַטור-ליריקער בער האָראָוויץ פון מיידאַן נעבן קאַלוש האָט אין 1910 אָנגעשריבן זיין ערשט ליד אין יידיש, אַ סך פון די לידער, געשריבן בשעת דער מלחמה, זענען אַריין אין זיין זאַמלונג „פון מיין היים אין די בערג" (אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג דער „קוואַל" אין 1919).

און מיט דעם וואָלט איך געקענט פאַרענדיקן דאָס קאַפּיטל. פיל איך אָבער אַ חוב צו דערמאָנען איינעם פון מיין שטעטל, וואָס איז געווען אַן אַלטער לויט די יאָרן און אַ יונגער לויט זיין גייסט, און דאָס איז מיין לערער יצחק מאַרגוליעס (י"ם הציוני). בכלל איז דאָס גאַנצע ווינקל סאַסאָוו-זלאָטשעוו-יעזשערנע געווען רייך אין יידישע פּאָעטן. איינער אַן עלטערער, יהודה אריה ליב שוואַרץ האָט געשריבן העברעאישע לידער מיט אַ יידישן פּאַראַלעלן טעקסט. זיינע לידער זענען געזאַמלט אין זיין בוך „שירי אמונים" (1881). וועגן יצחק פערנהאָף, אויך אַ זלאָטשעווער, און זיינע זאַמלונגען „ספרי שעשעים" (1899) האָבן מיר שוין דערמאָנט. אברהם שוואַדראָן פון זלאָטשעוו האָט געשריבן דייטש. און דער זלאָטשעווער געבוירענער נפתלי הערץ אימבער, דער בעל-„ברקאי" און דער שעפער פון „התקוה", באַלאַנגט צו דער גאַנצער יידישער וועלט, און נישט נאָר צו איין לאַנד. אָבער איך שרייב נישט איבער זלאָטשעווער גדולים, און נישט איבער סאַסאָווער. פונדעסטוועגן בין איך זיכער, אַז מיין בן-עיר, דער פּאָעט נחום באמזע, וועט מסכים זיין מיט מיר, אַז יצחק מאַרגוליעס האָט פאַרנומען אַ ספּעציעלן פּלאַץ נישט נאָר אַלס

איינער פון די ערשטע יידישע פעלעטאָניסטן אין גאַליציע, נאָר ווי אַ מחנך הדור און אַ זיידענע, האַרציקע פּערזענלעכקייט וואָס האָט מקרב געווען די יוגנט און זי געלערנט ליבן און שעצן די יידישע און העברעאישע ליטעראַטור. יצחק מאַרגוליעס איז געבוירן געוואָרן אין פּידקאמין. ער איז געווען דער זון פון פאַלקסדיכטער בערל בראָדער און אַליין זיך דערשלאָגן צו דער שטעלע פון אַ העברעאישן לערער אין דער באַראָן הירש שולע אין סאָקאָל. ער האָט אונדז אַלעמען באַגייסטערט נישט נאָר מיט זיינע לידער און פעליעטאָנען, נאָר נאָך מער, מיט זיין ליבע צום פאָלק און צו זיינע צוויי שפּראַכן — יידיש און העברעאיש.

XIV

פאַרן מלחמה־אויסברוך

מיר האָבן שוין פריער געזען ווי צוליב איר אויפפירן זיך בשעת דעם טערקישן קריג, און איר בגידה קעגן רוסלאַנד איז עסטרייך געבליבן מער און מער איזאָלירט און האָט זיך געמוזט פאַרלאָזן אויף דייטשלאַנדס חסד. דעם פּרייז וואָס עסטרייך האָט געקראָגן פאַר איר טאָפּלטן דיפּלאָמאַטישן שפּיל איז געווען אַ „פּראָטעקטאָראַט" איבער די מוזולמעניש־סלאַווישע פּראָווינצן פון באָשניע און הערצגאָווינע. די פרידנס־קאָנפערענץ אין בערלין האָט אין יאָר 1878 דעם „פּראָוויזאָרישן" פּראָטעקטאָראַט באַשטעטיקט. ווייניק וואָס האָבן די מלכים און שרים פאָראויסגעזען וויפל דינאַמיט עס ליגט אין דעם וואָרט „פּראָטעקטאָראַט".

עסטרייך וואָס איז געווען אַזוי רייך אין מיליטערישע מפּלות האָט שוין פון לאַנג געוואַרט אויף אַ „בלוטלאָזן" זיג, און אָט האָט זיך באַוויזן אַ גוטע געלעגנהייט. אין 1908 האָט דער קייסער געפייערט דעם זעכציקסטן יובל זינט ער האָט איבערגענומען די מלוכה. איך בין דעמאָלט געווען אין ווין, און איך מוז צוגעבן אַז דער יובל איז נישט נאָר געווען איינער פון די גרעסטע און אימפּאָזאַנטסטע, וואָס איך האָב ווען עס איז געזען, נאָר אויך אַן אמתער אויסדרוק פון התלהבות פאַר דעם אַלטן קייסער, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַזוי פיל טראַגעדיעס אין לעבן (אַ פּאָר יאָר נאָכן זעלבסטמאָרד פון זיין זון האָט אַן איטאַליענישער אַנאַרכיסט געשטאָכן זיין פרוי עליזאַבעט ביים אַרויפגיין אויף אַ שיפל

אין געגנט, אין סעפּטעמבער 1898). כדי דעם קייסער אַ ביסל צו פֿאַר־זיסן דאָס לעבן האָט דער אויסערן־מיניסטער און דער גאַנצער קאַבינעט געפּילט, אַז דאָס איז געווען דער פּאַסיקסטער מאָמענט צו פֿאַרשאַפֿן דעם קייסער אַ מתנה פֿון די לענדער באָסניע און הערצעגאָווינע צו זיין זעכ־ציקסטן טראָן־יובל. שוין אין סעפּטעמבער 1908 האָט דער אויסערן־מיניסטער, פֿרייהער פֿאָן ערענטאַל, איינגעלאַדן צו זיך ווי אַ גאַסט דעם רוסישן אויסערן־מיניסטער איזוואָלסקי, און אַז אַזעלכע צוויי פֿוקסן קו־מען זיך צוזאַמען, פֿליען ממילא פֿעדערן פֿון געכאַפּטע הינער. איזוואָלסקי האָט געהאַט אַ חשק אויף די דאַרדאַנעלן, און ערענטאַל האָט באַדאַרפֿט האָבן באָסניע, איז וואָס איז איינפֿאַכער ווי מאַכן אַ געשעפֿטל, אַן אויס־בייט? דער פּועל־יוצא דערפֿון איז דערווייל געווען די „פּראָקלאַמאַציע" פֿון עסטרייכישן קייזער, דעם 5טן אָקטאָבער 1908, וועגן דער אַנעקסיע (איינגלידערונג) פֿון באָסניע און הערצעגאָווינע אין דער עסטרייכיש־אונ־גאַרישער מאָנאַרכיע. אָבער בעת עסטרייך־אונגאַרן האָט שוין געהאַט געוווּנען באָסניע, האָבן די רוסן נאָך אַלץ געוואַרט אויף די דאַרדאַ־נעלן... דאָס האָט פֿאַרשטאַרקט די קנאה פֿון רוסלאַנד, און איזוואָלסקי האָט געשאָטן פֿעך און שוועבל אויף דעם „יידישן" שווינדלער ערענ־טאַל. (וועגן ערענטאַלס יידישער אָפּשטאַמונג האָט מען געשמאַק געשמו־עסט, כאָטש וויפֿל מיר איז באַקאַנט, האָט ער געשטאַמט פֿון בעמישן אדעל). פֿאַרשטייט זיך, אַז אַלצדינג איז נישט צוגעגאַנגען בשלום, און אין 1909 האָט עסטרייך דורכגעפֿירט אַ טיילווייזע מאָביליזאַציע פֿאַר אַ מעגלעכער מלחמה. צו קיין מלחמה איז עס טאַקע דערווייל נישט גע־קומען, אָבער דייטשלאַנד האָט זיך געלאָזט גוט באַצאָלן פֿאַר איר דיפּלאָ־מאַטישער אונטערשטיצונג. פֿון דעמאָלט אָן איז עסטרייך געוואָרן אַ „וואַסאַל" פֿון קייסער ווילהעלמס פּאָליטיק.

ערענטאַל איז געשטאָרבן אין פֿעברואַר 1912. אין אָקטאָבער האָט די קליינינקע מאָנטענעגרע אָנגעהויבן אַ מלחמה קעגן דער טערקיי און אַ פּאָר חדשים שפּעטער ווען דער גאַנצער באַלקאַן האָט זיך אָנגעצונדן פֿון די באַלקאַן־מלחמות איז סערביע אַרויס אַלס די שטאַרקסטע באַלקאַנישע מאַכט, און זי האָט אָנגעהויבן שפּילן איר אייגענעם, אָדער בעסער גע־זאָגט, רוסלאַנדס דיפּלאָמאַטישן שפּיל אויף דעם שאכברעט פֿון אייראָפּע־אישע מלוכהשע קאָנפֿליקטן.

בשעת די באַלקאַן מלחמות האָט עסטרייך מאָביליזירט און געדראָט,

אַז זי וועט אויך אַריין אין מלחמה. איך אַליין בין צוויי מאָל אַריין און אַרויס פונעם זעלנערישן מונדיר — אָבער אַלץ וואָס עסטרייך האָט באַוויזן, איז צו פאַרלירן נאָך מער פּרעסטיזש און איבערלאָזן אַ ברענענדיקן לעכצן נאָך נקמה מצד סערביע, וועלכער עסטרייך האָט נישט דערלאָזט אַז זי זאָל אַנעקסירן אַלבאַניע. שוין אין יענער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עסטרייך ווערט צוריבן פון צוויי פּאַרטייען, איינע מיטן קייסער בראש, וואָס האָט געוואָלט אָפּהיטן דעם שלום, און אַן אַנדערע, געפירט פון דעם פלאַם־פייערדיקן מיליטער־שעף קאָנראַד פאָן העצענדאָרף, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו העצן פאַר אַ „פּרעווענטיווער מלחמה קעגן סערביע״. אָבער סיי די פרידנס־פּאַרטיי, סיי די העצערישע מלחמה־גיריקע האָבן נישט געהאַט קיין אייגענעם ווילן: נישט זייער ווילן, נאָר ווילהעלמס האָט רעגירט אין עסטרייך, און די מאַריאָנעטקעס אויפן באַלפלאַץ (רעזידענץ פונעם עסטרייכישן אויסערן־מיניסטעריום) האָבן געטאַנצט לויט דעם טאַקט אָדער דיקטאַט פון פּאָטסדאַם.

פון דעמאָלט אָן, אָדער נאָך מער, זינט ערענטאַלס טויט, האָט זיך דער שלום אָנגעהויבן גליטשן באַרג־אַראָפּ. נאָך ערענטאַלן איז דער עסטרייכיש־אונגאַרישער אויסערן־מיניסטער געוואָרן גראַף לעאָפּאָלד בערכטאָלד, וואָס האָט נישט געהאַט ערענטאַלס „יידישן קאָפּ״ און אויך נישט די זעלבסטשטענדיקייט פון דעם פריערדיקן אויסערן־מיניסטער. אויף יעדן פאַל האָט נאָך ערענטאַלס טויט, העצענדאָרף געהאַט אַ בעסערן מקשיב אויפן באַלפלאַץ ווי ווען עס איז פריער. סערביע, ווידער, האָט געזאָטן מיט קאָנספּיראַציעס קעגן איר דם־שונא — עסטרייך.

ווען די עסטרייכישע רעגירונג וואָלט געווען אַרויסגעוויזן אַ ביסל מער שכל און געגעבן סערביע אַ פּאָר עקאָנאָמישע קאָנצעסיעס, וואָלט עס אפשר טאַקע יאָ מעגלעך געווען צוריק צוגעווינען דעם סערבישן גוטן־ווילן — יעדנפאַלס אָבער, וואָלט די ערשטע וועלט־מלחמה זיכער אַזוי שנעל נישט אויסגעבראָכן.

נאָך דעם זעלבסטמאָרד פון קייסער פראַנץ יאָזעפס איין און איינציקן זון, איז פראַנץ פערדינאַנד — אַ ברודערן־זון פונעם קייזער — געוואָרן דער יורש־העצר. אין קעגנזאַץ צו רודאָלפן איז פראַנץ פערדינאַנד געווען אַ מענטש אָן עקשן, קאָנסערוואַטיוו און געטריי צו דייטשלאַנדס העגעמאָניע.

דער אַלטער קייזער האָט זיך ממש מחיה געווען מיט אַזאַ פיינעם פּלימעניק. אָבער זיין שמחה האָט נישט לאַנג געדויערט. אין יאָר 1900 האָט פראַנץ פערדינאַנד חתונה געהאַט מיט דער גרעפין סאָפיע כאָטעק, אַ נישט־פּרינצלעכע „מארגאנאטישע" חתונה, וואָס האָט די ווייסע קייזערלעכע האָר געמאַכט נאָך ווייסער. ווידער אַ סקאַנדאַל אין קייזערלעכן הויזגעזינט! דער קייזער האָט אים דאָס קיינמאָל נישט מוחל געווען. ער האָט אים געצוווּנגען אונטערצושרייבן אַ פּראָטאָקאָל, אין וועלכן דער טראָן־פאָלגער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער מלוכהשער ירושה פאַר זיינע קינדער, און אויך זיין פרוי האָט נישט געטאָרט ווערן קיין „קייסערלעכע הויכקייט". דאָס האָט פערדינאַנדן נאָך מער פאַרביטערט און אים נאָך מער צוגעשמידט צום הויף פון זיין פריינט דעם דייטשן קייזער ווילהעלם.

דער נייער טראָנפאָלגער האָט אויך אָנגעהויבן זיך אַרומטראָגן מיט פּאָליטישע השגות, נעמלעך צו פאַרוואַנדלען די צווייטייליקע מאָנאַרכיע אין אַ דריי־טייליקער, מיט די זיד־סלאַוון, סלאָווענער, קראאטן און סערבן, אַלס דער דריטער שותף אין דער טריפּל־מאָנאַרכיע. די סערבן האָבן דערזען אין דעם פּלאַן אַ געפערלעכן שאכצוג קעגן זייער אייגענעם קיום, און קעגן דער מעגלעכקייט פון זייער אייגענער עקספּאַנסיע אויפן יסוד פון דער זיד־סלאַווישער „אירעדענטא". די פאַרשידענע סערבישע קאָנספּיראַטאָרישע אָרגאַניזאַציעס האָבן פאַרטאָפּלט זייער אַגיטאַציע און אָנגעהויבן פילן די באָמבעס וואָס זאָלן צעשמעטערן זייער גרעסטן שונא — טאַקע דעם פּרינצישן פריינט פון די זיד־סלאַוון. און אָט האָט דער צופאַל געגעבן אַ געלעגנהייט דערצו.

שוין אין מערץ 1914 האָט מען געוווּסט אין באָשניע אַז פראַנץ פערדינאַנד וועט קומען צו די קייסערלעכע מאַנעווערעס, וואָס זענען געווען געפּלאַנעוועט נעבן דער סערבישער גרענעץ. די „שוואַרצע האַנט" איז גלייך געוואָרן אַקטיוו. גענעראַל דראַגוטין דימיטריעוויטש, דער שעף פון דער שפּיאָנאַזש־אָפּטיילונג פון דער סערבישער רעגירונג, האָט פאַרטיילט די נויטיקע מיטלען צו קויפן באָמבעס און רעוואָלווערן, און האָט אויך געגעבן אינסטרוקציעס דורכצולאָזן דורך דער גרענעץ די דריי יונגע סטודענטן פון באָשניע, וועלכע מען האָט אויסגעוויילט און צוגעגרייט פאַר דער טעראָריסטישער מלאכה. דער פּלאַן איז געווען צוגעגרייט פאַר דערהרגענען דעם שני־למלך, פראַנץ פערדינאַנדן, בשעת דעם פאַראַד

וואָס די הויפּטשטאָט סאַראַיעוואָ האָט פאַר אים צוגעגרייט אויפן 28סטן יוני 1914. די ערשטע באָמבע האָט געוואָרפן איינער פון די טעראָריסטן נאַדיעקאַ כאַברינאָוויטש. אָבער די באָמבע האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון דעם קרוינפּרינצס אויטאָמאָביל און האָט עקספּלאָדירט אונטער אַן אַנ־דערן וואַגאָן און שווער פאַרוואונדעט אַ פּאָר פּרינצישע אַדיוטאַנטן. דער קרוינפּרינץ אַליין און זיין פרוי האָבן דערגרייכט דאָס ראָט־הויז פון שטאָט אָן אַ מכשול. דאָרט האָט מען די געסט אויפגענומען מיט פּאַראַד, אָבער ווען דער בירגערמייסטער האָט אָנגעהויבן זיין צוגעגרייטע רעדע מיט דער פאַרזיכערונג פון לאָיאַליטעט פון דער באַפעלקערונג צו דער דינאַסטיע, האָט דער אומגעדולדיקער טראָנפאָלגער אים מיט כעס אי־בערגעשלאָגן:

— פּלאַפּלט נישט אַזוי פיל, הער בירגערמייסטער, איר האָט שוין איינמאָל באַוויזן אייער לאָיאַליטעט — מיט באָמבעס!

אָבער דאַן איז געשען דאָס אומגלויבלעכסטע. דער קרוינפּרינץ האָט געוואָלט ווי אַמגיכסטן פאָרן באַזוכן די פאַרוואונדעטע אָפיצירן, און דער מיליטערישער גובערנאַטאָר, גענעראַל פּאָטיאָרעק, איז אויך געווען אומ־געדולדיק מחמת עס האָט געוואָרט אַן אָפיציעלע אויפנאַמע און אַ באַנ־קעט אין דעם גובערנאַטאָרס פּאַלאַץ. הגם קיינער האָט זיך נישט גע־רעכנט אויף אַ צווייטער אַטאַקע, האָט דאָך דער בעל־עגלה פון בירגער־מייסטערס וואָגן, וועלכער האָט געפירט די פּראָצעסיע, געקראָגן אַ באַ־פעל צו פאָרן אויף אַן אומוועג, ווו עס זענען געווען פאַרזאַמלט ווייניק מענטשן. איז אָבער פּונקט ווי ביים מגדל בבל אויך דאָ פאָרגעקומען אַ צעמישעניש, (פון לשונות אָדער מוחות), און דער שאָפער האָט אפנים נישט פאַרשטאַנען דעם באַפעל, און ער האָט אויסגעקליבן דווקא דעם אָפיציעלן פּאַראַד־וועג. ווען מען האָט באַמערקט דעם טעות, איז מען שטיין געבליבן און מען האָט אָנגעהויבן צוריק צו פאַרקירעווען די וועג־גענער. האָט ווידער אַמאָל דער שטן זיך אַריינגעמישט און עפּעס אַזוי פאַרפּלאָנטערט די יוצרות אַז גראָד דאָרט זאָל זיך געפינען דער טעראָ־ריסט גאַווריליאַ פּרינציפּ, וועלכער האָט — לויטן טעראָריסטישן פּלאַן — באַדאַרפט שטיין גאָר אינגאַנצן אויף אַן אַנדערן פּלאַץ. און איצט ביים צעמישעניש, ווען דעם קרוינפּרינצס וואָגן האָט געמוזט שטיין בלייבן, כדי דורכצולאָזן דעם בירגערמייסטערס פאַרקירעווטן וואָגן, — אפילו בשעת סכנה האָט מען געמוזט אָפּהיטן דעם עטיקעט — האָט גאַווריליאַ

פרינציפּ אָפּגעגעבן צוויי שאָסן פון זיין רעוואָלווער און דערהרגעט דעם קרוין־פּרינצס ווייב אויפן אָרט און דעם קרוין־פּרינץ אַליין שווער פאַר־וווּנדעט אין האַלדז. מען האָט זיי ביידע געבראַכט אין דעם גובערנאַטאָרס פּאַלאַץ, זי אַ טויטע, און ער איז צען מינוט שפּעטער געשטאָרבן. אָט אַ טראַגעדיע אַלס אַ רעזולטאַט פון אַ „קאָמעדיע פון טעותן".

מען דערציילט, אַז ווי נאָר דער קרוין־פּרינץ האָט אויסגעהויכט די נשמה, האָט גענעראַל פּאָטיאָרעק זיך געווענדעט צו די דיגניטאַרן מיט דער באַמערקונג:

— אַ גרויסע טראַגעדיע, מיינע הערן, אָבער עסן מוז מען!" —

און די ווערדיקע פאַרטרעטער פון דער עסטרייכיש־אונגאַרישער מאָ־נאַרכיע האָבן זיך אויסגעזעצט ביי די טישן, כדי נישט צו פאַרשעמען די סעודה. אָבער אויך דער אַלטער קייזער וואָס איז גראָד דעמאָלט געווען אין זיין זומער־קוראָרט אין אישל, האָט דערהערנדיק וועגן דעם טראַגישן טויט פון זיין טראָנפאָלגער, אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען נערוועז אין שטוב, דערנאָך איז ער פּלוצלינג שטיין געבליבן און האָט אויסגערופן:

— עס איז שרעקלעך, שרעקלעך! אָבער מען קען דעם רבונו של עולם נישט מורד זיין אָן אַ שטראָף. אַ העכערע מאַכט האָט צוריקגעבראַכט די אָרדענונג, וואָס איך לײדער האָב זי נישט געקענט אָנהאַלטן.

דאָס איז געווען אַן אָנדייט אויף פראַנץ־פערדינאַנדס מארגאנאטי־שער חתונה. אָבער באַצאָלט האָט דאָס פאָלק און נישט נאָר פערדינאַנד. און אָט ווי די בלוט־באָד האָט זיך אָנגעהויבן.

העצענדאָרף האָט געהעצט, בוריאַן — דער אויסערן־מיניסטער נאָך ערענטאַלן — האָט געבויאַנעוועט און קייסער ווילהעלם מיט דער קרוי־מער האַנט האָט געגאָסן בוימל אויפן פייער. דער אַלטער פראַנץ יאָזעף האָט זיך גראָד דעמאָלט נישט מער אַקעגן געשטעלט, און צום שלוס האָט אפילו גראַף טיסאַ, דער אונגאַרישער פּרעמיער, וועלכער האָט מער פון אַלעמען פאַרשטאַנען וואָס מען קען אין אַזאַ קריג פאַרלירן און אָפּגעשלעפּט פון געבן זיין הסכמה, האָט אויך שליסלעך נאָכגעגעבן און אַזוי אַרום איז דער קריג געוואָרן „אומפאַרמיידלעך".

די עסטרייכישע רעגירונג האָט אַרויסגעשיקט אַן אולטימאַטום צו סערביע, הגם זי האָט גוט געוווּסט אַז סערביע וועט דעם אולטימאַטום נישט אָננעמען, און דעם 25סטן יולי 1914, האָט עסטרייך דערקלערט מלחמה קעגן סערביע. דער שטורעם האָט אויסגעבראָכן.

אין די ערשטע טעג פון אויגוסט 1914 זענען שוין אַלע קריגס־דער־קלערונגען פון די אייראָפּעאישע גרויסמאַכטן געווען אַרויסגעשיקט, און מענטשן האָבן אָנגעהויבן פאַלן ווי פליגן. לאָרד גרעי, דער בריטישער אויסערן־מיניסטער, וואָס האָט ביזן לעצטן מאָמענט געשטרעבט אויפצו־האַלטן די קריגסלאַווינע, האָט דערקלערט:

— „די ליכט גייען אויס אין אייראָפּע!״

ער האָט מנבא געווען, אַז נאָך דער קאַטאַסטראָפע וועט דער איינצי־קער זיגער זיין דער סאָציאַליזם, און ווינסטאָן טשורטשיל האָט שפּעטער געשריבן, מיט זיין געוויינלעכן שיין־שרייבעריי:

— די אַלטע וועלט איז געווען אַזוי שיין אָנצוקוקן אין איר זון־אונטערגאַנג.

XV

גאַליציאַנער יידן אין אָנהויב קריג

ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן האָט עס ביים עולם אַרויסגערופן א שטאַרקן ענטוזיאַזם. מען האָט דורכגעפירט פּאַראַדן און מאַרשן, מען האָט געזונגען הוררא זמירות, געבראָכן שויבן ביי די סערבן און גע־שלאָגן די פיינטלעכע פרעמדע. עס האָט זיך געפילט אַ יום־טובדיקע שטימונג ביי אַלעמען. אַ כוואַליע פון פּאַטריאָטיזם האָט אויך פאַרכאַפּט די יידן. אַ קליינינקייט, אַ גדולה! — מען גייט שלאָגן אונדזער אַלטן שונא, דעם צאַרישן דעספּאָט! די יידן האָבן פאַרעפנטלעכט פּאַטריאָטישע פּראָקלאַמאַציעס, אויסרעכענענדיק אונדזערע חשבונות מיטן צאַריזם און אויפפאָדערנדיק די יוגנט זיך צו מעלדן פרייוויליק צום דינסט ביי די פּוילישע לעגיאָנען וואָס יוזעף פּילסודסקי האָט אָרגאַניזירט. אין „די וואָס זענען נישט געצוווּנגען שטאַרק פאַר מיליטערישן דינסט זאָלן ביישטייערן צו דער קאַסע פון דער פּוילישער קאָמאַנדע״. אַדאָלף שטאַנד און די רעדאַקטאָרן פון די פּאַרטיי־אָרגאַנען האָבן זיך געשטעלט בראש פון דער ליסטע פון ביישטייערערס פאַר די פּוילישע לעגיאָנען. אין קראָקע האָט זיך פאָרמירט אַ יידישער קאָמיטעט פון אַלע פּאַרטייען וואָס האָבן אַרויסגע־געבן דעם פאָלגנדיקן קול קורא:

„דער גרויסער און דערהויבענער מאָמענט איז איינגעטראָטן —
די אַזוי לאַנג דערוואַרטעטע שעה פון געשיכטלעכער פאַרגעלטונג

האָט געשלאָגן — דער מאָמענט פון אַ בלוטיקער אָפּרעכענונג צווישן ציוויליזאַציע און באַרבאַריזם, צווישן פרייהייט און דעספּאָטיזם איז ענדלעך געקומען.

„פּוילן גייט צום קאַמף מיטן צאַריזם, כדי צו צעברעכן די קייטן און אויסקעמפן פאַר זיך אַ בעסערע צוקונפט. דאָס בלוט פון מוטיקע קעמפער וועט זיך גיסן אויף דער פּוילישער ערד.

„אין אָט דער דאָזיקער היסטאָרישער שעה — און אין דער פולסטער און אומדערשיטערלעכער געטרייקייט צום קאָנסטיטוציאָ־נעלן עסטרייך, דריקן מיר אויס אונדזערע געפילן פון לאָיאַליטעט צו די קיינמאָל־נישט־פאַרעלטערטע רעכט און אידעאַלן פון פּוילן. פונעם טיפסטן האַרצן ווינטשן מיר די באַלדיקע פאַרווירקלעכונג פון די אידעאַלן, און דערוואַרטן מיט אומגעדולד דעם נצחון פון דער גערעכטער זאַך. מיר גלויבן באמונה שלמה אין דעם הערלעכן זיג און מיר ווילן העלפן באַשלייניקן זיין פאַרווירקלעכונג.

„אויך מיר אַלע, אָן אונטערשיד פון פּאָליטישע פּאַרטייען, זע־נען גרייט צו ברענגען קרבנות, וועלכע דער איצטיקער מאָמענט פאַרלאַנגט פון אונדז".

דער „קול קורא" איז געווען געחתמעט מיט די נעמען פון ד"ר פעלד־בלום, ד"ר צימערמאַן, שמואל ספּיראָ און ה. פּ. לייסטנער.

דער באַגייסטערטער אויפרוף האָט געפונען אַ בת־קול ביי דער יידישער יוגנט און אַ סך יידישע יונגע לייט האָבן וואָלונטירט אין די קאַדרען פון די פּוילישע לעגיאָנען. טראָצדעם איז דער עפעקט אויף די גוים געווען גאָר אַ קנאַפּער. די פּוילישע לעגיאָנערן זענען נישט גע־וואָרן אויף אַ האָר ווייניקער אַנטיסעמיטיש, סיי לגבי די, וועלכע האָבן געדינט אין די לעגיאָנען און סיי לגבי די, וועלכע זענען געווען אויסער־האַלב זיי.

די געשיכטע פון די לעגיאָנען איז ענג פאַרבונדן מיט דעם נאָמען פון שפּעטערדיקן מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי, וועלכער האָט דעם 3טן אויגוסט 1914, פאַרעפנטלעכט אַ פּראָקלאַמאַציע מיט אַ דערקלערונג, אַז אין וואַרשע איז שוין געשאַפן געוואָרן אַ פּוילישע פאָלקס־רעגירונג. דאָס איז געווען נישט מער ווי אַ „בלאָף". פּילסודסקי האָט גוט געוווּסט, אַז די פּאָליאַקן אין וואַרשע האָבן מער פיינט געהאַט דייטשלאַנד איידער

רוסלאַנד, און אַז זיי האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער רוסי־שער רעגירונג. אָבער אַלס אַ פּאָליטישער צוג, איז דאָס נישט געווען קיין שלעכטער ליגן. פּילסודסקי האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז אויב ער וועט זיך נישט צוויילן, וועט ער פאַרלירן דעם שעת־הכושר; און דעם 6טן אויגוסט 1914, האָט ער כאַפּ־לאַפּ־צאַפּ צונויפגענומען 172 לעגיאָנערן און האָט מיט זיי אַריינמאַרשירט קיין קעלץ „איינגענומען פּוילן". די דייטשן און עסטרייכער האָבן געהאָפט, אַז זיין מאַרש קען אפשר ווערן דער אָנהויב פון אַ פּוילישן אויפשטאַנד, און אַז דאָס וויניקסטע, וואָס וועט געשען, וועט זיין אַז טויזנטער וואָלונטירן וועלן זיך אָן אים אָנ־שליסן. האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזן אַז די גאַנצע זאַך האָט גע־האַנגען על בלי־מה. נישט נאָר עס איז נישט געווען קיין גרויסער גע־דראַנג פאַר אַ מאַסן מאָביליזאַציע, נאָר להיפוך, די באַפעלקערונג האָט די לעגיאָנערן באַגעגנט מיט שפּאָט און שנאה און האָט פאַר די „אויס־טריאַצקע גזלנים" פאַרמאַכט טיר און טויער.

ווען די עסטרייכישע מאַכט האָט דערזען דעם פיאַסקאָ, האָט זי זיך נישט מער פאַרלאָזן אויפן פּוילישן פּאַטריאָטיזם, און האָט פאַרלאַנגט אַז די לעגיאָנערן זאָלן שווערן געטריישאַפט צו פראַנץ יאָזעפן און אויס־פאָלגן די באַפעלן פון דער עסטרייכישער מיליטערמאַכט. (די רוסן האָבן אויך געהאַט די שטיצע פון אַן אַנדערן לעגיאָן אין מזרח, וועלכער איז געווען אָרגאַניזירט פון די ענדעקעס). אין קראָקע האָט פונקציאָנירט דער „העכסטער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט" נ. ק. נ., וועלכער האָט איבער־גענומען די פירונג פון די פּוילישע אינטערעסן אין עסטרייך. דער נ. ק. נ. קאָמיטעט האָט אַרומגענומען אַלע פּאַרטייען אַ חוץ די ענדעקעס, וואָס האָבן זיך באַלד צוריקגעצויגן — די ענדעקעס זענען אַלעמאָל גע־ווען אָריענטירט אויף רוסלאַנד קעגן די צענטראַל מאַכטן. אָן דער שפּיץ פון דער מיליטערישער אָפּטיילונג פונעם אויבער־קאָמיטעט איז געשטאַ־נען דער יונגער אינזשיניער — אבערשט וולאַדיסלאַוו שיקאָרסקי (שפּע־טערדיקער פּוילישער פּרעמיער־מיניסטער און פירנדיקער מיליטערמאַן). פּילסודסקי איז געווען נישט מער ווי דער קאָמענדאַנט פון דער ערשטער בריגאַדע. אָבער אַ דאַנק דעם וואָס דער „בריגאַדיער" איז געווען אין פעלד, בשעת אַנדערע זענען געזעסן אין די קאַנצעלאַריעס, איז ער פּאַ־וואָליע געוואָרן דער פּאָפּולערסטער פירער, מיט וועלכן מען האָט זיך געמוזט רעכענען.

די לעגיאָנערן האָבן זיך מוטיק געשלאָגן פעסט אין זייער גלויבן, אַז זיי קעמפן נישט נאָר פאַר עסטרייך נאָר טאַקע פאַר פוילן גופא. זיי האָבן געהאַט גרויסע פאַרלוסטן. אָבער זייערע אַנטיסעמיטישע שטיקלעך, וואָס איך האָב באַמערקט אין מערב־גאַליציע און אין די בוקאָווינער שטעט־לעך, האָבן באַוויזן, אַז פוילן מיינט ביי זיי טאַקע אמתע פּאָליאַקן אָבער נישט קיין יידן, טראָצדעם וואָס צווישן זייערע געפאַלענע האָבן זיך גע־פונען פיל יונגע יידישע וואָלונטירן. פונדעסטוועגן האָבן די יידן נישט נאָר מוטיק געקעמפט פאַר פוילן, נאָר די יידישע פירער האָבן אפילו געזוכט אָנצוקניפּן ענגערע באַציאונגען מיט דעם נאַציאָנאַלן אויבער־קאָמיטעט, צו וועלכן עס האָבן אגב אויך באַלאַנגט אַ פּאָר יידן. אָבער אַלע באַמיאונגען זענען געווען פרוכטלאָז. אַן אַנדערער פאָרשלאַג, אַז אַ יידישע דעפּוטאַציע זאָל באַזוכן דעם צוקונפטיקן פוילישן קעניג, ערצ־הערצאָג קאַרל סטעפאַן, וועלכער איז געווען שטאַרק פּאָלאָניזירט און איז געווען אומאָפיציעל באַשטימט פאַרן יורש פונעם פוילישן טראָן, איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

דאָך האָט מען פון פאַרשידענע זייטן געזוכט יידישע סימפּאַטיעס. אָט ברענגען מיר דאָ פראַגמענטן פון די פּראָקלאַמאַציעס, וואָס די רעגי־רונגען און זייערע מיליטער־שטאַבן האָבן פאַרעפנטלעכט אין אָנהויב פון קריג, און וואָס האָבן צוגעזאָגט גאָלדענע בערג פאַר די „טייערע יידן אין פוילן". עס זענען דאָ פאַרשידענע טעקסטן פון די אויפרופן און דעקלאַראַציעס מחמת יעדע קאָמאַנדשאַפט האָט געענדערט אַ ביסל דעם נוסח. אַלע פּראָקלאַמאַציעס זענען געווען אין יידיש, פויליש און דייטש. אָט זענען אַ פּאָר ראשי־תבות פון אַ לאַנגן קול־קורא פון די „גענעראַל־קאָמאַנדשאַפטן פון די פאַראייניקטע אַרמייען פון דייטשלאַנד און עסטרייך־אונגאַרן":

> „יידן פון פוילן! די שעה פון פאַרגעלטונג האָט געשלאָגן... איר אָבער האָט די הייליקסטע פליכט צו טון אַלצדינג כדי צו העלפן אין דער גאולה־אַרבעט..."

דער אויפרוף דערציילט ווי די יידן זענען געפייניקט געוואָרן אין רוסלאַנד, איבער די „מאַסן־אויסווייזונגען", דעם ביילים־פּראָצעס, און „בלויז מיט געלע פעסער אַלס פּראָסטיטוטקעס, האָבן זיי (אייערע טעכ־טער) געמעגט וווינען אין רוסלאַנד", און צום שלוס נאָכן אויסרעכענען

די מעלות טובות פון די איידעלע צענטראַל־מאַכטן, קומט די פאַרזיכע־רונג: „פאַר אונדזערע זעלנער באַדאַרפט איר נישט מורא האָבן. קיין איין האָר וועט פון אייערע קעפּ נישט אַראָפּפאַלן...״

אין אַן אַנדערן אויפרוף, וואָס שטאַמט פון דער אַרמיי און דער קאָמאַנדשאַפט, ווערט די ווענדונג אַדרעסירט צו „דער איזראַעליטישער באַ־פעלקערונג אין רוסלאַנד״. ער הייבט זיך אָן כהאי לשנא: „די געטלעכע השגחה האָט גורם געווען אַז די עסטרייכיש־אונגאַרישע אַרמיי זאָל אויף דעם באַפעל פון איר מאָנאַרך איבערשרייטן די גרענעץ פונעם רוסישן רייך״. נאָך אַ לאַנגער הקדמה וועגן דעם אַז דאָס איז אַ מלחמה פאַר גערעכטיקייט, אאַ״וו, אאַ״וו, הויבט זיך אָן דער יידישער טייל: „איר ישראלים (איזראַעליטן) באַדאַרפט גערעכטיקייט מער ווי אַלעס. איר האָט ביז איצט געהאַט צו ליידן פון אַ מיטלאַלטערלעכן סיסטעם פון אומגערעכטיקייט... מיר אָבער ברענגען אייך די לאַנג־דערוואַר־טעטע און אַזוי פאַרבענקטע גערעכטיקייט! Justicia fundamentum regnorum איז תמיד געווען פאַר אַלע פון דער גלאָררייכער האַבס־בורגער דינאַסטיע. דער שפּרוך שטאַמט פון אייערע הייליקע שריפטן, און איז אין עסטרייך שוין פון לאַנגע, לאַנגע יאָרן מקוים געוואָרן...״

די יידן, פאַרשטייט זיך — איך מיין דאָ די יידן פון עסטרייך און נישט די רוסישע — זענען געווען סיי פּאַטריאָטיש, סיי דאַנקבאַר. אַ „סליחה״ וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן אין זעכצנטן יאָרהונדערט פון רבי אליעזר אשכנזי, דעם דעמאָלטיקן רב פון קראָקע, איז געוואָרן אַ טייל פון דער טאָג־טעגלעכער תפילה. נאָך דער סליחה איז געקומען אַ תפילה מיט אַן ענלעכן פּאַטריאָטישן אינהאַלט. די יידישע סוחרים פון לעמבערג האָבן פון זייער זייט אויך אַרויסגעגעבן אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער נחמה: „ענדלעך איז פאַר פאָניען געקומען דער טאָג פון משפּט״. די פּראָקלאַמאַציע רעכנט אויס אַ ליסטע פון די צאַרישע אכזריותן לגבי די יידן און ענדיקט זיך מיט דער דערקלערונג, אַז דאָס איז אַ „הייליקע מלחמה״, און „ווער עס איז נישט אימשטאַנד צו גיין אין מלחמה אַריין קעמפן, דער זאָל זיין לעצטן העלער (גראָשן) שפּענדן כדי די יעניקע אויסצוהאַלטן, וואָס ווילן פאַרגיסן זייער בלוט און איינשטעלן זייערע לעבנס פאַרן קייסער, פאַרן פאָטערלאַנד, פאַר דער מענטשהייט״.

מיר ווילן ענדיקן דעם קאַפּיטל מיט אַ ליד וואָס באַווייזט, אַז דער פאָניע־האַס און דער עסטרייכיש־דייטשער פּאַטריאָטיזם זענען נישט

געווען קיין אויסשליסלעכע גאַליציאַנער חולאתן, חלילה! אין אַמעריקע האָט מאָריס ראָזענפעלד געזונגען:

אין רוסלאַנד איז מיין וויגל געשטאַנען
דאָרט האָט מען מיך צום שלאָף געזונגען
עס האָט אין לאַנד פון די טיראַנען...
מיין וויגליד טרויעריק געקלונגען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

פאַר יעדן שמיץ וואָס זיי דערלאַנגען—
באַגלייט מיט דער געשיכטע בייזער
רוף איך מיט פריילעכן געזאַנג
הוראַ פאַר דייטשלאַנד! הויך דער קייסער!

יעדער איינער פון אונדז איז געווען אַ גרויסער פּאַטריאָט און געשריגן „הוראַ״ מיט דריי רישן. איך האָב געזונגען „גאָט זאָל דערהאַלטן, גאָט זאָל באַשיצן אונדזער קייסער, אונדזער לאַנד״ מיט אַ שטאַרקער כוונה, און דער „ראַדעצקי מאַרש״ האָט אין מיינע אויערן געקלונגען ווי עפּעס אַ פייגער חסידישער ניגון פונעם רבינס הויף. איך בין געווען שטאָלץ מיט מיין לאַנגער שווערד, וואָס האָט זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס, און מיט די אָפיצערסקע טראָלדן! אַלס אַ מיליטער־דאָקטאָר ביים רעגי־מענט, האָב איך געהאַט די אויפגאַבע צו האַלטן „מאַראָדן (חולים)־וויזיטן״, און צו די וויזיטן האָבן זיך געמאָלדן אַלע די, וואָס האָבן זייער פּאַטריאָטיזם געוואָלט אויסלעבן אין דער היים, אָנשטאָט אין די שוצנ־גריבער. וואָס נענטער ס'איז געקומען דער טאָג פון „אָפּמאַרש״ פונעם רעגימענט, אַלץ פולער איז געוואָרן מיין שטיבל מיט די מאָדנע חסידים מיינע. ספּעציעל איז אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע צווישן די פּראָפעסיאָ־נעלע אָפיצירן און אונטער־אָפיצירן. די רעזערוויסטן האָבן זיך דווקא יאָ גוט געהאַלטן, אָבער נישט די אַקטיווע אָפיצירן. איינמאָל האָט מיר אַן אָפיציר געשעפּטשעט אין אויער אַריין:

— איר ווייסט, דאָקטאָר, וואָס מען זאָגט אויף אייך? מען זאָגט יאַקבי, אַז איר שיקט אַהיים אַלע יידן״.

איך האָב אים געענטפערט:

— אפשר איז דאָס טאַקע דערפאַר וואָס עס קומען צו מיר אַזוי וויניק יידן, און אַזוי פיל פון די „מוטיקע אָפיצירן״.

איך בין זיך מתוודה, אַז איך אַליין האָב אויך געהאַט שטאַרקע

תרעומות אויף יידישע סאָלדאַטן וואָס האָבן זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון דער מלחמה, אָבער אויב אַ ייד וויל נישט דינען און דער דאָקטאָר וויל אים נישט צווינגען, געפינט מען תמיד עפעס אַ חולאתל: אַ ״פּאָר פיס וואָס זענען פלאַטשיק ווי אַ שמירה מצה, מערידן — גרויס ווי סער־בישע פלוימען, אָדער סתם אַ שוואַך האַרץ, וואָס האָט נעבעך אַזוי גע־קלאַפּט פאַר פחד אַז אפילו אַ טויבער וואָלט געקענט הערן. ממש דאָס האַרץ איז געשפּרונגען ווי אַ קאַזע״. פונדעסטוועגן וואָלט עס געווען פאַלש צו דענקען אַז יידן האָבן זיך אויסגעהיט פון מיליטער מער פון די גויים. להיפּוך, דער פּראָצענט פון יידן וואָס זענען אַוועק אין דער מלחמה אַריין איז געווען פאַרהעלטניש־מעסיק העכער פון אַנדערע פעלקער. יידן האָבן פאַרנומען אַ בכבודיקן פּלאַץ צווישן די סאָלדאַטן און אָפיצירן וואָס האָבן געקריגן העלדישקייט־מעדאַלן, און האָבן צוגעשטעלט אַ גאָר הויכן קאָנטינגענט פון די קרבנות — געפאַלענע און פאַרוווּנדעטע.

XVI

די מלחמה צעפלאַקערט זיך

א. צאַרסקע פּאַגראָמען

יעדער קריג איז ווי אַ קאָרטן־שפּיל. קיין קאָרטן־שפּילער ווייסט נישט, ווער עס וועט געווינען, אַזוי לאַנג ווי ער קען נישט יענעמס קאָרטן און ווייסט נישט וואָס דער צופאַל קען ברענגען. כדי צו קענען געווינען, דאַרף מען אויך האָבן גליק און די גענעראַלן זענען בטבע אי אַליין פאַרטאַצקע שפּילער, אי זיי האָבן ווייניק גליק מיט זייערע נבואות. עס איז געווען קלאָר פאַר יעדן פאַרוואָס עסטרייך האָט נישט געטאָרט אַריין אין מלחמה. זי האָט געהאַט אַן אַרמיי פון אומצופרידענע פאָלקסמאַסן, ווי די טשעכן, למשל, וואָס האָבן געהאַט גענוי אויסגערעכנט, אַז עסטרייכס מפּלה וועט זיין פאַר זיי דער בעסטער נצחון. עס איז אויך נישט געווען קיין סוד, אַז עסטרייך האָט פאַרמאָגט אַ שלעכטן אָפיצירן־שטאַב. דערפאַר האָט איר גאָט באַשערט צו האָבן דעם ״געניאַלן״ גענע־ראַל העצענדאָרף, וואָס האָט געקענט מער העצן ווי געווינען מלחמות. די עסטרייכישע טאַקטיק איז געווען צו מאַכן אַן ״איבערראַשונג״, איידער רוסלאַנד וועט קענען מאָביליזירן אירע אַרמייען. זענען טאַקע די עסט־

רייכישע אַרמייען באַלד אַרויס אויף זייער „זיגער־צוג“ ביז איבער לוב־לין. אָבער פּונקט אַזוי גיך איז געקומען דער אומקער. שוין דעם 14טן אויגוסט 1914 האָט גענעראַל רוזסקי פאַרנומען דאָס שטעטל סאָקאָל, און ברוסילאָוו האָט צוויי וואָכן שפּעטער פאַרנומען טאַרנאָפּאָל און האַליטש; און דעם 3טן סעפּטעמבער 1914, האָט ער אַריינמאַרשירט קיין לעמ־בערג. נעבן לעמבערג זענען גאַנצע רעגימענטן פון גאַליציש־רוטענישע סאָלדאַטן אַריבערגעלאָפן צו די רוסן, און עס איז גאָר קיין וווּנדער נישט, וואָס די רוסישע לאַווינע האָט פאַרשאַטן דאָס לאַנד ווי אַ שניי־שטורעם.

דעם 23סטן סעפּטעמבער זענען די רוסן אַריבער דעם סאַן און פאַר־נומען יאַראָסלאַוו. די שטאַרקע פעסטונג פון פּשעמישל איז אַרומגע־רינגלט געוואָרן. מיין רעגימענט, און איך מיט אים, זענען געווען די לעצטע צו פאַרלאָזן פּשעמישל, איידער דער פיינטלעכער רינג האָט זיך געשלאָסן. אויפן וועג האָבן די סאָלדאַטן פון מיין רעגימענט געכאַפּט די כאָלערע. די איבערגעשראָקענע באַאַמטע האָבן אונדז גלייך אָנגעלאָדן אין וואַגאָנען און געשיקט וווהין דער לאָקאָמאָטיוו וועט אונדז פירן. קיינער האָט נישט געוואָלט צוקומען צו אונדז, און אָט אַזוי זענען מיר פאַרפאָרן אַזש קיין בודאַפּעשט, ווו מען האָט אונדז תיכף קוואַראַנטירט אויף גאַנצע פיר וואָכן צייט. איך אַליין האָב קיינמאָל פריער נישט געזען קיין איין פאַל פון כאָלערע, און איך האָב נאָר געוווּסט אַזוי פיל וועגן דעם חולאת וואָס איך האָב געלערנט אין די ביכער. איז דאָס טאַקע פאַר מיר געווען איינע פון די שרעקלעכסטע דערפאַרונגען פון מיין גאַנצער מעדיצינישער קאַריערע.

אָט מעלדעט מען מיר, אַז דער אָדער יענער סאָלדאַט איז קראַנק. איך גיב אַ קוק אויף דער בלייך־געלער טויטן־מאַסקע פון אַ פּנים מיט די ווילדע, טיף איינגעזונקענע אויגן, און איך הייס רופן דעם גלח. אָט אַזוי האָבן זיך אָנגעזאַמלט מאַסן פון טויטע, וועלכע מיר האָבן באַגאַסן מיט קאַלעך און באַגראָבן ווו עס האָט זיך געלאָזן. אָבער זעלטן־ווו האָט מען אונדז געלאָזן זיך אָפּשטעלן, און מיר האָבן געפירט גאַנצע וואַגאָ־נען מיט טויטע. אַממיינסטן דערשראָקן זענען געווען די אָפיצירן. אַ דריי אין מאָגן, אַ ברומעניש אין די געדערים, און מען שרייט: „געוואַלד, דאָק־טאָר, ראַטעוועט!“ ווען איך דערמאָן זיך אָן יענער צייט, פאַרשטיי איך אַליין נישט, ווי אַזוי די כאָלערע האָט זיך צו מיר נישט געטשעפּעט.

אָבער נישט נאָר מיר זענען „געלאָפן״. דער גאַנצער פּראָנט איז געלאָפן, נישט אַזוי צוליב דער כאָלערע, ווי צוליב די רוסן, וואָס האָבן נישט געוואָלט בלייבן שטיין. גאַנץ גאַליציע ביז צו דער פעסטונג קראָקע, און די בוקאָווינע ביז צו די קאַרפּאַטן, זענען אין משך פון אַ צוויי־דריי חדשים פון דער ערשטער רוסישער אָפענזיווע אַריינגעפאַלן אין רוסישע הענט.

ווען די רוסן זענען אַריין אין גאַליציע, איז מיט זיי אַריין דער ירגזון. די ערשטע שטאָט וואָס איז געפאַלן אַ קרבן פון דעם רוסישן באַרבאַריזם איז געווען בראָד, ווו די גאַנצע יידישע געגנט איז פון די קאָזאַקן ממש באָמבאַרדירט געוואָרן. אומעטום ווו די רוסן האָבן אַריינמאַרשירט, זענען פאָרגעקומען גרעסערע אָדער קלענערע פּאָגראָמען. אין דער הויפּט־שטאָט לעמבערג האָבן פערציק יידן פאַרלוירן זייערע לעבנס צוליב דעם פּאָגראָם וואָס איז אויסגעבראָכן ערב יום־כפור (27סטער סעפּטעמבער 1914). בשעת דעם פּאָגראָם האָט דער נישט־יידישער דעפּוטאַט ערנסט ט. ברייטער, דער „זשידאָווסקי אַדוואָקאַט״, וועלכער איז פאַרבליבן אין לעמבערג כדי נישט איבערצולאָזן די באַפעלקערונג אָן אַ וואָס־עס־איז רעכטלעכן שוץ — פּראָטעסטירט ביים רוסישן גאָווערנער גראַף באָברינ־סקי. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט ווייניק וואָס געהאָלפן. דער ראש פון דער יידישער קהילה ד״ר יעקב דיאַמאַנד האָט מוטיק געקעמפט קעגן דעם רוסישן רשעות. מיר וועלן נישט באַשרייבן אַלע שטעט און שטעטלעך ווו פּאָגראָמען און אכזריותן האָבן זיך אָפּגעשפּילט. ש. אַנסקיס וויכטיק ווערק „חורבן גאַליציע״ איז צו גוט באַקאַנט, כדי נישט צו דאַרפן מאַכן הוספות צו זיינע האַרצרייסנדיקע שילדערונגען. דאָרט זענען אויך באַשריבן די הילפס־אַקציעס און אינטערווענציעס, וואָס די רוסישע יידן האָבן אונ־טערגענומען לטובת זייערע גאַליצישע ברידער. דאָ האַנדלט זיך נישט מער ווי וועגן דעם לייט־מאָטיוו און וועגן דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם טרויעריקן צושטאַנד, און צוליב דעם מוזן מיר אַ ביסעלע צוריקגיין אין צייט און שטח.

ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן האָבן די רוסישע יידן אַרויסגעוויזן פונקט אַזוי פיל רוסישן פּאַטריאָטיזם ווי די עסטרייכישע יידן לגבי זייער לאַנד. אויך די פּאָליאַקן האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרויסן ענטוזיאַזם פאַר רוסלאַנד. אין אָנהויב פון קריג, דעם 8טן אויגוסט 1914, האָבן די פּוי־לישע פאַרטרעטער אין דער דומאַ געמאַכט אַ שטאַרקע דערקלערונג פון

לאָיאַליטעט צום צאַר, וואָס האָט ממש געמאַכט אַ סענסאַציע אין איירא־פּע. דער גרויספירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט געענטפערט מיט אַ מאַניפעסט, וואָס האָט עלעקטריזירט די פּאָליאַקן פון איין עק רוסיש־פּוילן ביז צום אַנדערן. אין דעם מאַניפעסט האָט זיך געזאָגט:

„די שעה האָט אויסגעשלאָגן ווען די הייליקע חלומות פון אייערע טאַטעס און זיידעס קענען רעאַליזירט ווערן. אַנדערהאַלבן יאָרהונדער־טער זענען אַוועק זייט דער לעבעדיקער טייל פון פּוילן איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקער, אָבער די נשמה פונעם לאַנד איז נישט טויט. זי לעבט, אינספּירירט פון דער האָפענונג אַז עס וועט קומען פאַרן פּוילישן פאָלק די שעה פון אַ ווידערגעבורט און פון אַ ברידערלעכן איבערבעטן מיט רוסלאַנד. די רוסישע אַרמיי ברענגט אייך אַ פייערלע־כע דערקלערונג פון אַן אויסגלייך, וואָס האָט געמאַכט פאַרשווונדן די גרענעצן וואָס האָבן אָפּגעטיילט די פּוילישע באַפעלקערונג איינע פון די אַנדערע; איצט זענען זיי פאַראייניקט אינאיינעם אונטער דעם סצעפּטער פונעם צאַר...“

דאָס זענען אַלץ געווען ווערטער וועלכע די פּאָליאַקן האָבן שוין לאַנג נישט געהערט, און זייער ענטפער איז געווען: אַ באַגייסטערטער „ניעך זשיע“ — „לאַנג זאָל לעבן דער צאַר!“

און איצט, אַלס קאָנטראַסט, לאָמיר איבערלייענען אַן אַנדערע פּראָק־לאַמאַציע פון גרויס־פירשט ניקאָלאַי, וואָס איז געווען געריכטעט צו די גובערנאַטאָרס און מיליטערישע קאָמאַנדשאַפטן:

„אונדזער דערפאַרונג אין קריג האָט אונדז קלאָר געמאַכט די עקזיסטענץ פון אַ פיינטלעכער האַלטונג פון דער יידישער באַפעל־קערונג, ספּעציעל אין גאַליציע און אין בוקאָווינע. ווי נאָר עס קומט פאָר עפּעס אַן ענדערונג פון אונדזערע פּאָזיציעס, און עס ווערן נוי־טיק צו מאַכן אַן אומגרופּירונג פון אונדזערע חיילות, און יעדעס מאָל ווען מיר זענען געצוווּנגען צייטווייליק צו פאַרלאָזן דעם אָדער יענעם שטח, ווערן צוליב דער מסירה פון יידן אַנגעווענדעט די גרויזאַמסטע מיטלען קעגן די לאָיאַלע נישט־יידישע איינוווינער. בכדי צו שיצן די אונדזז טרייגעבליבענע באַפעלקערונג קעגן דער נקמה פון פיינט, און כדי צו שיצן אונדזערע חיילות קעגן דעם

פאַראַט וואָס די יידן זענען בכוח צו באַגיין אויף דעם גאַנצן פראָנט,
געפינט דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון די מלחמה קרעפטן פאַר נויטיק
גוזר צו זיין, אַז די יידן זאָלן פאַרטריבן ווערן ווי נאָר דער פיינט
ציט זיך צוריק, און אַז עס זאָלן פון זיי גענומען ווערן לעבעדיקע
משכנות. גאַנץ באַזונדערס זאָלן אויסגעקליבן ווערן די רייכע און
פאַרמעגלעכע יידן און די וועלכע פאַרנעמען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין
דער קהילה, ספּעציעל די רבנים וואָס באַזיצן אַ גרויסע השפּעה
אין זייערע שטעט. אַלע די זאָל מען אַרעסטירן און פאַרשיקן אין
די טיפערע טיילן פונעם לאַנד, אַנהויבנדיק מיט דער קיעווער גובער־
ניע, ווו זיי זאָלן געהאַלטן ווערן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן...
גלייכצייטיק אָבער איז אויך די נישט־יידישע באַפעלקערונג אויפ־
צוקלערן, אַז דאָס געשעט צוליב זייער אייגענעם זעלבסטשוץ... און
אַז די יידישע באַפעלקערונג האָט אומלאָיאַל און פאַררעטעריש זיך
אויפגעפירט קעגן אונדז און פאַרמאָגט גאָרנישט קיין סימפּאַטיע
פאַר דער נישט־יידישער באַפעלקערונג״.

און ווייטער: „די רעגירונג־באַאַמטע פון די פאַרשידענע פּראָ־
ווינצן ווערן אויפגעפאָדערט אַז זיי זאָלן פּראָוויזאָריש אינטערנירן
די יידן אין די פּראָווינצן לינקס פונעם דניעפּער, און עס איז חל
אויפן מיניסטער פאַר אינערע ענינים צו געפינען וועגן און מיטלען
פאַר דער פאַרטרייבונג פון די געפאַנגענע אין אַ ווייטן גלות״.

אַזוי וויט דער טעקסט פון דער פּראָקלאַמאַציע. פאַרשידענע נידע־
ריקערע קאָמאַנדירן האָבן אַרויסגעגעבן זייערע אייגענע טעקסטן פון דער
גזירה.

איז מילא, ווער האָט עס עפּעס געקענט דערוואַרטן יושר פון צאַרסקע
גענעראַלן?

אין יעדער שטאָט און שטעטל, ווו די רוסן האָבן נאָר אַריינמאַר־
שירט, האָבן די פּאָליאַקן גלייך „אַנטדעקט״ געהיימע טעלעפאָנען און טע־
לעגראַפישע פאַרבינדונגען מיט דעם דייטשן פראָנט, און זיי האָבן אפילו
„געזען״ באַשיימפּערלעך ווי יידן האָבן אָפּגעראַטעוועט פון רוסישער
געפאַנגענשאַפט נישט קיין אַנדערן ווי טאַקע דעם קייזער ווילהעלם אַליין.
די לופט איז געווען ממילא אַ פאַרסמטע, און די פּאָליאַקן האָבן צוגע־
וואָרפן אַלץ מער רכילות.

פאַרשטייט זיך אַז אין מזרח־גאַליציע, ווו די פראָנטליניע איז געווען אַזאַ בלוטיקע, האָט מען יידן שוין גאָר נישט געשאַנעוועט. אַ חוץ די פּאָגראָמען, וועלכע מיר האָבן אויבן שוין דערמאָנט, איז די „פּרעווענטיווע עוואַקואַציע" (אַ וואָרט וואָס האָט אַ פּאָר און צוואַנציק יאָר שפּעטער געהאַט אַזאַ שרעקלעכן טויט־קלאַנג) געגאַנגען ווי אויף רעדער. מען האָט פאַרטריבן די יידן ביים „פאַראויס־מאַרש" און ביים „צוריק־מאַרש", און די יידישע קהילות זענען אויסגעליידיקט געוואָרן אָן שום רחמנות. פון פּשעמישל האָבן די רוסן, אַזוי גיך ווי עס איז זיי געלונגען צו פאַרנעמען די פעסטונג, פאַרטריבן די איבערגעבליבענע 15.000 יידן; פון זאַלעשטשיק זענען פאַרטריבן געוואָרן 8.000 יידן, און טויזנטער מענטשן פון שניאַטין, הושאַטין, בוטשאַטש און אַנדערע. דאָס האָט זיך אַזוי איבערגעחזרט ביי יעדער ענדערונג פון פראָנט; ביי דעם גרויסן „ריק־צוג", נאָך דער רוסישער מפּלה אין 1915, ביי דער ברוסילאָוו־אָפענסיווע אין 1916, און אפילו אין זומער 1917, ביי דער לעצטער, שוין גאָר נישט קיין צאַרישער, נאָר ביי דער קערענסקי־אָפענסיווע, זענען אויך פאָרגעקומען פּאָגראָמען. אין אַ באַריכט פון דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון קריגס־מיניסטעריום „די אַרמיי און פלאָט פונעם פרייען רוסלאַנד" (אויגוסט 17, 1917) לעזן מיר וועגן אַ שרעקלעכן פּאָגראָם אין קאַלוש: „די סאָלדאַטן האָבן אויסגעטון די קינדער נאַקעט, זיי אויסגערויבט, די מיידלעך פאַרגוואַלטיקט, און אַלעמען צעהרגעט. אויף דער גאַס האָבן זיי אויפגעשטעלט מאַשינגעווער און דערשאָסן אַלעמען וואָס איז געבליבן ביים לעבן..." אַזאַ מין פּאָגראָם איז אויך פאָרגעקומען אין טאַרנאָפּאָל.

אָבער דער גרויסער יידישער עולם אין גאַליציע, הונדערטער טויזנטער פון זיי, האָבן נישט געוואַרט ביז די רוסן וועלן זיי פאַרטרייבן. זיי זענען אַנטלאָפן פון גאַליציע און בוקאָווינע, איידער נאָך זייערע שטעט און שטעטלעך זענען פאַרפלייצט געוואָרן פון דער רוסישער אַרמיי. די צאָל פון גאַליצישע פּליטים האָט מען אָפּגעשאַצט אויף 400.000. כמעט די העלפט פון אַלע יידן פון גאַליציע זענען געוואָרן פּליטים. — און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער טראַגישער קאַפּיטל פונעם גאַליצישן פּליטים־פּראָבלעם.

ב. די פּליטים

איך קען די פּליטים־טראַגעדיע נישט נאָר ווי אַן אָבסערוואַטאָר וואָס באַשרייבט וואָס ער האָט געזען, און אפילו נישט אַלס איינער וואָס איז געווען אַליין אַ פּליט, נאָר אַלס איינער וואָס האָט דאָס אַלץ געזען מיט די אויגן און לײַדן פון זײַנע אייגענע עלטערן — עפּעס וואָס טוט מער ווי, און לאָזט איבער טיפערע ווונדערן, איידער ביי דעם וואָס האָט אַליין געליטן די פּורעניותן אויף זײַן אייגן לײַב. און אויב איך ברענג דאָ אַ פּאָר פאַקטן וועגן דעם איז דאָס נישט, חלילה, צוליב דעם וואָס איך וויל זײַן מעלאָדראַמאַטיש, נאָר מחמת אין דעם פאַל שפּיגלט זיך אָפּ דאָס לעבן פון אַ סך אַנדערע, די גאַנצע פּליטים־פּראַגע בזעיר ענפּין.

ווען די רוסישע קאַטשעלקע האָט אָנגעהויבן קנעטן די ערד פון מזרח־גאַליציע האָבן די יידן אָנגעהויבן לויפן וואָס נענטער צו מערב. די גרעסטע בהלה איז געווען אין די קליינע שטעטלעך, ווי סאַסאָוו, למשל, וואָס איז געלעגן נאָענט צום גרענעץ. ווען די שמועה וועגן רוסישן דורכברוך איז געקומען נענטער, האָט באַלד מײַן טאַטע ע״ה, אויפגעזעצט די מוטער מיטן קינד אויף אַ פור צו דער באַן קיין זלאָטשעוו אויפן וועג קיין לעמבערג. ער אַליין האָט געזאָלט נאָכקומען אַ טאָג שפּעטער, נאָכ־דעם ווי ער וועט ליקווידירן זײַן ווירטשאַפט. האָבן אָבער די קאָזאַקן נישט געוואַלט וואַרטן און האָבן אָנגעיאָגט אין שטעטל אַרײַן אויף זייערע כוואַטסקע פערדלעך מיט אַ ווילדן געשריי: „סטייטש, עמיצער האָט גע־שאָסן אויף זיי!״ און אָן אָפּצוואַרטן, האָבן זיי באַלד צונויפגעשלעפּט אַלע יידן פון שטעטל, מיט קינד און קייט. זיי האָבן אַלעמען אויסגעלייגט אויפן זאַמד לעבן וואַלד, און געשאָסן איבער זייערע קעפּ. די וואָס האָבן אויפגעהויבן די קעפּ צו בעטן רחמים זענען מער נישט אויפגעשטאַנען. מײַן טאַטע האָט דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן. ער האָט געקראָגן אַ האַרץ־שלאַג (האַרץ־אַטאַקע) און געבליבן ליגן ווי אַ שטיין.

אָבער די קאָזאַקן זענען נישט שטיין געבליבן אין סאַסאָוו. אַלץ מער שטעטלעך זענען געפאַלן ווי עפּל פון אַ בוים, און פּאַוואָליע האָבן זיך די קאָזאַקן צוגעשאַרט צו לעמבערג.

אַ טאָג ערב דער דעראָבערונג פון לעמבערג האָב איך מײַן מאַמען גיך אָפּגעפירט אויפן באַנהויף. אַ צוג איז געשטאַנען אויף די רעלסן אָנ־געפּיקעוועט מיט מענטשן. עס איז נישט געווען קיין פּלאַץ אפילו אויף די

דעכער. מענטשן האָבן געוויינט, געשטופּט זיך, געשלאָגן זיך פּאַר אַ פּי־צעלע פּלאַץ אַרויפצושטעלן כאָטש איין פוס. דער כאַאָס און טומל איז געווען אומבאַשרייבלעך. אָבער אַן עסטרייכישער אָפיציר, אפילו פון אַ געשלאָגענער אַרמיי, איז נאָך אַלץ געווען דעמאָלט אַ מעכטיקער האַר — און אַזוי האָב איך, ווי נישט ווי, דער מאַמען דורכגעשטופּט און איר דערלאַנגט דאָס פּעקל מיטן קליינעם בחורל אירן דורכן פענצטער פונעם וואַגאָן. די באַן האָט זיך באַלד אַ ריר געטון, און פיל מענטשן זענען אַראָפּגעפאַלן פון די טרעפּלעך, פון די פּלאַטפאָרמען, און פון די רינוועס פון די דעכער ווי טויטע פליגן פון אַן אויסגעטריקנטן שטיקל פליגן־פּאַפּיר. ווּהין פאָרן יידן? וווּ די רעדער האָבן זיי געטראָגן!

איך האָב דריי חדשים לאַנג נישט געהערט פון מיין מאַמען. ווען איך בין געקומען קיין בודאַפּעשט מיט דעם כאָלערע־צוג און געבליבן דאָרט קוואַראַנטירט, האָב איך געדרוקט אַנאָנסן אין אַלע צייטונגען, ביז מיין מאַמע האָט זיך אָפּגערופן. איך האָב זי באַלד געבראַכט קיין בודאַ־פּעשט, זי איינגעאָרדנט, אַז זי זאָל נישט באַדאַרפן פון קיינעם גאָרנישט, און פונדעסטוועגן האָט מען זי נישט געלאָזט צורו. די פּאָליציי האָט געמאַכט רעוויזיעס, געשלעפּט זי צו דער זשאַנדאַרמעריע, און זי ממש גערודפט, פאַרוואָס זי „וויל" דווקא זיין אַ פּליכטלינג אין דער הייליקער שטאָט בודאַפּעשט. דאָס אַלעס איז געשען בשעת איך בין געווען אויפן פראָנט כדי צו באַשיצן די גרענעצן פון דער אונגאַרישער מלוכה. אויסער בודאַפּעשט זענען געווען אין אונגאַרן, פּונקט ווי אין אַנדערע לענדער, פּליטים־לאַגערן, אַרומגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט, ווי אמתע קאָנצענ־טראַציע־לאַגערן. דאָרט זענען די פּליטים געווען פאַרשפאַרט ווי אין אַ שטאַל מיט בהמות, אָן וועלכע ס'איז פרייהייטן אָדער אַ מעגלעכקייט אַרויס־צוגיין פונעם לאַגער. יעדער איינער האָט געשטרעבט צו זיין אויסער די פאַרשאָלטענע לאַגערן, און פון דעם זענען געקומען אָבלאַוועס אין די שטעט און דאָס אַרומשפּיאָנירן די פּליטים ווי פאַרברעכער.

פלוצלינג איז זי קראַנק געוואָרן, מיין מאַמע. ווי אַ יעדע יידישע מאַמע, האָט זי מיר נישט געשריבן וועגן איר קראַנקהייט. „פאַרוואָס זאָל ער האָבן עגמת נפש, איר זון?" — האָט זי געטענהט צו אירע שכנים, וועלכע האָבן איר געהייסן שרייבן. „עט, ער האָט גענוג אויסצושטיין דאָרט אויף דעם פראָנט אָן מיר", האָט זי זיך געוועדט. און אַזוי זענען פאַר־גאַנגען חדשים, ביז אויף איינמאָל האָב איך געקראָגן אַ טעלעגראַמע פו־

נעם שפּיטאָל, אַז זי איז אָפּעריִרט געוואָרן. הגם דער פּראָנט איז געשטאַנען ערב אַן אָפּענזיווע און מען האָט נישט געגעבן קיין אורלויב, האָב איך געקראָגן אַ וואָך צייט צו פאָרן קיין בודאַפּעשט. פיר טעג האָט גענומען די רייזע אַהין און צוריק, אַזוי אַז עס איז מיר ווייניק וואָס געבליבן צייט צו זיין מיט מיין מאַמען. דער דאָקטאָר האָט מיר דערקלערט, אַז מען האָט זי יאָ אָפּעריִרט און נישט אָפּעריִרט. צו שפּעט! מען האָט געעפנט דעם בויך און געפונען, אַז זי איז „אומאָפּעראַבל", ווי דער דאָקטאָרסקער זשאַרגאָן רעדט זיך. זי וועט דויערן אפשר זעקס חדשים, אפשר אַ יאָר. „זי ווייסן דאָך, הער קאָלעגע!"...

איך בין גלייך אַרויף צום דירעקטאָר פונעם יידישן שפּיטאָל און מיט אים אָפּגעמאַכט, אַז ער זאָל זי האַלטן אין זיין שפּיטאָל אַזוי לאַנג ווי זי וועט לעבן. איך האָב זי נישט געוואָלט לאָזן אין אַ גויאישן שפּיטאָל, וווּ די נאָנעס זענען געווען גרויסע אַנטיסעמיטקעס. איך האָב פאַר אַלץ באַצאָלט, אפילו אַז זי זאָל האָבן אַ פּריוואַטע קראַנקן־שוועסטער. אָבער איך האָב באַמערקט ווי דער אַלטער דאָקטאָר קווענקלט זיך, ער ציפּט זיך ביים בערדל און עפּעס ליגט ביי אים אויפן צונג. און באַלד איז די קאַץ אַרויס פונעם זאַק: מען טאָר איצט מער נישט האַלטן קיין פּליטים אין שפּיטאָל. נאָך דעם דורכברוך פון גאָרליץ, ווען אַ טייל פון גאַליציע איז פריי געוואָרן, האָבן אַלע פּליטים געמוזט פאַרלאָזן אונגאַרן. און דער דאָקטאָר ווייזט מיר די פאַראָרדענונג וועגן דעם*). נאָך אַ ציפּ ביים בערדל — „אויסער... אויסער וואָס? — פרעג איך אומגעדולדיק — ער ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז זי קען נישט אין דעם צושטאַנד אַוועקפאָרן. „יאָ, דאָס איז אמת", גיט ער צו, און ראָט מיר גיין צו דער איזראַעליטישער קולטוס־געמיינדע. דאָרט קען מען קריגן אַ טערמין־פאַרלענגערונג.

---

*) דאָס איז געווען די „פאַראָרדענונג פון אויגוסט 1917". די רעגירונג האָט דורך אַ פּאָליצײַ פאַראָרדענונג דעקרעטירט, אַז אַלע גאַליציִשע פּליטים וועמענס היימען זענען באַפרייט געוואָרן מוזן תיכף־ומיד פאַרלאָזן בודאַפּעשט. נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָבלאַווע אויף פּליטים. מען האָט געכאַפּט מענטשן אין די גאַסן און זיי פאַרשלאָסן אין וואַגאַנען און „אָפּגעשאַבן". אין אַ בודאַפּעשטער צייטונג ווערן אַזוי באַשריבן די כאַפּעגישן: „ווי הינט כאַפּט מען יידן אויף די גאַסן און די באַהאַנדלונג איז אַזאַ שווידערלעכע, אַז אַ סך פון די פּליטים זענען משוגע געוואָרן, און די צאָל פון זעלבסטמאָרדן שטייגט פון טאָג צו טאָג".

לויף איך צו דער קולטוס־געמיינדע און ווער באַלד צוגעלאָזן אין קדשי־קדשים — טאַקע צום הערן קהל־פּרעזידענט אַליין. ער נעמט מיך אויף זייער העפלעך און פרעגט מיך אויס וועגן פּראָנט — ממש ער איז האָניג און טייגלעך. דערצייל איך אים וועגן וואָס איך בין געקומען, און ער ווערט קאַלט ווי דער נאָרדפּאָל. דער גלאַנץ פון זיינע אויגן איז פאַר־שווונדן, און זיין לייטזעליקייט ווערט פאַרפרוירן. „ליידער", קען ער גאָר־נישט טון! „אָבער, הער פּרעזידענט", ווערט מיר שוין אַ ביסל פּריקרע, „מיין מאַמע איז אַ טויט־קראַנקע, און איך אַליין שטיי אין פעלד און בין אַ מיליטער־ארצט דווקא אין אַן אונגאַרישן רעגימענט (זע מיינע זכרונות „אין פייער", פאַרלאַג מ. נ. מייזעל, 1926), און איר האָט די העזה מיר צו זאָגן אַז אין אונגאַרן וויל מען נישט האָבן קיין פּליטים פון גאַליציע?" האָט ער זיך אויך צעהיצט און אָנגעהויבן זיך צו בייזערן, אַז די פּליטים זענען די ערגסטע „שיבערס" (אַזוי האָט מען אין עסטרייך גערופן די פאַרשווינען פון דער שוואַרצער בירזשע), און וואָס וויל מען דען פון די אונגאַרישע יידן, אַז זיי זאָלן לאָזן פאַרשלעפּן דעם אַנטיסעמיטיזם אויך קיין אונגאַרן? (עס איז אפשר טאַקע נישט מער ווי אַ צופאַל — אָבער די געשיכטע האָט אַמאָל ליב אַ שפּיל צו טון מיט אַ ביסל איראָניע: — אין יאָר 1919 בין איך גראָד געווען דער יעניקער וועמען מען האָט מיט־געגעבן אין ווין אַ מעמאָראַנדום פון די אונגאַרישע יידן, געשיקט פונעם קהל אין בודאַפּעשט צו די אַליאירטע אין פּאַריז, וועגן די סכנות פון פּאָ־גראָמען וואָס האָבן באַדראָעט דעם קיום פון די יידן אין אונגאַרן. די בקשה איז געווען געחתמעט פון דעם זעלבן קולטוס־פּרעזידענט, וואָס האָט אַזוי פיינט געהאַט די גאַליצישע פּליטים).

איך האָב באַשלאָסן וועגדן זיך צום קאָפּ אַליין. צו קריגן אַן אוידיענץ ביים אונגאַרישן מיניסטער פאַר אינערלעכע ענינים טוט זיך נישט עפּעס אַזוי מיר־נישט דיר־נישט. אָבער אין דעם פאַל האָב איך דווקא גאָרנישט געהאַט קיין שוועריקייטן. דער מיניסטער גבריאל אוגראַן האָט מיך באַלד אויפגענומען. אין קעגנזאַץ צום יידישן קהילה־פּרעזידענט האָט דער מיניסטער באַלד איינגעזען אַז איך האָב אַ גערעכטע ביטע. הגם ער איז געווען שטאַרק באַשעפטיקט האָט ער געלאָזט וואַרטן אַ פולן זאַל מיט מענטשן און מיך אויסגעפרעגט וועגן דער שטימונג פון די אונגאַרישע סאָלדאַטן און וועגן געוויסע אָפיצירן פון מיין רעגימענט נומער 101, אין וועלכן עס האָבן געדינט זיינע באַקאַנטע. און בשעת מיר האָבן זיך אַזוי

איבערגעשמועסט, האָט זיין סעקרעטאַר פּאַרטיק געמאַכט אַ דעקרעט, אַז מען זאָל מיין מאַמען נישט טשעפּן אַזוי לאַנג ווי זי וועט לעבן. ליידער האָט איר לעבן נישט געדויערט לענגער ווי אַ פּאָר חדשים.

איך מיין, אַז אין דער קורצער פּערזענלעכער באַשרייבונג איז מיר געלונגען צו געבן אַן אָביעקטיוו בילד פון דער פּליטים־סיטואַציע בכלל.

אָבער כדי זיך נישט צו פאַרלייגן נאָר אויף אונגאַרן וויל איך באַ־טאָנען, אַז אונגאַרן איז נישט געווען קיין אויסנאַם. די טשעכן האָבן די גאַליציאַנער יידישע פּליטים אָנגעטון געבערענטע לייד. אין סעפּטעמבער 1917 זענען דאָרט געווען אַרום 71.000 יידישע פּליטים. אונטער דעם אויסרייד אַז מען וויל פאַרהיטן אַ טיפוס עפּידעמיע, האָט דער פּראַגער מאַגיסטראַט פאַרבאָטן די פּליטים צו פאָרן מיט די שטאָטישע טראַמ־ווייען. אין דייטשלאַנד האָט מען די פּליטים באַהאַנדלט מיט עכט „דוי־טשער" גראָבקייט. און ווידער האָבן טאַקע די דייטשע יידן אַליין, פּונקט ווי אין אונגאַרן, געקערט וועלטן, אַז דער אַנלויף פון פּליטים זאָל חלילה נישט שאַטן די אינטערעסן פון די דייטשע יידן גופא. דער געשריי „פּליטים עליך" האָט אויך אָפּגעהילכט אין בערלין. איך האָב קיינמאָל נישט מוחל געווען מיין לערער פּראָפעסאָר פראַנץ אָפּענהיימער פאַר זיין שטעלונג אין דער פּליטים־פראַגע. אין יאָר 1909 האָט אָפּענהיימער גע־פירט אַן עקאָנאָמישן סעמינאַר, וועלכן די פּועלי־ציוניסטישע פּאַרטיי אין גאַליציע האָט אַראַנזשירט אין לעמבערג. אויך איך האָב אָנטייל גע־נומען אין די סעמינאַר־אַרבעטן מיט אַ רעפעראַט איבער „די היסטאָרישע אוןווירטשאַפטלעכע יסודות פון אַ מדינה". און איצט איז אָפּענהיימער געווען צווישן די, וואָס האָבן געוואָרנט קעגן דעם צופלוס פון גאַליציאַ־נער פּליטים קיין דייטשלאַנד. דער „דייטשער קאָמיטעט פאַרן מזרח", פון וועלכן ער איז געווען אַ פירער האָט זיך אַ סך פאַרזינדיקט לגבי די פּליטים. דער קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן אַ מאָנאַטשריפט Neue Juedische Monatshefte וואָס האָט געהאַט אַ סך מעלות, אַ חוץ אַ גוט וואָרט פאַר די פּליטים.

די גרעסטע צאָל פּליטים איז געווען אין ווין. אין 1915—1916 האָט מען גערעכנט אַז ווין האָט געהאַט אַרום אַ פערטל מיליאָן פּליטים. די צאָל פּליטים וואָס איז געווען אָנגעוויזן אויף דער אונטערשטיצונג מצד דער מלוכה, האָט מען געשאַצט אויף 110.000. די ווינער באַפעלקערונג האָט שטאַרק געליטן צוליב מאַנגל פון וווינונגען און שפּייז, און האָט אָפט

פּראָטעסטירט קעגן דער כוואַליע פון פּליטים. מען דערציילט אַז ווען דער בירגערמייסטער ד״ר ריכאַרד ווייסקירכנער האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט ביים קייסער, אַז צוליב דירות־מאַנגל קען ער זיך נישט קיין עצה געבן מיט די פּליטים, זאָל אים דער קייזער האָבן געענטפערט — „וויזאָ דען, הער בירגערמייסטער? אויב איר האָט נישט גענוג פּלאַץ פאַר זיי, זענען נאָך דאָ גענוג וווינונגען אין דער קייסערלעכער בורג און אין שענברון״.

אָבער אין אַנטיסעמיטישן ווין האָט זיכער די פּליטים־פּראַגע נישט געבראַנגט קיין באַרואיקונג. להיפּוך, דער אַנטיסעמיטיזם אין ווין איז געוואַקסן ווי אויף הייוון. מען האָט געמאַכט אַלערליי באַשולדיקונגען קעגן די יידן. דער פּראָצעס וועגן די „מלחמה־רבנים״ — רבנים אָן סמי־כות און תלמידים פון ישיבות, וואָס זענען באַשולדיקט געוואָרן אין שווינדלערישע מעשים, כדי זיך צו באַפרייען פון מיליטער — האָט נאָך מער אויפגערייצט דעם עולם, און אויב ס׳האָבן אפשר חלילה געפעלט גענוג כשרע דייטשע אַנטיסעמיטן, האָבן די פּאָליאַקן געהעצט ווו נאָר זיי האָבן געקענט. בעת דער קורצער סעסיע פונעם עסטרייכישן פּאַרלאַמענט אין סעפּטעמבער 1917, האָט אַ גרופּע גאַליצישע דעפּוטאַטן אונטער דער פירונג פונעם שפּעטערדיקן פּוילישן פּרעמיער, ווינצענטי וויטאָס, אַריינגעבראַכט אַן אונטערפּעלאַציע אין פּאַרלאַמענט, אין וועלכער זיי האָבן באַשולדיקט די יידן אַז זיי באַהאַלטן זיך אויס פון דער אַרמיי. האָט מען טאַקע דורכגעזיפּט אַלע פּליטים ווי עפּעס אַ פיינעם מעל דורך דער רעשעטע פון כלערליי אַסענטירונג קאָמיסיעס, כדי חלילה קיינער, וואָס קען האַלטן דאָס געווער, זאָל זיך נישט אַרויסדרייען פונעם מיליטער דינסט.

אין יאָר 1916 איז די סטראַטעגישע לאַגע פון עסטרייך געווען גאָר אַ שלעכטע. דעם 23סטן מאַי 1915, האָט איטאַליע דערקלערט מלחמה צו איר פריערדיקן עסטרייכישן פּאַרבינדעטן. אמת, אַז איידער די איטאַ־ליענישע קריג־דערקלערונג האָט געקענט האָבן אַ תיקון, האָבן די דייטשן און די עסטרייכער דורכגעבראָכן דעם רוסישן פראָנט לעבן טאַרנאָוו און גאָרליץ און האָבן באַלד אָפּגעריניקט גאַליציע פון דער רוסישער אָקופּאַ־ציע. דעם 22טן יוני 1915, איז לעמבערג באַפרייט געוואָרן. ביי די רוסן איז נישט מער געבליבן ווי אַ שטיק גאַליציע, מיט בראָד, טאַרנאָפּאָל און סאָקאָל. עס איז אינטערעסאַנט, אַז ווען די עסטרייכישע אַרמייען זענען אַריינגעדרונגען קיין לעמבערג, האָבן די אָפיצירן וואָס האָבן קאָמאַנדע־

ווען די ערשטע פּאַטרולן אין דער שטאָט און געהאַט דעם באַפעל דורכ־צוזוכן די הייזער פאַר אויסבאַהאַלטענע רוסישע סאָלדאַטן, געטראָפן יונגע יידישע סטודענטן זיצן אין די שטיבער און לערנען העברעאיש גלייך ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיי גאָר נישט אָנגעגאַנגען.

דערווייל זענען די דייטשע אַרמייען אַריינגעדרונגען אַלץ ווייטער. די הינדערבורג אָפענזיווע, וואָס איז געקומען נאָך גענעראַל מאקענזענס דורכברוך אין גאַליציע, האָט געהאַט נישט קיין קלענערע נצחונות אין רוסיש־פוילן. דעם 5טן אויגוסט 1915 האָבן די רוסן פאַרלאָזן וואַרשע, און דעם 18טן סעפּטעמבער איז ווילנע „באַפרייט געוואָרן״. די רוסן האָבן געליטן אַ קאַטאַסטראָפאַלע מפּלה.

אָבער אַ יאָר שפּעטער האָט זיך דאָס רעדעלע פון די קריגס־מזלות אַ דריי געטון, און דעם 4טן יוני 1916, האָט זיך אָנגעהויבן די ברוסי־לאָוו־אָפענזיווע, וואָס איז אַריבער דעם טייך פּרוט און באַלד פאַרנומען די גאַנצע בוקאָווינע. אָבער רוסלאַנד איז געווען רוסלאַנד. די ברוסילאָוו־אָפענזיווע וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַזוי פיל „עלאַן״ אין יוני האָט זיך פאַרהאַקט אין אויגוסט, צוליב אַ טיפּישער רוסישער מניעה — עס האָט אויסגעפעלט פולווער צום שיסן! פונדעסטוועגן האָט טאַקע אין דעם זעלבן חודש רומעניע דערקלערט מלחמה קעגן די מיטלמאַכטן. די צאָל פון די פיינט האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, און אין דעם אַזוי קריטישן מאָמענט פאַר עסטרייכס קיום, איז דעם 11טן נאָוועמבער 1916 דער קייסער פראַנץ יאָזעף געשטאָרבן אין עלטער פון 86 יאָר.

זיין טויט איז געווען אַ טויטקלאַפּ פאַר דער גאַנצער מאָנאַרכיע, אָבער די יידן האָבן אויף זיין טויט מער געטרויערט ווי וועלכע עס איז אַנדערע נאַציע. ספּעציעל איז דאָס געווען אַן אבידה פאַר די פּליטים, וועלכע ער האָט באַשיצט מיט זיין אויטאָריטעט. קיינער האָט נישט גע־האַט זיין השפּעה און זיין געפיל פון גערעכטיקייט און מיטלייד פאַר די קריג־קרבנות, פון וועלכע די פּליטים זענען געווען דער טרויעריקסטער טייל.

XVII

דער אָנהייב פונעם סוף

פראַנץ יאָזעף איז געווען דער קייסער פון אַ מאָנאַרכיע פון צוויי מלוכות וואָס האָבן פאַרמאָגט 51 מיליאָן איינוווינער, פאַרטיילט צווישן צען אומות און 20 קלענערע נאַציאָנאַליטעטן. די עסטרייכיש־אונגאַרישע קאָנגלאָמעראַציע פון אומות איז אַנטשטאַנען צוליב דער סכנה פון די טערקן און איז געוואַקסן אויף זייער חשבון. ווען די טערקישע סכנה איז פאַרשוווּנדן איז אויסגעוואַקסן אַן אַנדערע, דער צאַרישער דעספּאָטיזם. אָט אַזוי האָט עסטרייך הונדערטער יאָרן דורכאַנאַנד געשפּילט די ראָלע פון אַ גרעבליע וואָס האָט באַשיצט דעם מערב פריער פון אַ דרומדיקער און דערנאָך פון אַ מזרחדיקער פאַרפלייצונג פון ווייניקער ציוויליזירטע פעל־קער. דעם אמת האָבן די עסטרייכישע אומות באַגריפן מער אינסטינקטיוו ווי על פּי השכל, און האָבן ליבער אָנגענומען דעם עסטרייכישן יאָך איידער די באַרבאַרישע ממשלות פונעם דרום אָדער פונעם מזרח. פריד־ריך ענגעלס האָט זיך אויסגעדריקט אין יאָר 1888 אין זיין נביאותדיקער דעקלאַראַציע, אַז באַלד נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע וועט עסטרייך אונטערגיין.

צו זיין אייגענעם גליק, אָבער צום אומגליק פון זיין מלוכה, האָט דער אַלטער קייסער די שעה נישט דערלעבט. דער ביטערער שמערץ צו זען אַ פיל הונדערטער יאָריקע מלוכה צעפאַלן זיך ווי אַ הויז פון קאָרטן, איז געווען באַשטימט פאַר אַן אַנדערן מלך — פאַר דעם יורש־העצר קאַרל פראַנץ־יאָזעף, וועלכער איז געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען — קייסער קאַרל דער ערשטער פון עסטרייך און קעניג קאַרל דער פערטער פון אונגאַרן. אָט דער קאַרל איז געוואָרן קרוינפּרינץ נאָכן טויט פון זיין פעטער פערדינאַנד, און האָט נישט געהאַט קיין שום דערפאַרונג אין מלוכה געשעפטן, אָבער ווי בערטיטאַ האַרדינג שרייבט וועגן אים, האָט ער געהאַט גאַנץ גוטע אייגנשאַפטן פאַר אַ מלך. „ער האָט געהאַט אַ שנעלע אינטו־איציע, אַן אמתן מוט, אַ שטאַרקע איבערגעגעבנקייט צו זיין פאָלק און אַן אַמביציעזע פּרווי וואָס האָט זיך אַריינגעמישט אין אַלעמען״. ער האָט געהאַט נאָך איין מידה טובה. ער האָט פיינט געהאַט דעם קייזער ווילהעלם, זיינע דייטשן, און נישט געהאַט קיין שום בטחון אין אַ דייטשן נצחון. און הגם ער האָט געירשנט די האַבסבורגישע נטיה צו אַבסאָלוטיזם, איז

ער אָבער געווען מער מענטשלעך און הומאַן אין זיינע באַציאונגען ווי וועלכער עס איז אַנדערער האַבסבורגער. אַ קליינער ביישפּיל, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ היפּש ביסל קאָמענטאַרן איז געווען דער עפּיזאָד ביי דער לויה פונעם אַלטן קייסער. צו דער לויה איז אויך געקומען פראַנץ יאָזעפס געוועזענע געליבטע און אַ לאַנגיאָריקע פריינדין זיינע, די באַרימטע אַקטריסע פונעם בורג-טעאַטער, מאַדאַם קאַטערינאַ שראַט. די שטייפע, הויף־עטיקעטע האָט גורם געווען, אַז מען זאָל זי ניט צולאָזן צו דער הויף־לויה. ווען קאַרל האָט באַמערקט, אַז מען וויל זי אַרויסשטופּן פון דער כנופיא פון נאָטאַבלען, האָט ער פאַרלאָזן זיין פּלאַץ, צוגעגאַנגען צו איר, זי גענומען ביים אָרעם און זי געבראַכט נאָענט צו זיך.

יידן האָבן אים נאָך געקענט פון די צייטן ווען ער איז געשטאַנען מיט זיין רעגימענט אין קאָלאָמיי, און פלעגט קומען מיט זיין פרוי אין די יידישע קראָמען איינקויפן פאַרשידענע חפצים. די יידן האָבן זיך נישט געקענט זאַט אָנדערציילן פון זיין גוטסקייט. נאָך אַלס קרוינפּרינץ האָט ער אויפגענומען אַ יידישע דעלעגאַציע און געלויבט די יידן פאַר זייער פּאַטריאָטיזם. אויך שפּעטער האָבן די יידן זיך מיט אים נישט אָפּגענאַרט.

קייזער קאַרל האָט זיך נישט געלאָזט פאַרבלענדן די אויגן מיט אָפּטי־מיסטישע הבטחות. ער האָט גוט געוווסט, אַז אָדער עס וועט אים געלינגען צו געווינען דעם גוטן ווילן פון זיינע פעלקער, אָדער די מלוכה וועט צעברעקלט ווערן אויף פיצלעך.

צוויי זאַכן זענען געווען נייטיק פאַר עסטרייך: אַ פאַרשטענדיקונג מיט די פעלקער און אַ וואָס גיכער שלום. וואָס איז נוגע דעם ערשטן באַדינג האָט ער געהאַט זיין אייגענעם פּלאַן; ער האָט געוואָלט פאַרוואַנד־לען די צוויי שטאַטן מאָנאַרכיע אין אַ פינף־לענדיקער מלוכה, מיט יוגאָ־סלאַוויע, טשעכאָסלאָוואַקיע און פוילן, אַלס זעלבסטשטענדיקע מדינות, אונטער דער השגחה פון זיין מאָנאַרכיע. כדי צו געווינען דעם פאַר־טרויען ביים פאָלק האָט די רעגירונג אין חודש מאַי 1917 ווידער גע־עפנט דעם פאַרלאַמענט וואָס איז געווען געשלאָסן זייט דעם חודש מערץ 1914. אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן די אמתע שוואַכקייט פון עסט־רייך.

די טשעכישע דעפּוטאַטן אין פאַרלאַמענט האָבן געשטורעמט קעגן דער רעגירונג צוליב די אַרעסטן און רעפּרעסיעס וואָס די אַרמיי האָט אָנגעווענדט צו באַשטראָפן די בוגדים און די מאַסן אַרמיי־דעזערטערן.

די טשעכן האָבן בפרהסיא דערקלערט אַז זיי זענען נישט מחויב צו נעמען אָנטייל אין קריג, ווייל מען האָט ביי זיי לגמרי נישט געפרעגט זייער באַוויליקונג (די קריגס־דערקלערונג איז געמאַכט געוואָרן אָן דער צושטי־מונג פון פּאַרלאַמענט, וואָס איז געווען סיי־ווי־סיי געשלאָסן). די פּאָ־ליאַקן, וואָס האָבן תמיד אונטערשטיצט די רעגירונג, האָבן געמאַכט זיי־ער מיטאַרבעט אָפּהענגיק פון דעם צי מען וועט זיי געבן אַן אומאָפּ־הענגיק און פּאַראייניקט פּוילן, אָבער עסטרייך, פּאַרשטייט זיך, האָט זיי דאָס נישט געקענט צוזאָגן אָן דייטשלאַנדס באַוויליקונג. איין רעגירונג איז געפאַלן, און אַן אַנדערע איז געקומען אויף איר פּלאַץ. דער רייכס־ראַט איז פאַרמאַכט, און ער איז ווידער געעפנט געוואָרן אָבער עס איז געווען אַ פּאַרלאַמענט אָן אַ נשמה. ווי עס איז צו זען דערפון איז נישט געראָטן דער פּלאַן נומער איינס, וואָס האָט באַצוועקט צו ראַטעווען די עקזיסטענץ פון דער מאָנאַרכיע דורך געבן פרייהייטן צו די פעלקער.

אָבער אַלע באַמיאונגען פון קייזער קאַרל און זיין פרוי די קעניגין זיטאַ, וועלכע איז געווען אַ פראַנצויזישע פּרינצעסין און געזוכט דורך פאַרשידענע הינטערוועגן אַ סוף מאַכן צו דער מלחמה, זענען נישט געלונגען.

דערווייל האָט זיך דער פראָנט פון די צענטראַל־מאַכטן אָנגעהויבן צוזאַמענברעכן.

איידער דער סוף איז געקומען האָבן זיך אָנגעהויבן מאַסן דעזערציעס פונעם עסטרייכישן מיליטער. די „גרינע קאָלומנען" פון די דעזערטערן פון פראָנט און פון די „אורלויבער", האָבן זיך צונויפגענומען און האָבן פאַרפּלייצט די געדיכטע וואַלד־שטרעקעס אין זיד־אונגאַרן און אָנגעהויבן פירן אַ מלוכה פון גנבה און גזלה. מען האָט געמוזט שיקן גאַנצע רעגי־מענטן מיליטער פונעם פראָנט כדי זיי צו כאַפּן. די דעמאָראַליזאַציע האָט זיך פאַרשפּרייט אפילו צווישן די בעסטע מיליטער־אָפּטיילונגען. דעם 24סטן אָקטאָבער 1918 האָט די לעצטע איטאַליענישע אָפענזיווע צעבראָכן דעם פראָנט אויף שטיקלעך. די סאָלדאַטן מיטן געווער אין די הענט האָבן פאַרלאָזן דעם פראָנט, און די עסטרייכישע קאָמאַנדשאַפט האָט געמוזט בעטן די איטאַליענער זיי זאָלן העלפן אַנטוואָפענען די אומדיסציפּלינירטע אַרמיי פון דעזערטערן.

דער לאַווינען־מעסיקער צעפאַל פון דער אימפּעריע האָט נישט גע־געבן דעם אומגליקלעכן קייסער קיין צייט אָפּצוסאַפן, און דעם 27סטן

אָקטאָבער האָט די עסטרייכישע רעגירונג אָנגענומען די באַדינגונגען פון ווילסאָנס נאָטע. דעם 3טן נאָוועמבער איז צושטאַנד געקומען דער וואָפנ־שטילשטאַנד צווישן עסטרייך און די אַליאירטע.

נאָכן וואָפנשטילשטאַנד האָט קייסער קאַרל רעזיגנירט פון יעדן אָנטייל אין דער עסטרייכישער רעגירונג. (דעם 11טן נאָוועמבער האָבן די דייטשן אין עסטרייך פּראָקלאַמירט „די רעפּובליק פון דייטש־עסט־רייך״, און דעם 16טן איז אויך אונגאַרן געוואָרן אַ רעפּובליק). אין זיין אויפרוף צו די פעלקער פון 9טן נאָוועמבער 1918, האָט קאַרל דערקלערט: „עסטרייך איז נישט קיין דייטשע און נישט קיין סלאַווישע מלוכה. עס איז אמת, אַז די דייטשן זענען געווען די גרינדער פון דער „דונאי־מאָנאַר־כיע״, אָבער היינט זענען זיי אַ מינדערהייט, אַרומגערינגלט מיט אַמבי־ציעזע חברשע ראַסן, איבער וועלכע זיי קענען זיין ווילקומענע פירערס נאָר דעמאָלט, ווען זיי וועלן זיי געבן אַ ביישפּיל פון אַ העכערער קולטור, פון רעספּעקט און גרויסמוטיקייט... איך האָב נישט די מינדסטע מורא פאַר דער זעלבסטבאַשטימונג פון קליינע פעלקער אין אַ גייסטיקן זין. אויב מיר וועלן גאַראַנטירן פאַר די אינדיווידועלע גרופּן די גרעסטע מאָס פון זעלבסט־רעגירונג, כדי זיי זאָלן האָבן דעם פולן נוצן פון זייערע אייגענע שאַפונג־קרעפטן, די פרייד פון באַנוצן זייער אייגענע שפּראַך. מיט איין וואָרט: ווען זיי וועלן האָבן באַפרידיקט זייער פאַרלאַנג צו ווערן אָנערקענט אַלס פולבאַרעכטיקטע אומות, וועלן זיי זיך פאַראייניקן מיט אונדז שטאַר־קער, ווי איידער ווען עס איז פריער און וועלן אויך פאַרגעסן זייערע איבערטריבענע תרעומותן...״

אָט דער שוואַן־געזאַנג האָט נישט מער ווי אויפגעדעקט דעם צעפאַל פון דער מאָנאַרכיע און דעם אָפּטרייסלען זיך פון די פאַרשידענע פעל־קער. די געשיכטע האָט איצט אָנגעהויבן לויפן אַראָפּ פון די רעלסן, און קיין שום כוח האָט זי נישט געקענט אָפּהאַלטן. אַ יעדע נאַציע, אפילו די וואָס האָבן נאָר געהאַט פּרעטענסיעס צו ווערן אַ מלוכה, האָבן אָנגע־הויבן שלעפּן שטיקער פון דער טויטער אימפּעריע.

איידער מיר וועלן שילדערן די קאָנסעקווענצן, וואָס די עסטרייכישע מפּלה האָט געהאַט פאַר יידן, ווילן מיר געבן אַ קורצן איבערבליק איבער די גייסטיקע און פּאָליטישע שטרעמונגען, וואָס האָבן געהערשט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַליציע אין דער בין־השמשותדיקער עפּאָכע פון די לעצטע מלחמה־געשעענישן.

XVIII

צווישן האָפענונג און יאוש

א. די נײַע גײַסטיקע שטרעמונגען

די יידן אין 1916—1917, סײַ די וואָס זענען געווען אין גאַליציע און סײַ די גאַליצישע יידן אין ווין און אין אַנדערע פּליטים־צענטערס, האָבן אויף קיין איין מינוט נישט אויפגעגעבן זייערע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס און קולטורעלע אַקטיוויטעטן. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך פּאַוואָליע ווידער רעקאָנסטיטואירט אין באַפרייטן לעמבערג — קראָקע איז נישט געווען אונטער רוסישער אָקופּאַציע — און עס האָט זיך אָנגע־הויבן אַן אינטענסיווע טעטיקייט. „דאָס יידישע טאָגבלאַט" האָט ווידער אָנגעהויבן דערשיינען, און אויך אַ האַלב אָפיציעלע דייטשע „לעמבערגער צייטונג" האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין, אונטער דער רעדאַקציע פון אַ ציוי־ניסט, ד"ר ישראל וואלדמאַן. די יוגנט האָט קיינמאָל נישט פאַרנאַכלע־סיקט אירע נאַציאָנאַלע אויפגאַבן, אפילו נישט אין די שווערסטע צייטן פון דער רוסישער באַזעצונג. די „צעירי־ציון"־באַוועגונג, וואָס האָט פאַרן קריג געציילט אַרום 2.000 מיטגלידער, האָט אָנגעהויבן פאַרלירן איר מאָנאָפּאָל לטובת אַ נייער סקויט־אָרגאַניזאַציע, דער „השומר־הצעיר" וואָס האָט שטאַרקער רעפלעקטירט דעם גייסט פון די מלחמה צייטן. מיט דער צייט האָבן אַרום 72% פון דער יוגנט באַלאַנגט צו די „שומרים", און קנאַפּע 30% — צו די „צעירי־ציון". דער אונטערשיד צווישן די צוויי אָרגאַניזאַציעס איז געווען דער וואָס די „צעירי־ציון"־אָרגאַניזאַציע האָט דערצויגן די יוגנט אין נאַציאָנאַלן גייסט, ווייל די שומרים האָבן גע־לייגט דעם טראָפּ אויף דער אויסבילדונג פון כאַראַקטער און אויך אויף טעכנישע פעאיקייטן, ווי סיגנאַלן געבן, פּאַטראָל־דינסט, קאַרטאָגראַפיע (מאַפּע־לייענען), אויפשטעלן געצעלטן און בכלל פלעגן דאָס נאַטור־לעבן. די „שומרים" האָבן געלעבט אינאיינעם, און אויך שטודירט אינאיינעם.

כדי אַ ביסל מער צו אילוסטרירן די טענדענץ וואָס האָט פאַר אונדז באַדייט אַן אינערלעכע רעוואָלוציע, וויל איך דאָ ציטירן אַ פּאָר באַמער־קונגען פון מיין אַרטיקל, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער „מוריה" פונעם חודש פעברואַר 1917, אונטערן נאָמען: „לא זה הדרך".

אין די יינגערע יאָרן בין איך געווען אַ פאַרברענטער אחד־העמניק, און אָט ווי איך און אַנדערע האָבן געפילט בשעת דעם קריג. איך ציטיר אַן איבערזעצונג פון פויליש:

„עס איז געווען אַ קלאָרער, זוניקער פרילינגס־טאָג, ווען איך, אַ יונגער גימנאַזיסט, האָב אַרומשפּאַצירט אויפן „זאַמעק״ אין לעמ־בערג, און ממש איינגעשלונגען אחד־העמס שיינעם עסיי: „לא זה הדרך״. איבער מיר איז געווען אויסגעשפּרייט אַ ווונדער־שיינער בלויער הימל; די לופט האָט געאָטעמט מיט דעם פּערפום פון בלומען און צווישן פון די ביימער, און די מוזיק פון אחד־העמס ריטמיק, די פיין אויסגעטאָקטע ווערטער פון די אַזוי שיין קלינגענדיקע הע־ברעאישע זאַצן האָבן ממש פאַרכאַפּט דעם אָטעם. אַלץ, וואָס קען פאַרשכורן, פאַרכשופן און פאַרחלומען די חושים, האָט זיך צונויפ־געגאָסן אין איין סימפאָניע פון שפּראַך און לאָגיק. איך האָב גע־בויגן מיין נאַקן פאַרן מייסטער פון וואָרט, און אחד־העם איז גע־וואָרן מיין „מורי, אלופי ומיודעי״.

„אָבער איצט, ווי אַנדערש איז די סביבה אין וועלכער איך גע־פין זיך. אַנשטאָט דעם הערלעכן פּאַרק שטייען פאַר מיר די הויכע, מיט שניי־באַדעקטע בערג פון די קאַרפּאַטן, און אַנשטאָט דעם גע־זאַנג פון פייגעלעך, סווישטשן די קוילן און עס דונערן די האַרמאַטן; אַנשטאָט דעם באַלזאַם פון בלומען טראָגט זיך אַרום אין די לופטן דער סרוח פון מתים. איצט ערשט פאַרשטיי איך אַז די גאַנצע געביידע פון דער שיטה פונעם פּאָזיטיוויזם איז באַשאַפן געוואָרן דורך און פאַר דער בורזשואַזיע פון פריער, מעכטיקע פעלקער, וועל־כע האָבן געשטרעבט צו באַפעסטיקן דעם באַזיץ פון די beati possidentes (די גליקלעך פאַרמעגלעכע) דורך „פּאָזיטי־ווע״ נאַטורגעזעצן. אַזעלכע „נאַטור־געזעצן״ זענען גוט צוגעפּאַסט פאַר די זאַטע און מעכטיקע — פאַר די וואָס האָבן שוין „דערגרייכט״ און זיצן ביי דער מזרח־וואַנט פון דער סאָציאַלער אָרדענונג און פון נאַציאָנאַלער גבורה; פאַר זיי איז אַלץ „פּאָזיטיוו״, אַלץ נאַטירלעך, און די געזעצן, די „נאַטור־געזעצן״ פון זייער סאָציאַלער אָרדענונג זענען די כהנים פון זייער הייליקן טעמפּל פון באַשטענדיקייט. די ׳נאַטירלעכע־געזעצן׳ שיצן די אַרויפגעקומענע און היטן זיי אָפּ פונעם יצר־הרע פון די רעוואָלוציאָנערע נישטפאַרגינערס״.

אחד־העם האָט באַקאַנטלעך זיך שטאַרק געשטיצט אין זיינע שריפטן אויף דער טעאָריע פון עוואָלוציע, און אָט ווי מיר האָבן איצט דאָס אָפּ־געפילט:

„הערצל אין זיין אַלטניילאַנד האָט אַלצדינג געשטעלט אויף דעם כוח פונעם ווילן. זיין פּאַראָל איז געווען „און אויב איר ווילט טאַקע יאָ, איז דאָס נישט קיין לעגענדע". אָבער אחד־העם איז געווען אַ וויסנשאַפטלער. דער וויסנשאַפטלער לייגט אַרויף דעם פינגער אויפן ספר און וואָרנט: !haec evolutio, hic salta (דאָס איז די עוואָלוציע, און דאָ שפּרינגסטו)... און פּאַוואָליע פליסט זיך די עוואָלוציע ווי די וואַסערן פונעם 'השלוח'...

„און עס פליסט דער 'השילוח' דורך אָקעאַנען פון בלוט און אומגליקן — אַלטע וועלטן זענען איינגעפאַלן און דער מאָרגנשטערן פון אַ נייער וועלט איז אויפגעגאַנגען — אָבער די וואַסערן פונעם 'השלוח' אײלן זיך גאָרנישט. אַ פּוילנדיקער — פליסט ער זיך דער 'השלוח', אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן — הגם עס פּלאַצט די געדולד און עס קלאַפּט מיט האַמערס דאָס האַרץ. ניין! נישט עוואָלוציע, נאָר אַ גרויסע רעוואָלוציאָנערע אומוּוערטונג פון אַלעמען וואָס מיר האָבן ביז איצט געלערנט און געגלויבט, קען אונדזער פאָלק אַרויפּ־שטויסן אויף נייע רעלסן, אויף וועלכע עס לויפן די רעדער פון דער נייער צייט. אַנטלויפן מוזן מיר פון דער אַלטער שולע פון פּאָזי־טיוויסטישע טעאָרעטיקער און געפינען פירער מיט גרויסע וויזיעס און מיט אַ פּראַקטישער צופּאַסונג צו די פּאָסטולאַטן פון דער נייער צייט".

און איך ענדיק:

„איך האָב נישט געוואָלט שטערן די שמחה פון אחד־העמס זעכציק־יאָריקן יובל, און עס איז נישט אָן אַ שמערץ וואָס איך מוז באַטאָנען דעם תהום וואָס טיילט אָפּ מיין שטאַנדפּונקט פון דעם וואָס ס'האָט מיין געוועזענער מייסטער, וועמענס ווערטער זענען פאַר מיר געווען אַן אראקל פאַר אַזוי פיל יאָרן. אָבער אומעטום אַרום מיר פּאַלן שראַפּנעלן און פּלאַצן גראַנאַטן, און זיי אַלע שרייען אין איין ריטעם 'לא זה הדרך'!"

און פונדעסטוועגן, הגם אַרום אונדז זענען געפלויגן קוילן און גראַ־נאַטן האָבן געפּלאַצט מיט אַזאַ זאַמאַך, אַז די בערג האָבן אַזש געצי־

טערט און דער טויט האָט שטענדיק געשטשירעט מיט די ציינער אין די אויגן אַריין, האָבן מיר נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן פרידן — דעם יידישן פרידן. ווייניקסטנס דאַכט זיך מיר, אַז מיינע אינטענסיווסטע טראַכטענישן און ליטעראַרישע אַרבעטן האָב איך אָפּגעגעבן נאָר אויף דעם אין די יאָרן, וועלכע איך האָב פאַרבראַכט ביי די פעלדאַרמייען אין די קאַרפּאַטן, אויף דעם רוסישן פראָנט און אין די אַלפּן־בערג, אויף דעם איטאַליענישן פראָנט. איינע פון מיינע ערשטע פרוכטן פון דעם ווילדן פראָנט איז געווען מיין צושטייער צו אַ סעריע בראָשורן, געשריבן אין דייטש, וועגן די יידישע נאָך־מלחמה־פּראָבלעמען. צווישן די שרייבער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער סעריע, זענען געווען עגאָן און סטע־פאַן צווייג, ראָבערט וועלטש, אינזשיניער שטריקער און אַנדערע. מיין בראָשור האָט געטראָגן דעם טיטל: Unsere Friedensfrage, von einem Zionistem און האָט באַהאַנדלט אונדזערע פאָדערונגען ביי די שלום־פאַרהאַנדלונגען, ווי אויך די אָרגאַניזירונג פון שיבת־ציון אַלס אַ גרויסע פאָלקס־באַוועגונג. אַ צווייטע, אַ גרעסערע אַרבעט מיינע, וואָס איז ממש אַרויס פון די שוצנגריבער, איז געווען אַ בוך מיטן נאָמען: Problemy gospodarcze Żydów w Galicyi (די ווירטשאַפטלע־כע פּראָבלעמען פון די יידן אין גאַליציע) אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „מוריה“ אין יאָר 1917. דאָס בוך אַנטהאַלט איבער 130 זייטן. ווי אַזוי איך האָב געקענט באַוויזן אָנצוזאַמלען אַזוי פיל מאַטעריאַל און צונויפשטעלן גאַנצע טאַבעלן מיט סטאַטיסטיק, (אויך אַזעלכע וואָס איך האָב ערשט פריש אַרויסגעקראָגן פון דער צענטראַלע פונעם קייזערלעך־קעניגלעכן סטאַטיסטישן אַמט, און האָב זיי אַליין באַאַרבעט און צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט), איז פאַר מיר אַליין אַ ווונדער. איך געדענק ווי די אָפּי־צירן פון מיין דיוויזיע האָבן זיך געחידושט וואָס איך רעכן אַזוינס גאַנצע טעג און נעכט. זיי האָבן אָנגעהויבן פאַרדעכטיקן אַז אפשר איז דאָס עפּעס אַ קאָנספּיראַציע פון מיין זייט, אָבער אַ בריוו פון רעגירונגס־ראַט וויל־העלם העק, דירעקטאָר פון קייזערלעך־קעניגלעכן סטאַטיסטישן אַמט, האָט זיי איבערצייגט אַז איך בין גלאַט אַ משוגענער און נישט קיין רעוואָלוציאָ־נער, חלילה.

דער לייט־פּאָדעם פון דעם בוך איז אויסגעדריקט אין אַ פּאָר זאַצן פון דעם אַריינפיר:

„די אַרבעט איז געשריבן געוואָרן אונטער דעם דרוק פון קריג און אין די הפסקות צווישן די געפעכטן. דער צוועק פונעם בוך איז אויפצורודערן די גלייכגילטיקייט פונעם עולם און ציען זייער אויפמערקזאַמקייט צו די פראַגן, וועלכע אויב מען וועט זיי גאָר איגנאָרירן, קען דאָס חלילה האָבן סכנהדיקע קאָנסעקווענצן. ווער עס האָט געזען מיט אייגענע אויגן די שרפות און די רואינען פון אונדזערע הייזער און דעם פאַרלוסט פון אַלעמען, וואָס מיר האָבן זיך דערוואָרבן מיט אַזאַ שווערער מי; ווער עס קען די מאָס פון צעשטערונג פון אונדזערע פאַרמעגנס און די אָרעמקייט, אין וועלכע אונדזער פאָלק איז אַריינגעפאַלן; און ווער עס קען די שווע־ריקייטן פון אויפבויען און אומבילדן ווירשאַפטלעך דאָס גאַליצישע יידנטום — וועט אויך פאַרשטיין די דרינגלעכקייט און די צייט־לעכקייט פון אַזאַ אַרבעט".

דער סוף פון דער אַרבעט קלערט אויף אין אַלגעמיינע שטריכן דעם עצם פון דער פּראָבלעם:

„פון אַלע כלי־זיין וואָס ווערן באַנוצט אין אַן עקאָנאָמישן קאַמף, איז די פרידלעכע קאָנקורענץ צווישן פאַרשידענע גרופן־אינטערעסן די וויכטיקסטע פון אַלע אַנדערע. די מלחמה איז די ראַדיקאַלסטע פאָרעם פונעם עקאָנאָמישן קאַמף, און זי ווערט באַנוצט פון שטאַטן, ווען די קאָנפליקטן פון זייערע אינטערעסן זענען אַזוי צוגעשפּיצט, אַז נאָר דער שווערד קען צעשניידן דעם פאַרפּלאָנטערטן קנויל פון קעגנזייטיקע תביעות — אָדער אַזוי ווייניקסטנס מיינען די, וואָס האָבן די אַנטשיידנדיקע שטימע פאַר קריג אָדער פאַר פרידן. אָבער די צייטן האָבן זיך געביטן. אַמאָל האָבן די רוימער אויפגעהאָנגען אויף זייערע שילדן די וואָרנונג: Vae victis (וויי איז צו די באַזיגטע). היינט צו טאָג אָבער מוז מען צו דעם דאָזיקן זאַץ צוגעבן Vae victoribus (וויי איז אויך צו די באַזיגער). אין היפּוך צו אַ מלחמה איז די פרידלעכע קאָנקורענץ פון פאַרשידענע אינטע־רעסן־פאַרבאַנדן אַ פּאָזיטיווער כוח, וואָס פאַרקריפּלט נישט דעם סאָציאַלן באַשטאַנד און צעטרענצלט נישט קיין ענערגיע, נאָר פאַר־קערט, אונטערשטיצט און פאַרשטאַרקט ביידע צדדים. אָבער אַ ני־דערלאַגע איז אויך דאָ געפערלעך, ווייל אין דעם שלומדיקן קאַמף

פון קאָנקורענץ, איז גילטיק טאַקע נאָר איין פּאַראָל וואָס הייסט „ווע וויקטיס״. דער זיגער בלייבט זיגער, און דער באַזיגטער באַצאָלט די קאָסטן פונעם קאָנפליקט מיט די שווערסטע קרבנות פון אַן עקאָנאָמישער מפּלה...״

און ווייטער:

„...די יידן אין גאַליציע זענען אַ מיטל־קלאַס פאָלק. — די „לעסע־פייער״ (laissez-faire) פאָרמול פון עקאָנאָמישן ליבע־ראַליזם איז די פּלאַטפאָרמע פון דער בורזשואַזיע, און נישט פון דעם שווער געדריקטן מיטל־קלאַס. פונקט ווי דער פּאָזיטיוויזם, איז אויך דער עקאָנאָמישער ליבעראַליזם פון אַדאַם סמיט אַ שיטה פאַר די עקאָנאָמיש־שטאַרקע קלאַסן, און אין דער ערשטער שורה איז ער אַ פּלאַטפאָרמע פאַר דער גרויס־בורזשואַזיע. דער מיטל־קלאַס, להי־פּוך, באַדאַרף שוץ פון דער מלוכה און די שטיצע פונעם ברייטן עולם. די מאַכט פונעם גרויס־קאַפּיטאַל מוז עקוואַליזירט ווערן דורך דעם קעגנגעוויכט פון געזעלשאַפטלעכער סאָלידאַריטעט, פון קאָאָפּעראַ־טיוון און בשותּפותדיקן איינקויף און פאַרשלייס. דער מיטל־קלאַס וואָס איז באַזירט אויף פּריוואַטן אייגנטום קען אויך נישט זיין סאָ־ציאַליסטיש... צו אונדזער אומגליק זענען מיר, דער יידישער מיטל־קלאַס אין גאַליציע געווען גאַנץ איזאָלירט. נישט די מלוכה און נישט דער פּוילישער מיטלשטאַנד האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט אונדז. להיפּוך, זיי האָבן אויפגעבויט אַ נאַציאָנאַלן מויער קעגן אונדז און אונדז פאַרשטופּט אין אַן עקאָנאָמישן געטאָ. אָט פון וואַנען עס קומען אונדזערע פאַרטאָפּלטע שוועריקייטן — מיר ליידן אַלס אַ קלאַס און אַלס אַן אומה...״

איך קען אין דעם איצטיקן בוך נישט איבערגעבן נישט דעם תמצית און אפילו נישט די ראשי־פּרקים פון דעם עקאָנאָמישן אַנאַליז — איך האָב דאָ בלויז געבראַכט אַ מוסטער פון די פּראָבלעמען וואָס האָבן געעגבערט אין אונדזערע מוחות. עס איז געווען פּאַראויסצוזען, אַז ווער עס זאָל נישט האָבן געוווּנען די מלחמה, וועט די שאָוויניסטישע פּוילישע פּאָליטיק נאָך מער אַרומצוימען די יידן, סיי פּאָליטיש און סיי עקאָנאָמיש. וואָס איך האָב פאָרגעשלאָגן איז געווען עפּעס אַזעלכעס וואָס אונטער נאָרמאַ־לע אומשטענדן וואָלט נישט געווען געזונט נישט עקאָנאָמיש און אויך נישט

לייכט פּאָליטיש אויסצופירן — דהיינו: אָנערקענען אונדזער פּאַקטישע איזאָלאַציע און דורך קאָאָפּעראַטיווע מיטלען, דורך פּראָפעסיאָנעלער בילדונג און ביליקע קרעדיטן מאַכן דעם יידישן פּראָדוצענט אַזוי קאָנקו־רענץ־פעאיק, אַז ער זאָל נישט אונטערגיין אין קאַמף און אין דער קאָנקורענץ מיט דעם פּוילישן מיטלשטאַנד, וואָס האָט געהאַט הינטער זיך דעם גאַנצן אַפּאַראַט פון שטאַט און לאַנד און האָט דורך זיינע קאָאָפּעראַטיוון און דעם סיסטעם פון שולונג דערגרייכט, אַז ער האָט שיער נישט איבערגעיאָגט אונדזער פריערדיקן איבערגעוויכט אין האַנדל און מלאכה. כדי דאָס זאָל דורכגעפירט ווערן האָב איך פאָרגעשלאָגן צונויפצו־רופן אַן עקאָנאָמישן צוזאַמענקום פון בעלי־מלאכות, סוחרים און פרייע באַרופן, וואָס זאָל אויסקלייבן אַ „צענטראַלע עקאָנאָמישע קאַמער“ מיט אַ פאַכמענישע עקזעקוטיווע פון עקספּערטן, יעדער פון זיי אַ מומחה אין זיין פאַך. אַלע אינאיינעם זאָלן סטימולירן, פאַרברייטערן און קאָנ־סאָלידירן די יידישע פּראָדוקציע און העלפן אויסבילדן אַן עקאָנאָמישן אַפּאַראַט, וואָס זאָל זיך שטיצן אויף סאָלידע קאָאָפּעראַטיווע יסודות, אָנשטאָט, ווי עס איז ביז איצט געווען, אַז יידן זאָלן קאָנקורירן מיט יידן אויף דעם באַגרענעצטן פעלד, וואָס די קאָמבינירטע פּויליש־רוטענישע קאָנקורענץ האָט זיי דערוויל נאָך איבערגעלאָזט.

נאָכן קריג איז אַ טייל פון דעם פּראָגראַם אויסגעפירט געוואָרן מיט דער הילף פונעם „דזשאָינט“ און אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס.

אין אָט די פּאָר פּראַגמענטן האָב איך געפּרוווט שילדערן דעם מצב־נפש אָדער מפּח־נפש פון אונדז אַלעמען, די קעמפער און זאָרגער פאַר דער צוקונפט פון אונדזער פאָלק. און אויב מיר אַליין האָבן זיך געפונען צווישן „האָפענונג און יאוש“ האָבן די דרויסנדיקע נייעסטע אַנטוויקלונ־גען נאָך מער קאָמפּליצירט אונדזער לאַגע און באַשאַפן אַן אמתן פּאָלי־טישן עולם התועה. און דאָס פירט אונדז צום פּאָליטישן טייל פון די נייע האָריזאָנטן.

ב. נייע פּאָליטישע האָריזאָנטן

לאָמיר אַ ביסל צוריקגיין מיט אונדזער געשיכטע. ווי באַקאַנט איז דעם 5טן נאָוועמבער 1916, פאָרגעקומען איינע פון די וויכטיקסטע היסטאָ־רישע אַנטשיידונגען בנוגע פּוילן. אין דעם טאָג האָבן דער עסטרייכישער און דייטשער קייסער אונטערגעשריבן אַ בשותפותדיקע פּראָקלאַמאַציע

וועגן באַשאַפן אַן אומאָפּהענגיקע מלוכה אין פּוילן — אַ נאַציאָנאַלן שטאַט מיט אַ קאָנסטיטוציאָנעלער רעגירונג, מיט „אינטימע״ באַציאונגען צו די צוויי מלוכות. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ „רעגענציע״ מיט אַ מלוכהשן ראַט וואָס האָט רעפּרעזענטירט דעם צוקונפטיקן פּוילישן פּאַר־לאַמענט. די הויפּטשטאָט פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז געווען וואַרשע און פון דער עסטרייכישער איז געווען לובלין. די פּוילישע יידן האָבן געקראָגן פון די צוויי אָקופּאַנטן אַ גאַראַנטיע פאַר פּאָליטישער און רעלי־גיעזער גלייכבאַרעכטיקונג. דער רוסישער צאַר האָט באַלד געענטפערט מיט אַ פּאַראַלעלער דעקלאַראַציע, וואָס האָט געגעבן די הבטחה אויפצו־בויען אַ „פאַראייניקטע און אויטאָנאָמע פּוילישע מלוכה״, אונטער דער צאַרישער הערשאַפט. נאָר וואָס־זשע דען? די מעשה מיטן צאַרס צוזאָג איז געווען וואָס דער צאַר האָט דעמאָלט שוין נישט פאַרמאָגט קיין גרע־סערע פּוילישע טעריטאָריעס, בעת די דייטשן זענען דווקא יאָ געזעסן אין וואַרשע, און האָבן דאָרט געפירט די מלוכה. געווונען דערפון האָבן מער פון אַלעמען די פּאָליאַקן. זיי האָבן איצט געהאַט הבטחות פוןביידע זייטן און ווער עס זאָל נישט געווען פאַרלירן, די פּאָליאַקן האָבן אַלץ געמוזט געווינען.

אין קעגנזאַץ צו זייערע פריערדיקע פעלערן, האָבן איצט, אין דער מלחמה, די פּאָליאַקן באַוויזן, אַז זיי זענען אמתע רעאַליסטן. זיי האָבן באַוויזן צו זיצן אויף צוויי בענקלעך און נישט אַראָפּצופאַלן פון קיין איינעם אפילו. אָבער די יידן האָבן אַזאַ באַקוועמע לאַגע נישט געהאַט.

אין אָנהויב האָבן די דייטשן געחנפט די יידן. דייטשע יידן אין בער־לין האָבן מיט נישט קיין קליין ביסל טאַקטלאָזיקייט זיך אַריינגעמישט אין די פּויליש־יידישע אָנגעלעגנהייטן, ווי אמתע אפּוטרופּסים. ד״ר מאַקס באָדענהיימער, דער דעמאָלטיקער פּרעזידענט פון קרן־קימת, האָט אפילו געפונען פאַר נויטיק צו באַווייזן אין אַן אַרטיקל אין דער „קעלנישער צייטונג״, אַז אונדזער מאַמע־לשון איז נישט מער ווי אַ דייטשער דיאַ־לעקט. אָבער די דייטשע „יודענפריינטלעכקייט״ האָט זיך באַלד אויסגע־שעפּט, און די יידן זענען מער און מער געווען אָנגעוויזן אויף דער פּוי־לישער „גערעכטיקייט״. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרפאָלגונגען, און די נייעס וועגן די פּוילישע מעשים־טובים האָבן דערגרייכט צו דער אויס־לענדישער פּרעסע. דערויף האָבן די גאַליצישע פּאָליאַקן זיך געפילט געקריוודעט, הלמאי די יידישע פירער האָבן זיך גאָר אָפּגעזאָגט אָפּצוליי־

קענען די „בייזע עלילות" אַז מען באַהאַנדלט חלילה שלעכט די יידן. אַזאַ פּרווו צו צווינגען די יידן אַז זיי זאָלן אַלצדינג אָפּלייקענען האָט שוין פריער געמאַכט דער פּוילישער פּאָליטיקער ד"ר בילינסקי, וואָס איז דעמאָלט געווען אַן עסטרייכישער פינאַנץ־מיניסטער.

דאָס האָט נאָך מער אויפגערייצט די פּאָליאַקן און די יידן האָבן געזוכט מיטלען ווי אַזוי צו לעשן דאָס פייער. שוין אין יאָר 1915 האָבן די פירנדיקע קהילה־פּרעזידענטן און די דעפּוטאַטן געפּרווט מאַכן אַן „אוגאָ־דע" (פאַרשטענדיקונג) מיט די פּוילישע פּאָליטיקער, אָבער פיל הצלחה האָבן זיי נישט געהאַט דערמיט. אַן ענלעכער פּרווו איז שפּעטער איבער־געחזרט געוואָרן, אָבער דער פּרייז וואָס די פּאָליאַקן האָבן פאַרלאַנגט איז געווען אַז מען זאָל אַרויסגעבן אַ „קאַרט בלאַנש", אַ מין הכשר, אַז די פּאָליאַקן האָבן חלילה גאָרנישט פאַרזינדיקט זיך קעגן די יידן, און אַז אַלץ וואָס מען האָט וועגן דעם געשריבן, איז געווען אויסגעטראַכט פון די שונאים פון פּוילן. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ מין משונהדיקן „דעמענטי" האָט קיינער נישט געוואָלט מאַכן.

אָבער באַלד האָבן אָנגעיאָגט גרעסערע כמאַרעס, וואָס האָבן גאָר אינ־גאַנצן פאַרטונקלט די מעגלעכקייט פון אַ וועלכער עס איז פאַרשטענדי־קונג. און אָט וואָס עס האָט פּאַסירט.

מיר האָבן ביז איצט נאָך נישט דערמאָנט די רוסישע רעוואָלוציע, וואָס האָט איבערגעקערט נישט נאָר רוסלאַנד מיטן קאָפּ אַראָפּ, נאָר פאַרכאַפּט די גאַנצע וועלט אין איר ווירבל. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, אויך געהאַט אַ דירעקטע השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג פון די פּויליש־יידישע באַצי־אונגען.

דעם 15טן מערץ 1917, האָט צאַר ניקאָלאַי אונטערגעשריבן זיין אַבדי־קאַציע. דאָס אָרט פון דער צאַרישער רעגירונג האָט פאַרנומען אַ פּראָווי־זאָרישע קאָאַליציע מיט פירינץ לוואָוו בראש. דעם 16טן מאַי 1917, איז קערענסקי געוואָרן קריגס־מיניסטער און דעם 29סטן יוני האָט זיך אָנגע־הויבן די קערענסקי־אָפענזיווע, וואָס האָט פאַרכאַפּט סטרי און האַליטש, אָבער זי איז באַלד פאַרזונקען געוואָרן אין די גאַליציאַנער בלאָטעס און רעגנס, ווי אויך צוליב דער מאַסנהאַפטער דעזערציע פון די רוסישע סאָל־דאַטן. נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן די ירידה פון דער רעגירונג — אַזוי ביז דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, וואָס האָט געבראַכט די באָלשעוויקעס צו דער מאַכט.

די באָלשעוויקעס האָבן געטון וואָס די קערענסקי רעגירונג האָט נישט געטאָן: זיי האָבן געשיקט דעלעגאַטן קיין בריסק ד׳ליטע צו פאַרהאַנדלען מיט די דייטשן וועגן שלום. צו דער קאָנפערענץ האָט די אוקראַינישע (קליין־רוסישע) „ראַדאַ״, וואָס האָט זיך פּראָקלאַמירט ווי אַן אומאָפּהענ־גיקע פאָלקס־מלוכה, געשיקט אירע אייגענע דעלעגאַטן, וועלכע האָבן בשעת אַ קאָנפליקט צווישן די באָלשעוויקעס און דייטשלאַנד, אָפּגעשלאָסן אַ סעפּאַראַטן שלום מיט דייטשלאַנד. דאָס איז געשען דעם 9טן פעברו־אַר 1918.

צוליב פאַרשידענע טעמים איז דער אוקראַינישער פרידן געווען וויכ־טיקער פאַר די דייטשן ווי פאַר די אוקראַינער, און די דייטשן זענען געווען גרייט צו באַצאָלן אַ פּרייז פאַר דעם, בפרט אַז דער פּרייז איז נישט געווען זייער אייגענער. צווישן אַנדערע צוזאָגעכצער אויף פרעמדע חשבו־נות, האָבן די צענטראַל־מאַכטן געשענקט דער אוקראַינישער רעגירונג אַלס צוגאָב צו אוקראַינע — די כעלעמער טעריטאָריע.

די כעלעמער מעשה האָט געהאַט נאָך גרעסערע אינטערנאַציאָנאַלע קאָמפּליקאַציעס ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן אויפן ערשטן בליק. ווען די פּאָ־ליאַקן האָבן אויפגעהויבן אַ שרעקלעכן פּראָטעסט, און אַ פּוילישער רעגי־מענט האָט אפילו דעזערטירט, האָט קייסער קאַרלס רעגירונג אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען מיט דער אוקראַינישער רעגירונג, אַז זי זאָל מוותר זיין אויף אַ טייל פון דער כעלמער טעריטאָריע לטובת די פּאָליאַקן. אַלס אַ מקח שוה האָט די רעגירונג צוגעזאָגט אויטאָנאָמיע פאַר די מזרח גאַליצישע רוטע־נער. דער סוד איז אַרויס פונעם זאַק אַרום יוני, און די פּאָליאַקן האָבן ווידער אויפגעהויבן אַ ויצעקו. דעמאָלט האָט עסטרייך דערקלערט, אַז אַזוי ווי די אוקראַינער האָבן געבראָכן דעם קאָנטראַקט פאַר גרעסערע ליפערונ־גען, איז אויך דער צוזאָג נישט מער גילטיק.

מילא, וואָלט דאָס אפשר טאַקע נישט געווען אונדזער עסק, אָבער די פּאָליאַקן האָבן דווקא יאָ דערפון געמאַכט אַ יידישן עסק. דאַכט זיך, ווי קומט כעלם צו די יידן? איז אָבער אַרויס אַ קלאַנג, אַז דאָס איז אַלץ געשען מחמת דעם, וואָס דעם עסטרייכישן אויסערן־מיניסטער טשערנינס עצה־געבער האָט געזאָלט זיין אַ ייד. דער קלאַנג האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז עס איז אַ „לא יער ולא דובים״, אָבער דערווייל האָבן די צייטונ־גען געשפּיגן מיט גאַל און אַ פּאָגראָם־כוואַליע האָט אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן

זיך איבער מערב־גאַליציע, וואָס האָט אַרומגענומען קראָקע, ריישע, יאַראָ־סלאַוו און אַנדערע שטעט און שטעטלעך.

עס האָט גאָרנישט געהאָלפן וואָס אויך די יידן האָבן פּראָטעסטירט קעגן דער כעלמער אַנעקסיע; אַ „פּועלי־ציון״־קאָנפערענץ אין קראָקע האָט אויפן שאַרפסטן אופן פאַראורטיילט דעם „לאַנד־רויב״ און דערקלערט איר פולע סאָלידאַריטעט מיט די נאַציאָנאַלע פּוילישע אַספּיראַציעס. אָבער דעם צאָרן פון די פּאָליאַקן האָט שוין גאָרנישט מער געקענט אָפּלעשן.

דאָס אַליין באַווייזט ווי אָנגעצויגן עס זענען געווען די פּויליש־יידישע באַציאונגען, אַז אַזאַ מין בלבול איז געווען געוואוינטלעך, כדי צו פאַרגיסן יידיש בלוט. דאָס פייער פון שנאה האָבן געגליט אַ לאַנגע צייט און יעדע יידישע טעטיקייט וואָס האָט נישט געשטימט מיט די שאָוויניסטישע פּוילישע „אוקאַזן״, איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ שרעקלעכער פאַרראַט מצד די יידן. אָט למשל ווען די עסטרייכישע רעגירונג האָט נאָך דער באַפרייאונג פון לעמבערג אַריינגעשיקט איר אייגענעם „נאַמיעסטניק״, אַ געוויסן גע־נעראַל קאָלאַרד, אָנשטאָט דעם פריערדיקן „נאַמיעסטניק״ ד״ר קאָרי־טאָווסקי, און די לעמבערגער יידן האָבן, כנהוג, צוגעשיקט אַ באַגריסונג, האָבן די פּוילישע בלעטער גלייך אויפגעהויבן אַ פּראָטעסט־געשריי, און דער פירער פון די פּוילישע קאָנסערוואַטיוון, ד״ר הופקא האָט געשריבן אין קראָקעווער „טשאַס״, אַז די לעמבערגער יידן זענען געווען אַזוי באַ־גייסטערט פון רוסלאַנד, אַז זיי האָבן אַזש געקושט די פערד פון די קאָ־זאַקן בשעת דער רוסישער אינוואַזיע. די איראָניע דערפון איז געווען, אַז נישט גענעראַל קאָלאַרד און נישט זיינע נאָכפאָלגער האָבן עפּעס ממשותדיקס אויפגעטון פאַר יידן, און די פּוילישע באַאַמטע האָבן פּונקט ווי פריער גערודפט יידן.

אין נאָוועמבער 2, 1917, האָט ענגלאַנד פאַרעפנטלעכט די באַלפור דעקלאַראַציע, וואָס האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אומעטום אין דער וועלט. צוויי וואָכן שפּעטער האָט דער עסטרייכישער מיניסטער גראַף טשערנין אויפגענומען דעם ד״ר אַרטור האַנטקע אויף אַ לאַנגער קאָנפערענץ וועגן דעם זעלבן ענין. בשעת דער קאָנפערענץ, לויט ווי די צייטונגען האָבן באַ־ריכטעט, האָט גראַף טשערנין אַרויסגעוויזן אַ פאַרשטענדעניש און צופרידנ־קייט מיט ד״ר האַנטקעס דערקלערונגען און צוגעזאָגט די אונטערשטיצונג פון דער עסטרייך־אונגאַרישער רעגירונג ביי דער טערקישער מלוכה, לטובת די ציוניסטישע פאָדערונגען. אין דעצעמבער פון דעם זעלבן יאָר

האָט דער טערקישער גרויס־וועזיר טאלאט פאשא געגעבן אַן אינטערוויו דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער „פּאָסישע צייטונג״ און צוגעזאָגט, אַז די אימיגראַציע מניעות קיין ארץ־ישראל וועלן באַזייטיקט ווערן און אַז די יידן וועלן באַקומען מעגלעכקייטן פאַר „דער עקאָנאָמישער און קולטור־רעלער אַנטוויקלונג אין די גרענעצן פון די אויפנאַמס־מעגלעכקייטן פונעם לאַנד״. אויך די דייטשן האָבן געפילט אַז עפּעס דאַרף געטון ווערן, און דער דייטשער אונטער־סעקרעטאַר פונעם אויסערן־מיניסטעריום האָט אויפגענומען אַ דעלעגאַציע פון די ציוניסטישע פירער, פּראָפעסאָר וואַר־בורג און ד״ר האַנטקע, און פון דער לייטונג פונעם דייטשן מזרח קאָמי־טעט, פאַרטראָטן דורך פּראָפעסאָר אָפּענהיימער, פרידמאַן און סאַבערנ־היים. ער האָט געגעבן דער דעלעגאַציע דייטשלאַנדס הסכמה צום טער־קישן וועזירס הבטחות, און תוך־כדי־דיבור, זיך אויך דערקלערט פאַר יידי־שע מינאָריטעטן רעכט אין די לענדער, וווּ יידן האָבן אייגענע נאַציאָ־נאַלע סענטימענטן.

אין יוני 1918 האָט אַ דעלעגאַציע פון יידישע פאַראייניקטע פּאַרטייען באַזוכט דעם טערקישן וועזיר און דעם יונג טערקישן קאָמיטעט אין קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל און זיי פאָרגעלייגט אַ פּלאַן פאַר אַ „קאָלאָניאַל געזעל־שאַפט״ מיט ברייטע קאָנצעסיעס, אויטאָנאָמיע, פרייע איינוואַנדערונג אאַ״וו. אין דער דעלעגאַציע זענען געווען באַטייליקט: די ציוניסטן וויקטאָר יאַקאָבזאָן, ד״ר ש. ראָזענבוים (ליטע), אַרטור רופּין, יעקב ראָזענהיים, י. ברייער, משה אויערבאַך, הרב הורוויץ און הרב פערלמוטער — פון דער „אגודה״: ד״ר קאָן (בערלין), פון דער פאַראייניקונג פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס אין דייטשלאַנד״ און ראַבינער גרונוואַלד (ווין) אין נאָמען פון דעם עסטרייכישן פּאַלעסטינא הילפס־קאָמיטעט״.

ווען מען פאַרגלייכט אָט די האַלבע הבטחות צו דער באַלפור דע־קלאַראַציע, זעט מען דעם חילוק פון זייער אמתער כוונה. ביי די יידן האָט דאָס נישט געקענט פאַרווישן די אויגן. זיי האָבן גוט געוווּסט וואָס פאַר אַ ווערט עס האָבן די דייטש־עסטרייכיש־טערקישע רמזים, אפילו ווען זיי וואָלטן יאָ געווען בכוח דורכצופירן די הבטחות. ווען די באַלפור דעקלאַראַציע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, האָבן די צייטונגען פון די צע־מאראל־מאַכטן חוזק געמאַכט, אַז ענגלאַנד קען זייער גוט צוזאָגן עפּעס וואָס זי פאַרמאָגט נישט. אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום, אין דעצעמ־בער 1917, האָט אלענבי צעשלאָגן די דייטש־טערקישע אַרמייען אין

נאָענטן מזרח, און ארץ־ישראל האָט באַלד אויפגעהערט צו זיין אַ טער־קישע פּראָווינץ. ירושלים איז דעראָבערט געוואָרן פון סיר אלענבי דעם 9טן דעצעמבער, און טערקיי האָט אויפגעהערט צו זיין באַלעבאָסטע איבערן לאַנד פון דער יידישער בענקשאַפט.

די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט נישט נאָר צוגעגעבן מוט די יידן אין אַ צייט ווען זיי האָבן באַדאַרפט האָבן מוט מער ווי תמיד, נאָר זי האָט אויך געוווּנען פאַר ענגלאַנד אַ נייעם פאַרבינדעטן. די הערצער פונעם יידישן פאָלק האָבן אָנגעהויבן שלאָגן פאַר ענגלאַנד און מיר ציוניסטן האָבן זיך געפרייט מער מיט די זיגן פון די אַליאירטע ווי מיט די דייטשע זיגן. אין דער באַציאונג זענען מיר געווען עכטע פּאַטריאָטן, מחמת מיר האָבן געהאַט די זעלבע השגות ווי קייסער קאַרל, וועלכער האָט צו יענער צייט אויך מער מורא געהאַט פאַר דייטשע נצחונות ווי פאַר די אַליאירטע זיגן. איבעריקנס האָט שוין דעמאָלט קיין שום בעל־שכלדיקער מענטש נישט מער געגלויבט אין אַ נצחון פון די מיטל־מאַכטן.

נאָך צוויי פּאָליטישע אינטערווענצן ווילן מיר דאָ דערמאָנען.

אין אַפּריל 1918 האָט אַ ציוניסטישע דעפּוטאַציע באַזוכט דעם עסט־רייכישן מיניסטער־פּרעזידענט ד״ר פאָן זיידלער, מיט דער פאָדערונג וועגן דער אָנערקענונג פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט. דער פּונקט פינף פון דער לאַנגער ליסטע פון יידישע פאָדערונגען האָט זיך באַשעפטיקט מיט דער נויטווענדיקייט פון אָפּשאַפן דעם געזעץ וואָס האָט דיסקרימינירט קעגן יידיש און העברעאיש. צו דער זעלבער צייט האָט, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון עסטרייך־אונגאַרן, אַ ייד מיטן נאָמען ווילהעלם וואַשאָני אוואַנסירט צום אַמט פון מיניסטער אין אונגאַרישן קאַבינעט, און ביים אָפּגעבן די שבועה האָט ער באַנוצט דעם תנ״ך אָנשטאָט דעם צלם.

דער צווייטער עפּיזאָד איז געווען די אוידיענץ פון די ציוניסטן ראָבערט שטריקער און ד״ר יהושע טאָן ביים קייסער קאַרל אַלס אָפּיציע־לער פאַרטרעטער פון איינער פון די נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע דער קייסער האָט איינגעלאַדן צו זיך אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ פּלאַן צו פאַרוואַנדלען די מאָנאַרכיע אין אַ נאַציאָנאַליטעטן־שטאַט.

אָבער דאָס אַלץ איז שוין געקומען צו שפּעט.

XIX

צווישן האַמער און קאָוואַדלע

דער פונאַנדערפאַל פון דער אַלטער עסטרייך־אונגאַרישער אימפּע־ריע האָט קיינעם נישט אַזוי שווער געטראָפן ווי די יידן. ערשט נעכטן אַ מעכטיקער ישוב פון 2.200.000 יידן, זענען פּלוצלינג די רעמלעך וואָס האָבן זיי צונויפגעהאַלטן אויף איין גרויסן שטח לויז געוואָרן און די שטיקלעך זענען זיך צעפלויגן אין אַלע ריכטונגען. די מאָנאַרכיע איז גע־ווען אויך אַ גרויסע ווירטשאַפט, ווו עס איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסער האַנדל און אַנדערע עקאָנאָמישע טעטיקייטן. איצט איז דאָס אַלצדינג צעשטערט געוואָרן. פאַרשטייט זיך, אַז דער פּויער האָט דערפון ווייניקער געליטן ווי דער סוחר און בעל־מלאכה. אָבער אַ חוץ דעם איז געשען נאָך אַ זאַך וואָס האָט פאַר די יידן באַטייט אַ גרויסן קלאַפּ. בשעת די מאָנאַרכיע האָט עקזיסטירט איז דאָרט געווען אַ טריבונאַל, ווו יידן האָבן געקענט ווענדן זיך מיט קלאַגעס וועגן רדיפות פון די איינצלנע לאַנדעס־רעגירונ־גען. אויב אין גאַליציע זענען פאָרגעקומען פּאָגראָמען אָדער אויב דעם גאַ־ליצישן סיים האָט זיך פאַרגלוסט איינצופירן געזעצן, וואָס זענען געווען אין סתירה צו די באַשטימונגען בנוגע דער גלייכבאַרעכטיקונג, האָבן די יידן געהאַט אַ פּאַרלאַמענט און דעם העכסטן רייכס־געריכט אין ווין, אָדער טאַקע די קייסערלעכע קאַנצעלאַריע אַליין, וווהין זיי האָבן געקענט שיקן זייערע פּראָטעסטן און דערוואַרטן אַ געוויסע מאָס פון שוץ. איצט איז פון דעם אַלעמען גאָרנישט געבליבן. אויף אַזאַ בהלה האָבן זיך די יידן גאָרנישט געריכט. און ווייל מען רעדט אַזוי פיל פון דער יידישער חכמה, באַווייזט ווידעראַמאָל די געשיכטע ווי ווייניק פּאָליטישע רייפקייט די יידן האָבן פאַרמאָגט. בעת אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט בלויזן בטחון, נאָר האָבן אונטערגענומען פּאָזיטיווע שריט פאַר אײ־גענער עקזיסטענץ, איידער די מאָנאַרכיע וועט גאָר אינגאַנצן צעפאַלן זיך, האָבן די יידן געגלויבט ביז צום לעצטן מאָמענט, אַז וואָס דער סוף זאָל נישט זיין, עפּעס אַ מין עסטרייכישע מאָנאַרכיע וועט תמיד בלייבן, און אַז די אַלטע אימפּעריע וועט עקזיסטירן אין אַזאַ אָדער אין אַן אַנדערער פאָרעם. טאַקע צוליב דעם, ווייזט אויס, האָבן יידן ניטט געמאַכט קיין שום פאַרבערייטונגען פאַר דער גורלדיקער שעה. און ווען די שעה האָט גע־

שלאָגן און די מאָנאַרכיע איז זיך צעפלויגן ווי פעדערן פון אַ צעריסענער ציך, זענען די יידן געבליבן כצאן בלא רועה. און גראָד דעמאָלט האָט זיך מער ווי תמיד געגויטיקט אַ שטאַרקע האַנט און אַ קלאָרער בליק, ווייל אפשר נאָך קיינמאָל נישט זענען די באַציאונגען מצד דער באַפעלקערונג פון די איינצלנע לענדער נישט געווען אַזוי אָנגעשטרענגט לגבי די יידן — רעדנדיק, נאַטירלעך, וועגן די מאָדערנע צייטן פון דער מאָנאַרכיע — ווי גראָד דעמאָלט ווען די פעלקער זענען געוואָרן פאַר זיך אַליין באַלעבאַטים. דאָס איז געווען אַזוי אין אונגאַרן, אין דייטש־עסטרייך, אין פראָג און נאָך מער, פאַרשטייט זיך, אין גאַליציע.

די ערשטע קרבנות זענען געווען די פליטים. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ טרייבעניש, אַ פאָליציייסקע יאָגעניש און אפילו שמיץ מיט נאַגאַיקעס האָבן נישט געפעלט. אין ווין האָט די קריסטלעך סאָציאַל־סאָציאַליסטישע קאָאַליציע — און דער לאַנד־פּרעזידענט פון נידער־עסטרייך, דער סאָציאַל־דעמאָקראַט סעווער איז געווען צווישן די פאַרביסנסטע שונאי־ישראל — אָנגענומען צאַרסקע מיטלען בנוגע די פליטים, און עס איז קוים געלונגען זייערע גזירות אַ ביסל צו פאַרמילדערן.

אין דער נייער טשעכאָסלאָוואַקיע זענען פאָרגעקומען פאַרפאָלגונגען און גירושים פון פליטים — אַלץ מיט דער גאַנצער ברוטאַליטעט פון אַן אויפגעקומענעם באַלעבאָס. אָבער די שענדלעכסטע פּאָגראָמען — אויסער די שרעקלעכע שחיטות אין אוקראַינע — זענען פאָרגעקומען אין דעם נייעם פוילן. און אָט ווי מיר קומען צו אונדזער אייגנטלעכער טעמע — טבח גאַליציע.

מיר האָבן שוין דערמאָנט די פּאָגראָם־כוואַליע וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צוליב דעם כעלמער פּראָבלעם.

דער כעס פון די פּאָליאַקן איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן כאַפּן יידן אויף די באַנען און זיי שלאָגן מכות מוות.

נאָך דער קייסערלעכער פּראָקלאַמאַציע וואָס האָט באַפולמעכטיקט די לענדער צו פאָרמירן נאַציאָנאַל־ראַטן, כדי זיי זאָלן איבערנעמען די פירערשאַפט פון זייערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן, האָבן אויך די פּאָליאַקן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אויף דער פּלאַטפאָרמע פון זעלבסטשטענדיקייט. אין אָקטאָבער 1918 האָט זיך געשאַפן אַ „פּוילישער ליקווידאַציע קאָמיטעט" (פּ. ק. ל.) וואָס האָט איבערגענומען די פעסטונג פון קראָקע מיטן גאַנצן אַרסענאַל און אויסגעברייטערט זיין קאָמפּעטענץ איבער גאַנץ מערב־גאַלי־

ציע. אויך די יידן האָבן באַלד דערפילט די סכנה פון דעם רעגירונג־איבערבייט, און האָבן אָרגאַניזירט זייער אייגענעם יידישן נאַציאָנאַל־ראַט פון מערב־גאַליציע, אין וועלכן אַלע נאַציאָנאַל־יידישע פּאַרטייען זענען געווען פאַרטראָטן. אין פּרעזידיום זענען אַריין: ד״ר יהושע טאָן (ציוניסט), ד״ר שולדענפריי (זש. פּ. ס.) און ד״ר יצחק שיפּער (פּ. צ.). דער נאַציאָנאַל־ראַט האָט, אין הסכם מיט דעם ליקווידאַציע קאָמיטעט, אָנגעהויבן ווערבירן אַ מיליץ פאַר דער פאַרטיידיקונג פון יידישן לעבן און יידישן פאַרמעגן. בראש פונעם פאַרטיידיקונגס־רעסאָרט זענען געשטאַנען: קאַפּיטאַן מאָריץ פריינדלעך, טוביה וועקסלער און יוסף שענבערג. אַן אויפרוף איז אַרויס צו דער יידישער באַפעלקערונג מיט דער אויפפאָדערונג צו מעלדן זיך פרייוויליק צו דער מיליץ. דער אויפרוף איז געווען געחתמעט פון ד״ר יהושע טאָן, ד״ר הענריק שרייבער און ד״ר יוסף מאַרגוליעס, און האָט געטראָגן די הסכמה און די חתימות פון גראַף לאַסאָצקי, פּאָרזיצער פונעם אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט, און וולאַדזשימיעזש טעטמייער, פּאָרזיצער פון דעם פּוילישן מיליטערישן קאָמיטעט.

די פּראָקלאַמאַציע האָט באַקאַנט געמאַכט, אַז עס ווערט אָרגאַניזירט אַ יידישע פאַרטיידיקונג־מיליץ, וואָס ווערט געשטעלט אונטער דער השגחה פון דער פּוילישער מיליטערישער קאָמאַנדע אין קראָקע. די פּראָקלאַמאַציע האָט אַנטהאַלטן צווישן אַנדערע דערקלערונגען דעם פאָלגנדן טעקסט:

„...טאָקע דערפאַר שיקן מיר אַרויס דעם רוף צו די יידישע אָפיצירן און סאָלדאַטן ווי אויך צו אַלע וואָלונטירן, וואָס האָבן אין זייערע הערצער דעם ווילזיין פון יידישן פאָלק, אַז זיי זאָלן למען השם באַלד זיך מעלדן אין די באַראַקן פון דער רעזערווע פון דער יידישער זעלבסט־פאַרטיידיקונג אויף וואַלניצאַ גאַס... אין הסכם מיטן פּוילישן ליקווידאַציע־קאָמיטעט, מעגן אויך אַקטיווע אָפיצירן און סאָלדאַטן אַריינטרעטן אין דער (יידישער) רעזערווע...״

דער אָפרוף אויפן קול־קורא איז געווען אַן ענטוזיאַסטישער. אַן ערך טויזנט וואָלונטירן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער מיליץ, און זיי זענען צעשיקט געוואָרן אין מערערע שטעט ווו זיי האָבן דערשטיקט די וואַקסנדיקע פּאָגראָם־שטימונג פון דער פּוילישער באַפעלקערונג. אין קראָקע אַליין איז אַזאַ פּאָגראָם אָפּגעשטעלט געוואָרן. אָבער די יידישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהאַלטן אַ קורצע צייט. גענעראַל באַלעסלאַוו ראַיאַ, וואָס

האָט איבערגענומען די מיליטער־קאָמאַנדע אין קראָקע, האָט גלייך באַפוילן אויפצולייזן די יידישע פּאַרטיידיקונג־אָרגאַניזאַציע און אָפּליפערן די כלי־זיין צו „דער נאָענטסטער מיליטערישער קאָמאַנדע", נישט שפּעטער ווי ביזן 15טן נאָוועמבער 1918. ניין, די פּאָליאַקן האָבן זיך נישט פּאַרלאָזט אויף די יידן און זיי האָבן זיי נישט געטרויט קיין וואָפן. זיי האָבן ליבער געוואָלט האָבן אַז די יידן זאָלן זיין „אַנטוואָפנט" און אָנגעוויזן אויף זייער חסד.

און גאָר באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן די פּאָגראָמען אין מערב־גאַליציע: אין באַראַנאָוו, טשעבינע, זאַקליטשין, וועליטשקע און אומצייליקע שטעט, שטעטלעך און דערפער, אומעטום ווו יידן האָבן געוווינט. די פּאָגראָם־כוואַליע איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג און פון חודש צו חודש, אָבער דער הויכפּונקט פון בעסטיאַליטעט איז דערגרייכט געוואָרן אין מזרח־גאַליציע.

ווען דער עסטרייכישער רייך איז געלעגן אין גסיסה, און יעדער איינער האָט געכאַפּט וואָס ער האָט נאָר געקענט, האָבן די רוטענער דער־פילט אַז אויך זייער שעה האָט געשלאָגן. ווייזט אויס אַז די רוטענער זענען דווקא יאָ געווען גוט צוגעגרייט פאַר דעם „פּוטש", ערשטנס דערפאַר ווייל זיי האָבן געוווסט וועגן דעם געהיימען אָפּמאַך פון די מיטל־מאַכטן מיט דער „צענטראַלער ראַדע", אַז נאָכן קריג דאַרפן זיי ווערן די באַלעבאַטים פון מזרח־גאַליציע, און שנית האָט דער לעמבערגער שטאָט־האַלטער גראַף הוין, זיי איבערגעגעבן די „שליסל" פון דער רעגירונג, אַ טאָג איידער ער האָט זיין פּאָסטן פאַרלאָזן. אין דער נאַכט פון דעם 1טן נאָוועמבער 1918 האָבן די רוטענער באַזעצט די שליסל־פּונקטן פון לעמבערג און זיי האָבן איבערגענומען די קאַזאַרמעס און די אַרסענאַלן פון דער שטאָט.

איך אַליין בין דעמאָלט אויך געווען אין לעמבערג, וווהין מען האָט מיך טראַנספּערירט פאַר די לעצטע פּאָר חדשים נאָך אַזאַ לאַנגן „פעלד־דינסט". איך דערמאָן זיך, ווי איבערראַשט איך בין געווען ווען איך בין גאַנץ פרי, ווי געוויינלעך, געקומען אין דער קאַזאַרמע פון מיין רעגימענט, נעבן צווינטער אויף דער ליטשאַקאָווסקע גאַס, און אַ פּאָסטן אויף דער וואַך האָט מיך אָפּגעשטעלט, ביז אַן אָפיציר, גאָר אַן אומבאַ־קאַנטער, האָט מיך אַריינגענומען אין דער קאָמאַנדע. נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַנטשולדיקט וואָס דער פּאָסטן האָט מיך נישט אַריינגעלאָזן, האָט

ער מיר אויפגעקלערט, אַז קייסער קאַרל איז אויס קייסער און, זיי, די אוקראַינער, פירן איצט די מדינה. „צי וויל איך צו זיי צושטיין און בלייבן אַן אָפיציר אין דער אַרמיי פון דער דרום־אוקראַינישער רעפּובליק?״ פאַרשטייט זיך, אַז איך בין נישט נתפּעל געוואָרן פון זיין פאָרשלאָג, און אַט אַזוי האָב איך מיך אין איין מינוט אַליין „דעמאָביליזירט״. דער אָפּי־ציר האָט מיר פונדעסטוועגן צוגעזאָגט שיקן מיין „מענאַזש״־פּאָרציע (שפּייז), פאַר מיר און פאַר מיין אָרדינאַנס, און פאַר צוויי וואָכן צייט האָט ער געהאַלטן וואָרט.

די פּוילישע ליקווידאַציע קאָמיסיע האָט געהאַט באַשלאָסן זיך איבער־צוטראָגן קיין לעמבערג דעם 2טן נאָוועמבער 1918, כדי צו דעמאָנסטרירן אַז גאַנץ גאַליציע באַלאַנגט אונטער איר רשות. אָבער די רוטענער האָבן שוין געהאַט פאַרכאַפּט לעמבערג אַ טאָג פריער. אַ טאָג שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי, אַ מאַרשירעריי, אַ לויפעניש — אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון אַ דריי־וואָכן לאַנגן פּויליש־אוקראַינישן קאַמף אין לעמבערג.

אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט אַן אומאָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד פון פּוילישע שקצימלעך וואָס איז באַלד אויסגעוואַקסן אין אַ גוט־אָרגאַניזירטן און גוט־געפירטן קאַמף פון אַ פּוילישער ציווילער וואָלונטיר־אַרמיי מיט די פולע קאַדערן פון דעם אוקראַינישן מיליטער. דער קאַמף איז געווען אַן אומגלייכער, די פּוילישע פּאַטריאָטן זענען פאַרטריבן געוואָרן פונעם צענטער פון דער שטאָט, אָבער פּאַוואָליע האָבן די פּאָליאַקן זיך אָרגאַ־ניזירט און צוריק דעראָבערט איין פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער. הויפּטזאַכ־לעך האָט דער קאַמף זיך צעפלאַקערט אַרום דעם פּאָליטעכניקום און אין די געסלעך לעבן יאַנאָווער גאַס און אין דער מערב זייט פון דער שטאָט.

און די יידן? די יידישע פירערשאַפט אין לעמבערג האָט דווקא יאָ פאַרשטאַנען די ערנסטקייט פון דער נייער מלחמה און געמאַכט הכנות פאַר די קומענדיקע נסיונות. שוין אין זומער פון 1918 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ לאַנד־קאָנפערענץ פון די ציוניסטישע דעלעגאַטן. אַלע אַקטועלע פּראָבלעמען פונעם מזרח־גאַליצישן יידנטום זענען דיסקוטירט געוואָרן. אַדאָלף שטאַנד איז געלעגן קראַנק אין ווין און די פירערשאַפט אין גאַ־ליציע האָבן איבערגענומען ד״ר לעאָן רייך, און ד״ר מיכל רינגעל. אויף דער קאָנפערענץ איז אויך אָנגענומען געוואָרן מיין פאָרשלאָג צו שאַפן

אַ ווירטשאַפטלעכע צענטראַלע פאַר די יידן אין גאַליציע. אַלע האָבן פאַרשטאַנען אַז מיר יידן טאָרן זיך נישט אַריינמישן אין דעם סכסוך פון די צוויי פעלקער און מוזן אָננעמען אַ פריינטלעכע נייטראַליטעט לגבי בײדע צדדים. נאָר איינער, ד״ר ישראל וואלדמאַן, האָט זיך געלאָזט באַאיינפלוסן פון זיינע פּראָ־רוטענישע סימפּאַטיעס. ד״ר וואלדמאַן איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דעם האַלב־אָפיציעלן אָרגאַן, אַ דייטשער טאָגבלאַט אין לעמבערג, וואָס איז געווען סובווענציאָנירט פון דעם „נאַמיעסטניק״. ער איז געווען אַן אויסעראָרדנטלעך באַגאַבטער מענטש, האָט גערעדט גוט רוטעניש און איז געשטאַנען אין ענגע באַציאונגען מיט די רוטענישע פירער. ער האָט באמת געגלויבט אין דער „אוקראַינישער״ גערעכטיקייט און געלייגט גרויס בטחון אויף דער פּאָליטישער צוקונפט פון די רוטענער. דערביי אָבער איז ער געווען אַ גוטער ציוניסט און זיין פּראָ־אוקראַיניזם האָט סיי ווי סיי נישט שטאַרק איבערגעוויגן די וואָגשאָל.עס זענען געווען אַנדערע ווי ד״ר רינגעל, וועלכער האָט געהאַט אַ פּראָ־פּוילישע אָריענטאַציע. אָבער די געוועזלעכע נייטראַליטעט איז געווען דער איינציקער ריכטיקער אויסוועג אין אונדזער ספּעציעלער לאַגע.

די יידן אין מזרח־גאַליציע האָבן אויך געהאַט זייער נאַציאָנאַל־ראַט, וועלכער איז באַשטאַנען פון אַלע יידיש־נאַציאָנאַלע פּאַרטייען. די רוטענער, נאָכדעם ווי זיי האָבן באַזעצט לעמבערג, און מיטן אויסנאַם פון פּשעמישל, כמעט גאַנץ מזרח־גאַליציע ביז צום סאַן, האָבן אָפיציעל אָנערקענט די יידישע נאַציאָנאַליטעט און אַלס איר אויספיר־אָרגאַן דעם יידישן נאַציאָנאַל־ראַט. ווי שוין דערמאָנט האָבן זיי פאַרבעטן די יידן צו שיקן זייערע פאַרטרעטער צו באַטייליקן זיך אין דער נייער לאַנדעס־פאַרוואַלטונג. אָבער די יידן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער דאָזיקער איינלאַדונג. די יידישע נייטראַליטעט האָט באַשאַפן אַ מין אינדזל אין אַ טייך פון בלוט־פאַרגיסונג, און עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן מערקן דעם אמת פונעם כלל: אַז אוי לרשע, איז ממילא אויך אוי לשכנו.

די שטאָט לעמבערג האָט אָנגענומען דעם אויסזען פון אַ שלאַכטפעלד. דער מאַגיסטראַט האָט אויפגעהערט צו פונקציאָנירן, קיין פּאָליציי איז נישט געווען, און עס איז געווען קלאָר אַז די יידן מוזן זיך אַליין באַשיצן קעגן רויב, מאָרד און גנבה. שוין דעם ערשטן נאָוועמבער 1918 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן אסיפה אין דעם קהלשן בנין, און נאָך אַ לאַנגער באַראַטונג איז באַשאַפן געוואָרן אַ יידישער „זיכערקייט־אויסשוס״, צו־

נויפגעשטעלט פון כמעט אַלע פּאַרטייען. אַ פּראָקלאַמאַציע איז פּאַרעפנט־לעכט געוואָרן צו די יידן פון לעמבערג, דערקלערנדיק די לאַגע וואָס האָט זיך געשאַפן און די שטרענגע נייטראַליטעט וואָס די יידן מוזן אָפּהיטן אין דעם קאַמף פון אונדזערע שכנים. די פּראָקלאַמאַציע האָט אויך אויפ־געפאָדערט די באַפעלקערונג צו פאַרהאַלטן זיך רואיק און אָפּהיטן אָרדע־נונג. מ׳האָט גערופן די, וואָס האָבן געהאַט אַ מיליטערישע אויסבילדונג, אַז זיי זאָלן זיך מעלדן צו דער יידישער מיליץ, וואָס ווערט באַשאַפן פאַרן שוץ פון דעם יידישן קוואַרטאַל. די פּראָקלאַמאַציע איז געווען אונטער־געשריבן פון די פאָלגנדע יידישע פירער: ד״ר אַלעקסאַנדראָוויטש, ד״ר איינאייגלער (זש. פּ. ס.) , נ. טשאַרטקאָווער, יוליוס אייזלער, חיים פעלס, אברהם פריינד, אביגדור גריץ, ד״ר אַלעקסאַנדער הויזמאַן, שלמה הערץ, יצחק יאַוואָרער, י. ס. לאַנגנאַס, ד״ר ישראל מינצער, ה. נאַגעלבערג, ד״ר עמיל פאַרנאַס, מ. ראַפּאָפּאָרט, ד״ר לעאָן רייך, אינזש. א. רייס, ד״ר מיכל רינגעל, נחמן ראַטלענדער, ד״ר דוד שרייבער, שרה שוועבער, ד״ר וואַלדמאַן, ד״ר פישל וואַשיץ, ד״ר יהושע וואַסער און דער רע־דאַקטאָר מ. א. טענענבלאַט.

דאָס „לעמבערגער טאָגבלאַט״ פון 2טן נאָוועמבער 1918, האָט אָפּ־געדרוקט די פּראָקלאַמאַציע און צוגעגעבן די פאָלגנדיקע רעדאַקציאָנעלע באַמערקונג:

„דער זיכערקייט־אויסשוס און די יידישע מיליץ האָבן נישט קיין אַנדערע אויפגאַבע אויסער צו באַשיצן דאָס יידישע לעבן און פאַר־מעגן און האַלטן שלום און אָרדענונג אין דער יידישער גאַס״.

די גרינדונג פון דער מיליץ איז אַנאָנסירט געוואָרן אין אַלע דריי שפּראַכן: יידיש, פּויליש און רוסיש. אין אַלע גאַסן האָבן געהאָנגען די דריישפּראַכיקע פּראָקלאַמאַציעס. און אָט איז דער טעקסט פון דער פּראָ־קלאַמאַציע:

„צו דער יידישער באַפעלקערונג פון לעמבערג!

„די פאַרקומענישן פון די איצטיקע צייטן רירן אָן שטאַרק די גאַנצע היזיקע יידישע באַפעלקערונג. אין אָט־אָ־די אומרואיקע צייטן טאָר קיין איינציקע יידישע פּאַרטיי נישט איבערלאָזן אָן שוץ דאָס לעבן און פאַרמעגן פון די 70.000 יידן. עס איז נויטיק אַז די קו־

מענדיקע צייט זאָל אונדז געפינען פאַראייניקט און אַנטשלאָסן, כדי צו קענען פאַרטרעטן די אינטערעסן פון די לעמבערגער יידן. פאַר דעם צוועק האָט זיך היינטיקן טאָג אָרגאַניזירט אַ יידישער זיכער־קייט־אויסשוס (ועד), וואָס באַשטייט פון אַלע פאַרטייען פון לעמ־בערג. דער זיכערקייט־אויסשוס האָט איבערגענומען די שווערע אויפ־גאַבע צו געפינען וועגן און מיטלען כדי איינצופירן רו און אָרדע־נונג אין יידישן קוואַרטאַל און אָפּהיטן דאָס פאַרמעגן פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער אויסשוס וועט זאָרגן פאַר דעם אַלע־מען, און ער פאָדערט אויף די יידישע באַפעלקערונג אויסצופאָלגן זיינע באַפעלן, האַלטן דיסציפּלין און אָפּהיטן די שטרענגסטע נייטראַ־ליטעט, אויסהיטנדיק זיך פון אַ יעטווועדן זייטיקן פּרווו צו נעמען אַ שטעלונג אין דעם סכסוך. למען השם, איר זאָלט נישט האָרכן קיין אומקאָנטראָלירטע שמועות. עס ווערט געגרינדעט אַ יידישע מיליץ אונטער דער אויפזיכט פונעם זיכערקייט־אויסשוס. יידישע גאַסן און אינסטיטוציעס וועלן באַוואַכט און באַשיצט ווערן. יעדע פּאַניק אָדער מורא זענען צו פאַרמיידן. זייט פאָרזיכטיק און קאַלט־בלוטיק".

אויסער דער פּראָקלאַמאַציע וועלכע אונטערשטרייכט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל דעם ציל פון דעם זיכערקייט־אויסשוס און פון דער מיליץ, האָט דעם 11טן נאָוועמבער 1918, אַ דעפּוטאַציע, וואָס איז באַשטאַנען פון דוד שרייבער און פישל וואשיץ, באַזוכט די פוילישע פאַרטרעטער ד"ר כלאמטאטש און ד"ר ערנסט אדאם, און זיי דערקלערט די סיבה און דעם ציל פון דער יידישער נייטראַליטעט.ביידע פוילישע פאָרשטייער האָבן זיך דערקלערט צופרידן מיט דער יידישער שטעלונג. אַ טאָג שפּעטער האָט אַ יידישע דעלעגאַציע באַזוכט קאַפּיטאַן בארוטא פון דער פוילישער מיליטערישער קאָמאַנדע, פון איין זייט, און די אוקראַינישע מיליטערישע פירער פון דער אַנדערער, און האָט פאַר זיי אָפּגעגעבן אַן אָפיציעלע דערקלערונג וועגן דער יידישער נייטראַליטעט.

די יידישע מיליציע איז באַשטאַנען פון 300 מאַן; 200 פון זיי האָבן געהאַט ביקסן. דער קאָמענדאַנט פון דער מיליציע איז געווען קאַפּיטאַן יוליוס אייזלער — דירעקטאָר פון דער יידישער „קרעדיט־אוניאָן" באַנק. די 300 מיליציאַנטן זענען אויסגעקליבן געוואָרן פון אַ גרויסן עולם פון

וואָלונטירן. די מיליציע איז באַלד געוואָרן די פּאָפּולערסטע אינסטיטוציע אין לעמבערג. אַ סך קריסטן האָבן געבעטן, אַז מען זאָל זיי צוטיילן יידישע מיליציאַנטן, בכדי זיי זאָלן פּאַטרולירן זייערע גאַסן. אָבער נישט וויניקער וויכטיק זענען געווען די פאַרדינסטן פון דער מיליץ אַלס פאַרמיטלער צווישן די צוויי פיינטלעכע פראָנטן.

די מיליץ האָט צונויפגעבראַכט פאַרלוירענע פאַמיליען־מיטגלידער, געטראָגן שפּייז צו מענטשן וואָס זענען ממש אויסגעגאַנגען פון הונגער אין דער פייער־זאָנע, אַרויסגעפירט קראַנקע און באַגראָבן טויטע. אין דער שטאָט גופא, ווו מען האָט אויפגעמאַכט די תפיסות און אַרויסגעלאָזט דעם פאַרברעכערישן ערב־רב, זענען אין אַנהייב פאָרגעקומען איבערפאַלן, ווי למשל, אין האָטעל „עספּלאַנאַד״, ווו עס האָט זיך איינגעקוואַרטירט אַ פאַרמאַסקירטער רויבער אין דעם מונדיר פון אַן אָפיציר כלומרשט, און האָט באַרויבט און אויסגעהרגעט 5 מענטשן אין איין נאַכט. די מיליץ האָט אומעטום אינטערווענירט און באַלד געשאַפן אָרדענונג, און אויב מענטשן זענען טראַצדעם געפאַלן, איז דאָס געווען מער פון פאַרבלאָנדזשעטע קוילן איידער פונעם פאַרברעכערישן ערב־רב.

איינע פון די גרעסטע זאָרג איז געווען ווי אַזוי צו באַשפּייזן אַזאַ שטאָט ווי לעמבערג, וואָס איז איצט געווען נישט נאָר אַ מלחמה־שטאָט, נאָר טאַקע אַ באַלאַגערטע שטאָט. די פּאָליאַקן האָבן באַזעצט דעם הויפּט־באַנהויף, און אויך די פּאָדזאַמטשע באַנסטאַנציע איז נישט געווען זיכער. אַ שטאָט, אַן אָפּענע, ווי לעמבערג, האָט ממילא געהאַט וויניק זאַפּאַסן פון לעבנסמיטלען, און די פראַגע איז געווען: ווי אַזוי דערנערט מען 70.000 יידן, און אויך אַנדערע וואָס האָבן נישט געהאַט מיט וואָס דעם טאָג איבערצולעבן? איך געדענק, ווי שוין מיט חדשים פריער, נאָך פאַר דעם אויסברוך פון דער מלחמה אין לעמבערג, האָב איך געוואָרנט אַז אין פאַל פון אַ פּויליש־רוטענישן סכסוך, וועלן די יידן שטאַרבן פון הונגער, סיידן מען וועט פאַר זיי אָנגרייטן גענוג זאַפּאַסן אין צייט. ד״ר רינגעל, מיט זיין „זיידענעם״ שמייכל האָט מיך באַרואיקט, אַז עס וועט דערצו קיינמאָל נישט קומען. איצט ווען עס איז שוין יאָ געשען, איז שוין מער קיין מעגלעכקייט נישט געווען צו קריגן די זאַפּאַסן.

ווען דער זיכערקייט־אויסשוס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אויף דער זיצונג אין קהל־געביידע, האָב איך ווידעראַמאָל אויפגעהויבן דעם לעבנסמיטל־פּראָבלעם. אויף דעם האָט דער זיכערקייט־אויסשוס באַשלאָסן צו

אָרגאַניזירן אַ באַשפּייזונג־אָפּטיילונג, און די לייטונג פון דעם אַמט האָט מען מיר איבערגעגעבן. איך האָב באַלד געמומען צונויפשטעלן אַ קאָמי־טעט, וואָס איז באַשטאַנען פון סוחרים, געוועלבניקעס און געזעלשאַפט־לעכע טוער; אָבער איך האָב מיך גיך איבערצייגט אַז מיט עצות אַליין קען מען נישט שפּייזן אַ גאַנצע עדה. מען מוז האָבן אַ פּראָגראַם און אַ גוט אָרגאַניזירטן פּערסאָנאַל. אַזוי ווי עס איז נישט געווען קיין צייט פאַר לאַנגע דיסקוסיעס, האָב איך געקראָגן די פולמאַכט פאַר „נעשה ונשמע".

די דערפאַרונגען פון קריג־אַפּראָוויזאַציע האָבן באַוויזן אַז מיט רחמים אַליין קען מען נישט אויסקומען. האָבן מיר טאַקע, מיט דער הילף פון דער יידישער מיליץ, געצוואונגען די בעקערס צו באַקן ברויט. מיר האָבן אויך אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע סקלאַדעס און געוועלבער פון מעל און עסנוואַרג מוזן, אָדער תיכף ומיד געעפנט ווערן און אָנהויבן פאַרקויפן צו באַשטימטע פרייזן, אָדער מיר אַליין וועלן זיי עפענען און צונעמען די סחורה בחינם. אַ טייל סוחרים האָבן זיך דערשראָקן און געעפנט זייערע געשעפטן. אַנדערע וואָס האָבן זיך געמאַכט תמעוואַטע האָבן צומאָרגנס געפונען זייערע סקלאַדעס ליידיק. אויף דעם אופן האָבן מיר דערווייל געקראָגן גענוג זאַפּאַסן פאַר אַ פּאָר טעג, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט צו פאַרטיילן די מינימום פּאָרציעס פון שפּייז פאַר אַ יעדן איינעם.

אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן אַן אַנדערע צרה. אַ סך פון די הענדלער אין דער יידישער גאַס האָבן אָדער זיך אויסבאַהאַלטן, אָדער, אויב זיי האָבן שוין יאָ אָנגעהויבן פאַרקויפן, האָבן זיי געריסן די הויט פון די קונים — און זיך גאָרנישט געזאָרגט וועגן דעם אָפיציעלן טאַ־ריף פון די פרייזן. און דאָ איז אונדזער ליבע טייערע יוגנט געקומען צו הילף! איך האָב צונויפגערופן די אַקאַדעמיקער און גימנאַזיסטן, יינגלעך און מיידלעך און זיי אַריינגעזעצט אין די געוועלבער, אין די אָפענע און אין די פאַרמאַכטע, און אין אַ טאָג צוויי האָב איך געהאַט אַ שטאַב פון געבוירענע „געוועלבניקעס", אַז עס איז פשוט געווען אַ מחיה זיי צו זען ביי דער אַרבעט. די באַלעבאַטים פון די געוועלבער און די סוחרים האָבן מיר פאַרשאָלטן די יאָרן — „דעם קליינעם אַנטיסעמיט מיטן שטערן" (צוליב דעם וואָס איך האָב נישט געהאַט קיין ציוויל־קליידער, האָב איך די גאַנצע צייט געטראָגן מיינע אָפיצערסקע מונדירן), אָבער דערפאַר

האָט דער עולם אונדז אַלעמען געבענטשט פאַר יעדן ביסן וואָס זיי האָבן אַראָפּגעשלונגען.

נאָך דעם ווי די פאַרקויף־אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהויבן גיין ווי געשמירט, איז געקומען די פראַגע, ווו נעמט מען מער שפּייז־פּראָדוקטן. מיר האָבן אויסגערעכנט, אַז אפילו ווען מען שאַרט צונויף די לעצטע זערנעס פון די סקלאַדעס, וואָלט דאָס אַלץ מער נישט געקלעקט ווי אויף אַ פּאָר טעג. הכלל, וואָס טוט מען פאַרט?

דאָ איז מיר געקומען צו הילף אַ ייד, וועמען איך האָב קיינמאָל פריער נישט געזען: דער געוועזענער פּאָליציי־אינספּעקטאָר מיטן נאָמען מאַנדעל. ער האָט זיך צוגעקוקט צו איינער אונדזערס אַן „אָפּעראַציע״, ווי מיר האָבן אויסגעגראָבן בולבעס (קאַרטאָפלעס) פון אַ קעלער ווו אַ סוחר האָט זיי אויסבאַהאַלטן פאַר „בעסערע צייטן״ און ער האָט זיך צוגעהערט ווי מיר האָבן זיך געעצהט מיט אַן אַנדערן סוחר וואָס מיר זאָלן טון, כדי צו קריגן מער זאַפּאַסן. פּלוצלינג איז דער פאַרשוין צו מיר צוגעגאַנגען און מיר דערלאַנגט 10.000 קראָנען.

— איר דאַרפט געלט? — האָט ער מיר אַ פרעג געטון, און אַליין געענטפערט: — אויב איר וועט האָבן מער געלט, וועט איר שוין ממילא קריגן מער שפּייז.

איך האָב אים אָנגעקוקט מיט אַ היפּש ביסל חשד, מחמת אַ ייד וואָס גיט געלט און פרעגט נישט קיין שאלות, איז תמיד אַ ביסל פאַרדעכטיקט. אָבער מאַנדעל האָט עס געמיינט ערנסט, און איידער וועך וואָס ווען איז ער געוואָרן אונדזער „אינטענדענט״ — ממש אַ מענטש, אַ קינסטלער.

מיר האָבן אָנגעהויבן אָפּקויפן סקלאַדעס אויך פון די פּאָליאַקן, וואָס האָבן מורא געהאַט, אַז די רוטענער וועלן ביי זיי אַלצדינג צונעמען און זיי האָבן זיי גיכער געוואָלט פאַרקויפן עפּעס ביליקער, איידער איבערלאָזן אַלצדינג אויף הפקר. אָבער מאַנדעל האָט געהאַט אַ בעסערן פּלאַן. די פויערים אין די דערפער, האָט ער געטענהט, זענען אָנגעשטאָפּט מיט כל־טוב און האָבן עס נישט וועמען צו פאַרקויפן. זיי זענען אָפּגעשניטן פון לעמבערג און די תבואה ווערט ביי זיי ממש פאַרפוילט.

— אָט — זאָגט ער — פאַרשאַפט מיר צוויי זאַכן, אַ רייזע־דערלויבעניש פון דער אוקראַאינישער רעגירונג מיט די רעכט צו קויפן

ביי די פּויערים, און געלט, אַ סך געלט, צו באַצאָלן פאַר דער סחורה, און איך וועל אייך ברענגען שפּייז וויפל איר וועט נאָר וועלן.

על־פּי השכל האָט דאָס אויסגעזען נישקשהדיק פאַנטאַסטיש, אָבער מען קען נישט עסן דעם שכל הישר בשעת די געוועלבער שטייען ליידיק און מענטשן זענען הונגעריק. בפרט, אַז ווי עס האָט דעמאָלט אויסגעזען, וועט די מלחמה זיין אַ לאַנגע. מיט דער הילף פון ד״ר וואלדמאַן בין איך אַריבער צו דער אוקראַינישער דירעקטאָריע און מיר האָבן געקראָגן אַ רייזע־דערלויבעניש מיט די נויטיקע איינקויף־פּאַפּירן. איך האָב זיי אויך דערציילט, ווי קנאַפּ אונדזערע פינאַנצן זענען, און געפרעגט צי זיי וואָלטן נישט געווען געניינגט צו באַוויליקן אַ הלוואה פאַר דעם צוועק.

— אַ הלוואה? פאַרוואָס נישט? אויב דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט וויל אַ הלוואה...

ניין, נישט דער נאַציאָנאַל־ראַט און נישט דער זיכערקייט־אויסשוס האָבן דאָס געקענט נעמען אויף זיך; ביידע האָבן געמוזט אָפּהיטן די ניי־טראַליטעט! „אלא מאי?״ „מיר, די אָרגאַניזאַציע באַדאַרפן אַ הלוואה, כדי צו באַשפּייזן דעם יידישן קוואַרטאַל!״ ווייזט אויס, אַז דאָס איז זיי דווקא שוין גאָר נישט געפעלן. „זיי קענען נישט געבן קיין געלט עפּעס אַזוי אויפן וואָרט פון אַ פּריוואַטער פּערזאָן״. צום סלוס האָבן מיר זיך געאייניקט, אַז זיי וועלן געבן אַ הלוואה אויף אַ וועקסל, אויב מיר וועלן זיי ברענגען 20 אונטערשריפטן פון באַקאַנטע סוחרים.

דערווייל איז אונדזער מאַנדעל (מיר פלעגן אים רופן „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען״) אַוועק אין דאָרף אַריין, און אין אַ זעקס טעג אַרום איז ער צוריקגעקומען רייטנדיק אויף אַ פערד, ווי עפּעס אַ גרויסער גענעראַל, און נאָך אים האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע קאַראַוואַנע פון באַלאַדענע וועגענער, וואָס האָט געגרייכט פון דער ליטשאַקאָווסקע ראָגאַטקע ביז אין שטאָט אַריין.

יידן זענען אַרויסגעלאָפן קוקן אויפן חידוש, און אַ שמחת־תורה שטי־מונג האָט פאַרכאַפּט אַלעמען, יונג און אַלט. עס פאָרן וועגענער פול מיט זעק מיט מעל, מיט קאַרטאָפל, פאַסאָליעס, אַרבעס, מערן און ציבעלעס, און פעסלעך מיט קעז און פוטער און קוישן מיט אייער... און נעבן די פורן, פאַמעלעך, בכבודיק שפּאַנען בהמות מיט אויסגעשטרעקטע העל־דזער, גרייט פאַרן שוחטס חלף. די פּויערן מיט איבערגעדרייטע ווייסע קאָזשוכעס זיצן אויף די פורן, שמאַטשקען מיט די ליפּן און קנאַקן מיט

די בייטשן. אויך זיי פרייען זיך וואָס עס איז זיי געלונגען אָנצוקומען אָן אַ מכשול. אַ יום־טובדיקע שמחה אומעטום! און אַמאַיינסטן געפרייט האָבן זיך אונדזערע יונגע בחורימלעך, די סטודענטן און סטודענטקעס, וואָס זיי וועלן איצט האָבן וואָס צו פאַרקויפן אין די געוועלבער און נישט באַדאַרפן אַוועקשיקן די יידענעס מיט ליידיקע קוישענעס. און איך טאַקע אַליין וועל אויך קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם שיינעם ספעקטאַקל — אַ קאַוואַלקאַדע פון שפרייזנדיקע פערד און פעטע בהמות...

פון דעמאָלט אָן איז אונדזער שפע געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, און כאָטש מיר האָבן פאַרקויפט צו ביליקע פרייזן, איז אויך דער ריוח נישקשהדיק געוואַקסן און מיטן ריוח איז געשטיגן די מעגלעכקייט צו פאַרברייטערן דעם מסחר. מיט דער צייט האָבן מיר געשפּייזט נישט נאָר יידן נאָר אויך די קריסטלעכע שכנים וואָס האָבן זיך צו אונדז געווענדט נאָך הילף. מיר האָבן געהאַט גאַנצע סקלאַדעס מיט שפייז און געעפנט נייע. ביז עס האָט אָנגערוקט דער 22טער נאָוועמבער, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו אַלע אונדזערע סקלאַדעס און צו אַלע אונדזערע פריידן.

אָנגעהויבן האָט עס זיך גאַנץ פּלוצלינג, הגם מיר האָבן געהאַט אָן אומדירעקטע וואָרנונג. אָט זיצן מיר אין ביוראָ פון דער אַפּראָוויזאַציע אין אַ דאָנערשטיק נאָכמיטאָג, דעם 21סטן נאָוועמבער 1918, און ציילן איבער די קאַסע צי מיר וועלן האָבן געענוג מזומן געלט אָפּצוצאָלן אַ חוב. מיר האָבן מיט אַ פּאָר טעג צוריק געהאַט אָפּגעקויפט דעם שטאָטישן סקלאַד פון לעבנסמיטל פון דעם מאַגיסטראַט, וואָס האָט געוואָלט וואָס גיכער פאַרקויפן די פּראָדוקטן, איידער זיי זאָלן אַריינפאַלן אין פיינטלעכע הענט. דער פּרייז פון דעם משא־ומתן איז געווען 50.000 קראָנען. אַ מאַגיסטראַצקע וואָזשנע האָט געדאַרפט קומען נאָכן געלט. אָבער ס׳ווייזט אויס, ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט און מיר האָבן צוריקגעלייגט דאָס געלט, פאַרשלאָסן די קאַסע, און דער קאַסירער איז זיך אַוועקגעגאַנגען מיטן שליסל. פּלוצלינג קומט אָן דער וואָזשנע אַ פאַרסאָפּעטער, און בעט מען זאָל אים וואָס גיכער אויסצאָלן. איך זאָג אים אַז דער קאַסירער איז איצט נישטאָ; ער זאָל בעסער קומען מאָרגן. אָבער ער טרעט נישט אָפּ:

— מאָרגן וועט זיין צו שפּעט — שרייט ער שוין אויף אַ קול. שריי איך נאָך העכער, און פרעג אים וואָס ער איילט זיך אַזוי. ענטפערט ער נאָך דרייסטער:

— איר וועט שוין זען, וואָס פאַר אַ מאָרגן איר יידן וועט האָבן. הינטער לעמבערג שטייען שוין אונדזערע אַרמייען און מאָרגן אינדערפרי וועלן מיר, די פּאָליאַקן, זיין די באַלעבאַטים, און איר יידן וועט דאַרפן האָבן אַ ביסל מער דרך־ארץ פאַר אַ פּאָליאַק! איר וועט נישט תמיד אַזוי באַלעבאַטעווען איבער אונדז!

מיר האָבן דעם וואָזשנע, פאַרשטייט זיך, משלח געווען אָן דעם געלט, און גלייך געהייסן פאַרשליסן אַלע סקלאַדעס און מאַגאַזינען, און אַוועקגעשיקט דעם עולם וואָס גיכער אַהיים. ווער ווייסט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען?

מיר זענען אַלע אַהיים געגאַנגען מיט אַ שווער געמיט. קיינער פון די, וואָס האָבן עפּעס געוווסט האָט די נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט... נישט די נאַכט און נישט אַ סך נעכט דורכאַנאַנד...

XX

דער לעמבערגער פּאָגראָם

א. דער אָנהויב

צוליב די לעצטע געשעענישן האָבן זיך די באַציאונגען מצד די פּאָליאַקן צו די יידן נאָך מער פאַרערגערט. זייער שנאה איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. טראָץ אַלע באַמיאונגען האָבן מיר נישט באַוויזן צו געווינען דעם פּוילישן גוטן־ווילן, און מיר האָבן אפילו נישט באַוויזן צו געווינען אַ ביסל מער פאַרשטענדעניש פאַר אונדזער ספּעציעלער לאַגע וואָס האָט דיקטירט אונדזער נייטראַלע שטעלונג. אויסער די אינטערווענצן וואָס איך האָב שוין דערמאָנט זענען געווען אַנדערע. פּוילישע כוליגאַנעס און סאָלדאַטן פלעגן באַפאַלן יידישע דירות אין פּוילישן סעקטאָר און זיך אפילו פאַרגנבענען אין אונדזער ראַיאָן כדי צו רויבן און שלאָגן יידן. וויבאַלד זיי האָבן עס געקענט טון אָן מורא פאַר אַ „גוטן" פּסק, האָבן זיי אַנטוואָפנט די מיטגלידער פון אונדזער מיליץ, וועלכע האָבן געהאַט אַ שטרענגן באַפעל נישט צו שיסן אויף פּוילישע אויפשטענדלער, אַ זאַך וואָס האָט זיי, פאַרשטייט זיך, געשטעלט אין אַ שווערער לאַגע לגבי די פּוילישע אָפּטיילונגען. מיר האָבן גוט געוווסט, אַז

דאָס אַלעס ווערט געטון בכיוון כדי אונדז צו פּראָוואָצירן. האָבן מיר נאָכ־אַמאָל און נאָכאַמאָל געפּרווט ברענגען צו אַ פאַרשטענדיקונג דורך פער־זענלעכע אינטערווענצן. ווען אינצידענטן פון פּראָוואָקאַציעס האָבן זיך אָנגעהויבן מערן, און איינמאָל, זענען אפילו מערערע יידישע מיליצ־אַנטן, וואָס האָבן געהאָלפן די שטאָטישע פייערלעשער באַוועלטיקן אַ שרפה, געפאַנגען און אינטערנירט געוואָרן פון פּוילישע פּאַטרולן, האָבן מיר אַלץ מער געזוכט צו קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג בנוגע אונדזער אמתער ראָלע אין דעם קאַמף. דעם 10טן נאָוועמבער 1918 האָט אַ יידישע דעלעגאַציע פון אָבער־לייטענאַנט פוקס, אינזשיניער לייטענאַנט רייס און אָפיציר־שטעלפאַרטרעטער ד״ר אַלעקסאַנדראָוויטש, אינטערווענירט ביים קאָמענ־דאַנט פון די פּוילישע אויפשטענדלער, קאַפּיטאַן מאָנטשינסקי;ביידע, מאָנטשינסקי און זיין שטאַב־שעף, קאַפּיטאַן לאַפּינסקי, האָבן אויסגעדריקט זייער הסכמה מיט דער יידישער נייטראַליטעט. אַן אָפּמאַך, וואָס איז געחתמעט פון די דריי יידישע פאַרטרעטער און דעם פּוילישן שטאַב־שעף לאַפּינסקי, האָט אַרומגענומען די הויפּט־פּונקטן פון דער נייטראַלי־טעט און אירע כוונות. דער אָפּמאַך, געשריבן אין פּויליש, האָט אַנט־האַלטן די פאָלגנדיקע פּונקטן:

אָפּמאַך צווישן דער יידישער מיליץ און דעם פּוילישן חייל, געחתמעט נאָוועמבער דעם 10טן 1918, אין לעמבערג:

1. די יידישע מיליץ האָט די אויפגאַבע צו זאָרגן פאַר דער אָרדענונג און זיכערקייט פון די שטאָט־טיילן וואָס ווערן באַוווינט פון די יידן; זי טאָר נישט אָנטיילנעמען אין דער מלחמה, נישט ביי דער זייט פון די פּאָליאַקן, און נישט ביי דער זייט פון די רו־טענער.

2. די יידישע מיליץ איז באַוואָפנט און זי דאַרף זיין באַ־צייכנט דורך טראָגן אַ ווייסן פּאַסעק אויפן לינקן אָרעם און האָבן אַ לעגיטימאַציע פון דער יידישער מיליץ־קאָמאַנדע.

3. די קאָמאַנדע פון דער יידישער מיליץ באַדאַרף אַריינ־שיקן אַ ליסטע פון אירע מיטגלידער, און אַלע דריי טעג לאָז, וויסן וועגן שינויים אין דעם באַשטאַנד פון דער מיליץ.

4. דער ראַיאָן פון דער יידישער אָפּטיילונג ווערט באַגרע־

U m o w a

pomiedzy Milicyą zydowską a Wojskiem Polskiem

zawarta dnia 10 listopada 1918 we Lwowie.

I. Milicya Zydowska ma za zadanie utrzymanie porządku i bezpieczen_stwa publicznego w częsciach miasta zamieszkanych przez ludność Zy-lowską. Nie moze ona brać udziału w walkach ani po stronie Polaków ani Ukrainców

II. Czlonkowie milicyi [są uzbrojeni,] mają miec na rękawie lewym białą opaskę i być zaopatrzeni w legitymacye wydane przez komendeę Milicyi Zy - dowskiej .

III. Komenda Milicyi Zydowskiej ma przesłać spis członków Milicyi oraz co trzy dni zawiadamiać o zmianach składu milicyi.

IV. Rejon działalnosci Milicyi Zydowskiej ograniczony jest na-stępującemi ulicami : Kleparowska _ Weteranów - Pod Dębem - Panienska Zborowskich - Kąpielna - Zamkowa - Klasztorna - Podwale - Sobieskiego Karola Ludwika - Jagiellonska - Kołątaja - Kazimierzowska _ Kleparowska.

V. Wojska polskie bedą przestrzegac neutralnosci Milicyi Zydowskiej.

[illegible] [illegible]

[illegible]

נעצט מיט די פאַלגנדיקע גאַסן: (די גאַסן ווערן אויסגערעכנט אין דעם פוילישן אָריגינאַל).

5. דער פוילישער חייל וועט רעספּעקטירן די נייטראַליטעט פון דער יידישער מיליץ.

עס קומען די חתימות פון: בראָניסלאַוו לאַפּינסקי, דער שעף פון פוילישן גענעראַל־שטאַב; פון אָבערלייטנאַנט איזידאָר פוקס, אינזשיניער רייס און ד״ר אַלעקסאַנדראָוויטש, פונעם יידישן צד.

אָבער אויך דער דאָקומענט האָט ווייניק וואָס געהאָלפן. די פוילישע צייטונג „פּאָבודקאַ״, וואָס איז געווען אינספּירירט פון דער פוילישער קאָמאַנדע, האָט נישט אויפגעהערט שיטן שמוץ אויף די „נייטראַלע״. אין דעם נומער „פּאָבודקאַ״ פון 17טן נאָוועמבער איז דערשינען אַ לאַנגער אַרטיקל מיטן קעפּל „די נייטראַלע״, וואָס האָט פאַרמאָגט צווישן זיינע שורות אַזעלכע „פּערל״ ווי, למשל;

„אין אונדזערע מיליטער־קרייזן באַקלאָגט מען זיך, אַז די יידי־שע באַפעלקערונג שיסט אויף אונדזערע פּאַטרולן פון די פענצטער אַרויס, און מענטשן וואָס קומען פון שטאָט דערציילן זאַכן וועגן דער באַהאַנדלונג פון דער פוילישער באַפעלקערונג, וואָס זענען להיפוך פון זייער דערקלערטער נייטראַליטעט״.

דאַן קומען „פּראַקטאָקאַלאַריש אָפּגענומענע גבית־עדותן״:

...„אַלע יידן זענען באַוואָפנט, כלומרשט כדי זיך צו ווערן, אָבער אין אמתן כדי די וואָפן צו באַנוצן קעגן דער ווערלאָזער פוילישער באַפעלקערונג״ אאַ״וו. אאַ״וו.

אַ יידישער פאַרלאַנג וועגן אָפּלייקענען די בלבולים האָט געבראַכט דעם ענטפער פון דער רעדאַקציע, אַז זי איז נישט אימשטאַנד צו דרוקן קיין אויסבעסערונג, מחמת דער ציטירטער אַרטיקל איז צוגעשיקט געוואָרן פון דער פוילישער מיליטער־קאָמאַנדע, און דאָס שליסט אויס יעדע דיסקוסיע.

עס זענען געקומען מער און מער צוזאַמענשטויסן צווישן דער יידישער מיליץ און די „באַנדיטן״, וואָס זענען נישט תמיד געווען סתם אַזוי באַנ־דיטן. אַזאַ טראַגישער פאַל איז פאַרגעקומען דעם 17טן נאָוועמבער אין

דער פּאָדעמבעס גאַס. די יידישע מיליץ האָט געקראָגן אַ הילף־געשריי פון די יידישע איינוווינער אין דעם זשרודלאַנע־פּאָדעמבעס ראַיאָן, אַז באַנ־דיטן ראַבירן און מאָרדן יידן. די יידישע פּאַרטיידיקונג האָט גלייך געשיקט אַ פלוטאָן מיליציאַנטן אונטער דער קאָמאַנדע פון לייטענאַנט סטויב. אַ קאַמף האָט זיך אַנטוויקלט מיט אַ פּוילישער אָפּטיילונג, וואָס האָט שוין געוואָרט אויף דער יידישער מיליץ כדי זיך מיט איר אָפּצורעכענען. אין דעם קאַמף זענען געפאַלן דער יידישער לייטענאַנט סטויב און קאַרפּאַראַל קאַרפּוס.ביידע מלחמה־פירנדיקע פעלקער, די אוקראַינער אַזוי גוט ווי די פּאָליאַקן, האָבן יעדערער אויף זיין אייגענעם אופן אויסגעטייטשט דעם עפּיזאָד; די אוקראַי־נער האָבן באַריכטעט אַ גרויסן נצחון פאַר זייער זאַך. אין אַן אַרטיקל וואָס האָט געטראָגן דאָס קעפּל: „די יידן קעמפן מיט די פּוילישע לעגיאָ־נערן", האָבן זיי גראַטולירט די יידן וואָס זיי זענען ענדלעך געקומען צום שכל; און די פּאָליאַקן ווידער האָבן געשריבן וועגן דעם „אומפאַרשעמטן ברוך פון דער כלומרשטער יידישער נייטראַליטעט".

אַ יידישע דעפּוטאַציע איז באַלד דערשינען ביי ד"ר אדאם, דעם ראש פונעם פּוילישן בירגער־קאָמיטעט, און אָפּגעגעבן אַ צופרידנשטעלנדיקע אויפקלערונג וועגן דעם בלוטיקן אינצידענט. דאָס, ווייזט אויס, האָט ווייניק וואָס געווירקט אויף די צעהיצטע מוחות פונעם פּוילישן חייל. אויך די אוקראַינער האָבן געהאַט טענות צו די יידן. דעם 21סטן נאָוועמבער איז דערשינען אַ לייט־אַרטיקל אין רוטענישן טאָגבלאַט „דילאָ" בזה הלשון:

> „אויב די יידן ווילן באמת געניסן די רעכט פון אַ נאַציאָנאַלי־טעט, מוזן זיי קאָנצענטרירן אַלע זייערע קרעפטן לטובת דעם (אוקראַינישן) שטאַט. דאָס אָבער האָבן די יידן נישט געטון. זיי זענען להיפוך אַריינגעפאַלן אין אַ נייטראַליטעט שטעלונג, אין קאַמף צווישן אוקראַינער און פּאָליאַקן".

דאַן קומען די באַקאַנטע אָנצוהערענישן וועגן די קאָנסעקווענצן וואָס די יידישע נייטראַליטעט קען ברענגען לעתיד.

דאָס איז געווען די שטימונג לגבי די יידן דעם 21סטן נאָוועמבער 1918, ערב דעם לעמבערגער פּאָגראָם.

דערווייל זענען אָנגעקומען פרישע פּוילישע חיילים פון קראָקע. דעם 20סטן נאָוועמבער האָט זיך דורכגעריסן אַ פּאַנצער־צוג מיט 1,200 פּוי־לישע זעלנער אונטער דער קאָמאַנדע פון פּולקאָווניק טאַראַשעוויטש־טאָקאַ־

זשעוווסקי, און נאָך אים איז אָנגעקומען גענעראַל ראַיאַ מיט צוויי קאָמפּאַניעס פון 180 זעלנער. ווייל דאָס אַלץ האָט נישט פאַרגעשטעלט מיט זיך קיין גרויסע אַרמיי, איז אָבער די שלאַכט ביי גראָדעק אַנטשיידן געוואָרן לטובת די פּאָליאַקן, און די אוקראַינער האָבן געהאַט די ברירה: אָדער ווערן אָפּגעשניטן פון זייער הינטערלאַנד, אָדער פאַרלאָזן לעמבערג. זיי האָבן געוויילט דאָס לעצטע, און אין דער נאַכט פון 21סטן אויפן 22סטן נאָוועמבער, האָבן זיי עוואַקואירט לעמבערג. אינדערפרי האָט שוין די פּוילישע פאָן געפלאַטערט אויף אַלע דעכער — אויף אַלע, אויסער די יידישע הייזער. די יידישע הייזער זענען געווען הפקר — אָן וועלכער עס איז שוץ אָדער מענטשלעכן רחמנות.

ב. די שחיטה*)

„...די טייוולאָנישע זרע האָט געבראַכט פּרוכטן... די קראַקוסן (קראָקעווער) זענען אָנגעקומען, כדי צו באַפרייען די שטאָט, אָבער נישט דאָס אַליין איז געווען זייער כוונה. ס׳קומט גענעראַל ראַיאַ מיט זיינע יינגלעך — האָבן געזונגען די לעמבערגער לעגיאָנערן; די יידן וועלן האָבן אַ חתונה... שוין אין גראָדעק און אין באָגדאַנאָווקע, ווי נאָר מען האָט זיי אויסגעלאָדן פון די וואַגאָנען, האָבן זיי שוין אָנגעהויבן ראַבירן און מאָרדן יידן...

„דעם צוויי און צוואַנציקסטן נאָוועמבער, גאַנץ פרי, איז די יידישע באַפעלקערונג אויפגעשרעקט געוואָרן פון שלאָף דורך דעם קלאַפּן פון אייזערנע קנאַפּלען און פאַרטשוועקעוודיקע פּאָדעשוועס, און פון אַ פייפן און זינגען פון מאַרשירנדיקע זעלנער... אַ קאַלטער שוויס האָט באַגאָסן די אויפגעוועקטע געטאָ־קינדער. זיי האָבן גוט געוווּסט אַז פון איצט אָן זענען זיי מאַכטלאָז אין די הענט פון אומרחמנותדיקע באַנדעס, וואָס האָבן דעם יידן־האַס איינגעזויגן מרחם — אין דער היים, אין דער שולע און אומעטום ווו זיי זענען געגאַנגען און געשטאַנען״.

---

*) באַשריבן אין מיין בוך: „דער לעמבערגער יידן־פּאָגראָם״: (Der Lemberger Judenpogrom von Joseph Bendov, M. Hickl Verlag, Wien-Brünn, 1919).

די ערשטע זאַך וואָס די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן געטון: זיי האָבן זיך באַוואָרנט, אַז עס זאָל נישט בלייבן קיין שטיקל געווער פאַר דער יידישער פאַרטיידיקונג. גאַנץ פרי, אַרום דריי־פיר אַזייגער, זענען פוילישע אָפּטיילונגען, באַוואָפנט מיט מאַשין־ביקסן, פּיסטאָלעטן און האַנט־גראַנאַטן באַפאַלן די איינקוואַרטירטע יידישע מיליציאַנטן, פון וועלכע דער רוב איז געווען פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף און ביי זיי צוגענומען די וואָפן. די מיליציאַנטן אַליין האָבן זיי אַוועקגעפירט אין תפיסה. נאָך אַזאַ „זיגרייכער" דעראָבערונג פון דער יידישער „פעסטונג" — אַזוי האָבן שפּעטער די פּאָליאַקן באַשריבן די גרויסע „העלדישע שלאַכט" מיט פאַרשלאָפענע מיליציאַנטן אין געטאָ, וואָס האָבן ממילא נישט געהאַט בדעה צו שטעלן וועלכן עס איז ווידערשטאַנד — האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ראַבירן, שלאָגן און מאָרדן פון דער יידישער באַפעלקערונג, פריער אין די אונטער־געסלעך און שפּעטער אומעטום אין יידישן קוואַרטאַל.

אַרום 7 אַזייגער אין דער פרי איז דער פּאָגראָם שוין געווען אין פולן גאַנג.

איידער איך טרעט צו ווייטער ציטירן אַ פּאָר פאַקטן וואָס זענען באַשריבן מיט אַלע איינצלהייטן אין מיין דערמאָנטן בוך פונעם „לעמבערגער ים המצולה", וויל איך אין קורצן שילדערן וואָס מיינע אייגענע אויגן האָבן געזען אין דעם פאַטאַלן פרימאָרגן פון דעם 22סטן נאָוועמבער.

איך האָב געוווינט אויף דער פּיעקאַרסקע גאַס, ווייט פונעם יידישן געגנט. אַרום אַכט אינדערפרי בין איך געלאָפן אין ביוראָ פון דער אַפּראָוויזאַציע, וואָס האָט זיך געפונען צווישן דער זשולקעווסקע גאַס און דעם סטאַרי רינעק. שוין פון ווייטנס האָב איך געהערט קולות און יללות און דאָס קנאַקן פון ביקסן. קוילן האָבן געשווישטשעט אין דער לופטן, און איך האָב געמוזט מיך האַלטן ביי דער וואַנט כדי נישט געטראָפן צו ווערן. אין דעם טייוולאַנישן אָרקעסטער האָט זיך ספּעציעל אויסגעטיילט דער קלאַנג פון אויסגעהאַקטע שויבן און פון צעבראָכענעם גלאָז. אָבער דאָס אַלצדינג איז געווען נישט מער ווי אַ מין פרעלוד צום טרויערשפּיל. גאָרנישט, טאַקע גאָרנישט קען פאַרגליכן ווערן צו דעם שרעקלעכן אָנבליק פון פליענדיקע פעדערן — גאַנצע כמאַרעס פון פעדערן — אַ שניי־שטורם פון פעדערן, אַרויסגעלאָזן פון די צעריסענע ציכענעס. דער יאָמערלעכער געשריי פון געפּייניקטע פרויען, דער געוויין פון איבערגעשראָקענע קינדער אין אַ קאָמבינאַציע מיט דעם טאַנץ פון פעדערן, און שטיקער צעריסענע

פאָדערבלאַט פון יוסף בענדאָווס (ד״ר יוסף טענענ־
בוימס) בוך וועגן דעם לעמבערגער פאָגראָם

ציכן, איז שוין געווען מער ווי איך האָב געקענט פאַרטראָגן. איך האָב געפילט אַז איך האַלט דאָס נישט לענגער אויס, און בין אַרײַן אין שטוב פון אַ באַקאַנטן סוחר, אַ געוויסער הער פעדער, אויפן סטאַרי רינעק. דאָרט האָט מען מיר געגעבן אַ הייס גלעזל טיי און איך האָב זיך אָנגעהויבן פילן בעסער. אָבער אײדער נאָך איך האָב געקענט קומען צו זיך, איז אַרײַן אַ באַנדע, מיט אַ הײזעריקן געשריי: „דאַוואַי פּיעניאָנדזע, זשידזשע!“ (גיב געלט, ייד). און אַט האַלטן זיי שוין ביים שלאָגן דעם באַלעבאָס. אַ שגץ כאַפּט אַרויס אַ מעסער און הויבט אָן אַרומפּאָרן אויף דעם פעטן בויך פון מײַן גאַסטגעבער, ווי אויף אַ קאַרוזעל. איך בין צוגעגאַנגען צו דעם מעסער־העלד און אים געגעבן אַ שטופּ, אַז ער איז שיער נישט אומגעפאַלן. דער אַנדערער באַנדיט, אין מונדיר פון אַ לעגיאָנער, האָט געהאַלטן דעם רעוואָלווער גרייט אויסצושיסן. דער מעסערשטעכער האָט אים דערמוטיקט: יאַש, זאַבי טעגאָ זשידאַ!“ (דערהרגע דעם ייד). אַליין, ווייזט אויס, האָט ער נישט געוואַגט. אָבער אויך „יאַש“ האָט עפּעס זיך נישט געקענט אַנטשיידן. אַט שטייט פאַר אים אַן אָפיציר — ערשט נעכטן זײַנער אַ האַלבגאָט, וועמענס שטיוול פוצן איז געווען פאַר אים אַ פּריווילעגיע, און כאָטש ער האָט געוווסט אַז איך בין אַ „זשיד“, האָט ער, ווייזט אויס, פּסיכאָלאָגיש זיך נאָך נישט געקענט באַפרייען פון דעם דרך־ארץ און דער מורא פאַר אַן אָפיציר. פּאַוואָליע האָט ער צוריק באַהאַלטן דעם רעוואָלווער, און מיט אַ „פּשעפּראַשאַם“ איז ער אַרויס פון שטוב.

ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען מיט נאָך איינעם אַ ייד, וואָס איז אויך געקומען צו דער אַרבעט ביי דער אָפּראָוויזאַציע, און האָט מורא געהאַט אַליין אַהיימצוגיין, האָב איך שוין געפונען אַ קאָרדאָן סאָלדאַטן, וואָס האָט אָפּגעשלאָסן דעם יידישן קוואַרטאַל, ווי מען פאַרשטעלט אַ שעכט־יאַטקע פול מיט בהמות, אַז זיי זאָלן נישט אַנטלויפן. מיך אַליין האָבן די לעגיאָנערן דורכגעלאָזן, אָבער עס איז מיר אויסגעקומען מיט שווערער מי צו באַפרייען אויך מײַן באַגלייטער. אַ פּאָר שריט ווייטער איז שוין אַ קויל דורכגעפלויגן פונקט דורך זײַן שטערן. צי האָט עמיצער אומישנע געשאָסן אויף אים, אָדער צי האָט עפּעס אַ קויל פאַרבלאָנקעט, האָב איך נישט געהאַט מער קיין חשק בודק צו זײַן. צום גליק איז די קויל נישט געגאַנגען צו טיף — עס איז געווען אַ פליישׁ־ווונד. איך האָב אים אַרײַנגעשלעפּט אין אַ טויער, אים פאַרבונדן דעם קאָפּ און אָפּגעפירט אים אַהיים. איך אַליין בין אויך פּאַוואָליע אַהיימגעגאַנגען.

דאָ אין די גוישע גאַסן איז געווען גאָר אַן אַנדערע וועלט. ס׳איז געווען לעבעדיק און לוסטיק, פול מיט שמחה, רינה ודיצה. נעבן מיין היים האָט מיך אָפּגעשטעלט אַ פּוילישער אָפיציר. ער האָט מיך באַגריסט מיט אַ פריילעכן „טשאָלעם״ און געהייסן דערלאַנגען אים מיין היטל.

— איר ווייסט דאָך אַז דאָס איז נישט מער עסטרייך, — האָט ער צו מיר פריינטלעך געזאָגט, און אָפּגעריסן דעם עסטרייכישן קנעפּל פונעם היטל. — „שפּילעט אָן דעם פּוילישן אָדלער!״ און ער האָט מיר צוריק דערלאַנגט דאָס היטל מיטן אָדלער. איך האָב אים צוריקגעגעבן דעם אָדלער.

— איך בין אַ ייד — האָב איך צו אים געזאָגט, — און איך וויל נישט אייער אָדלער. דער אָדלער מאַכט פּאָגראָמען...

דער אָפיציר האָט זיך עפּעס ווי געפילט געפּלעפט, ער האָט עפּעס גע־באָמקעט אַ פאַרלעגענעם ענטפער און איז אַוועקגעגאַנגען.

איך האָב נישט אויסגעהאַלטן לאַנג אין דער היים. עס האָט מיך געטריבן ווי מיט בייטשן אַרויס צום יידישן געגנט, ווו אַנדערע ליידן. אָבער איך האָב דעם „יידן־פערטל״ נישט מער דערגרייכט. אויף די גאַסן וואָס פירן צום יידישן קוואַרטאַל זענען געווען אויסגעשטעלט מאַשינגעווער. מען האָט באַשאָסן די יידישע גאַסן אַזוי, אַז קיינער זאָל נישט קענען אַריין אָדער אַרויס אין די פון דער אַרמיי אַרומגערינגלטע גאַסן. נאָר פּוילישע פּאַטרולן האָט מען געלאָזט דורכגיין. (די גאַסן סמאָטשע, אָוואָצאָווע, באָזשניטשע, צעבולנע, זשולקעווסקע, דעם פּלאַץ זבאָזשאָווי, די מאַקאַבעאושאַ, פּלאַץ קראַקאָווסקי און דער סטאַרי רינעק זענען געשטאַנען אין סאַמע ברענ־פּונקט פון דער פּאָגראָם־אַקציע).

די הויפּט־קוואַרטיר פון די לעגיאָנערן איז געווען אין פּוילישן טע־אַטער. דאָרט האָט מען די פּאַטרולן „אָפּגעפּאַרטיקט״, זיי געגעבן די גוי־טיקע אינסטרוקציעס און צעטיילט די ראַיאָנען צווישן די פאַרשידענע אָפּטיילונגען אַזוי, אַז איינע זאָל נישט שטערן די אַנדערע אין דער אַרבעט פון רויבן און מאָרדן. אין טעאַטער־זאַל זענען אויך געווען איינגעקוואַר־טירט די רעזערוון וואָס האָבן אָפּגעוואַרט זייער טערמין פאַרן ראַבונעק. די פּאַטרולן האָבן נישט אויפגעהערט צו נישטערן אין די יידישע הייזער. קוים איז איינער אַרויס, איז שוין אַן אַנדערער אַריין מיט דעם אויסרייד,

כלומרשט, אַז זיי זוכן געווער, אָבער אין אמתן — פאַר דער מלאכה פון ראַבירן, שלאָגן און מאָרדן.

אַ יעדער פּאַטרול איז באַשטאַנען פון צען, צוואַנציק, און אַמאָל דריי־סיק זעלנער, מיט אַן אונטער־אָפיציר, אָדער אַן אָפיציר בראש. זיי זענען געווען באַוואָפנט מיט ביקסן, מיט אויפגעפיקעוועטע באַיאָנעטן, מיט האַנט־גראַנאַטן און אויטאָמאַטן.

יעדער פּערטל אָדער האַלבע שעה האָט זיך געהערט אויפסניי אַ וויל־דער קלאַפּן אין די טירן. האָט מען דעם טויער פאַרשלאָסן, האָבן די סאָל־דאַטן נישט לאַנג זיך מיישב געווען, נאָר אויפגעריסן דעם טויער מיט האַנטגראַנאַטן. נאָכן עפענען דעם טויער זענען אַ טייל זעלנער געבליבן אויף דער וואַך, כדי צו פאַרהיטן, אַז עמיצער זאָל זיך חלילה־וחס נישט אַפּראַטעווען פונעם הויז, בעת די אַנדערע האָבן זיך גענומען צו דער „עבודה". דער ערשטער ברוך־הבא איז געווען אַ געשריי, פאַרבראָקט מיט אַ זעץ מיט די קאָלבן וועמען נאָר זיי האָבן געטראָפן אויף דער שוועל. דערנאָך אַ באַפעל:

— יידן, אַרויס מיטן געלט און צירונג! לייַדיקט אויס די קאַסעס!

עס האָט נישט געהאָלפן קיין שרייען און נישט קיין וויינען. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ וואַקכאַנאַליע פון מאָרדן, שיסן, שטעכן מיט באַגנעטן און קאָפּן מיט די שטיוול. מען האָט קיינעם נישט געשאַנעוועט, נישט די אַלטע, און נישט די יונגע. אפילו פּיצעלעך קינדער זענען נישט געשוינט גע־וואָרן. קינדער וואָס האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן פאַר מורא, האָבן די כולי־גאַנעס צעהאַקט די קעפּ, און יונגע מיידלעך האָבן זיי פאַרגוואַלטיקט פאַר די אויגן פון זייערע עלטערן. קיינער איז נישט געשוינט געבליבן אין די טעג פון „אָפּרעכענונג".

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווי אין אָוונט פון דעם גרויליקן טאָג האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו אונדז אין שטוב אַריין אַ באַקאַנטער יידי־שער שרייבער, וואָס איז איצט אין אַמעריקע, אין אַזאַ היסטערישן צו־שטאַנד, אַז איך האָב אים בשום אופן נישט געקענט באַרויקן. ער האָט געציטערט אויפן גאַנצן לייב און היסטעריש געוויינט, דערציילנדיק ווי ער איז געלעגן באַהאַלטן אונטער אַ טיר און האָט זיך צוגעהערט ווי אַ שכנטע זיינע, אַ פרוי פון אַן אַדוואָקאַט וואָס איז געווען ביים מיליטער ערגעץ־ווו אין איטאַליע, איז געוואָרן פאַרגוואַלטיקט פון אַ קופּע סאָל־

דאַטן. די קליינע מיידעלע אירע איז געשטאַנען און געבעטן „געננג שוין! לאָזט אָפּ מיין מאַמען!״ — ביז אַ סאָלדאַטסקע קאָפּ מיט די שטיוול האָט זי שטיל געמאַכט.

ווען איך לייען היינט איבער די גרויליקע סצענעס וואָס זענען באַ־שריבן אין מיין בוך, ווער איך אַלץ נאָך ווי פאַרטומלט, כאָטש עס וואָלט זיך געדאַכט אַז נאָך היטלערן, איז דאָס שוין מער קיין נאָווינע נישט. אפשר טאַקע דערפאַר בונטעוועט זיך מיין פעדער איבערצוזעצן דאָס וואָס איך האָב אַליין באַשריבן אין מיין בוך. היינט, נאָך היטלערן קען מען מער נישט שרייבן קיין שירי־זעם. די ביטערע גאַל איז נישט מער קיין לעזבאַרע טינט. אָבער דאָס, וואָס לאָזט זיך היינט נישט מער באַשרייבן איז נישט געווען עפּעס אַן עפּיזאָד פון אַ פּאָר שעה. ניין, גאַנצע 48 שעה האָט די סאָלדאַטעסקע באַקומען פריי צו הוליען אין די יידישע גאַסן און זיי האָבן נישט אויסגעלאָזן אַ מינוט פון די 48 שעה. די בלבולים, אַז יידן האָבן געשאָסן פון די פענצטער, געגאָסן זודיק וואַסער אויף פּוילישע חיילים, פאַרקויפט פאַרסמטע צוקערקעס און ציגאַרעטלעך, און געהאָלפן די אוקראַינער — זענען געווען נישט מער ווי אויסגעטראַכטע עלילות; אָבער זיי האָבן געהאָלפן פאַרשכורן דעם געוויסן אפילו פון די, וואָס וואָלטן אפשר יאָ געווען גענייגט אַרויסצווייזן אַ ביסל מער רחמים.

אויסער די הויז־פּאַטרולן זענען געווען ספּעציעלע רויב־אָפּטיילונ־גען, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט מער פּראָפּיטאַבלע גזילות. גרויסע לאַסט־אויטאָמאָבילן זענען פאַרפאָרן אין פראָנט פון די גרויסע יידישע גע־שעפטן; די סאָלדאַטן האָבן אויפגעריסן די לאָדנס מיט האַנט־גראַנאַטן, און די סחורות האָבן זיי אויפגעלאָדן אויף די אויטאָמאָבילן. אָט אַזוי זענען איין געשעפט נאָכן אַנדערן אויסגערויבט געוואָרן. גרויסע סקלאַדעס פון טייערע פעלצן, קליידער און מאָדע־זאַכן, שויפענצטער פון צירונג און לעבנסמיטל־מאַגאַזינען, זענען סיסטעמאַטיש און אָן שום איילעניש, אונ־טער דער השגחה פון אָפיצירן, גרינטלעך אויסגעליידיקט געוואָרן. די סחורה האָבן זיי אויפגעלאָדן אויף לאַסט־אויטאָמאָבילן און אין וועגענער און זיי אָועקגעפירט אין די פּויליש־מיליטערישע מאַגאַזינען. צווישן די אויסגערויבטע געוועלבן האָבן זיך אויך געפונען אונדזערע סקלאַדעס פון די פּראָוויאַנטן אינאיינעם מיטן געלט וואָס מיר האָבן געהאַט אין דער קאָסע.

די לויה פון די פּאָגראָם־קרבנות

אײנע פון די אויסגערויבטע קראָמען איז געווען ציפּערס באַרימטע צירונג־געשעפט, וואָס איז געווען אַ שפּאַן די ווײַט פונעם שטאָטישן ראָט־הויז. דרײַ טעג לאַנג האָט געדויערט דאָס רויבן פון דעם גרויסן רײַכטום.

דאָס אַלצדינג האָט זיך אָפּגעטון אין מיטן העלן טאָג. אָבער די נאַכט איז געווען פיל שרעקלעכער. קולות און געוואַלדן האָבן איבער־געשריגן די שיסערײַ. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך ממש געטרונ־קען אין בלוט און שרעק.

אפנים אַז פאַר די כוליגאַנעס איז דאָס אַלץ געווען צו ווייניק. „זאָלן די יידן ברענען ווי לאַמטערנעס״ — איז געווען דער נייער באַפעל. אין דער נאַכט פון דעם שרעקלעכן צוויי און צוואַנציקסטן נאָוועמבער 1918 האָבן די לעגיאָנערן אָנגעצונדן דעם יידישן שטאָט־טייל. אויך דאָס מאָל איז דאָס נישט געשען אָן אַ פּלאַן. פּונקט ווי פריער די הויז־פּאַטרולן, האָט די קאָמאַנדע אויסגעוויילט פייער־בריגאַדעס, זיי אויסגעשטאַפירט מיט אַלע מכשירים און זיי אויסגעשיקט פאַרברענען די הייזער מיט יידן. די פייער־בריגאַדעס זענען געשטאַנען אונטער דער קאָמאַנדע פון אָפיצירן. אויך דאָ האָט געהערשט מיליטערישע דיסציפּלין און אַ פּלאַנמעסיקע אַר־בעט־פאַרטיילונג. בשעת איין טייל האָט באַגאָסן די הייזער מיט בענזין, האָט אַן אַנדערער טייל פון דער אָפּטיילונג צונויפגעבראַכט שמאַטעס און פּאַפּיר, כדי דאָס פייער זאָל בעסער ברענען. אַנדערע ווידער זענען געשטאַנען אויף דער וואַך און געשאָסן אויף אַ יעדן איינעם, וואָס האָט זיך געוויזן ביים פענצטער אָדער געוואָלט זיך ראַטעווען. מער נאָך, כדי עס זאָל זיך קיינעם נישט פאַרגלוסטן קומען לעשן די שרפה, האָבן די פּאַטרולן אויפגעשטעלט מאַשינען־ביקסן און באַשאָסן די גאַסן מיט אַ רעגן פון קוילן.

דרײַ טעג און דרײַ נעכט האָט דער יידישער שטאָט־פערטל געברענט. דער רויך האָט פאַרדעקט די הימלען, און אין דער שטאָט, ווײַט איבער די גרענעצן פונעם „געטאָ״, האָבן מענטשן זיך געשטיקט פונעם רויך. אָבער די גוישע גאַרגלען האָבן דאָס אָנגענומען פאַר ליב.

— זאָלן זיי זיך פּרעגלען די זשידקעס, וועלן מיר האָבן יידישע „סלאָנינע״ — אַזוי האָבן זיי זיך געווויצלט, אונדזערע שכנים.

פון מײַן פענצטער, אין צענטער שטאָט, האָט מען געזען אין דער

פינצטערער נאַכט הויכע זיילן פון פייער און לאַנגע אויסגעצויגענע סקעלעטן פון פלאַמען און רויך, וואָס האָבן געקלעטערט אַלץ העכער און צעגאָסן זיך איבער דער שטאָט.

שרעקלעכע סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין די ברענענדיקע הייזער. קיינער האָט נישט געטאָרט אַרויסגיין און אויף די, וואָס האָבן געפּרווט אַראָפּשפּרינגען פון די גאָרנס האָבן די ווילדע וואַכלייט געשאָסן מיט זייערע ביקסן. אַמאָל האָט געלט און צירונג געהאָלפן ווייכער מאַכן די הערצער. אין אַן אַנדער הויז האָט אַן אַלטער ייד צונויפגערופן אַלע יידן פונעם הויז און בשעת דאָס הויז האָט געברענט האָבן די יידן, איינגעוויקלט אין טליתים און קיטלען, זיך געשטעלט זאָגן ווידוי. אַ פּוילישער אָפיציר וואָס איז גראָד דעמאָלט דורכגעגאַנגען, האָט דערהערט די געשרייען פון די פרויען און קינדער און געזען די יידן איינגעוויקלט אין זייערע טליתים, און עפּעס האָט זיך ביי אים אַ ריר געטון דער געוויסן. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אויפצומאַכן די טויערן, און די יידן זענען ניצול געוואָרן פון דער שרפה.

אָבער דאָס אַלץ איז, ווייזט אויס, נישט געווען גענוג פאַר די כוליגאַנעס. ברענען הייזער, פּרעגלען יידן איז פאַר זיי נישט מער ווי אַ מין פאַרשפּייז. וואָס נוצט עס צו פאַרברענען די יידן אַז די יידישע תורה וועט אַלץ איבערבלייבן?

דעם 23סטן נאָוועמבער, אַרום 10 אַזייגער אין דער פרי, האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע פאַזע פון דער שרפה — די פאַרברענונג פון שולן און בתי־מדרשים. די אַלטע פאָדערשטאָט שול, וואָס איז הונדערטער יאָרן לאַנג געווען ווי אַ יידישע פעסטונג, איז באַגאָסן געוואָרן מיט גאַנצע פעסער נאַפט, פון אינעווייניק און אויסנווייניק. (די גאַנצע צייט זענען געקומען צופאָרן אויטאָמאָבילן מיט פעסער נאַפט פאַר דער שרפה פונעם שטאָט־פּערטל), און די שול האָט באַלד אָנגעהויבן פלאַקערן פון אַלע זייטן. די זילבערנע כלים און די קינסטלעריש געשטיקטע פּרוכתן, די הענגלייכטער און מנורות, און אַלצדינג וואָס האָט זיך געלאָזט אַוועקשלעפּן, האָבן זיי פריער צעראַבירט. די ספרי־תורות האָבן זיי אַרויפגעוואָרפן אויף אַ הויפן, גענומען טאַנצן אַרום זיי אין משונהדיקע שדימטענץ, דערנאָך האָבן זיי דעם גאַנצן הויפן אָנגעצונדן. צוויי יידישע בחורים — דוד רובינפעלד און ישראל פייגענבוים, וועלכע האָבן געוואָלט

אַרויסראַטעווען אַ צוויי ספרי־תורות פון דער קופּע פייער, קוילן און אַש, זענען דערשאָסן געוואָרן. מען האָט זיי ביידע געפונען טויט אויף דער גאַס מיט די צוויי ספרי־תורות אין זייערע אָרעמס. די חדשים שול*), דער חסידישער בית־המדרש און די קלייזלעך אין דער באָזשניטשע גאַס, סטאַרי רינעק און אַנדערע, זענען אַלע געפאַלן אַ קרבן פונעם מילי־טערישן וואַנדאַליזם. דער „טעמפּל" אויף דער זשאָלקעווער גאַס, נעבן סטאַרי רינעק, איז נאָך דעם 22סטן נאָוועמבער פאַרברענט געוואָרן. איבער 100 ספרי־תורות זענען געפאַלן אַ קרבן פונעם צעיושעטן המון.

אין דער גאַנצער צייט האָט מען נישט צוגעלאָזן קיין פייערלעשער צום יידישן ראַיאָן. בעת די שרעקלעכע פּאָגראָם־טעג איז אפילו קיין וואַסער נישט צוגעקומען צום יידישן שטאָט־פערטל. הפּנים אַז די וואַסער־צענטראַלע פון דער שטאָט האָט באַקומען אַ באַפעל אָפּצושליסן די וואַסער־לייטונג אין יידישן קוואַרטאַל, כדי אוממעגלעך צו מאַכן אַ וועלכע עס איז רעטונגס־אַקציע, אפילו ווען מען וואָלט שוין יאָ געווען דערלויבט אַזאַ אַקציע.

דער סך־הכל פון די פּאָר טעג פונעם אָפיציעלן פּאָגראָם — ווי מיר וועלן זען האָט דער אומאָפיציעלער פּאָגראָם זיך געצויגן פיל לענגער — זענען געווען 72 טויטע און פאַרברענטע, 443 פאַרוווּנדעטע; און 38 קאָמעניצעס האָבן אָפּגעברענט. דער היזק און פאַרלוסטן פון פאַרמעגן — הייזער, מעבל און אַנדערע חפצים — איז געווען געשאַצט אויף 102.900.000 קראָנען, אויפן גרונט פון די דאַטן פון 3.620 פאַמיליעס. דאָס האָט נישט אַרומגענומען אַלעמען, מחמת עס זענען געווען אויך אַזעלכע יידן וואָס האָבן נישט געוואָלט אָדער מורא געהאַט צו מעלדן זייער שאָדן.

וועגן וועלכער עס איז פאַרטיידיקונגס־אַקציע מצד יידן איז קיין רייד נישט געווען, ווייל דאָס איז נישט געווען קיין געווענלעכער פּאָגראָם פון אַ המון, נאָר אַ גוט אָרגאַניזירטע, פּלאַנמעסיק אויסגעפירטע מילי־

*) אין דער חדשים שול האָבן 70 יידן זיך אויסבאַהאַלטן. די שול מיט זיי אינאיינעם איז אונטערגעצונדן געוואָרן. צום גליק האָבן די לעגיאָנערן נישט געוווּסט אַז עס איז דאָרט געווען אַ פאַרבאָרגענער אַרויסגאַנג, דורך וועלכן די יידן האָבן זיך געראַטעוועט. ענלעכע פאַלן זענען אויך פאַרגעקומען אין אַ פּאָר אַנדערע הייזער.

טערישע „פאַציפיקאַציע״. דאָס זענען נישט געווען קיין שקצים מיט מע־סערס און דראָנגן, נאָר גאַנצע באַטאַליאָנען פון מיליטער מיט האַנט־גראַנאַטן און מאַשין־ביקסן, פאַנצער־אויטאָמאָבילן און אַלע אַנדערע כלי־משחית פון אָרגאַניזירטע מחבלים.

און נאָך עפּעס. די מיליטערישע פּאַטרולן פון די פּאָגראָמשטשיקעס זענען געווען אַזוי צאָלרייך, אַז מען האָט נישט געהאַט ממש קיין צייט אָפּצודעכן. נאָך איידער איין פּאַטרול איז אַרויסגעגאַנגען, איז שוין אָנגעקומען אַן אַנדערער, און שפּעטער נאָך אַן אַנדערער אאַ״וו. די הייזער און די וווינונגען זענען געווען איזאָלירט, אָפּגעשלאָסן און קיינער האָט נישט געקענט טראַכטן וועגן אַ קאָלעקטיווע אַקציע, בפרט אַז איינצלנע גאַסן, און דער גאַנצער יידישער פערטל בכלל, זענען געווען אָפּגעשלאָסן מיט קאָרדאָנען פון סאָלדאַטן מיט מאַשין־ביקסן. פונדעסטוועגן האָבן יידן יאָ צוריקגעשלאָגן. מיר אַליין זענען באַקאַנט פאַלן ווו יידן האָבן צע־קלאַפּט די פּאָגראָמשטשיקעס מיט העק און מעסערס, און אַ פּאָר קצבים — דעם אינצידענט האָט מיר דערציילט אַ באַגלויבטער עדות — האָבן אפילו דערהרגעט אַ פּאָר פּאָגראָמשטשיקעס און זיי באַגראָבן אין די קעלערס. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז אויסבאַהאַלטן אַזעלכע קרבנות איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך בפרט, ווען מען האָט געוווסט, אַז איידער מען קוקט זיך אום, קומט שוין אַן אַנדערע מיליטערישע אָפּטיילונג.

נו, און וואָס איז מכוח די יידישע כלל־טוערס?

שוין בעת די פויליש־אוקראַינישע קאַמפן, ווען מער און מער יידן זענען געפאַלן ווי קרבנות פון דער מלחמה, האָט די יידישע פאַרטרע־טערשאַפט אַרויסגעשיקט אַ טעלעגראַמע צום פּרעזידענט ווילסאָן. די טעלעגראַמע איז געגאַנגען דורך קיעוו און איז דווקא יאָ אָנגעקומען. אין דער טעלעגראַמע צום פּרעזידענט ווילסאָן האָט זיך געזאָגט:

„עס האָט אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן די פּאָליאַקן און די אוקראַינער. די יידן וואָס זענען געצוווּנגען צו זיין נייטראַל ליידן מער פון אַלעמען. די יידן ווערן געצוווּנגען צו דינען אין פּוילישן מיליטער*). מיר בעטן הילף״.

*) די פּאָליאַקן אין זייער טעריטאָריע פון לעמבערג האָבן טראָץ דער נייטראַליטעט גענומען רעקרוטירן יידן פאַר זייערע מיליטערישע צוועקן.

1. Joſef Goldberg
2. Julius Goldberg
3. Mechel Chewander
4. Toni Rad
5. Markus Kontes
6. Mendel Mandel
7. Moſes Smoczak
8. Scheindlinger
9. Chaim Donner
10. Dawid Rubinfeld
11. Abraham Broder
12. Zygmunt Gorne
13. Genia Gorne
14. Jakób Herm. Schäfer
15. Salomon Spiegler
16. Leib Einſchenk
17. Zygmunt Langnas
18. Izydor Meſuſe
19. Salomon Langnas
20. MeſchulemFrauenglas
21. Samuel Acker
22. Heinrich Dawid
23. Moſes Agid
24. N. Silberſtein
25. Moſes Posner
26. Chaim Abend
27. Hania Necheles
28. Zalel Wildner
29. Majer G. Pordes
30. Hermann Bardach
31. Hermann Herbſt
32. Adolf Grab
33. Mendel Hochberg
34. Rubin Hiss
35. Eliasz Sebel
36. Leon Einſchlag
37. Jakób Neuer
38. Juda Leib Schnips
39. Nachmann Altmann
40. Leib Windmann
41. Klara Sonntag
42. Małka Rieß
43. Izrael Feigenbaum
44. N. Tauber
45. Reize Berger
46. N. Herz Zuckerman
47. Marjem Eſter Wind-mann
48. N. Wilner
49. Freide Jelles
50. N. N.
51. Małka Kupferſtein
52. Genia Turszynska
53. N. Brumer
54. Ignacy Rothberg
55. Mordche Zwickel recte Stern
56. Izrael Lipsker
57. Chane Menkes
58. Henryk Lewin
59. Moſes Goldſcheider
60. Meier Selig Peries
61. Schulem Mayer
62. Dawid Ennoch
63. Salomon Katz ſenior
64. Salomon Katz junior
65. OskarSchwarzenberg
66. Roſa Finkelſtein
67. Mechel Achtentuch
68. Berl Terten
69. Laura Krapp
70. Meilech Weiß
71. Johann Reiter
72. Benjamin Toth

יידישע קרבנות פון לעמבערגער פאָגראָם

בשעת דעם פּאָגראָם האָבן יידישע פירער אָפּגעשיקט נאָך אַ טעלע־גראַמע קיין אַמעריקע דורך אַ נייטראַלן פראַנצויזישן קאַפּיטאַן, הענרי ווילעין, וואָס איז געקומען אַראַנזשירן אַ דריי־טאָגיקן וואָפנשטילשטאַנד צווישן פוילן און די אוקראַינער, (דעם 17טן נאָוועמבער איז טאַקע אַזאַ וואָפנשטילשטאַנד צושטאַנד געקומען, וואָס האָט שטאַרק געהאָלפן דער שפּעטערדיקער פּוילישער אָקופּאַציע פון לעמבערג). די דעפּעשע איז קיינ־מאָל, ווייזט אויס, נישט אָפּגעגאַנגען. די פּאָליאַקן האָבן זי גאַנץ איינפאַך אונטערגעכאַפּט.

אָבער אויך אין די טעג פון פּאָגראָם האָבן נישט געפעלט קיין אינ־טערווענצן. שוין דעם ערשטן טאָג איז איין דעלעגאַציע נאָך אַ צווייטער געלאָפן צום שטאָט־קאָמענדאַנט, קאַפּיטאַן טשעסלאַוו מאַנטשינסקי, און אים געבעטן אָפּצושטעלן דעם פּאָגראָם. עס זענען געלאָפן ציוניסטן, עס זענען געקומען אַסימילאַנטן און אויך די יידיש־פּוילישע סאָציאַליסטישע פירער האָבן פּראָטעסטירט וואָס עס ווערט גאָרנישט געטון, כדי צו צוימען דעם המון. אַ דעלעגאַציע פונעם יידישן זיכערקייט־קאָמיטעט איז דערשינען אין ראָט־הויז און ממש געוויינט פאַר די פּוילישע מושלים זיי זאָלן אָפּשטעלן די גזירה. אָבער דער ענטפער איז געווען אַ צינישער פּאַטש אין פּנים:

— אונדזער מיליטער האָבן אונדז אָפיציעל נישט געמאָלדן, אַז עפּעס געשעט אין געטאָ... אָפיציעל וויסן מיר גאָרנישט.

אַ פּאָר שריט פונעם מאַגיסטראַט האָבן די פּוילישע לעגיאָנערן צע־ראַבירט יידישע געשעפטן און געלאָדן די סחורות אויף לאַסט־אויטאָמאָ־בילן און וועגענער, אָבער פאַן מאַנטשינסקי האָט גאָר נישט געוווסט וועגן דעם. דער יידישער שטאָט־פערטל איז דערצו באַלד אונטערגעצונדן גע־וואָרן און דער רויך איז דורכגעדרונגען דורך די פאַרמאַכטע פענצטער פונעם ראָט־הויז, אָבער די נייע מאַכטהאָבער האָבן נאָך אַלץ נישט גע־הערט וועגן אַ פּאָגראָם.

אַ יידישע דעלעגאַציע האָט אויך באַזוכט דעם בירגעמייסטער סטעטשקאָווסקי און אים געבעטן ער זאָל העלפן, אָבער ער האָט זיך דערפון אויסגעדרייט. דעם הויכפּונקט פון ציניזם האָט דערגרייכט דער „שעף פון שטאַב" ד״ר יאַקובסקי. ער האָט זיך שוין גאָר נישט פאַר־ענטפערט, נאָר דרייסט דערקלערט, אַז דאָס איז אַ „שטראָף־עקספּעדי־

ציע", און קען נישט איבערגעריסן ווערן איידער דער ציל פון דער „עקספּעדיציע" וועט דערגרייכט ווערן.

אין ראַט־הויז גופא איז אויך געווען אַ סקלאַד פאַר די צעראַבעוועטע יידישע סחורות (אַזעלכע אַפּיציעלע סקלאַדן זענען געווען ביי דער שטאַט־קאָמאַנדע, אויף דער ציטאַדעל, אין שכנות פונעם פּאָליטעכניקום און אין די קאַזאַרמעס.

קיין אינטערווענצן פון די יידישע פּערזענלעכקייטן האָבן נישט גע־האָלפן. עס איז אַ באַקאַנטער פאַקט, אַז ווען גענעראַל ראָיאַ איז אָנגעקומען קיין לעמבערג, האָט ער אויפגענומען אַ יידישע דעפּוטאַציע, און באַלד אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו דערקלערן „שטאַנדרעכט" (מיליטער־געריכט) אין שטאָט און אַרעסטירן אַלע וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין רויב אָדער מאָרד.

גענעראַל ראָיאַ איז אויך נישט געווען קיין אוהב ישראל. אָבער אַלס אַ מיליטערישער מומחה האָט ער געוווּסט ווי דעמאָראַליזירנדיק אַזאַ זאַך קען ווירקן אויף דער אַרמיי, ספּעציעל, ווען די אוקראַינישע מיליטערישע כוחות זענען נאָך נישט אינגאַנצן פאַרשוווּנדן, נאָר זיי האָבן זיך צוריק־געצויגן קיין קשיוויצע, וואָס איז געווען כמעט אַ פאָרשטאָט פון לעמ־בערג. אָבער דער שטאָט־קאָמענדאַנט מאַנטשינסקי האָט איינפאַך סאַבאָ־טירט דעם גענעראַלס באַפעל. ווען גענעראַל ראָיאַ האָט קאַטעגאָריש גע־פאָדערט, אַז זיינע באַפעלן זאָלן אויסגעפירט ווערן, האָט מאַנטשינסקי דאָס מאָל יאָ אויסגעפאָלגט, אָבער מיט אַ קנייטשל. ער האָט איינגעפירט דעם „שטאַנדרעכט" דעם 24סטן, אָנשטאָט דעם 23סטן נאָוועמבער, ווי עס איז אים באַפוילן געוואָרן, כדי די סאָלדאַטן זאָלן האָבן זייערע פולע 48 שעה צייט צו מאָרדן און צו ראַבירן, טאַקע אַזוי ווי מען האָט זיי צוגעזאָגט.

ערשט דעם 24סטן נאָוועמבער האָבן זיך באַוויזן פּלאַקאַטן אויף די נישט־פאַרברענטע מויערן פון דער שטאָט וואָס האָבן מודיע געמאַכט דאָס איינפירן פון שטאַנדרעכט. אָבער גלייכצייטיק מיט דער דערקלערונג פון שטאַנדרעכט, האָט, דער איצט שוין אַ פּאָד־פּאָלקאָווניק, מאַנטשינסקי, (ער האָט אַוואַנסירט נאָך דעם איינעמען פון לעמבערג), געפונען פאַר נייטיק אַרויסצוגעבן אַ ספּעציעלע ווענדונג צו די יידן. דער אויפרוף האָט זיך אַזוי געלייענט:

„צו דער יידישער באַפעלקערונג אין לעמבערג!

„אין דער צייט פון דעם דריי־וואָכיקן קאַמף פאַרן דעם באַזיץ פון לעמבערג, האָט אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג נישט אָפגעהיט די נייטראַליטעט לגבי דעם פוילישן מיליטער, נאָר מערערע מאָל געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און אויך געפרווט אויף אַ פאַררעטערישן אופן אָפצוהאַלטן דעם פאַרמאַרש פון אונדזער מיליטער. עס זענען פעסט־געשטעלט געוואָרן אַזעלכע געשעענישן ווי די, אַז מען האָט פון באַהעל־טענישן געשאָסן אויף אונדזערע סאָלדאַטן, באַגאָסן זיי מיט זודיקן וואַ־סער, געוואָרפן העק אויף אונדזערע פאַטרולן און דאָס גלייכן. די קאָ־מאַנדע פונעם פוילישן מיליטער האַלט אין צוים די נאַטירלעכע נקמה־געפילן פון דער פוילישער באַפעלקערונג און פונעם פוילישן מיליטער. אַלע בירגער, אָן אונטערשיד פון גלויבן, ווערן געשטעלט אונטער דער שוץ פונעם געזעץ, און עס ווערט פאַר דעם צוועק איינגעפירט דער שטאַנד־רעכט. פונדעסטוועגן ליגט אויף דער יידישער געמיינדע די ערנסטע פליכט צוריקצוהאַלטן אַ טייל פון אירע שטאַמברידער וואָס פירן זיך נאָך אַלץ אויף אַזוי ווי זיי וואָלטן באַצוועקט צו ברענגען אַן אומבאַ־רעכנבאַרע קאַטאַסטראָפע אויף דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. די קאָמאַנדע פונעם פוילישן מיליטער רעכנט דערויף, אַז די יידישע באַפעל־קערונג פון דער שטאָט לעמבערג, וועט אין די אינטערעסן פון זייערע בני־אמונה, זיך אָפּהאַלטן פון אַרויסווייזן שנאה לגבי דער פוילישער רעגירונג און וועט, דורך איר קאָרעקטן און לאָיאַלן אויפפירן זיך לגבי די באַאַמטע און לגבי דער גאַנצער באַפעלקערונג, מעגלעך מאַכן, אַז עס זאָל איינגעפירט און געהאַלטן ווערן אָרדענונג״.

לעמבערג, דעם 23סטן נאָוועמבער 1918.

געחתמעט די שטאָט און באַצירק קאָמאַנדע.

ג. די הענצע הערט נישט אויף

ווי געזאָגט, איז דער מחבר פון דעם גיפטיקן און פּאָגראָם־העצערישן פּאַשקוויל נישט געווען קיין אַנדערער ווי פּאַד־פּאָלקאָווניק מאַנטשינסקי. דער דאָזיקער פאַרשוין, אַ געוועזענער גימנאַזיאַל־לערער, וואָס איז איבער נאַכט געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער „העלד״, איז פשוט משוגע געוואָרן פון זיין אַרויפשטייג, און האָט אויך שפּעטער אויפגעבויט פאַנטאַס־טישע שלעסער פון ליגנס, כדי צו באַווייזן ווי שווער ער האָט געמוזט קעמפן, נישט נאָר מיט די אוקראַינער נאָר אויך מיט די גרויסע יידישע „אַרמייען״, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט מלחמה האַלטן מיט די פּאָ־ליאַקן, אפילו נאָכדעם ווי די אוקראַינער האָבן שוין געהאַט פאַרלאָזן לעמבערג. זיין פּרווו צו פעלשן די געשיכטע האָט זיך אים נישט איינ־

געגעבן, אָבער עמערס מיט יידיש בלוט האָט ער יאָ אויסגעצאַפּט. די יידישע מיליציאַנטן וואָס, ווי מיר האָבן שוין פריער דערציילט, זענען אַרעסטירט געוואָרן, האָט מען שרעקלעך געפּייניקט. מאַנטשינסקי און זיין שטאַב האָבן פאַרלאַנגט, אַז די מיליציאַנטן זאָלן אונטערשרייבן אַ גבית־עדות, אַז די אַלע בלבולים און עלילות וואָס די שונאי־ישראל האָבן אויסגעטראַכט קעגן זיי, זענען געוועזן אמתן. מען האָט זיי געשלאָגן, גע־פּייניקט און אויסגעהונגערט, אָבער אַזאַ „קלייניקייט" וואָס מען האָט פאַר־לאַנגט פון די יידישע מיליציאַנטן, ווי די אַז זיי זאָלן זיך מודה זיין, אַז זיי האָבן געשאָסן אויף די פּוילישע חיילים, געגאָסן זודיק וואַסער, וכדומה, האָבן די פּוילישע מנובלים טאַקע נישט געקענט דאָס אויספּרעסן פון זיי. נאָך אַ וואָך פון אָט אַזעלכע „אונטערזוכונגען", האָט גענעראַל ראַיאַ באַפוילן אַרויסצולאָזן די געוועזענע יידישע מיליציאַנטן פון תפיסה. אָבער מאַנ־טשינסקי און זיינע נאָכשלעפּערס האָבן דעם גענעראַל נישט געהערט און זיי האָבן די אַרויסגעלאָזענע מיליציאַנטן אויפסניי אַרעסטירט, פאַרהאַלטן זיי אין תפיסה אַ סך וואָכן און שפּעטער געשטעלט פאַרן מיליטער־געריכט אונטער די שווערע באַשולדיקונגען פון פאַרראַט און סאַבאָטאַזש, אַ „פאַרברעכן" קעגן דער מלוכה, וואָס האָט געדראָט מיט טויט־שטראָף.

די גרעסטע אַנטוישונג איז געווען די האַלטונג פון דער פּוילישער באַפעלקערונג גופא. די באַפעלקערונג פון לעמבערג האָט, ווי אין יעדער גרויסער שטאָט, געהאַט אירע סאָציאַלע זומפּן — אַ היפּש ביסל פאַר־ברעכערס, גאַסן־פרויען, מעקלערס פון זינד, לעמבערגער „באַטיאַרעס", און בכלל אונטערוועלטניקעס, דאָס וואָס די פּאָליאַקן רופן מיטן נאָמען די „מענטי" פון דער געזעלשאַפט. אָבער ווי אין יעדער שטאָט האָט אויך לעמבערג געהאַט אַ פּוילישע אינטעליגענץ, מענטשן פון קולטור, שריי־בער, דיכטער, קינסטלער און אַ גוט איינגעפונדעוועטן מיטלשטאַנד. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז אין דער פּאָגראָם־שטימונג איז ביי זיי כמעט נישט געווען קיין געזעלשאַפטלעכער אונטערשיד. אין דעם פּרט וויל איך דאָ דערמאָנען איין צדיקת, יאַנקאַ, אַ לאַנגיאָריקע הויז־פריינדין אונדזערע, וואָס האָט אונדז געבראַכט אין שטוב אַריין האָלץ און עסנוואַרג אין די שווערע נעכט, ווען מיר האָבן דערוואַרט אַז אָט־אָט וועט מען קומען מיך אַרעסטירן, מחמת די פּוילישע סאָלדאַטן האָבן אַרומגעזוכט די מיט־גלידער פון דעם קאָמיטעט און פון דער מיליץ־פאַרוואַלטונג, פון וועלכער זיי האָבן געהאַט אַ גענויע רשימה. אָבער טאַקע די יאַנקאַ אַליין פלעגט

דערציילן, אַז איר טאַטע וואָס איז געווען אַ הויכער ריכטער, האָט איינגע־שטימט מיט די פּאָגראָמשטשיקעס. שול־קלאַסן פון נעכטן, אוניווערסי־טעט־סטודענטן און פּראָפעסאָרן — אַ חוץ איינעם אַ טשעך, פּראָפעסאָר קוטשערא, וואָס האָט ביי זיך באַהאַלטן יידישע סטודענטקעס און האָט אַ פּאָר פון זיינע אייגענע שילערינס ממש אַרויסגעריסן פון די סאָלדאַטסקע לאַפּעס — איז די גאַנצע פּוילישע אינטעליגענץ אין לעמבערג געווען סאָלידאַריש מיט די פּוילישע פּאָגראָם־העלדן.

דאָס האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אין דער פּוילישער פּרעסע.

דעם 22סטן און 23סטן נאָוועמבער האָט די פּוילישע פּרעסע איבער־הויפּט גאָרנישט געבראַכט קיין ידיעות וועגן די שחיטות און שרפות אין יידישן שטאָט־פּערטל, גלייך ווי דאָס וואָלט זיך געווען אָפּגעשפּילט ערגעץ ווו אין טיבעט און נישט אין שכנות פון זייערע רעדאַקציעס. דער מער ליבעראַלער „קוריער לוואָווסקי״ האָט יאָ עפּעס געשריבן וועגן „טומולטן״ וואָס די גזעלשאַפטלעכע „מענטעס״ (אָפּשוים) האָבן גורם געווען, אָבער ער האָט שנעל צוגעגעבן, אַז די לעגיאָנערן האָבן זיי פאַר־טריבן מיט געווער. דעם 24סטן איז געווען נאָך אַ נאָטיץ וועגן „עפּעס אַ שרפהלע״, וואָס איז אויסגעבראָכן אין אַ געוויסער געגנט אין לעמ־בערג. ערשט דעם 25סטן האָט די צייטונג געבראַכט אַ מעלדונג, אַז די שרפות זענען פאָרגעקומען אין יידישן קוואַרטאַל. און ווידער אַמאָל האָט די צייטונג באַשולדיקט דעם פאַרשטאָטישן „אָפּשוים״. די רעדאַקציע האָט צוגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז די פייערלעשונג איז נישט געווען עפעקטיוו מחמת „די פייערלעשער האָבן געליטן פון מענטשן־מאַנגל״. דערפאַר האָט דער זעלבער קוריער פונעם 1טן, 3טן און 5טן דעצעמבער ממש געברענט פאַר רציחה אויף די „יידן וואָס זאָגן יאקבי אַז עס זענען פאָרגעקומען עקסצעסן״ — דאָס וואָרט „פּאָגראָם״ האָט די צענזור פאַרבאָטן צו באַ־נוצן אין דרוק און „דער קוריער״ האָט פאַרזיכערט זיינע לייענערס אַז אין דעם זענען געווען שולדיק טאַקע נאָר די יידן אַליין. די אויפרעגונג פונעם „קוריער״ דערקלערט זיך דערמיט וואָס דערווייל האָט, די „נייע פרייע פּרעסע״ אין ווין, פאַרעפנטלעכט אַ באַריכט וועגן דעם שוידער־לעכן פּאָגראָם אין לעמבערג.

אַנדערע פּוילישע צייטונגען האָבן נאָך מער געדראָעט און געזידלט די יידן, „סטייטש, די וועלט זאָגט אַז אין לעמבערג זענען פאָרגעקומען פּאָגראָמען״, און ווער קען פאַרשפּרייטן אַזאַ „עלילת־דם״ אויף די פּאָ־

ליאַקן, אויב נישט די יידן אַליין?... אויך מחוץ פון לעמבערג האָבן די פּוילישע צייטונגען אָנגעהויבן אַ נייע העצע קעגן יידן פּאַרוואָס מען פאַרשפּרייט אין דער וועלט ליגנס וועגן פּאָגראָמען. דער קראָקעווער „גלאָס נאַראָדו" האָט אפילו געדרוקט אַ באַריכט פון אַ „פּאָזיטיוון קוואַל", אַז די יידן האָבן פאַרטיילט שווערע מיליאָנען — גאַנצע 100 קראָנען אַ טאָג — פאַר אַ יעדן אוקראַינישן זעלנער, — כדי זיי זאָלן צוריק דראָ־בערן לעמבערג. די פּוילישע „ליקווידירונג קאָמיסיע" אין קראָקע האָט אַרויסגעגעבן אַן אָפיציעלע דערקלערונג, אַז „די טענדענציעזע ליגן, וועל־כע דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט און די יידישע פּרעסע פאַרשפּרייטן וועגן די „קוואַסי" געפּלאַנטע יידן־פּאָגראָמען, זענען אַ פּראָוואָקאַציע. אין גאַ־ליציע הערשט אומעטום אָרדענונג און די דאָ־און־דאָרט אויסגעבראָכענע עקסצעסן זענען דער רעזולטאַט פון זעלבן באַנדיטיזם, וואָס הערשט אין אַ פּיל גרעסערער מאָס אין אונגאַרן, עסטרייך, דייטשלאַנד און טשעכאָ־סלאָוואַקיע..." די ליקווידירונגס־קאָמיסיע האָט אויך איינגעלאַדן די אַליאיר־טע צו שיקן דעלעגאַטן, וועלכע קענען זיך וועגן דעם אמת איבערצייגן... „זאָל אָבער די יידישע פּרעסע אויך ווייטער גיין אויף דעם זעלבן וועג, באַשמוצן די פּאָליאַקן, וועט דאָס מאַכן אוממעגלעך פאַר די רע־גירונגס־פאַרשטייער צו באַרואיקן דעם אויפגערעגטן עולם און דאַן וועלן זיי (די יידן) טראָגן די קאָנסעקווענצן (פּאָגראָמען) וואָס ביז איצט עקזיס־טירן זיי נאָר אין די פאַרשפּרייטע בלבולים..."

די טאָג־צייטונג „וויעק נאָווי" האָט נאָך דעם 3טן יאַנואַר 1919 געשריבן אַז די אונטערזוכונג, וואָס זאָל אַנטשיידן צי איז דאָס געווען אַ „פּאָגראָם" אָדער אַן אַקט פון „זעלבסט־פאַרטיידיקונג" גייט נאָך אַלץ אָן. „עס איז אַ פאַקט אַז גראַד פון דער אַנדערער זייט (פון יידן) האָט מען געגאָסן זודיקע וואַסער און הייסע סאָדע און אויך געשאָסן (אויף פּוילישע סאָלדאַטן)".

אָט אַזוי האָט די פּוילישע פּרעסע פון איר זייט געטון אַלצדינג צו פאַרטונקלען, פאַרטושן און פאַרלייקענען דעם אמת און צו דער זעלבער צייט העצן קעגן די יידן.

דאָס קאַפּיטל וועגן לעמבערגער פּאָגראָם וואָלט נישט געווען גאַנץ ווען מיר זאָלן נישט דערמאָנען וועגן די פּאָגראָמען מחוץ לעמבערג, פּאָגראָמען וואָס די „באַפרייאונגס־אַרמיי" האָט דורכגעפירט אויף איר וועג קיין לעמבערג. אין פּשעמישל, ווו עס האָט געהערשט אַ מין פּוי־

ליש־אוקראינישער קאָנדאָמיניניום און ווו בײדע נאַציאָנאַליטעטן האָבן געלעבט בשלום, האָט נאָך דער „דעראָבערונג" פון דער שטאָט דורך די פּאָליאַקן, דער קרייז־קאָמענדאַנט פּאַד־פּאָלקאָווניק טאָקאַזשעווסקי אַרויס־געגעבן די פאָלגנדע פּראָקלאַמאַציע:

„צו דער באַפעלקערונג פון פּשעמישל פון משה־רבנוס גלויבן!

„היות ווי די יידן האָבן אָנטיילגענומען אין קאַמף פאַר דער דעראָ־בערונג פון פּשעמישל אויף דער זייט פון די אוקראַינער, להיפוך פון זייער פאַרשפּראָכענער נייטראַליטעט, און האָבן געשאָסן אויף פּוילישע אָפּטיילונגען, אַפּעליר איך, אַז די יידישע קהילה זאָל איינצאָלן אין דער קרייז־קאָמאַנדע פון פּוילישן מיליטער אין פּשעמישל די סומע פון דריי מיליאָן קראָנען... נישט שפּעטער ווי דעם 21טן (נאָוועמבער), צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג. אין פאַל אָבער אויב די קאָנטריבוציע זאָל נישט באַצאָלט ווערן אין דער באַשטימטער צייט, וועל איך געבן דעם באַפעל צו קאָנ־פיסקירן מיט געוואַלט אַט־אָ־די סומע געלט פון דער יידישער באַפעל־קערונג".

פּשעמישל, נאָוועמבער 17, 1918.

פאַרשטייט זיך, אַז די יידן האָבן נישט געוואָלט באַצאָלן אַזאַ מין קאָנטריבוציע פאַר זינד וועלכע זיי זענען נישט באַגאַנגען. דער 83־יאָרי־קער ד״ר טאַרנאָווסקי פונעם פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט האָט דערקלערט דעם קאָמענדאַנט גענעראַל דיאַק, אַז ער וועט מוזן אים אַליין אויך דער־שיסן און אַ סך פּאָליאַקן מיט אים, איידער ער וועט דערלויבן, אַז די סאָלדאַטן זאָלן זיך וואַרפן אויף די אומשולדיקע יידן.

גאָר אַ מאָדנע סצענע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין שטעטל אושטשיקי דאָלנע. דער קאָמענדאַנט פון די לעגיאָנערן, פּאַד־פּאָלקאָווניק סוואָבאָדאַ, האָט אַרויסגעגעבן די פאָלגנדיקע פאַראָרדענונג:

„צו דער יידישער רעליגיעזער קהילה אין אושטשיקי דאָלנע:

„עס איז באַשטעטיקט געוואָרן, אַז די יידישע באַפעלקערונג נעמט אָנטייל אין דער מלחמה פון די הײדאַמאַקעס קעגן דעם פּוילישן מילי־טער. אַלס רעזולטאַט פון אַט־אָ־די פיינטלעכע און קרימינעלע מעשים זענען שוין דריי פון אונדזערע סאָלדאַטן געפאַלן טויט. די שולדיקע וועלן דערפאַר זיין פערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך. די יידישע קהילה אָבער, וועלכע האָט נישט פאַרהיט אַז אַזאַ זאַך זאָל נישט פאָרקומען, מוז באַ־צאָלן אין משך פון אַ שעה אַ קנס פון 300.000 קראָנען. אויב די סומע

וועט נישט באַצאָלט ווערן אין צייט, וועלן די יידישע הייזער באַמבאַר־
דירט ווערן און אויפגעריסן מיט דינאַמיט, און די קאָנטריבוציע וועט
מיט געוואַלד רעקווירירט ווערן״.

אושטשיקי, נאָוועמבער 24, 1918.

כדי צו ווייזן אַז ער האָט נישט בדעה צו שפּאַסן, האָט ער געלאָזט
ברענגען צוויי באַוואָפנטע צוגן און אָפּגעגעבן דריי קאַנאָנען־שאָסן, וועלכע
האָבן געטראָפן צוויי הייזער. דאָס האָט געהאַט אַ ווירקונג. די קאָנטריבוציע
איז באַצאָלט געוואָרן.

מיר וואָלטן געקענט ברענגען מער פאַקטן פון דעם מין, אָבער דאָס
וואָלט גענומען מער ווי איין בוך צו באַשרייבן. וואָס מיר האָבן באַצוועקט
איז מער נישט ווי געבן אַ בילד פון דער לאַגע ווי זי איז געווען דעמאָלט
און אָפּראַטעווען פון שכחה אַ שטיק יידישע היסטאָריע, פון וועלכער איך
בין געווען אַ לעבעדיקער עדות.

XXI

נאָכן פּאָגראָם

נאָך די צוויי „אָפיציעלע״ פּאָגראָם־טעג, דעם 22סטן און 23סטן נאָ־
וועמבער האָט דער פּאָגראָם פּאַקטיש נישט אויפגעהערט. ער האָט געדויּ־
ערט פיל לענגער. אין מיין בוך „דער לעמבערגער יידן־פּאָגראָם״ איז
געדרוקט אַן אונטערקעפּל מיט דער דאַטע „פון נאָוועמבער 1918 ביז
יאַנואַר 1919״. דאָס איז געווען דער אמתער צייט־משך פון פּאָגראָם אין
לעמבערג. אין דעם האָט קיין שום „שטאַנדרעכט״ נישט געהאָלפן. פּויּ־
לישע פּאַטרולן האָבן נאָך אַלץ אַרוממאַרשירט איבער די גאַסן און גע־
בושעוועט אין די הייזער אונטער דעם אויסרייד פון „זוכן געווער״. פּונקט
ווי אין די צוויי דערמאָנטע הייסע פּאָגראָם־טעג, האָט מען אויך איצט
געפונען רעוואָלווערן וואָס די סאָלדאַטן האָבן אונטערגעוואָרפן אין די
פּאַרשידענע באַהעלטענישן, אין די טואַלעטן, שאַפעס און קעלערס, כדי
אַ שפּעטערדיקער פּאַטרול זאָל זיי געפינען. אמת, די יידן האָבן שוין גוט
געקענט די קונצשטיק און פלעגן נאָך יעדן פּאַטרול וואָס איז געקומען
„צו גאַסט״, זוכן אין אַלע ווינקעלעך, כדי צו געפינען די אונטערגעלייגטע
כלי־זיין. אָבער נאָכדעם ווי מען האָט זיי שוין יאָ געפונען, איז געווען

די גרעסטע קאָפּ־ברעכעניש ווי אַזוי פון זיי פּטור צו ווערן, מחמת דער נאָענטסטער פּאַטרול האָט דאָך „פּאָזיטיוו געוווסט״ אַז עס זענען דאָ באַהאַלטענע כלי־זיין און די סאָלדאַטן האָבן נישט געוואָלט אַזוי גיך אָפּטרעטן, איידער זיי וועלן די „פאַרברעכערישע וואָפן״ נישט געפינען. אַט־אָ דער קאַץ־און־מויז שפּיל איז אָנגעגאַנגען אָן אַן אויפהער און די גאַנצע צייט האָבן זיך געטראָגן קולות פון געשרייען און געוויינען איבער דער יידישער גאַס.

ספּעציעל די נעכט זענען געווען שרעקלעכע, קאָשמאַרפולע. דער קלענסטער שאָרך אויף די טרעפּ, אָדער אַ קלאַפּ אין דער טיר האָט אַרויסגערופן אַ ציטער אין די ביינער און פאַרקלעמט די הערצער. אַ מורא, אַ שרעקלעכע טעמפּע מורא, האָט שווער אַרומגעשפּרייזט איבער די יידישע גאַסן, און אין יידישן שפּיטאָל זענען נאָך אַלץ געלעגן די קרבנות פון די פּאָגראָם־טעג, קראַנקע און טויטע קערפּערס פון מענער, פרויען און קינדער. אַ צאָל פון די מתים זענען געווען נישט מער ווי פאַרקוילטע קערפּערס, וועלכע מען האָט נישט געקענט מער אידענטיפיצירן.

מען האָט געוואַרט מיט דער לויה ביז מען וועט קענען צונויפנעמען די קרבנות און דערווייל האָט מען זיך באַמיט צו קריגן פון דער מאַכט אַ דערלויבעניש צוצוגרייטן אַן עפנטלעכע לויה. אָבער די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט אַזאַ דערלויבעניש נישט געוואָלט געבן. האָט מען די מתים געמוזט שטילערהייט איבערפירן אויפן בית־עלמין, און דאָרט ערשט האָט זיך דער עולם פאַרזאַמלט אָפּצוגעבן דעם לעצטן חסד של אמת פאַר די קדושים. אָבער גאָר אינגאַנצן אויסמיידן אַ דעמאָנסטראַציע איז דער פוילישער מאַכט נישט געלונגען.

גאַנץ פרי דעם 28סטן נאָוועמבער האָט אַ גרויסער עולם פאַרזאַמלט זיך נעבן דער שול, ווו די פאַרברענטע און צעריסענע ספרים און שמות זענען געלעגן אין ארונות פונקט ווי די מענטשלעכע קדושים; אַ טויזנט־קעפּיקער עולם האָט די ספרים מלוה געווען צום בית־הקברות. אַרום 9.30 אינדערפרי איז דער בית־עלמין אויף דער פּיליכאָווסקע גאַס געווען אָנגעפּאַקט מיט אַן עולם פון 40.000 יידן. אַ זייגער 10 האָט זיך אָנגעהויבן דער הספד. דער אַלטער אָרטאָדאָקסישער רב, ר׳ אריה לייב ברוידא האָט אָנגעהויבן דעם הספד, אָבער די ווערטער זענען אים דערשטיקט געוואָרן אין האַלדז, פון וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעריסן אַ כליפּן און אַ ביטער געוויין. אויף דעם האָט דער גאַנצער ריזיקער עולם אויס־

געבראָכן אין אַ יאָמערלעכער יללה, וואָס האָט געמוזט רירן שטיינער. דער פאַרגעשריטענער ראַבינער, ד״ר שמואל גוטמאַן, וואָס האָט געוואָלט טרייסטן דעם עולם, האָט זיך אַליין אויך נישט געקענט באַהערשן. ד״ר פישל וואַשיץ, וואָס האָט גערעדט אין נאָמען פונעם יידישן נאַציאָנאַל־ראַט האָט אָנגעהויבן מיטן זאַץ „אַ שרעקלעכער שמערץ צעברעכט דאָס האַרץ...״ אָבער ער האָט זיך אויך געשטיקט אין טרערן. די גאַנצע קהילה האָט באַוויינט דעם גורל פון ישראל, וועמענס לעבן איז הפקר און פריי פאַר אַ יעדן איינעם צו שעכטן, ברענען און ווערגן, אָן אַ פאַרוואָס. אָבער די גרעסטע פאַרצווייפלונג האָט פאַרכאַפּט דעם עולם, ווען עס איז געקומען צום באַערדיקן די נאַקעטע, פאַרגוואַלדיקטע, צעריסענע און פאַרקוילטע ספרי־תורות.

אַ יאָמערלעכער ווייטיק האָט זיך געריסן פון די 40.000 העלדזער — און אַ שבועה האָבן מיר געשווירן, אַז די פון די סאָלדאַטסקע שטיוול צעטראָטענע און געשענדעטע, הייליקע אותיות וועלן בלייבן טיף איינגע־קריצט אין אונדזערע נשמות, און אַז קיין פּאָגראָמשטשיק וועט נישט אָפּשוואַכן אונדזער פאַרבונדנקייט מיט אמונת ישראל...

און אין אַ זייט זענען געשטאַנען פוילישע לעגיאָנערן מיט אויפגע־שטעלטע באַגנעטן אויף זייערע ביקסן — אַלע אויסגעשטעלטע פּראָוואָ־קאַטאָריש, געמיין און ווויל־יונגיש, מיט אַן איראָנישן שמייכל פון ביטול און חוצפּה. זיי זענען דאָרט געווען כלומרשט אָפּצוהיטן אָרדענונג.

ווי אַזוי מען האָט אויסגעמיטן אַ טראַגישן אינצידענט באַגרייף איך אַליין נישט. דער עולם איז געווען ווילד פון שמערצן, און די ייִנגערע האָבן זיך ממש געריסן צו געבן די לעגיאָנערן זייער פאַרדינטן פּסק — און אפשר טאָקע האָט מאַנטשינסקי אויף דעם געוואָרט — אָבער בשעת און נאָך דער לויה האָבן די באַזונענע פירער געהאַלטן אין איין בעטן למע״ה זיך נישט לאָזן פּראָוואָצירן און נישט פאַרשווערכן די הייליקייט פון דער לויה. און אָט אַזוי איז עס אָפּגעגאַנגען, ווי עפּעס דורך אַ נס, אָן אַ צווישן־פאַל, אפילו דעמאָלט ווען די לעגיאָנערן האָבן אָנגעהויבן ברוטאַל צעטרייבן דעם עולם נאָך דער לויה.

די פירער פון דער אַזוי שווער געשטראָפטער לעמבערגער עדה זע־נען געשטאַנען פאַר אַ שווערער אויפגאַבע. פון דעם ערשטן טאָג אָן האָבן מיר נישט אויפגעהערט זוכן וועגן און מיטלען ווי אַזוי צו באַהערשן די שרעקלעכע לאַגע. מיר האָבן אָפּגעהאַלטן כסדר זיצונגען, כאָטש מיר

האָבן גוט געוווּסט אַז, אויב איינער פון די פּאַטרולן זאָל אונדז האָבן גע־פינען אין מיטן פון אַזאַ מין „קאָנספּיראַציע״, וואָלט דאָס נישט געווען אָפּגעגאַנגען אָן בלוט־פאַרגיסונג. שוין דעם ערשטן טאָג פונעם פּאָגראָם האָבן אַ פּאָר פון אונדז זיך פאַרזאַמלט אין דער וווינונג פון ד״ר עמיל שמאראַק, אויף דער פרעדריקאָוו גאַס. דאָרט האָב איך אויך געטראָפן קאַפּיטאַן יוליוס אייזלער, וועלכער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין דער וווי־נונג פון ד״ר עמיל שמאַראַק. אַלס דעם קאָמענדאַנט פון דער יידי־שע מיליץ וואָלט מען אים געווען אויפגעהאָנגען ווען מען וואָלט אים געווען געפונען. ד״ר שמאראַק האָט געלעבט אין אַ רייכער פּוילישער געגנט, און עס איז קיינעם נישט איינגעפאַלן דאָרט צו זוכן אַ יידישן פירער.

אַן אַנדערע זיצונג, שוין אַ מער רעפּרעזענטאַטיווע, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן ביי פּרוי מעלצער אין הויז. דעמאָלט האָט שוין געהערשט דער „שטאַנדרעכט״, און מען האָט נישט געטאָרט פאַרזאַמלען זיך אין ערגעץ נישט. צווישן די וואָס איך געדענק, אַז זיי האָבן אָנטייל גענומען אין דער זיצונג זענען געווען — ד״ר שרייבער, ד״ר קאַרקיס, ד״ר ווורצל, ד״ר ראָזמאַרין, ד״ר ציפּער און ד״ר רייך. דאַכט זיך, אַלע האָבן מיר געפילט אַז צוויי זאַכן דאַרפן געטון ווערן:

ראשית, פאַרשפּרייטן דעם אמת אין אויסלאַנד, און, שנית, אַזוי גיך ווי מעגלעך אונטערנעמען אַן אַקציע, כדי צו לינדערן די מאַטעריעלע נויט און פאַרזעצן די אַרבעט פון דער אַפּראָוויזאַציע קאָמיסיע פוז פאַרן פּאָגראָם.

איך געדענק נישט גענוי צי דעמאָלט, אָדער שוין פריער, איז אָנ־גענומען געוואָרן דער באַשלוס צו אָרגאַניזירן אַ הילפס־קאָמיטעט פאַר די קרבנות פונעם פּאָגראָם. אָבער איך ווייס, אַז באַלד איז אַזאַ הילפס־קאָ־מיטעט צושטאַנד געקומען מיט ד״ר טאָביאַש אשכנזי אַלס פּאָרזיצער, און איך אַלס סעקרעטאַר.

ד״ר אשכנזי איז געווען אַ לאַנגיאָריקער אַסימילאַנט, און איך אַ ציוניסט. אָבער אפשר נאָך קיינמאָל נישט האָבן צוויי פּאָליטישע קעגנער אַזוי האַרמאָניש געאַרבעט אינאיינעם ווי מירביידע. אין אַ קורצער צייט האָב איך געקראָגן צו אים אַזאַ ליבע און אַזאַ אַכטונג, אַז איך פלעג אים זאָגן אין שפּאַס, אַז איך וואָלט אים פאָרגעשלאָגן פאַרן פּרעזידענט

דער קראקאווער פּלאַץ אין לעמבערג נאָכן פּאָגראָם

פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון מזרח־גאַליציע, נאָר וואָס איך האָב מורא אַז ער וועט פון די ציוניסטישע גויים מאַכן גאָר הייסע יידן.

דער רעטונג־קאָמיטעט האָט פּאַקטיש איבערגענומען די פונקציעס פון דער יידישער קהילה. מיר האָבן געעפנט פאָלקס־קיכן, פּאַרטיילט ברויט און געבראַכט גלויבן און האָפענונג אין די איבערגעשראָקענע יידישע היי־זער. מען האָט פּאַרטיילט שפּייז, קליידער, שיך און דאָס נויטבאַדערפטיק־סטע, וואָס מענטשן דאַרפן האָבן בפרט, אַז בשעת דעם פּאָגראָם האָבן די כוליגאַנעס אויסגעליידיקט די הייזער פון אַלעמען, וואָס זיי האָבן געקענט אַוועקפירן אָדער צעהאַקן. מיר האָבן אויך באַזאָרגט וווינונגען פאַר די פאַמיליעס וועמענס הייזער זענען אָפּגעברענט געוואָרן.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז אפילו אייגענע שולן האָט מען געמוזט עפענען, מחמת די יידישע קינדער האָבן נישט געוואָלט לערנען מיט קינדער פון פּאָגראָמשטשיקעס אונטער איין דאַך. איבעריקנס איז די שטימונג געווען אַזאַ צערייצטע, אַז די קינדער זענען געווען אין אַ סכנה צעשלאָגן צו ווערן פון זייערע פּוילישע חברים.

דער קאָמיטעט האָט כסדר אינטערווענירט און פּראָטעסטירט אין דער שטאָטישער רעגירונג און ביי דער מיליטער־קאָמאַנדע קעגן די כאַפּע־נישן פון יידן אויף די גאַסן און אַוועקפירן זיי גראָבן שוצגריבער יעדן טאָג האָבן זיך איבערגעחזרט פאַלן פון אַרעסטירן יידן „אונטער פאַרדאַכט" — אָן אַ וועלכער עס איז סיבה. די יידן האָבן געמוזט אויסשטיין הונדערטער־ליי שיקאַנעס און אָן אַ צאָל פּגיעות. אָבער די גרעסטע אַרבעט וואָס, נאָך מיין מיינונג, האָט דער רעטונגס־קאָמיטעט אויפגעטון איז געווען די רשימה פון פּראָטאָקאָלן און די גבית־עדותן פון די יידישע קרבנות בעת דער פּאָגראָם־אַקציע. די רשימות זענען באַלד אויסגעוואַקסן אין אַ גרויסן הויפן פון מאַטעריאַל, וואָס האָט געדינט פאַרן יסוד פון דער רעגי־סטראַציע פון שאדנס און פאַרן פּראָטאָקאָלירן אַלע איינצלהייטן פונעם פּאָגראָם גופא און אויך פון די שפּעטערדיקע רדיפות. די מאַטעריאַל־זאַמלונג, אינאיינעם מיט די פאָטאָגראַפיעס און לעגיטימאַציעס וואָס די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן פאַרלוירן אין די הייזער, האָט געגעבן אַ קלאָר בילד פון די באַרבאַרישע רוצחים און זייערע רציחות. אויב מען וועט נעמען אין אַכט, אַז כמעט 7,000 גבית־עדותן האָבן געמוזט אויפגענומען, קאָדיפיצירט און קאָאָרדינירט ווערן, קען מען זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ גרויסן אַפּאַראַט דאָס האָט פאַרלאַנגט. אָבער דאָ ווי אומעטום איז אונדז

געקומען צו הילף אונדזער וווּנדערבאַרע יוגנט, אַ יוגנט וואָס האָט נישט געהאַט איר גלייכן. און דאָ וויל איך ווידער דערמאָנען לכּף זכות אונדזער באַליבטן פּאָרזיצער, ד״ר טאָביאַש אשכּנזי.

ווען מיר האָבן אַנטוויקלט פּלענער פאַר דער רעגיסטראַציע, האָט דער אַלטער אשכּנזי געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— יאָ, מען דאַרף עס טאַקע נויטיק האָבן, אָבער וווּ וועט איר קריגן אַזאַ גרויסן שטאַב — אַן געלט, אָן שרייבמאַשינען, אָן שליחים צו באַזוכן די היימען, אָן אַלעמען?

אַ ביסל שפּעטער, ווען ער האָט געזען ווי גיך אַלץ האָט זיך אָרגאַ־ניזירט, כּמעט פון זיך אַליין און אַז די שרייבמאַשינען האָבן געהאַלטן אין איין קלאַפּן, האָט ער געזאָגט צו מיר:

— איר ווייסט — מילא איך אַליין וועל שוין שטאַרבן אַן אַסימילאַ־טאָר, אָבער אויב איר ציוניסטן האָט געקענט אויפכאָוועןאַזאַ וווּנדער־באַרע יוגנט, מוז איך פאַר אייך האָבן דרך־ארץ.

ד״ר מאַקס שאַף, דער ביוראָ־שעף פון דער רעגיסטראַציע, איז געווען נישט נאָר אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר, נאָר אויך אַ געניטער סיסטעמאַטיקער. אונטער זיין האַנט איז פון דעם צעוואַלגערטן הויפן פון מאַטעריאַל אויס־געוואַקסן אַ גוט־קלאַסיפיצירטע קאַלעקציע, מיט אַ גלענצנדע קאַרטאָטעק, מיט אַן אַלפאַבעטישן אינדעקס, און קיינער איז אים נישט געווען אַזוי דאַנקבאַר ווי טאַקע איך אַליין, ווען איך האָב אָנגעהויבן איינצוגלידערן די איינצלנע פאַקטן און פּראָטאָקאָלן אין די ראַמען פון אַ בוך. מיין בוך „דער לעמבערגער יידן־פּאָגראָם״, וואָס איך האָב געשריבן דורך די נעכט, איז באַזירט אינגאַנצן אויף דער וויכטיקער דאָקומענטאַציע פון דעם רע־גיסטרירטן, דורכגעזיפּטן און טאָפּלט וועריפיצירטן מאַטעריאַל.

אויך ד״ר אשכּנזיס פּובליקאַציעס האָבן זיך געשטיצט אויף דעם ווערטפולן קוואַל, און בנוגע זייער ווירקונג און דעם קוראַזש וואָס זייער מחבר האָט באַוויזן, שטייגן זיי איבער אַלצדינג וואָס איז זייט דעמאָלט געדרוקט געוואָרן וועגן דעם פּאָגראָם. איך פאַרנייג מיין קאָפּ מיטן גרעסטן יראת־הכּבוד פאַר זיין ערשטן עפנטלעכן בריוו, וואָס ער האָט געדרוקט אין „וויעק נאָווי״, אַ טאָג אָדער צוויי נאָכן פּאָגראָם. איך ציטיר אַ פּאָר שורות פון זיין בריוו:

„אַלס אַ ייד וואָס האָט זייט זיין יינגסטער קינדהייט אומאונ־טערבראָכן געהאַלטן הויך די פּוילישע פאָן, ווענד איך זיך היינט, אין דעם אַזוי שווערן און ערנסטן אויגנבליק, צו דער גאַנצער פּוי־לישער געזעלשאַפט מיט דער פאָדערונג עפּעס צו טון כדי צו מאַכן אַ סוף צו דער כוואַליע פון צעשטערונג, און העלפן איינשטילן דאָס פייער פון באַרבאַריזם, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט איבער לעמבערג. איך ווענד זיך צום געוויסן און צום פאַרשטאַנד פון די פילע טויזנ־טער אידעלע, מיר פּערזענלעך באַקאַנטע פּאָליאַקן, וועמענס גע־דאַנקען און געפילן זענען מיר אַזוי גוט באַקאַנט ווי מיינע אייגענע; איך ווענד זיך צו דער בלום פון דער פּוילישער אינטעליגענץ, צום לעמבערגער בירגערטום, און באַזונדערס צו די נאַציאָנאַל־דעמאָ־קראַטישע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע מוזן דורך דעם איבערנעמען די מאַכט אין די פּוילישע געביטן, טראָגן די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַר דער גאַנצער וועלט און פאַר דער צוקונפט, פאַר דעם אַלעמען וואָס איז געשען און געשעט נאָך איצט אין לעמ־בערג".

און ווייטער:

„דאָ גענוגן נישט מער אויפרופן אָדער רעדעס, דאָ באַדאַרף מען עפּעס טון כדי צו באַזייטיקן דאָס שלעכטע".

„מען קען נישט בשום אופן די זאַך אַזוי פאָרשטעלן, אַז דער ייד אין דעם לאַנד מוז זיין אָדער אַ רוטענער אָדער אַ פּאָליאַק. אָט־אָ־דער גרויסער ליגן מוז באַזייטיקט ווערן. גרויסע מאַסן פון דער יידישער באַפעלקערונג זענען נישט פּויליש און נישט רוטע־ניש, און ווילן דאָס אויך נישט ווערן. זיי זענען יידיש און ווילן בלייבן יידיש".

„מיט אָט דעם פאַקט מוזן מיר זיך רעכענען, מיר מוזן אים אָנערקענען".

לעזנדיק דאָס, איז נויטיק, אַז מיר זאָלן נישט פאַרגעסן אַז דאָס האָט געשריבן נישט דער ציוניסט אַדאָלף שטאַנד, אָדער ציפּער, אָדער איך, נאָר טאָביאַש אשכנזי, אַן אַסימיליאַנט פון דור דורות. האָבן אים טאָקע די פּאָליאַקן קיינמאָל דאָס נישט מוחל געווען. אַלס געוועזענער מיטגליד

אין סיים, אַלס וויצע־פּרעזידענט פונעם שטאָט־ראַט און פּרעזידענט פון דער אַדוואָקאַטן־קאַמער, האָט אשכנזי פאַרנומען איינע פון די בכבודיק־סטע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס אין לעמבערג. אָבער איצט, צוליב די גרויסע זינד זיינע, וואָס ער איז געוואָרן אַ ״זשידאָווסקי אַדוואָקאַט״ האָבן די פּאָליאַקן אָנגעהויבן אים באָיקאָטירן און האָבן פאַרלאַנגט זיין רעזיגנאַציע. ביי די קומענדיקע וואַלן איז ער טאַקע מער נישט דערוויילט געוואָרן. אָבער די אַקציע קעגן אים האָט נישט אויפגעהערט. זיין צווייטע זינד איז געווען אַ ליטאָגראַפישע צונויפשטעלונג פון דער פּאָגראָם־געשיכטע אויפן גרונט פונעם רעגיסטרירטן מאַטעריאַל. די זאַמלונג איז געווען געחתמעט — ״Żydkomrat״ (זשידאָווסקי קאָמיטעט ראַטונקאָווי) און איז געווען געשריבן פון אונדזביידע. די פּערזענלעכע אָנגריפן קעגן אים זענען אָנגעגאַנגען ביז צו זיין טויט. ער איז געשטאָרבן דעם 10טן יאַנואַר 1920 פון אַ האַרץ־אַטאַקע. אַ יידישער העלד, ווי ווען עס איז איז ער געווען! זאָל זיין נאָמען דערמאָנט ווערן ווי איינער פון די, ליידער, שוין פאַרגעסענע גבורי־ישראל.

דערווייל זענען די פּאָגראָמעלעך וויטער אָנגעגאַנגען. ווי שוין דערמאָנט, האָבן די יידישע מיליציאַנטן געליטן דאָס גיהנום אין דער תפיסה. מען האָט זיי אַרויסגעלאָזט צוליב מאַנגל פון באַווייזן. אָבער נאָך אַ פּאָר טעג האָט מען זיי ווידער אַרעסטירט און דער טריוולאַנישער טאַנץ האָט זיך אָנגעהויבן פונדאָסניי. דעם 11טן דעצעמבער 1918 האָט זיך פּלוצלינג די קאָמאַנדע דערמאָנט, אַז מען איז פאָרט נישט זיכער מיט די יידן, און האָט אינמיטן נאַכט אָנגעהויבן מאַכן רעוויזיעס און אַרעסטירן די פירנדע ציוניסטן. פיר פון זיי: ד״ר מיכל רינגעל, ד״ר אַלעקסאַנדער הויזמאַן, ד״ר לעאָן רייך, און דער רעדאַקטאָר פון ״יידישן טאַגבלאַט״, מ. א. טענענבלאַט, זענען אַרעסטירט און אַוועקגעפירט געוואָרן קיין באַראַנאָוו אַלס ערובניקעס. צווישן די אַרעסטירטע איז אויך געווען אַ געוועזענער אַרמיי־שטאַב־אָפיציר וויקטאָר גאַבעל, וועלכן די שטאָט־קאָמאַנדע האָט פאַרמשפּט מיטן רייכסראַט־דעפּוטאַט היינריך גאַבעל, וואָס איז שוין אַכט יאָר לאַנג געווען טויט און באַגראָבן. אָפּיציעל האָט עס געהייסן אַז די ערובניקעס האָבן געדאַרפט זיין אַ גאַראַנטיע קעגן שפּיאָנאַזש און נקמה־אַקטן מצד די יידן. דער אַרעסט איז געווען אויפן באַפעל פון גענעראַל ראָזוואַדאָווסקי. נאָך פיר וואָכן האָט מען זיי אויפן פּראָטעסט פון דער ענגלישער מיסיע, געבראַכט קיין קראָקע, וו זיי זענען נאָך וויטער געבליבן אונטער אויפ־

די ערובניקעס אין לעמבערג: עס זיצן ד״ר מיכאל רינגעל און ד״ר א. הויזמאַן
עס שטייען ד״ר לעאָן רייך און מ. א. טענענבלאַט

זיכט, ביז דער בריטישער פאַרשטייער קאָלאָנעל וואַדע האָט געפּועלט אַז רייך און רינגעל זאָלן באַפרייט ווערן, כדי צו פאָרן אַלס דעלעגאַטן צו דער שלום־קאָנפערענץ אין פּאַריז.

דאָס טעגלעכע לעבן אין לעמבערג איז סיי־ווי־סיי געווען זייער שווער. די אוקראַינישע חיילות זענען געשטאַנען נישט ווייט פון דער שטאָט. זיי האָבן אָפּגעשניטן די וואַסער־ליטונג און געהאַלטן אין איין באָמבאַרדירן די הייזער פון דער שטאָט. אַ סך מענטשן זענען געפאַלן אין די גאַסן און אין די שטיבער. לעבנסמיטל איז געווען שווער צו קריגן. ס'פאַרשטייט זיך, אַז די יידן האָבן טאָפּלט געליטן. נישט נאָר עס האָט געהערשט אַ וווינונגס־נויט נאָך די פּאָגראָמען, נאָר ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָט די פּאָגראָם־שטימונג גאָר אינגאַנצן נישט אויפגעהערט. סאָלדאַטסקע אָפּ־טיילונגען פלעגן באַפאַלן יידישע הייזער און אָוועקפירן די מענער צו דער פּייערליניע, גראָבן שוץ־גראָבנס. מוטערס און פרויען פלעגן נאָכלויפן, שרייען און וויינען און דערפאַר כאַפּן קלעפּ מיט סאָלדאַטסקע קאָלבעס אין בוזעם אַריין. יידישע אַקאַדעמיקער האָבן געמוזט דינען אַלס משרתים פון פּוילישע אָפיצירן. ביי די סאָלדאַטסקע „פּיאַטיקעס" (שכרות) האָט מען זיך אַמוזירט מיט יידישע קינדער, זיי געלאָזט טאַנצן אַ „מה יפית'ל", אָדער זיי געשלאָגן מכות מוות. חדשים לאַנג איז דאָס יידישע לעבן געווען הפקר, כמעט ווי אין די ערשטע פּאָגראָם־צייטן. אויף די פּראָטעסטן פונעם רע־טונגס־קאָמיטעט האָט מען אָדער גאָרנישט געענטפערט, אָדער געגעבן פוילע אויסריידן.

דעם 29סטן דעצעמבער 1918, זענען אָנגעקומען פרישע מיליטערישע פאַרשטאַרקונגען פון וואַרשע. ווי נאָר זיי האָבן זיך איינגעקוואַרטירט אין דער טשאַצקי שולע, האָבן זיי געמאַכט אַ פּאָגראָם אין די קאַטליאַרסקע און אַלעמבעקאָוו גאַסן, אויף דעם אַלט־פּוילישן שטייגער. יידן האָט מען געממיתט, געשלאָגן, פרויען און יונגע מיידלעך פאַרגוואַלטיקט. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי געהוליעט און קיינער האָט זיי נישט געשטערט.

צווישן די פאַלן וואָס ווערן דערמאָנט אין די מעמאָראַנדומס פון דעם רעטונג־קאָמיטעט געפינען מיר שוידערלעכע איינצלהייטן פון דער בע־סטיאַלישער באַהאַנדלונג פון די יידן. צווישן די געכאַפּטע אויף דער גאַס פאַר אַרבעט, איז אויך געווען דער אַדוואָקאַט ד"ר ראָטפעלד. מען האָט אים פאַרשלעפּט מיט אַ קאָלום פון 200 יידן, וועלכע מען האָט אומאויפהערלעך געשלאָגן אויפן וועג. אַ פרוי וואָס איז נאָכגעלאָפן איר

מאַן און געבעטן זיך מען זאָל אים אָפּלאָזן, האָבן די זעלנער אַזוי מער־דערלעך געשלאָגן, אַז זי איז אַנידערגעפאַלן חלשות. ווען ד״ר ראָטפעלד האָט געבעטן דעם קאָמענדאַנט, אַ קאַפּיטאַן פון די לעגיאָנערן, אַז ער זאָל אויף איר רחמנות האָבן, האָט ער אים אַוועקגעשטופּט און אים גע־דראָט מיט דערשיסן.

צווישן די געפאַנגענע איז אויך געווען דער 83־יעריקער מעדיקער ד״ר בירער, וועמעס בייטראַג אין אָנהויב פון ציוניזם מיר האָבן פריער באַשריבן. מען האָט דעם 83־יאָריקן זקן אַוועקגעפירט גראָבן שאַנצן.

כדי צו אילוסטרירן דאָס געזאָגטע, ווילן מיר אָנגעבן אַ פּאָר פּונקטן פון אַ מעמאָראַנדום פונעם 16טן דעצעמבער 1918, וואָס דער „רעטונגס־קאָמיטעט" האָט צוגעשיקט צום קוואַרטיר־מייסטער פון דער פּוילישער אַרמיי, פּולקאָווניק וולאַדיסלאַוו שיקאָרסקי (דעם שפּעטערדיקן שעף פון דער פּוילישער גלות־רעגירונג). די פאַקטן ווערן ציטירט לויט די קאַ־טעגאָריעס.

1) אַרעסטירונגען אָן אַ פאַרהער: — עס טרעפט זיך אַז יידישע ביר־גער אָן אונטערשיד פון געשלעכט, אפילו קינדער, ווערן געכאַפּט פון פּאַטרולן און ווערן אַרעסטירט אויף אַן אומבאַגרענעצטע צייט. קיינער ווערט צו זיי נישט צוגעלאָזן, און זיי זיצן אין נאַסע צעלן און ווערן געפּיי־ניקט מיט קלעפּ און תעניתים.

2) רעקוויזיציעס — רויב־איבערפאַלן אין יידישע פּריוואַטע הייזער און אפילו אין די גאַסן גייען ווייטער אָן אַן אויפהער. די זאַכן ווערן פאַר־טיילט צווישן קריסטן.

3) געוואַלטזאַמע רעקרוטירונג — כאָטש לויטן געזעץ דאַרפן די יידן דינען נאָר אַלס וואָלונטירן, ווערן יידישע בחורים מיט באַפרייאונגס־שיינען פונעם מיליטער, געכאַפּט אין די גאַסן און געוואַלטזאַם פאַרשלעפּט צום מיליטער־דינסט.

4) כאַפּעניש צו דער אַרבעט — היינט, למשל, האָט מען געכאַפּט הירש נאגעלבערג, אַן עלטערן מענטשן, אַ סוחר, און מען האָט אים מער־דערלעך געשלאָגן. אפילו סטודענטן פון גימנאַזיע ווערן געכאַפּט און אָפּגעפירט צו די אַרבעטן.

צווישן די געכאַפּטע זענען געווען צוויי יונגע סטודענטן, וויינלעז און פישער, וועלכע מען האָט געצוווּנגען וואַשן פּאַדלאָגעס אין דער „עטאַפּן־

קאָמאַנדע״ אויף וואָלאָווע גאַס. די סאָלדאַטן האָבן זיי געצוווּנגען טאַנצן ביי דער אַרבעט און אויספירן אַלערליי משוגעתן.

אין יאַנואַר 1919, האָט ווידער דער רעטונגס־קאָמיטעט פּראָטעסטירט קעגן אַרעסטירן מענטשן ביי וועמען מען האָט גאָרנישט געפונען אַזויגס, וואָס זאָל קענען דינען אפילו פאַר אַן אויסרייד. צווישן זיי זענען געווען די אַדוואָקאַטן אַלטשילער, מאַרער און דער אַסימילאַנט ד״ר עמיל שפּעט, וואָס איז געווען רעדאַקטאָר פונעם אַסימילאַטאָריש־אַקאַדעמישן זשורנאַל ״Zjednozenie„. דער פּראָטעסט ענדיקט זיך מיט אַ רעטאָרישער פראַגע: „פּאַניע פּאָלקאָווניקו, ווען וועט שוין קומען אַ סוף צו די געוואַלט מעשים!״

אָט וואָס עס איז אָנגעגאַנגען אין „פּוילישן״ לעמבערג, און אין אַנדערע שטעט נישט ווייניקער ווי אין לעמבערג; אָבער אויף דער אַנדערער זייט פון פראָנט, אין אוקראַינישן טייל, איז אויך נישט געווען אַזוי פויגלדיק.

די רעזידענץ פון דער „מערב־אוקראַינישער״ רעגירונג איז געווען סטאַניסלעוו. די „זיד־אוקראַינער״ (רוטענער) האָבן די יידן געגעבן אויטאָנאָמיע, אָנערקענט די יידישע און העברעאישע שפּראַכן אַלס גלייכבאַרעכטיקטע און אין אָנהויב זענען די באַציאונגען צווישן די יידן און די אוקראַינער געווען גאָרנישט קיין שלעכטע. נאָך דעם לעמבערגער פּאָגראָם האָט די יידישע יוגנט אין דעם טייל פון מזרח־גאַליציע וואָס איז געבליבן רוטעניש, וואָלונטירט צו דער אוקראַינישער אַרמיי, כדי נקמה צו נעמען פאַר דער ברוטאַלער הריגה און שרפה אין לעמבערג. אַרום טויזנט יידן האָבן זיך געמאָלדן צום רוטענישן (זיד־אוקראַינישן) מיליטער. אָבער גאַנץ רואיק איז אויך דאָרט נישט צוגעגאַנגען. אויך אויף יענער זייט פון דער קאַמף־ליניע זענען פאָרגעקומען סאָלדאַטן־איבערפאַלן אויף די יידישע שטעטלעך, הגם די רעגירונג האָט דאָס טאָלערירט.

נאָך דער מפּלה פון די דייטשן און דעם וואַפנשטילשטאַנד אין נאָוועמבער 1918, איז זייער משרת סקאָראָפּאַדסקי אַוועק פון דער אוקראַינע, און זיין פּלאַץ האָט פאַרנומען אַ דירעקטאָריום פון פּעטליורא, ווינישעווקאָ און מאַקאַרענקאָ. פּעטליוראַ איז באַלד געקומען צו הילף זיינע מזרח־גאַליצישע ברידער מיט אַן אייגענער אוקראַינישער אַרמיי. שוין זיין „אַריינמאַרש״ אין מזרח־גאַליציע איז געווען געצייכנט מיט יידיש בלוט. אין באָלשעוויץ האָבן די פּעטליוראָווצעס אויסגעהרגעט 21 יידן, אין בור־

שטין — 11, אין בוקאטשאווצע — 24, און אפילו אין וואנילאוו, אַ פּאַר־שטאָט פון דער רוטענישער הויפּטשטאָט סטאַניסלע, זענען מערערע יידן געפאַלן פון די אוקראַינישע מערדערס. אַט אַזוי האָבןביידע פעלקער געפייערט זייער פרייהייט און ווידערגעבורט און געצאַפּט עמערס פון יידיש בלוט פאַר די ארבע כוסות פון זייער באַפרייאונג־יום־טוב...

XXII

זאָל די וועלט געוויר ווערן דעם אמת!

די יידן אין גאַליציע האָבן זיך געפילט אָפּגעצוימט פונעם דרויסן. זיי זענען געווען אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט ווי מיט אַ כינעזישער מויער, און אינעווייניק האָט נאָך אַלץ געהערשט די פּאָגראָם מרה־שחורה מיט אַרעסטן, שלעגערייען, בלוט־פאַרגיסונגען און ראַבונקעס. קיין איין שטעטל איז נישט אַרויס אָן אַ פּאָגראָם, אָדער, לכל הפחות, אַ „פּאָגראָמעלע". אָפּ־געשניטן פון אַ יעדער קאָמוניקאַציע מיט דער אויסנוועלט, האָבן מיר זיך געפילט ווי פאַרלוירענע און כאָטש מיר האָבן אין אונדזערע פּראָטעסטן אָנגעהאַלטן אַ שאַרפן און ווירדיקן טאָן, האָבן מיר אין פאָראויס געוווסט אַז אונדזערע פּראָטעסטן אַליין וועלן ווייניק וואָס העלפן.

איך געדענק, אַז ווען העשל פאַרבשטיין איז אַ פּאָר טעג נאָך די גרויסע פּאָגראָמען געקומען פון וואַרשע מיט געלט און נחמה, האָט ער אונדז אַלעמען ממש מחיה נפש געווען. מיר האָבן געפילט, אַז סוף־סוף איז לא אלמן ישראל. אָבער מיר האָבן נישט לאַנג געפרייט זיך מיט אים, נאָר להיפּוך, גרעסטן פאַרבשטיינען אַזוי גיך ווי מעגלעך עוקר צו זיין פון לעמבערג, איידער ער וועט ווערן אַרעסטירט פון די מיליטערישע רוצחים.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן נישט פאַרקוקט קיין שום געלעגנהייט צו לאָזן וויסן די פּוילישע מלוכה־פאַרטרעטער, וואָס עס טוט זיך אין לעמבערג. אָבער צו וועמען האָט מען געקענט רעדן? דער פּוילישער מלוכה־שעף, יוזעף פּילסודסקי, האָט געענטפערט אַ דעלעגאַציע אין וואַר־שע, וואָס האָט ביי אים געבעטן אַז ער זאָל שטערן די פּאָגראָמען, אַז „ער איז נישט קיין דיקטאַטאָר(!) און ער קען גאָרנישט טון אָן אַ באַ־שלוס פון דער רעגירונג". ער האָט אויך צוגעגעבן, אַ מין תוספות צום

RZECZPOSPOLITA POLSKA.
RÉPUBLIQUE POLONAISE
POLNISCHE REPUBLIK
LEGITYMACYA DO PODRÓŻY
PASSE-PORT
REISE-PASS

דער רייזע־פּאַס פֿון ד״ר יוסף טענענבוים

פּירוש, אַז ביז צו דעם צונויפקומען זיך פון דער פּוילישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג וועט די יידישע פראַגע נישט קענען דערליידיקט ווערן. יענדזשעי מאָראַטשעווסקי, ווידער, דער סאָציאַליסטישער פּרעמיער, האָט געגעבן נאָך אַ קליגערע תשובה: ער האָט געראָטן, אַז מען זאָל וואַרטן ביז צום קומענדיקן פּאָגראָם, וועט ער דעמאָלט אַרויסגעבן אַ פאַראורטיילנדיקע דערקלערונג...

כדי צו עפענען דעם אײַזערנעם רינג פון פאַרשווייגן האָט מען אויף אַ זיצונג פון דעם נאַציאָנאַל־ראַט מיך דעלעגירט צו זען זיך מיט דעם מעטראָפּאָליט גראַף אַנדרעי שעפּטיצקי, וועלכער האָט אַלס אַרציבישאָף פון די גריכיש־אוניִרטע רוטענער, געהאַט אַן אָפענע פאַרבינדונג מיט רוים, און אים בעטן אַז ער זאָל פאַר אונדז אינטערווענירן אין דער אויסנוועלט. דאָס זען זיך מיט אים איז נישט געווען קיין לײַכטע מיסיע, מחמת די פּאָליאַקן האָבן נאָר געוואַרט אויף אַזעלכע „פאַררעטערישע פאַרבינדונגען מיט די רוטענער״. אין אַ פינצטערער נאַכט האָב איך זיך ווי פאַרגנבעט צום „הייליקן יורא״־קלויסטער וווּ עס איז געווען זײַן פּאַלאַץ, אָבער ווי איבערראַשט בין איך געווען, ווען איך האָב זיך פּלוצלינג געפונען אין אַ הויף פול מיט פּוילישע אולאַנער, וואָס זענען דאָרט געווען אײַנגעקוואַרטירט. איך האָב געוווּסט, אַז זיך צוריק אויסדרייען וואָלט געווען נאָך געפערלעכער, בין איך דרייסט צוגעגאַנגען און געפרעגט וווּ איך וועל געפינען דעם אָפיציר. דעם אָפיציר האָב איך געזאָגט, אַז איך וויל זען דעם מעטראָפּאָליט און ער האָט נישט געפרעגט קיין קשיות און מיך געהייסן דורכלאָזן. הפּנים, אַז מײַן מיליטערישער מונדיר, אפילו אָן אַ פּוילישן אָדלער, האָט מיך געכשרט ביי אים.

דער מעטראָפּאָליט האָט מיך אָפּגעהאַלטן אַ לאַנגע צײַט און זיך מיט מיר דורכגעשמועסט וועגן אַלע פּאָליטישע פראַגעס אונדזערע, און אויך צוגעזאָגט צו אינטערווענירן.

— אָבער — האָט ער צוגעגעבן — דערוואַרט נישט קיין נסים פון מיר. ווי איר זעט, בין איך אויך נישט מער ווי אַ געפאַנגענער, אַרומגערינגלט מיט פּוילישע אולאַנער, וואָס שפּיאָנירן מיר נאָך אויף יעדן שריט און טריט. איך וויל איר זאָלט מיטנעמען 500 קראָנען ווי מײַן פּערזענלעכן ביישטייער פאַר די קרבנות פון די פּאָגראָמען, און פאַרזיכערט די יידישע באַפעלקערונג אַז מײַן האַרץ בלוטיקט פאַר זיי...

אויסער די שווערדיקייטן פון קאָמוניקאַציע מיט דער דרויסנדיקער

וועלט, איז נאָך געווען ערגער די פּוילישע העזה פון פאַרדרייען די פאַקטן, אַ זאַך וואָס האָט שטאַרק געערגערט און באַאומרואיקט די יידישע פירער־שאַפט.

שוין פון דעם ערשטן טאָג אָן האָבן די פּאָליאַקן אַרויסגעלאָזט אַלערליי רכילותן כדי פון זיך אַראָפּצוּוואַרפן די שולד פאַר זייער באַרבאַרישער האַנדלונג. צוערשט זענען עס געווען „וואָסערדיקע״ תירוצים (גיסן זודיק וואַסער אויף די פּאָליאַקן), וועלכע זיי האָבן פאַרשפּרייט אין דער וועלט; און ווען די „וואָסערדיקע״ אַרגומענטן האָבן פאַרלוירן זייער באַווייז־קראַפט, זענען די פּאָליאַקן געפאַלן אויף אַלע נייע המצאות, כדי פון זיך אַראָפּצוּוואַרפן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. צום ערשטן האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַ שמועה אַז דאָס זענען געווען מענטשן פון דער לעמבערגער אונטערוועלט, וואָס האָבן געראַבעוועט; דערנאָך זענען דאָס געווען די דייטשן, שפּעטער די באָלשעוויקעס, און אַ פּאָר צייטונגען האָבן אפילו באַשולדיקט די יידן, אַז זיי אַליין האָבן געמאַכט פּאָגראָמען — אומישנע געממיתט יידן און פאַרברענט בתי־מדרשים, כדי צו פאַרשוואַרצן די פּוילישע רעפּוטאַציע אין דער וועלט.

דער טרויעריקער העלד טשעסלאַוו מאַנטשינסקי האָט שפּעטער אין אַ אַ צוויי באַנדיקן בוך, באַטיטלט „W Bojach Lwowskich״ ווידער אַמאָל איבערגעחזרט די אַלטע מעשיות וועגן די יידישע אָנפאַלן אויף פּוילישע זעלנער. זיין שטאַב־אָפיציר, פּראָפעסאָר יאַקובסקי, האָט געשריבן:

> „ווען דעם 22סטן נאָוועמבער איז געקומען דער הרת־עולם אויף די יידן איז דאָס געווען נישט צוליב דעם, חלילה, וואָס די פּוילישע אַרמיי האָט געמאַכט פּאָגראָמען אויף יידן. ניין, אַזוי איז עס שוין גאָרנישט געווען. אַלץ וואָס איז דעמאָלט פאָרגעקומען איז געווען צוליב דער גרויסער אויפרעגונג וואָס איז באַפאַלן די יידן, ווען זיי זענען פאַרלאָזן געוואָרן פון זייערע אַליאירטע (אוקראַינער); זיי האָבן צוליב דעם פאַרלוירן זייערע קעפּ און אָנגעהויבן, אָן שום פּראָוואָקאַציע, אַליין אַטאַקירן אונדזערע אָפּטיילונגען. ס׳איז קיין ספק נישט, אַז זיי (די יידן) זענען דערפאַר שטאַרק באַשטראָפט גע־וואָרן״.

און אויף אַן אַנדערן פּלאַץ, שרייבט יאַקובסקי:

> „עס איז אַ פאַקט אַז מען האָט געפונען גאַנצע גרופּן פון יידן

מיט וואָפן אין די הענט; דאָס זענען געווען יידישע גרופּן, וואָס האָבן געשאָסן אויף זיי (די פּוילישע חיילים). דער גאַנצער (יידי־שער) ראַיאָן האָט געמוזט פאַציפירט ווערן".

און מאַנטשינסקי גיט צו:

„פונעם ערשטן אויפמאַרש פון אַבראַהאַם און שיקאָרסקי (קאָ־מענדאַנטן פון פּוילישע אָפּטיילונגען) האָט קיינער נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד אויסער די יידן... אַ רעגולערן און סיסטעמאַטישן ווידערשטאַנד האָבן זיי געשטעלט אויף דער קראָקאָווסקע גאַס.... אין דער סקאַרבאָווסקע קאַמעניצע, נעבן דער אַלטער שול, און צווישן די זאַמאַרסטינאָווסקע און זשאָלקעווער גאַסן. איך האָב זיי אַליין געזען, און אומעטום האָב איך אַרויסגעגעבן אָפּווער־באַפעלן צו די באַלאַגערטע (פּוילישע זעלנער). צוגעבלעך צו דעם האָט אַ שיסעריי זיך געלאָזט הערן אויך אין אַנדערע ערטער פון שטאָט, און יעדע מינוט זענען געפאַלן קוילן פון די פענצטער. מיין אייגענער אויטאָ־מאָביל, אין וועלכן איך בין אַרומגעפאָרן, האָט שפורן פון דער שי־סעריי... אויף צוויי פונקטן פונעם ווידערשטאַנד האָב איך געזען גע־פאַלענע אין דער שלאַכט, וועלכע מען האָט שפּעטער כלומרשט פאַר־רעכנט אַלס פּאָגראָם־קרבנות... איך האָב דעמאָלט געגעבן אַ באַפעל צו שטורמען די הייזער פון וואַנען מען האָט געשאָסן, און אַרויס־געשיקט פּאַטרולן אַרום שטאָט... אין אָוונט און שפּעט ביינאַכט איז דער ווידערשטאַנד געווען אומעטום געבראָכן, אַ חוץ אין דער סקאַרבקאָווסקע קאַמעניצע".

אָט אַזוי האָט דער פּאָגראָם־העלד מאַנטשינסקי געמאָלן זיין גרויסע „העלדישקייט". אמת, עס זענען געווען אייניקע, ווי גענעראַל ראָיאַ, למשל, וואָס האָבן דאָס אַלץ דערקלערט פאַר אַן אויסגעטראַכטן ליגן, און אין זיין בוך האָט טאַקע גענעראַל ראָיאַ שטאַרק אַטאַקירט דעם ליגנער מאַנ־טשינסקי און זיין כנופיה. די מערהייט אָבער, וואָס האָבן געוווּסט דעם אמת זענען באַלד פאַרשטומט געוואָרן. ווי ווייט דאָס איז דערגאַנגען קען מען זען פון דעם, אַז אין יאָר 1937, אַרום 19 יאָר נאָכן פּאָגראָם, האָט מיין חבר ד"ר אברהם אינזלער געפונען פאַר נויטיק נאָכאַמאָל אָפּצוענטפערן אויף די ליגנס און לעגענדעס וואָס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן פון די פאַרשווינען, וועמענס באַרימערייען און בראַוואַדעס זענען געוואַקסן אַלץ

העכער, וואָס מער יאָרן עס זענען פֿאַרפֿלאָסן פֿון דער צייט פֿון פּאָגראָם. אינזלערס בוך Legendy i Fakty (לעמבערג, 1937) האָט נאָכאַמאָל צונישט געמאַכט די אַלע אויסגעטראַכטע שקרים.

און איצט קען מען זיך שוין לייכט פֿאָרשטעלן וואָס פֿאַר אַ מפּח־נפש ס׳האָט ביי אונדז געהערשט נאָכן פּאָגראָם, ווען מיר האָבן געזען די פּאָ־גראָמשטשיקעס ביי דער ליגנערישער אַרבעט. איצט וויסן מיר שוין, אַז די וועלט האָט דווקא יאָ אָריענטירט זיך און אַז שוין דעם 2טן דעצעמבער 1918, האָט דער אַמעריקאַנער שטאַטס־סעקרעטאַר, ראָבערט לאַנזינג, טע־לעגראַפֿירט צום אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר, וויליאַם שאַרפּ, אין פּאַריז, אַז: „דער סטייט־דעפּאַרטאַמענט האָט באַקומען ידיעות פֿון אַלערליי קוואַלן, אַז אין פּוילן ווערן געמאַכט פּאָגראָמען אויף יידן״, און ער האָט געוואָרנט אַז „דאָס וועט זיין אַ שטערונג פֿאַר די פּוילישע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס״. דערויף האָט דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אָנגעפֿרעגט ביי דמאָווסקין אין פּאַריז, וועלכער האָט אים פֿאַרזיכערט אַז די באַריכטן וועגן יידישע פּאָגראָמען אין פּוילן זענען „שטאַרק איבערגעטריבן״, דמאָווסקי האָט ווייטער פֿאַרזיכערט דעם אַמבאַסאַדאָר, אַז ער פֿאַרמאָגט דעפֿיניטיווע באַווייזן אַז „אַן אָרגאַניזירטע פּראָפּאַגאַנדע־העצע פֿון די יידן אין פּוילן און אין רוסלאַנד איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די ידיעות, וועלכע האָבן קיין שום רעאַלן יסוד נישט... אויב עס זענען יאָ פֿאָרגעקומען עקסצעסן, איז דאָס געווען צוליב דעם, וואָס אַ סך דייטשע געפֿאַנגענע, אַהיימפֿאָרנדיק דורך פּוילן רויבן און אַמאָל מאָרדן זיי אויך...״ דמאָווסקיס ענטפֿער פֿירט ווייטער אויס, אַז שולדיק זענען אין דעם אויך אַ פּאָר רוסישע יידן, וואָס זענען געקומען קיין פּוילן אַלס רעפּרעזענטאַנטן פֿון דער באָלשעוויסטישער רעגירונג מיט דעם איינציקן צוועק „איינצופֿירן אין פּוילן אַזאַ רעגירונג ווי זיי האָבן זי ביי זיך אין דער היים״.

מיר האָבן, פֿאַרשטייט זיך, פֿון דעם אַלעמען נישט געוווּסט. אָבער וואָס מיר האָבן יאָ געפֿילט איז געווען די נויטווענדיקייט, אַז עמיצער מוז אַרויספֿאָרן קיין אויסלאַנד, כדי צו דערקלערן דעם אמתן צושטאַנד וואָס האָט געהערשט אין פּוילן. דער גורל איז געפֿאַלן אויף מיר (ד״ר רייך און ד״ר רינגעל זענען געווען אַרעסטירט אין באַראַנאָוו, און זענען ערשט שפּעטער געקומען קיין פּאַריז). דעם 24סטן יאַנואַר 1919, האָב איך גע־קראָגן אַ לעגיטימאַציע פֿון דעם יידישן נאַציאָנאַל־ראַט, אַז איך בין דעלע־גירט געוואָרן צו פֿאַרטרעטן די יידן פֿון מזרח־גאַליציע ביי „דער שטענ־

דיקער קאָנפערענץ (עקספּערטן־קאָלעגיום) פון אַלע יידישע נאַציאָנאַל־ראַטן פון איראָפּע, וואָס פאַרזאַמלט זיך אין דער שווייץ". די לעגיטימאַציע, אויסגעשטעלט אין יידיש און פראַנצויזיש, איז געווען געחתמעט פון דוד שרייבער (ציוניסט), און יצחק ערע (פועלי־ציוניסט), די צוויי פאָרזיצערס פונעם נאַציאָנאַל־ראַט, און ד״ר אנזעלם קליינמאַן, דעם סעקרעטאַר.

איך האָב איינגעפּאַקט מיין טלומעקל און איך בין געווען גרייט צו פאָרן.

אָבער עס פאָרט זיך נישט אַזוי לייכט אַוועק פון אַ פּאָגראָם־לאַנד. ערשטנס, האָט מען געמוזט האָבן אַ דערלויבעניש — געחתמעט אי פון דער מיליטער־קאָמאַנדע, אי פון דער ציווילער רעגירונג און פון נאָך און נאָך אינסטאַנצן. און דאָ איז מיר ד״ר אשכנזי געקומען צו הילף. ער און זיין פריינט, ד״ר עמיל פּארנאס, האָבן געטון אַלץ, כדי מיר צו פאַרשאַפן די נויטיקע פּאַפּירן. ד״ר פּארנאס איז געווען אַן אימפּאָזאַנטער, רייכער ספּאָרטסמאַן, אַ געוועזענער אָפיציר ביי די לעגיאָנען, וואָס האָט יעדן געקענט און מיט אַלעמען געווען אַ „פּאַן־בראַט". פאַר אים זענען געווען אַלע טירן אָפן. ער האָט מיר נישט נאָר פאַרשאַפט אַלע פּאַפּירן, נאָר אפילו געקראָגן אַ מין הכשר פון אַ דיפּלאָמאַטישן קוריער, וואָס האָט מיך באַפרייט פון רעוויזיעס אויף דער באַן אַזוי, אַז איך האָב געקענט מיטנעמען די פּראָטאָקאָלן, פאָטאָגראַפיעס און מיינע מאַנוסקריפּטן אָן מורא צו האָבן, אַז עמיצער וועט דאָרט נישטערן און אויסגעפינען וואָס פאַר אַ געפערלעכע קאָנטראַבאַנדע איך האָב מיטגעפירט מיט זיך. דער זעלבער ד״ר פּאַרנאַס האָט מיט 20 יאָר שפּעטער, אַלס פּרעזידענט פונעם „יודענראַט" פון לעמבערג אַרויסגעוויזן אַזוי פיל מוט קעגן די נאַציס, אַז ביז היינט דערציילן די לעבנגעבליבענע לעמבערגער נסים ונפלאות וועגן אים. ער איז געפאַלן ווי אַ העלד, און נישט געוואָלט זיין אַ געצייג אין די הענט פון די נאַציס.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין קראָקע, האָב איך זיך ווידער אָנגעשטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן אין מיין פּרווו פון דאָרט אַרויסצופאָרן. אין מערב־גאַליציע האָבן געהערשט אַנדערע געזעצן ווי אין מזרח־גאַליציע. דאָרט זענען די יידן נישט געווען פריי פון מיליטער־דינסט, און איך בין געווען אין מיליטערישן עלטער. אָבער דאָ האָט מיר שטאַרק געהאָלפן ד״ר יהושע טאָן, וואָס האָט געפועלט ביי אַ באַקאַנטן קאָמיסאַר פאַרשאַפן

מיר אַ פוילישן פּאַספּאָרט, אויסגעשטעלט „פּאַר אַן עסטרייכישן אָפיציר״, מכלומרשט „וואָס קערט זיך אום אַהיים קיין ווין״.

גראָד דעמאָלט האָט אויסגעבראָכן אַ פויליש־טשעכישער קריג וועגן טשעשין, און עס איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו קריגן אַ טשעכישע דורכפאָר־וויזע, האָב איך מיך געלאָזט אויפן וועג אַרום און אַרום דער פויליש־טשעכישער גרענעץ, איבער אָשוויענטשים, קאַטאָוויץ, איבער אַ שטיק דייטשער טעריטאָריע און אָדערבערג. פאַרשטייט זיך, אַז ביים דורכ־פאָרן די פויליש־דייטשע גרענעץ איז געווען אַ שטרענגע רעוויזיע. אָבער אין קראָקע האָט מיר אַ יידישער קופּערט־מאַכער אויסגעפּאַרטיקט אַ קונ־ציקן רענצל מיט אַ טאָפּלטן דנאָ, ווו מיין מאַנוסקריפּט און די פאָגראָם־בילדער זענען געווען גוט באַהאַלטן. (די אָריגינעלע פּראָטאָקאָלן האָב איך איבערגעלאָזן ביי ד״ר רינגעלס פרוי, וואָס זענען ביי אַ רעוויזיע אין איר הויז שיער נישט אַריינגעפאַלן אין שונאס הענט און שיער נישט פאַרשיט איר אייגענע משפחה. איך האָב די אָריגינאַלן מער קיינמאָל נישט געזען.

ביז אָדערבערג איז די רייזע געווען אָן אַ מכשול. דערפאַר אָבער בין איך אין אָדערבערג געווען אין אַ סכנה פון תפיסה אָדער עפּעס ערגערס. געהאַנדלט האָט עס זיך וועגן מיין פּאַספּאָרט.

— וואָס זענט איר? — האָט דער פּאָליציי־אַגענט געהאַלטן אין איין פרעגן — אַ פּאָליאַק אָדער אַן עסטרייכער?

און אַזוי ווי מיין ענטפער איז זיי נישט זייער געפעלן געוואָרן, האָבן די טשעכישע פּאָליציי־קאָמיסאַרן ביי זיך באַשלאָסן, אַז נישט אַנדערש ווי איך מוז זיין אַ פוילישער שפּיאָן; און אַזוי ווי די טשעכן און די פּאָליאַקן האָבן געפירט מלחמה, בין איך, אַלס אַ שפּיאָן, געווען חייב מיתה. איך האָב געטענהט אַהער און אַהין, אָבער וואָס מער איך האָב גערעדט אַלץ קלאָרער איז דאָס פאַר זיי געוואָרן, אַז איך בין נישט נאָר אַ שפּיאָן, נאָר גאָר אַ געפערלעכער שפּיאָנטשיק. בקיצור, דער אַרעסט־צעטל איז שוין געווען געחתמעט, און די וואָך מיט די ביקסן מיט אויפגעשטעלטע באַג־נעטן האָט שוין געוואַרט אויף מיר. איך האָב דערהערט אַ טשעכישן „פּאַשאָל!״

בין איך געפאַלן אויף אַ המצאה.

— הער קאָמיסאַר — האָב איך אַ זאָג געטון — „דערלויבט מיר אייך עפּעס ווייזן... (און איך האָב אויפגעריסן דעם טאָפּלטן דעקל און אַרויסגענומען מיין מאַנוסקריפּט מיט די פאָטאָגראַפיעס פונעם פאָגראָם

אין לעמבערג). ווען איך וואָלט באמת געווען אַ פּאָליאַק, גלויבט איר אַז איך וואָלט מיט מיר מיטגעפירט אַזאַ אַנקלאַגע מאַטעריאַל קעגן פוילן?

דער אינספּעקטאָר, דער קאָמיסאַר און די אַנדערע באַאַמטע זענען געוואָרן פּאַראינטערעסירט אין דער זאַך און מיך אָנגעהויבן אויספרעגן וויפל יידן עס זענען אויסגעהרגעט געוואָרן אין לעמבערג און וועגן אַנדערע פּרטים, וועלכע זיי האָבן געלעזן אין די צייטונגען. דערנאָך האָט דער קאָמיסאַר מיט די אינספּעקטאָרן און די אַגענטן זיך אַנידערגעזעצט שושקען אויף טשעכיש, און נאָך אַ ווייל האָט דער קאָמיסאַר אויף מיר אָנגעהויבן ברומען ווי אַ בער: זיי זענען איבערצייגט, האָט ער געזאָגט, אַז איך בין טאַקע אַ שפּיאָן, אָבער זיי ווילן דאָס מאָל נישט מער טון ווי צוריקשיקן מיך מיטן צוג קיין אַנאַבערג אויף דער דייטשער גרענעץ; „טאָמער אָבער כאַפּן זיי מיך נאָך אַמאָל אין אדערבערג, וועלן זיי מיך נישט מער אַרעסטירן נאָר דערשיסן ווי אַ הונט". איך האָב ווידער אָנגעהויבן מיט בקשות, אָבער די סאָלדאַטן האָבן מיך שוין אַרומגערינגלט, באַגלייט מיך מיט אַ פּאָר גוטע באַכצעס מיט זייערע קאָלבעס און אַריינגעשטופּט אין צוג אַריין. און אין 15 מינוט אַרום בין איך שוין געווען צוריק אויף דער גרענעץ אין דייטשן שטעטל, פון וואַנען איך בין געקומען.

דער וועג אויף צוריק איז מיר שוין גאָרנישט געפעלן געוואָרן. דאָס וואָלט הייסן, אַז איך מוז צוריקפאָרן קיין לעמבערג, פון וואַנען מען האָט מיך באַגלייט מיט אַזוי פיל האָפענונג. דערצו האָב איך נישט געטאָרט דערלאָזן. אָבער וואָס טוט מען פאָרט?

אויפן באַנהויף אין אַנאַבערג איז געווען אַ דייטשע מיליטערישע באַןאָפּטיילונג. דער קאָמענדאַנט, אַן אָבער־לייטענאַנט, וועלכן איך האָב דערציילט מיינע צרות, האָט געצויגן מיט די אַקסלען, ווי איינער רעדט, וואָס קען ער טון? איך האָב אַרויסגענומען מיין עסטרייכישע מיליטערישע לעגיטימאַציע פון אַ געוועזענעם אָפיציר, און אים זי געוויזן.

— אַך, איין קאַמעראַד!... — האָט ער מיר דערוויל דערלאַנגט אַ גוטן טרונק בראָנפן און עפּעס צו פאַרבייסן, און נאָכן „פּראָסיט", האָט ער מיר מיטגעהאָלפן שעלטן די „פאַרדאַמטע" טשעכן. הכלל, ער וויל מיר העלפן! אויב איך וויל ריזיקירן, וועט ער טעלעפאָנירן דער דייטשער וואַך, וואָס איז געשטאַנען ביי דער דייטשער זייט פון דער בריק איבער דעם טייך אָדער (וואָס האָט אָפּגעטיילט די דייטשע טעריטאָריע פון דער טשעכישער), אַז מען זאָל מיך דורכלאָזן; און אויף דער טשעכישער זייט זאָל איך זאָגן דער

דאָרטיקער מיליטערישער וואַך, אַז איך בין אַ דייטשער באַאַמטער וואָס גייט אַריבער די בריק, כדי צו עסן מיטאָג אין דעם שכנותדיקן טשעכישן רעסטאָראַן.

— געוועגלעך — זאָגט ער — לאָזן זיי דורך די דייטשע באַאַמטע עסן מיטאָג. אפשר וועט עס דאָס מאָל אויך געלינגען, און אויב נישט... דאָנערוועטער, די טשעכן זינד באַרבאַרן!

הכלל, אַזוי ווי איך האָב קיין ברירה נישט געהאַט, האָב איך באַלד געכאַפּט מיינע צוויי טשעמאָדאַנעס און געשלעפּט זיי, איינעם אויף די פּלייצעס און איינעם אין דער האַנט, אַ פּאָר קילאָמעטער. נאָענט נעבן דער בריק איז מיר איינגעפאַלן, אַז מיט דעם געפּעק וועל איך זיכער נישט אויסזען ווי אַ „דייטשער באַאַמטער וואָס גייט עסן מיטאָג", און איך האָב די רענצלעך איבערגעלאָזן אין אַ דייטשער שענק, און אַליין אָנגעהויבן שפּאַנען, ווי גלייך די וועלט וואָלט געווען מיינע.

די דייטשן האָבן געהאַט זייערע אינסטרוקציעס און האָבן נישט גע־פרעגט קיין קשיות. און ווען איך בין געקומען צו דער טשעכישער וואַך האָב איך זיך איבערהויפּט נישט אָפּגעשטעלט, נאָר געמאַכט מיט די הענט און געשריגן עכט דייטשמעריש „יאַוואָל! מיטאָג־עסען!" ביז עס איז דער וואַך נמאס געוואָרן מיר נאָכצושרייען, און איך בין בשלום אַריבער די גרענעץ.

איך קוק זיך אַרום, און איך זע, אַז אָך און ווי איז צו מיין גדולה. ווייל אָט שטיי איך אַ פּאָר שריט נעבן דעם אדערבערגער באַנהויף, פון וועלכן מען האָט מיך אַזוי „העפלעך" ערשט נאָר וואָס משלח געווען. ווען איך האָב דערזען דעם באַנהויף, איז מיר געוואָרן קאַלט אין אַלע אברים. ווען איינער פון די פּאָליציי־אַגענטן זאָל, חלילה, געוועזן אַרויסגיין, אָדער אַרויסקוקן דורכן פענצטער, וואָלט מיין לעבן נישט ווערט געווען קיין שמעק טאַבאַק. און דאָ מוז איך נאָך שטיין אויף אַן אָפענעם פּלאַץ און וואַרטן אויף דער עלעקטרישער באַן, וואָס פאַרבינדט די סטאַנציע אדער־בערג מיט דער שטאָט מעריש־אסטרוי. איך ווייס נישט וויפל מינוטן עס האָט געדויערט, אָבער מיין האַרץ־זייגער האָט געקלאַפּט אַזוי גיך אַז אַ יעדע מינוט איז געווען אַ שעה. ענדלעך איז דער טראַמוויי אָנגעקומען און איך בין אַרויף אויף אים ווי אויפן לויתן.

אויפן וועג איז געווען אַ רעוויזיע פון רייזע־דערלויבענישן, אָבער עס איז מיר געלונגען אַראָפּצושפּרינגען אומבאַמערקט און נעמען אַן אַנדערן

וואַגאָן. אָט אַזוי בין איך צוגעפאָרן, מער טויט ווי לעבעדיק, צו דער ווױנונג פון מײַן ליבן חבר ווילהעלם בערקעלהאַמער, דעם רעדאַקטאָר פונעם Nowy Dziennik, אַ פּויליש־ייִדישע צייטונג, וואָס האָט זיך בשעת דער מלחמה געדרוקט אין מעריש־אָסטרוי (מאָראַווסקאַ אָסטראַוואַ). ד״ר בער־קעלהאַמער האָט באַלד אָנגעהויבן קערן וועלטן, אַ טשעכישער קאַפּיטאַן, אַ ציוניסט, האָט געשיקט זײַנע וואַך־סאָלדאַטן אָפּנעמען מײַנע רענצלעך פון דער דײַטשער שענק, און מיט דער הילף פון די טשעכיש־ייִדישע פירער האָב איך געקראָגן אַ טשעכישע וויזע, און בין בשלום געקומען קיין ווין. פון ווין בין איך פאַרפאָרן קיין ציריך און קיין בערן, און פון בערן קיין פּאַריז.

אין ווין האָב איך איבערגעגעבן מײַן מאַנוסקריפּט צום „היקל־פאַרלאַג״ און באַלד איז מײַן בוך וועגן דעם פּאָגראָם אין לעמבערג אָפּגעדרוקט און פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן דיפּלאָמאַטן און דעפּוטאַטן, און סתם לייענער. די וועלט האָט אָנגעהויבן לערנען אַלע איינצלהייטן וועגן פּאָגראָם. אַזוי, למשל, איז אין שווייצאַרישן בונדעסראַט (פּאַרלאַמענט) אַרײַנגעבראַכט גע־וואָרן אַן אינטערפּעלאַציע מיט גאַנצע אויסצוגן פון מײַן בוך, און אויך אין אַנדערע לענדער האָט מען גענומען פאַרלאַנגען דין־וחשבון פון די פּאָליאַקן פאַר זייערע מעשׂים. דורך אַן אַרטיקל־סעריע וואָס איך האָב פאַרעפנטלעכט אין „פאָרווערטס״ אין ניו־יאָרק, (זי איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף ענ־גליש אין אַמעריקע, און אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן אַלס בראָשור אין ענגלאַנד), איז דער אַמעריקאַנער עולם, און די אַנגלאָ־זאַקסישע וועלט בכלל, אויך געוווּיר געוואָרן די שרעקלעכע איינצלהייטן פון לעמבערג. די ידיעה וועגן די פּובליקאַציעס האָט באַלד דערגרייכט די פּוילישע אויערן, און דער Nowy Wiek אין לעמבערג האָט געשריבן, אַז קיינמאָל נאָך איז דער פּוילישער נאָמען נישט אַזוי פאַרשוואַרצט געוואָרן ווי דורך דעם פּוילן־פרעסער „יוסף בן־דוב״.

אגב וויל איך באַמערקן, אַז דעם פּען־נאָמען „בן־דוב״ האָב איך באַ־נוצט צוליב דעם, מחמת „טענענבוים״ האָט געהאַט אַ דײַטשן קלאַנג, און אַלצדינג וואָס איז געווען געשריבן פון אַ „דײַטש״ איז דעמאָלט געווען טריפה אין די אויגן פון די אַליאַנטן. Bendow האָט געקלונגען מער סלאַוויש און אַ סלאַווישער נאָמען איז דעמאָלט געווען אַ יחסן. איבעריקנס, האָבן די פּאָליאַקן באַלד אויסגעפונען ווער דער „בן־דוב״ איז געווען, און אַזוי גיך ווי ד״ר טאָן איז צוריקגעקומען קיין קראָקע, האָט ער מיר געשיקט

אַ דעפּעשע קיין פּאַריז, אַז למע״ה איך זאָל זיך נישט דערוועגן צוריקצוקערן קיין פּוילן. ווי מען האָט מיר שפּעטער דערציילט, האָט אויף מיר געוואַרט אַ נישקשהדיקער ברוך הבא — אַ פּאַרטיקע תליה פאַר אַ „זשידאָווסקי זדרייצאַ" (פאַררעטער).

אין דער זעלבער צייט האָט זיך די פּאָגראָם־כוואַליע פאַרשפּרייט אי־בער גאַנץ פּוילן. ווי נאָר דאָס יאָר 1919 האָט אָנגערוקט, זענען אַלץ מער און מער שטעט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די פּוילישע פּאָגראָמשטשי־קעס. אַ פּאָגראָם־פּסיכאָז האָט פאַרכאַפּט די „פּוילישע באַפרייער". אין אַפּריל 1919 האָט די פּאָגראָם־כוואַליע פאַרפלייצט ביאַליסטאָק, פּינטשעוו, פּינסק, וואַרשע און ווילנע. טשענסטאָכאָוו האָט געציילט פינף טויטע און 30 פאַרוווּנדעטע. אין קראָקע אַליין זענען געווען אַריבער הונדערט פאַרוווּנ־דעטע פון די פּאָגראָמען אין מאַי און יוני 1919. אָט אַזוי האָט זיך געצויגן דער בלוטיקער שליאַך פון איין שטאָט צו דער אַנדערער. אָבער די שרעק־לעכסטע נייעס איז געקומען פון פּינסק ווו 35 יידן זענען דערשאָסן גע־וואָרן אין קאַלטן בלוט — און פון ווילנע, ווו עס זענען פאָרגעקומען שווי־דערלעכע שחיטות מיט 67 טויטע און הונדערטער פאַרוווּנדעטע.

פאַרשטייט זיך, אַז די פאַרזאַמלטע יידישע דעלעגאַטן אין פּאַריז האָבן נישט געשוויגן, און די וועלט איז דערציטערט געוואָרן פון דער גרויזאַ־מער פּוילישער בעסטיאַלישקייט.

און מיט וואָס האָט די וועלט געענטפערט?

מיר האָבן שוין דערמאָנט די אַמעריקאַנער אָנפראַגן בנוגע די פּאָגראָ־מען. די אָנפראַגן זענען געווען געריכטעט צום אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר, צום ערשטן אין פראַנקרייך און דאַן אין פּוילן, ווייל באַלד נאָך דער פּראָק־לאַמירונג פון אַן אומאָפּהענגיקן פּוילן, האָט דער אַמעריקאַנער סטייט דע־פּאַרטאַמענט געשיקט אַלס דיפּלאָמאַטישן פאַרטרעטער מר. היו גיבסען. דעם 25סטן אַפּריל 1919, האָט מר. ווילליאַם פיליפּס (דער שטעלפאַרטרעטער פונעם שטאַטס־סעקרעטאַר) געשיקט אַ נאָטע צו מר. גיבסען מיטן פאָל־גענדן אינהאַלט:

„געוויסע יידן האָבן צוגעשיקט צום סטייט־דעפּאַרטאַמענט ראַפּאָרטן אַז יידן זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין פּינסק בשעת אַ פאַרטיילונג פון מצות. אַן אַנדערער באַריכט, וואָס איז דערהאַלטן געוואָרן פונעם סטייט־דעפּאַרטאַמענט, דערקלערט אַז די הרוגים זענען געווען באָלשעוויקעס וואָס

האָבן געפּלאַנט אַנהויבן אַן אויפשטאַנד. ווען איר וועט אָנקומען קיין פּוילן, זאָלט איר גענוי אונטערזוכן דעם אמת און באַלד מעלדן דעם סטייט־דעפּאַרטאַמענט״.

מר. גיבסען האָט פּשוט געענטפערט, אַז ביידע באַריכטן זענען נישט אַקוראַט. דעם 21סטן מאַי 1919, האָט ווידער מר. פיליפּס, דאָס מאָל שוין מער קאַטעגאָריש, טעלעגראַפירט צו מר. גיבסען:

„דער סטייט־דעפּאַרטאַמענט איז שטאַרק באַשעפטיקט מיט דער זאַך, וואָס ווערט איצט ווייט דיסקוטירט אין די אַמעריקאַנער צייטונגען. אַנטקעגנ־זעצלעכע דערקלערונגען ווערן אַן אויפהער אַרויסגעגעבן סיי פון די פּאָ־ליאַקן, סיי פון די יידן. עס איז וויכטיק, אַז דער סטייט־דעפּאַרטאַמענט זאָל געוווּיר ווערן דעם אמת אין דעם מעגלעכסט פריערסטן מאָמענט״.

צוויי טעג שפּעטער האָט מר. פראַנק ל. פּאָלק, דער שטעל־פאַרטרעטער פון דעם שטאַטס־סעקרעטאַר אין וואַשינגטאָן, געשיקט די פאָלגנדע טעלע־גראַמע, שוין מיט אַ בייזער:

„צוריקקומענדיק צו אונדזער אָנפראַגע נומער 9, פון דעם 21סטן מאַי, וויל איך ציען אייער אויפמערקזאַמקייט אַז 15.000 יידן האָבן אָפּגעהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג, דעם 21סטן מאַי, אין דעם מעדיסאָן סקוועיר־גאַרדען, אין ניו־יאָרק, אַלס פּראָטעסט קעגן די אכזריותן וואָס זאָלן האָבן פאָרגעקומען קעגן די יידן אין פּוילן, גאַליציע, ליטע און אין אַנדערע לענדער פון מזרח־אייראָפּע. איינער פון די רעדנער, טשאַרלס ע. היוס (אַ געוועזענער פּרעזידענט־קאַנדידאַט) האָט געזאָגט צווישן אַנדערע, אַז „אויב אַמעריקע שטייט פאַר עפּעס אין איר דינסט פאַר דער מענטשהייט, דאַן טאָר אַמע־ריקע נישט שווייגן. אַמעריקע איז שולדיק צו זיך אַליין, אַז דאָס מאָל זאָל איר פּאָלק אויפטרעטן ווי איין מאַן; און אַזוי ווי זיי זענען אַמעריקאַנער, מוזן זיי זיך אידענטיפיצירן מיט אַ דערפּאָלגרייכן פּראָטעסט. די טרויעריקע באַריכטן פון הריגות פון יידן זענען אויטענטיש און מוזן אַלס אַזעלכע אָנגענומען ווערן — און אָט דאָ זאָג איך: אויב מיר מיינען ערנסט ווען מיר רעדן וועגן דער פרייהייט און וועגן די זאַכן פאַר וועלכע מיר האָבן געקעמפט; אויב אין די אַלע טעג האָבן מיר נישט איינפאַך געפּלאַפּלט הוילע ווערטער; אויב אַמעריקע שטייט באמת פאַר עפּעס אין איר דינסט פאַר דער מענטשהייט, דאַן זאָל אַמעריקע זאָגן איר שטאַרק וואָרט״.

„די פראַגע, — זאָגט זיך ווייטער אין דער דעפּעשע — וועט בלי ספק אויך ווייטער נישט אויפהערן אויפצורעגן אונדזער לאַנד און וועט וואַר־

שיינלעך דעבאַטירט ווערן אין קאָנגרעס. דערפאַר איז עס אומבאַדינגט נויטיק, אַז איר זאָלט פול און אומפּאַרהילט אונדז באַריכטן דעם אמת וועגן דער באַהאַנדלונג פון די יידן דורך די פּאָליאַקן, איינשליסלעך די פראַגע פון רעליגיעזע טאָלעראַנץ, און אויך וועגן דעם פאַרהאַלטן זיך פון די יידן לגבי די פּאָליאַקן״.

די מאַי פאַרזאַמלונג אין מעדיסאָן־סקוועער־גאַרדן, וועלכע ווי מען האָט מיר שפּעטער דערציילט אין אַמעריקע, האָט זיך אָנגעהויבן צוליב אַ פּראָטעסט פון די יידישע שרייבער, און האָט באַלד אַרומגענומען אַלע קרייזן, האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. דער אַמעריקאַנער פילאַנטראָפּ יעקב ה. שיף האָט טעלעגראַפירט צו לואי מאַרשאַל, וואָס איז געווען איינער פון די הויפּט־פירער פון די יידישע דעלעגאַציעס אין פּאַריז, אַ לאַנגן באַריכט פון די רעדעס וואָס זענען געהאַלטן געוואָרן אויף דער דערמאָנטער אסיפה, און גלייך נאָך דעם האָבן לואי מאַרשאַל און ד״ר סיירוס אדלער געהאַט אַן אינטערוויו מיט פּרעזידענט ווילסאָן. טעלעגראַמעס זענען געפלויגן אַהין און אַהער, און איינער פון זיי, פון דעם סטייט־דעפּאַרטאַמענט, ווידער צו מר. גיבסען, האָט ממש געברענט מיט אומגעדולד:

> „די אויפרעגונג״, — האָט מר. פּאָלק דעפּעשירט, — הערט נישט אויף, און דער סטייט־דעפּאַרטאַמענט מוז תיכף ומיד און אומבאַדינגט וויסן דעם אמת וועגן דער לאַגע. איר ווערט אויפגעפאָדערט געַנוי צו אונטערזוכן די באַהאַנדלונג פון די יידן דורך די פּאָליאַקן, און וועגן דעם פאַרהאַלטן זיך פון די יידן לגבי די פּאָליאַקן. דאָס נעמט פּרעצעדענס איבער אַלע אַנדערע זאַכן, כדי איר זאָלט קענען אינפאָרמירן דעם סטייט־דעפּאַרטאַמענט אָן שום פאַרשפּעטיקונג״.

אַמבאַסאַדאָר גיבסען האָט ענדלעך צוגעשיקט אַ ראַפּאָרט, וואָס זיין תמצית איז געווען, אַז די יידן אַליין זענען צעטיילט; אַז די נאַציאָנאַליסטן ווילן נישט זיין קיין פּאָליאַקן, און דערפון נעמט זיך דאָס שלעכטע בלוט צווישן די צוויי פעלקער. צום שלוס רעדט מר. גיבסען דעם לשון פון די פּאָליאַקן:

> „אויב מען פאַרטשעפּעט אַ ייד איז עס שוין אַ פּאָגראָם; און אויב אַ קריסט געשעט עפּעס שלעכטס, הייסט עס נישט מער ווי אַ דעמאָנסטראַציע צוליב מאַנגל פון שפּייז״.

דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר האָט ווייזט אויס איבערגעריסן דאָס

שטריקל מיט זיין אויפפירונג און מען האָט אויפגעהערט רעכענען זיך מיט זיין מיינונג.

דעם 26סטן מאַי 1919, האָט דער אַמעריקאַנער סענאַטאָר פון ניו־יאָרק, וויליאַם פּ. קאַלדער, אַריינגעבראַכט אַ רעזאָלוציע פּאַרלאַנגענדיק, אַז מען זאָל אויפפאָדערן פּרעזידענט ווילסאָן „אַז ער זאָל זיך באַראַטן מיט די דעלע־גאַטן פון דער פרידנס־קאָנפערענץ פון די לענדער, ווו עס קומען פאָר פּאָגראָמען און אומרועןן און זיי אינפאָרמירן אַז די קערפּערשאַפט (דער סענאַט) און דאָס אַמעריקאַנער פאָלק אין אַלגעמיין, זענען טיף דערשי־טערט פון די אַקטן פון געוואַלט און גרויזאַמקייטן קעגן מענער, פרויען און קינדער צוליב אונטערשיידן פון ראַסע אָדער רעליגיע".

פּרעזידענט ווילסאָן, וועלכער האָט שוין פון פריער געהאַט אין זינען צו שיקן אַ ספּעציעלע אויספאָרשונג־קאָמיסיע, האָט לענגער נישט גע־וואַרט מער. ער האָט געוואָלט האָבן קלאָרקייט. צו דעם צוועק האָט ער באַשטימט אַן אונטערזוכונג־קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון הענרי מארגענטוי ,דעם געוועזענעם אַמבאַסאַדאָר אין טערקיי, אַלס פאָרזיצער, האָמער, ה. דזשאַנסאָן, און בריגאַדיר־גענעראַל עדגאַר דזשאַדווין, אַלס מיט־גלידער. דער מאַיאָר אַרטור גודהארד, וועלכער איז געווען אַ מיליטער אַד־וואָקאַט, איז באַשטימט געוואָרן אַלס יורידישער יועץ.

אַזוי גיך ווי מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם צוזאַמענשטעל פון דער קאָמיסיע, האָבן מיר שטאַרק באַדויערט די אויסוואַל. לואי מאַרשאַל און ריכטער דזשוליאַן מעק, די פירער פון די יידישע דעלעגאַציעס, האָבן אויסגעדריקט זייער אומצופרידנהייט מיט מארגענטויס וואַל. זיי האָבן גע־האַט וויניק פאַרטרויען צו זיינע השגות און האָבן מורא געהאַט, אַז ער וועט זיך לאָזן פירן ביי דער נאָז פון די אַנדערע צוויי מיטגלידער, און ווערן באַאיינפלוסט פון דער באַקאַנטער פוילישער חניפה. מיר האָבן אויך געהאַט פּרינציפּיעלע באַוואָרענישן קעגן דעלעגירן אַ ייד, וואָס וועט תמיד זיין פאַרדעכטיקט אַז ער איז נישט געגנוג אָביעקטיוו. אָבער עס איז געווען פאַרפאַלן, פּרעזידענט ווילסאָן האָט געהאַט מארגענטוין אַ סך צו פאַר־דאַנקען פאַר זיין הילף ביי זיין ערשטער וואַל און איז געווען צופרידן וואָס ער האָט געפונען אַ „דזשאָב" פאַר מארגענטויען, וועלכער איז גע־קומען קיין פאַריז און זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס פון די פרידנס־דעלעגאַטן. איינס, וואָס מען האָט יאָ געפּועלט איז געווען, אַז מארגענטוי האָט איינגעשטימט מיטצונעמען אַ סעקרעטאַר וואָס איז געווען אַ ציוניסט

און אַ שפּראַכן־קענער. דאָס איז געווען דער איצט אַזוי באַרימטער יידיש־אַמעריקאַנער שרייבער און איבערזעצער מאָריס סעמיועל.

איך האָב ביידע, דעם אַלטן מארגענטוי און דעם גאָר יונגן מאָריס סעמיועל, קענען־געלערנט בשעת אַ וויזיט וואָס מי׳ר — דער מיר מיינט די גאַליצישע דעלעגאַציע אין פּאַריז: רייך, רינגעל און איך — האָבן געמאַכט ביי מארגענטוי פאַר זיין אָפּפאָרן קיין פּוילן. מיר האָבן ביי אים פאַרבראַכט אַ היפּש ביסל צייט און מיט אים אַרומגערעדט די סיטואַציע אין גאַליציע און אין פּוילן. אי׳ך האָב אים אויך דערלאַנגט מיין בוך וועגן לעמבערגער פּאָגראָם און ער האָט זיך געלאָזט דערקלערן די בילדער פון די צעשטערונגען. ער האָט זיך באַמיט צו זיין פריינטלעך, אָבער איך מוז זאָגן, אַז ער האָט אויף אונדז נישט געמאַכט קיין זייער גוטן איינדרוק. עפּעס איז געווען אין זיין אויסשטודירטער קאָרעקטקייט און העפלעכקייט אַ צוויי־פּנימדיקייט וואָס האָט אונדז אָפּגעשטויסן. יאָרן שפּעטער האָב איך געהאַט נאָך געלעגנהייטן זיך מיט אים צו טרעפן און האָב אין אים געפונען מער סימפּאַטישקייט. ספּעציעל געדענק איך אים פון איינער אַ זיצונג מיט די פאַרטרעטער פון דער מעכטיקער פּראָטעסטאַנטישער פעדעראַציע פון די קריסטלעכע קירכן אין אַמעריקע. איר סעקרעטאַר, ד״ר לייפּער, וואָס האָט שפּעטער אַרויסגעוויזן אַזוי פיל פריינטלעכקייט צו די נאַציס, האָט געפּרווט ביי דער זיצונג ריינוואַשן די אַפּריל־פּאָגראָמען (1934) אין בערלין. איך געדענק מיט וואָס פאַר אַ בייזער און עכט־יידישער עמפּערונג דער אַלטער מארגענטוי האָט אים געענטפערט. אָבער דעמאָלט אין פּאַריז זענען מיר פון אים נישט שטאַרק נתפעל געוואָרן. פונדעסטוועגן האָבן מיר זיך מיט אים געזעגנט גאַנץ פריינטלעך און געווונטשן אים נישט נאָר אַ צאתך־לשלום, נאָר אויך אַ בואך־לשלום — אַז ער זאָל מיטברענגען שלום פאַר די אַזוי שטאַרק געפּייניקטע יידן אין נייעם פּוילן.

XXIII

מיסיעס און מיסיאָנערן

דער ערשטער שליח וואָס איז געקומען אויספאָרשן די יידן־פּאָגראָמען אין גאַליציע איז נישט געווען קיין מלוכהשער שליח נאָר אַן אמתער שליח־צבור, דער שרייבער און כלל־טוער ישראל כהן, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ענגלאַנד. ער האָט פאַר־

לאָזן לאָנדאָן אין דעצעמבער 1918 און איז געקומען קיין קראָקע דעם ערשטן יאַנואַר 1919. ער האָט באַזוכט קראָקע און אַנדערע מערבדיקע שטעט, און דעם 26סטן יאַנואַר איז ער געקומען קיין לעמבערג. זיינע אונטערזוכונגען און באַריכטן זענען געווען גענויע און זיי זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ בראָשור מיטן טיטל: A Report on the Pogroms in Poland. דער ראַפּאָרט האָט אויך געטראָגן אַ סוב־טיטל: „אַ באַריכט פון מיין מיסיע, אַרויסגעגעבן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין 1919".

די מארגענטוי־קאָמיסיע האָט פאַרלאָזן פּאַריז אָנהויב יולי 1919. דעם 30סטן יוני האָט דער סטייט־סעקרעטאַר, ראָבערט לאַנזינג, אין זיין בריוו צו מארגענטוי אָנגעצייכנט די ראַמען פון דער אַרבעט און די קאָמפּעטענצן פון דער קאָמיסיע. לויט זיינע אָנווייזונגען איז עס געווען ווינטשנסווערט, אַז די קאָמיסיע זאָל דורכפירן אַ גענויע אונטערזוכונג פון אַלע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו די יידישע און נישט־יידישע עלעמענטן אין פוילן.

„דאָס וועט, פאַרשטייט זיך, אַרומנעמען אַן אונטערזוכונג פון די פאַרשידענע הריגות, פּאָגראָמען און אַנדערע רציחות, וואָס זאָלן האָבן פּאַרגעקומען, ווי אויך דעם עקאָנאָמישן באָיקאָט און אַנדערע מעטאָדן פון דיסקרימינאַציע אַקעגן דער יידישער ראַסע. די פעסטשטעלונג פונעם אמת אין די זאַכן איז אָבער נישט דער איינציקער ציל. עס איז נישט מער ווי אַ מיטל כדי צו פּרווון געפינען די סיבה וואָס האָט גורם געווען די רציחות און דיסקרימינאַציעס, מיט דער כוונה צו געפינען אַ מעגלעכע רפואה פאַר דעם צושטאַנד. די אַמעריקאַנער רעגירונג איז, ווי איר ווייסט, באַוועגט פון אַ פּריינטלעכן ווילן צו דינען אַלע עלעמענטן אין נייעם פוילן — קריסטן און יידן צוגלייך. איך בין איבערצייגט אַז וואָס פאַר אַ מיטלען עס קענען אָנגעווענדט ווערן פאַר דער פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון די יידן, וועלן אויך זיין צום נוצן פון דער גאַנצער באַפעלקערונג; און, פאַרקערט, אַלצדינג וואָס קען געטון ווערן לטובת דער גאַנצער געזעלשאַפט, וועט אויך זיין לטובה פאַר דער יידישער ראַסע. איך בין זיכער, אַז די מיטגלידער פון אייער קאָמיסיע גייען צו צו דער זאַך מיטן ריכטיקן גייסט, פריי פון וועלכן ס'איז פאַראורטייל צו וועלכן צד עס זאָל נישט זיין, און איז באַהערשט בלויז פון דעם

פאַרלאַנג פעסטצושטעלן דעם אמת און אָנצווועגדן קאָנסטרוקטיווע מיטלען כדי צו פאַרריכטן אַ סיטואַציע וואָס ברענגט זאָרג צו אַלע פריינט פון פוילן״.

די מיסיע איז אָנגעקומען קיין וואַרשע דעם 13טן יולי 1919 און האָט פאַרווילט אין פוילן ביזן 13טן סעפּטעמבער 1919 — פולע צוויי חדשים צייט. וועגן די איינצלהייטן פון דער מיסיע זענען מיר גוט אינפאָרמירט פון אַ בוך וואָס דער מאַיאָר אַרטור ל. גודהאַרד האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1920 אונטערן נאָמען: „פוילן און די מינאָריטעטן־ראַסע״ Poland and the Minority Races פון אַרטור ל. גודהאַרד (goodhard), לאָנדאָן, ניו־יאָרק, 1920.

דאָס בוך ברענגט אָן אמת אומפּאַרטייאישן באַריכט פון אַ מענטשן וואָס האָט זיך נישט געלאָזט פאַרבלענדן די אויגן פון דער פוילישער חניפה.

(אגב איז גודהאַרד געווען אַ ייד, וואָס האָט פאַר דער מלחמה פאַר־נומען אַ וויכטיקן אַמט אין דער ניו־יאָרקער שטאָט־פאַרוואַלטונג).

שוין פון אָנהויב אָן האָט די קאָמיסיע זיך אָנגעטראָפן אויף אַ פּוילי־שע אַנטיפּאַטיע. ניעמאַיעווסקי, אין זיין וואָכנשריפט Myśl Niepodległa האָט געגאָסן מיט גאַל און שפּאָט אויף דער קאָמיסיע. דער Kurjer האָט געשריבן:

„מר. וואודראו ווילסאָן דאַרף וויסן אַז אַזאַ דעלעגאַציע נעמט דעם צד פונעם פאָלק פון שלחן־ערוך קעגן דעם פאָלק פון קאָש־טשושקאָ און מיצקעוויטש. דאָס פאָלק פון שלחן־ערוך לעבט פון שוחד, שווינדלעריי, גנבה, ווייסע שקלאַפעריי, פעלשונגען און קאָ־רופּציע, בעת דאָס פאָלק פון קאָשטשושקאָ און מיצקעוויטש האָט פאַרגאָסן זיין בלוט פאַר פרייהייט... מיר רופן דעם ברייטן פּוילישן עולם אויסצודריקן אַ שטאַרקן פּראָטעסט אַנטקעגן דער האַלטונג פון מר. ווילסאָן״.

דאָס איז אַ מוסטער פון דעם קבלת־פּנים, וואָס די פּאָליאַקן האָבן צוגעגרייט דער קאָמיסיע. אין אָנגעזיכט פון דער פיינטלעכער אַט־מאָספערע, וואָס די קאָמיסיע האָט אָנגעטראָפן, האָבן די שליחים באַשלאָסן רופן אַ פּרעסע־קאָנפערענץ אין ראַטשינסקי פּאַלאַץ, ווו די מיסיע איז גע־שטאַנען, מיטן צוועק צו דערקלערן זייערע אמתע צילן. מר. מאָרגענטוי

האָט פּאַרטיילט אַ געשריבענע דערקלערונג, וואָס האָט באַטאָנט, אַז דער ציל פון דער מיסיע איז ברענגען צו בעסערע באַציאונגען צווישן פּאָליאַקן און יידן. „מיר ווילן העלפן פּוילן אין דעם אייגענעם גייסט אין וועלכן קאָשטשושקאָ האָט געהאָלפן אַמעריקע אין יאָר 1776". דער ענטפער איז געווען, אַז קיין איין־און־איינציקע פּוילישע צייטונג האָט נישט אָפּגעדרוקט די דערקלערונג.

עס האָט גענומען אַ ביסל צייט איידער די פּוילישע פּרעסע האָט זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן אַז די מיסיע איז גאָרנישט אַזאַ שלעכטע פאַר די פּאָליאַקן, און דערווייל האָבן די פּוילישע אַריסטאָקראַטן און מלוכה־לייט נישט געזשאַלעוועט קיין אויפנאַמעס, „דינערס" און קאָנצערטן, מיט וועל־כע זיי האָבן שיער נישט פאַרשכורט די געסט, וועלכע זיי האָבן אַרומ־גערינגלט מיט זייער ליבנס־ווערדיקייט און מיט אַ נעץ פון „עכט פּוילישער" גאַסטפריינטשאַפט. און ווי טאַקע האָבן די „קאָמיסיאָנערן" זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז אַזעלכע אידעלע, גאַסטפריינטלעכע הענט האָבן געקענט מאַכן פּאָגראָמען? האָט זיך אָבער שוין יאָ געטראָפן אַז בעת אפילו די הויכע געסט זענען געווען אין אַ שטאָט, האָבן די פּוילישע סאָלדאַטן גע־הרגעט יידן — איז טאַקע דער ענטפער געווען, אַז דאָס זענען געווען אָדער „באָלשעוויקעס" אָדער „יידישע פאַררעטער". עס איז אַ סברה, אַז מארגענטוי אַליין האָט זיך אפשר יאָ געוועדט קעגן די פּוילישע פאַר־בלענדענישן. יעדנפאַלס, האָט ער קיינמאָל זיין יידישקייט נישט פאַרלייקנט. ער און דזשאַדווין פלעגן גיין פרייטיק צו נאַכטס אין שול אַריין, און האָבן געגעסן געפילטע פיש ביים רב פּאָזנאַנסקיס קבלת־שבת טיש...

אַרטור ל. גודהארד שרייבט וועגן דעם:

„דעם 25סטן יולי פאַרנאַכט האָבן מיר באַזוכט די עלטסטע סי־נאַגאָגע אין וואַרשע. מר. מארגענטוי איז געזעסן אויף דעם זעלבן שטול ווו סיר מאָזעס מאָנטעפיאָרע איז געזעסן כמעט מיט אַ הונדערט יאָר צוריק. איך טראַכט ביי זיך, צי וועט מען אויך אונדזער מיסיע געדענקען אין אַ הונדערט יאָר אַרום?"

אָבער, הפנים די פּוילישע חניפה איז געווען שטאַרקער ווי די יידישע כבודים. וואָרום אויב נישט, ווי אַזוי האָבן די מיסיע־מיטגלידער געקענט בלייבן אַזוי בלינד און שטום?

אין לידע האָט מען די קאָמיסיע אויפגענומען אין הויפּט־קוואַרטיר פון

גענעראַל שעפּטיצקי. דעם 17טן אַפּריל 1919, האָט דער גענעראַל דעראַ־בערט לידע פון די באָלשעוויקעס און זיינע חיילים האָבן געמאַכט אַ פּאָ־גראָם וואָס האָט אויסגעקוילעט 39 יידן, „פאַר קיין שום אַנדערן גרונט נישט ווי כדי צו באַפרידיקן זייער לעכצן נאָך בלוט״ (גודהארד). זייער באַזוך אין ווילנע איז אויך באַשריבן אין דעטאַל אין דעם בוך פון גוד־הארד. ווילנע איז געווען אין די הענט פון די באָלשעוויקעס פון 6טן יאַנואַר ביזן 19טן אַפּריל 1919. נאָך דעם איבערנעמען די שטאָט, האָבן די פּאָליאַקן געמאַכט אַ בלוט־באַד, וואָס האָט „געקאָסט 65 יידישע לעבנס און צען מיליאָן רובל שאָדנס״.

ווען די מארגענטוי־קאָמיסיע איז געקומען אונטערזוכן די ווילנער שחיטה, איז דער גאָווערנאָר פון ווילנע, בראָניסלאַוו פּילסודסקי (אַ ברודער פונעם מלוכה־שעף יוזעף פּילסודסקי) כסדר געזעסן ביים פאַרהער, וואָס פאַרשטייט זיך, האָט נישט געהאָלפן די גבית־עדות. גודהארד נאָטירט אין זיין באַריכט:

„אין אָוונט איז געווען פּרייטיק צו נאַכט און מר. מארגענטוי, גענעראַל דזשאדווין און איך (גודהארד) זענען געגאַנגען אין שול אַריין״.

אַ גרויסע טראַגעדיע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין מינסק אין דער אָנוועזנהייט פון דער קאָמיסיע.

„כדי צו פאַרהיטן די הריגה אין מינסק, זענען גענעראַל דזשאַד־ווין און איך (גודהארד) אַריינגעקומען אין שטאָט אַריין אינאיינעם מיטן מיליטער, וואָס האָט איבערגענומען די שטאָט נאָך דעם פאַר־טרייבן פון די באָלשעוויקעס. עס איז אַרומגעגאַנגען אַ שמועה, אַז צוויי יידיש־באָלשעוויסטישע רעגימענטן האַלטן אָפּ די דעראָבערונג פון דער שטאָט. די צוויי אַמעריקאַנער האָבן אַלעס מעגלעכעס געטון כדי צו פועלן ביי דעם שטאַב, אַז די יידישע גאַסן זאָלן שטרענג באַוואַכט ווערן. טראָץ אַלע צוזאָגן, זענען 31 יידן געהרגעט געוואָרן און 276 יידישע געוועלבער און אַ סך פּריוואַטע היימען אויסגערויבט געוואָרן״.

אפילו די אָנוועזנהייט פון דער קאָמיסיע האָט נישט געקענט אָפּהאַלטן די מערדערישע הענט פון הריגות. און פונדעסטוועגן, אויב מען לייענט

די אָפּיציעלע באַריכטן פון דער אַמעריקאַנער אונטערזוכונג־קאָמיסיע, באַ־קומט מען גאָר אַן אַנדערן איינדרוק. איך זאָג „די באַריכטן" אַנשטאָט דעם באַריכט, מחמת די קאָמיסיע, אָדער די מיסיע, האָט זיך נישט געקענט אייניקן אויף אַרויסגעבן אַ געמיינזאַמען באַריכט. הגם מארגענטוי האָט אַזוי פּאַרוואַסערט און פּאַרצוקערט זיין אייגענעם באַריכט, אַז אַלע זאָלן אים קענען אונטערשרייבן, זענען אָבער די אַנדערע צוויי „קאָמיסאַרן" אָדער „מיסיאָנערן" אַזוי פאַרפירט געוואָרן פון די פּויליש־פּריצישע הכנסת־אורחים טוגענטן, אַז זיי האָבן בשום אופן נישט געוואָלט צולאָזן אַז מען זאָל, חלילה, מיט עפּעס וואָס נוגע־בכבוד זיין דעם פּוילישן האָנאָר און האָבן פאַרעפנטלעכט זייער אייגענעם באַריכט. מארגענטויס באַריכט איז געבליבן אַ „מינדערהייטס־באַריכט פון איינעם". פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט צונישט געמאַכט די ווירקונג וואָס אַזאַ מיסיע וואָלט אפשר יאָ געקענט האָבן אין דער אַמעריקאַנער עפנטלעכקייט.

דער טאָפּלטער באַריכט איז באַקאַנט מיטן אָפּיציעלן נאָמען „דאָקו־מענט נר. 177 פון דער אַמעריקאַנער קאָמיסיע פאַר פרידנס־פאַרהאַנד־לונג" — ראַפּאָרט פון הענרי מארגענטוי, פּאַריז, 3טער אָקטאָבער 1919.

אין דער איינלייטונג דערקלערט דער שטאַטס־סעקרעטאַר דעם ציל פון דער מיסיע, און עס ווערט געזאָגט צווישן אַנדערן, אַז „די אונטער־זוכונג פון די עקסצעסן זענען געמאַכט געוואָרן מיינסטנס אין דער אַנ־וועזנהייט פון רעפּרעזענטאַנטן פון דער פּוילישער רעגירונג און פון די יידישע ישובים. אין פיל פאַלן זענען אויך געווען אַנוועזנד די מיליטערישע און ציווילע באַאַמטע און ווי ווייט מעגלעך, זענען אויך די באַאַמטע וואָס זענען געווען אויפן אָרט בשעת די „עקסצעסן", געווען צוגעצויגן צו דער אויספאָרשונג". (מען דערציילט, אַז ביי דער אונטערזוכונג אין ביאַליסטאָק, האָט דער רב געשעפּטשעט אין מארגענטויס אויער אַריין, אַז ער זאָל אַרויס־שיקן די פּוילישע אָפיצירן, ווייל ער האָט מורא צו זאָגן דעם אמת. האָט אים אָבער מארגענטוי געענטפערט, אַז ער האָט צוגעזאָגט דער פּוילישער רעגירונג, אַז אירע פאַרטרעטער וועלן זיצן ביי אַלע אונטערזוכונגען).

דאַן קומט דער געשיכטלעכער איבערבליק פון וועלכן דער זעקסטער פּאַראַגראַף איז ווערט צו דערמאָנען. איך ציטיר דעם טעקסט: „ווען אין נאָוועמבער 1918 האָבן די דייטשע און עסטרייכישע אָקופּאַציע־אַרמייען פאַרלאָזן פּוילן, איז נישט געווען דאָרט קיין שטאַרקע רעגירונג ביז עס איז אָנגעקומען גענעראַל פּילסודסקי פון דער דייטשער תפיסה, און עס

איז געווען אין דער צייט אײדער די פוילישע רעפובליק איז געבוירן געוואָרן, ווען די ערשטע „עקסצעסן״ זענען אויסגעבראָכן (די מיסיע האָט בכיוון זיך אויסגעהיט פון באַנוצן זיך מיטן וואָרט „פּאָגראָם״). עס זענען געווען 8 הויפּט־עקסצעסן וואָס ווערן דאָ באַשריבן אין אַ כראָנאָלאָגישער אָרדענונג״.

(די פּונקטן וואָס מיר ברענגען ווייטער זענען כמעט אַ וואָרטלעכע איבערזעצונג פון די הויפּט־טײלן פונעם באַריכט. כאָטש אַ פּאָר פון די באַריכטן האָבן מיר געמוזט מקצר זײַן. אָבער אויך זיי אַנטהאַלטן דעם עצם הענין).

1) קעלץ, דעם 11טן נאָוועמבער 1918.

די ייִדן האָבן אָפּגעהאַלטן אַן אסיפה אין פּוילישן טעאַטער באַלד נאָך דער עסטרײַכישער עוואַקואַציע, כדי צו דיסקוטירן זייער ייִדישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. אַרום 6.30 איז די פאַרזאַמלונג פאַרענדיקט געוואָרן, און ווען אַרום 300 מענטשן זענען נאָך געבליבן אין טעאַטער געביידע, זענען אַ פּאָר פּוילישע מיליציאַנטן אַרײַנגעדרונגען און אָנגעהויבן זוכן וואָפן. אין אַ קורצער צייט אַרום, האָט אין דער אָנוועזנהייט פון די פּוילישע מיליציאַנטן, אַ המון צוזאַמען מיט זעלנער אַרײַנגעדרונגען אין זאַל און אָנגעהויבן טרײַבן די ייִדן אויף די טרעפּ. דאָרט איז געשטאַנען אַ טאָפּלטער קאָרדאָן פון מענער באַוואָפנט מיט שטעקנס און באַגנעטן. זיי האָבן אָנגעהויבן שלאָגן ייִדן ביי זייער אַרויסגאַנג. ווען די ייִדן זענען שוין געווען אויף דער גאַס, האָט דער המון, וואָס איז אינצווישן אָנגעלאָפן פון אַלע זייטן, ווייטער גענומען שלאָגן די ייִדן וואָס זענען אַרויסגעקומען פון זאַל. פיר ייִדן זענען דערהרגעט געוואָרן, און אַ צאָל זענען געווען פאַרוואונדעטע.

2) לעמבערג, 21סטן — 23סטן נאָוועמבער, 1918.

דעם 30סטן אָקטאָבער, ווען די עסטרײַכישע אימפּעריע איז געפאַלן, האָבן די אוקראַאינישע חיילים, וואָס זענען פריער געווען אין דינסט פון עסטרײַך, איבערגענומען די קאָנטראָל פון דער שטאָט... די סיטואַציע איז געווען נאָך מער קאָמפּליצירט צוליב דער אָנוועזנהייט פון 1.500 דעזערטירער אין מיליטערישע מונדירן און

פון פיל פאַרברעכער, וועלכע די אוקראַינער האָבן אַרויסגעלאָזן פון די לאָקאַלע תפיסות. די דאָזיקע זענען געווען באַרייט זיך צו באַטייליקן אין וועלכע עס איז עקסצעסן, ספּעציעל זענען אַזעלכע אומרועען ווי אין דעם פאַל, געווען פאַרבונדן מיט רויבעריי. נאָך דעם צוריקציען זיך פון די אוקראַינער האָט דער ערב־רוב זיך אַ לאָז געטון ראַבירן און זיי האָבן זיך נישט אָפּגעהאַלטן אפילו פון מאָרד, ווען זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ ווידערשטאַנד. בשעת די עקסצעסן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּילט דעם 21סטן, 22סטן און 23סטן נאָוועמבער, זענען אומגעקומען 64 יידן און אַ גרויסע צאָל פאַרמעגנס זענען חרוב געוואָרן. 38 הייזער זענען אָנגעצונדן געוואָרן און אַזוי ווי דער פייער־דעפּאַרטאַמענט איז געווען פּאַראַליזירט, זענען זיי גענצלעך פאַרברענט געוואָרן. די שול האָט אויך אָפּגעברענט און אַ גרויסע צאָל ספרי־תורות זענען נחרב געוואָרן. דאָס אָפּשטעלן פון די רציחות איז נאָך מער געווען באַשווערט צוליב דעם הערשנדיקן מאַנגל פון דיסציפּלין צווישן דעם ניי־אָרגאַניזירטן פּוילישן מיליטער און צוליב אַ געוויסער אומאַנטשלאָסנקייט פון די יינגערע אָפיצירן אָנצונעמען שטרענגערע שטראָף־מיטלען. ווען דעם 23סטן נאָוועמבער האָט מען ענדלעך אַרויסגעשיקט אָפיצערסקע פּאַטרולן, האָבן די רציחות אויפגעהערט.

שוין דעם 24סטן דעצעמבער 1918, האָט די פּוילישע רעגירונג דורך איר יוסטיץ מיניסטעריום פאַראָרדנט אַ שטרענגע אונטערזוכונג פון די „געשעענישן" פון דעם 21סטן ביז דעם 23סטן נאָוועמבער. אַ ספּעציעלע קאָמיסיע מיט אַ ריכטער פונעם העכסטן געריכט בראש איז געזעסן אין לעמבערג אַרום צוויי חדשים צייט און האָט צוגעשטעלט אַ דעטאַלירטן באַריכט, וועלכן מען האָט אויך איבערגעגעבן אָט דער קאָמיסיע. כאָטש די ליסטע פון די שטאָטישע געריכטן איז געווען איבערפולט מיט 7.000 נישט־דערליידיקטע אָנקלאַגעס, זענען 164 פּערזאָנען, צווישן זיי צען יידן, פאַרמשפּט געוואָרן פאַר מיטהעלפן אין די נאָוועמבער עקסצעסן, און אַ סך ענלעכע פאַלן וואַרטן נאָך אויף אַ דערליידיקונג; 44 באַשולדיקטע זענען פאַרמשפּט געוואָרן צו תפיסה פון 10 טעג ביז 18 חדשים. אויסער די ציווילע געריכטן, האָבן אויך די לאָקאַלע שטאַנדרעכטלעכע מיליטערישע געריכטן פאַרמשפּט געוויסע מיליטער־פּערזאָנען ביז דריי

יאָר תפיסה, פאַר די אומגעזעצלעכע מעשים אין דעם פעריאָד איבער וועלכן מיר רעדן. מען האָט געגעבן צו וויסן אונדזער קאָמי־סיע, אַז אויפן יסוד פון אָפיציעלע אונטערזוכונגען האָט שוין די רעגירונג אָנגעהויבן צאָלן אַנטשעדיקונג פאַר די פאַרלוסטן וואָס זענען אַ פועל־יוצא פון די אינצידענטן.

אַזוי ווייט מארגענטויס באַריכט וועגן לעמבערג. איך האָב נישט געהאַט בדעה מאַכן וועלכע עס איז קאָמענטאַרן צו דער איבערזעצונג פון דעם „באַריכט״. אָבער וויפל מאָל איך זאָל נישט האָבן געלעזן דעם באַריכט, ספּעציעל וועגן לעמבערג, איז שווער זיך אָפּצוהאַלטן פון רעאַגירן קעגן דעם פאַרברעכערישן, ליגנערישן און מליץ־יושרדיקן פּרווו ריינצו־וואַשן די הענט וואָס האָבן זיך געבאָדן אין יידיש בלוט. אַז מארגענטוי איז געווען גוט אינפאָרמירט וועגן די אמתע געשעענישן איז ביי מיר גאָר קיין ספק נישט. דאָס איז נישט נאָר מחמת איך פערזענלעך האָב אים צוגעשטעלט דעם נויטיקן מאַטעריאַל, נאָר דעם 30סטן אויגוסט 1919 איז מארגענטוי אַליין געווען אין לעמבערג, און די יידישע פירער האָבן נישט געשפּאָרט קיין מי כדי אים צו געבן די פולע אינפאָרמאַציעס וועגן אַלע־מען, וואָס איז געשען אין דער שטאָט אין דער צייט פון די פּאָגראָמען. אַזאַ מנובלדיקן באַריכט וואָלט אפילו דער באַרימטער פּאָגראָם־העלד מאַנ־טשינסקי אַליין געווען געקענט אונטערשרייבן אָן שום רעזערוואַציע. האָט דאָך מארגענטוי אַליין דערמאָנט צען יידן וואָס זענען כלומרשט געווען צווישן די פאַרמשפּטע פּאָגראָמשטשיקעס... אָבער לאָמיר צוריקגיין צום ווייטערדיקן „באַריכט״.

3) פינסק, 5טער אַפּריל 1919.

אין אַ נאָכמיטאָג פון 5טן אַפּריל 1919, אַ חודש נאָכדעם ווי די פּאָליאַקן האָבן אָקופּירט פינסק, האָבן 75 יידן מיט דער דערלויבע־ניש פון דעם שטאָט־קאָמענדאַנט זיך פאַרזאַמלט אין דעם זאַל פון פּאָלקס־הויז, כדי צו דיסקוטירן די פאַרטיילונג פון הילף, וואָס דער אַמעריקאַנער „דזשאָינט״ האָט זיי צוגעשיקט. ווען די פאַרזאַמלונג האָט שוין געהאַלטן ביים סוף זענען אַריינגעפאַלן אַ באַנדע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געבישטערט, גערויבט און אַוועקגעפירט די פאַרהאַלטע־נע צו דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער זשאַנדאַרמעריע, און פון דאָרט אויפן מאַרק־פּלאַץ, ווו מען האָט זיי אויסגעשטעלט אין אַ ריי ביי

דער מויער פונעם קלויסטער. 35 יידן זענען גלייך דערשאָסן געוואָרן ווען מען האָט אויסגעפונען, אַז זיי זשיפּן נאָך. דריי פון זיי האָבן אויף מאָרגן געקריגן אַ לעצטן „גנאָד־שאָס". דער שטאָט־קאָמענדאַנט, מאַיאָר לוטשינסקי, האָט באַרעכטיקט די הריגה דער־מיט, וואָס די יידן זאָלן כלומרשט האָבן געגעבן אינפאָרמאַציעס צו די באָלשעוויקעס. גענעראַל ליסטאַווסקי האָט אָפיציעל אָפּגעוואָרפן אַזאַ באַשולדיקונג, און דערקלערט, אַז זי האָט נישט קיין שום יסוד.

4) לידע, 17טער אַפּריל 1919.

דעם 17טן אַפּריל 1919, האָבן די פּאָליאַקן איינגענומען לידע. דעם זעלבן טאָג זענען 39 יידן געהרגעט געוואָרן. יידן האָט מען אויך געכאַפּט צו צוואַנג־אַרבעט.

5) ווילנע, 19טער — 21סטער אַפּריל 1919.

די שטאָט איז איינגענומען געוואָרן נאָך אַ העפטיקן גאַסן־קאַמף, בשעת וועלכן די פּאָליאַקן האָבן פאַרלוירן 33 מאַן. אין דער זעלבער צייט האָבן 65 יידן אויף פאַרלוירן זייערע לעבנס. 8 יידן זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אויסער דער שטאָט און דאָרט דערשאָסן געוואָרן דורך די זעלבע סאָלדאַטן, וואָס האָבן פריער אויסגערויבט די יידישע הייזער. (זיי האָבן אָנגעגעבן אַלס אויסרייד, אַז די יידן האָבן געשאָסן אויף די סאָלדאַטן). איבער 2.000 הייזער און געוועל־בער זענען אויפגעבראָכן און אויסגערויבט געוואָרן. הונדערטער יידן זענען אַרעסטירט און דעפּאָרטירט געוואָרן. אַ צאָל פון זיי האָט מען אַריינגעשטופּט אין וואַגאָנען פאַר בהמות און געהאַלטן פאַרמאַכט פיר טעג, אָן עסנוואַרג און אָן אַ טרונק וואַסער. אַלטע מענער און קינדער זענען פאַרשלעפּט געוואָרן אָן אַ משפּט און אפילו אָן אַן אונטערזוכונג. צוויי פון די אַרעסטירטע זענען געשטאָרבן אויפן וועג פון דער באַהאַנדלונג וואָס זיי האָבן באַקומען. אין דער ליסטע (פון די אַרעסטירטע) זענען געווען איינגעשלאָסן די פּראָמינענטסטע יידן פון ווילנע, צווישן זיי אַזעלכע עמינענטע שרייבער ווי ליב יפה און ש. ניגער. גאַנצע טעג זענען די פאַמיליעס פון די אַרעסטירטע געווען אָן ידיעות וועגן זייערע נאָענטסטע, זייענדיק די גאַנצע צייט אונטערן

מוראדיקן חשד אַז מען האָט זיי געהרגעט. די סאָלדאַטן זענען אויך באַפאַלן די שול און האָבן צעריסן די הייליקע ספרים. ביז צום 13טן אויגוסט 1919, אַזוי לאַנג ווי די מיסיע איז געווען אין ווילנע, איז קיינער פון די סאָלדאַטן, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין די עקסצעסן, נישט באַשטראָפט געוואָרן.

6) קאַלבושעוו, 7טער מאַי 1919.

עס זענען געווען אומרוען אין ריישע און אין גלאַגוי, צוליב אַ ריטועלן מאָרד־בלבול. די אויפגעהעצטע פויערים זענען אַריין אין קאַלבושעוו... 8 יידן זענען דערהרגעט געוואָרן בשעת די עקס־צעסן.

7) טשענסטאָכאָוו, 27סטער מאַי 1919.

פינף יידן, איינשליסלעך אַ דאָקטאָר, וואָס איז געווען אויפן וועג צו געבן הילף אַ פאַרוווּנדעטן, האָבן פאַרלוירן זייערע לעבנס, און אַ גרויסע צאָל זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן. פראַנצויזישע אָפי־צירן — וואָס זענען געווען סטאַציאָנירט אין טשענסטאָכאָוו האָבן געהאָלפן פאַרהיטן, אַז עס זאָל נישט פאָרקומען נאָך מער הריגות.

8) מינסק, 8ער אויגוסט 1919.

אין דעם טאָג, אַרום צען אין דער פרי, זענען פוילישע זעלנער אַריין אין שטאָט, און אַרום 12 אַזייגער האָבן זיי איבערגענומען די שטאָט פון די באָלשעוויקעס. טראָץ דער אָנוועזנהייט פון גענעראַל דזשאַדווין און אַנדערע מיטגלידער פון דער מיסיע, זענען 31 יידן געהרגעט געוואָרן פון די סאָלדאַטן. בשעת דעם נאָכמיטאָג און אין אָוונט פון אויגוסט 8ן, האָבן די פוילישע סאָלדאַטן, מיט דער הילף פון דער ציווילער באַפעלקערונג, אויסגערויבט 377 געוועלבער.

און דאָ קומט פאָלגנדיקע דערקלערונג:

„פונקט ווי די יידן וואָלטן געהאַט פאַראיבל, ווען מען זאָל זיי פאַרמשפּטן אַלס אַ ראַסע, פאַר די מעשים פון אַ פּאָר פון זייערע אומ־געווונטשענע בעלי־אמונה, אַזוי וואָלט דאָס געווען אין דעם זעלבן גראַד נישט גערעכט צו פאַראורטיילן די פוילישע נאַציע פאַר די

אכזריותן וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן פון אומקאָנטראָלירטע זעל־נער און לאָקאַלע כנופיות״.

צום שלוס דערמאָנט נאָך מארגענטוי, אַז דערווייל רייסט מען נאָך יידישע בערד און עס קומען נאָך פאָר אַנדערע קלייניקע אינצידענטן, ווי שלאָגן יידן, אַראָפּוואַרפן זיי פון אייזנבאַנען און פאַרטרייבן זיי פון די באַן־סטאַנציעס אאַ״וו.

דאַכט זיך גענוג. קומט אָ צווייטער רעפּעראַט, אונטערגעשריבן פון עדגאַר דזשאַדווין (בריגאַדיר־גענעראַל פון דער אַרמיי פון די פאַראייניק־טע שטאַטן) און האמער ה. זדשאַנסען, וואָס קערט גאָר אין גאַנצן איבער דאָס טעפּל. זיי ווייזן אָן אויף „די רעלאַטיוו קליינע צאָל פון די עקסצעסן״, נעמענדיק אין אָנבאַטראַכט דעם פאַקט, אַז אינעווייניק פון די גרענעצן פון קאָנגרעס־פּוילן, האָבן נאָר 18 יידן פאַרלוירן זייערע לעבנס, בעת אין דער גאַנצער טעריטאָריע וועלכע איז איצט אונטער דעם קאָנטראָל אָדער אָקופּאַציע פון דער פּוילישער רעפּובליק, איבערשטייגט דער גאַנצער סך־הכל פון הרוגים צוליב אַנטיסעמיטישע עקסצעסן, נישט מער ווי אַרום 300 נפשות

אָט וואָס עס זאָגט זיך אין דעם באַריכט:

„בעת דער דייטשער אָקופּאַציע פון פּוילן, האָט דער גערמאַני־שער כאַראַקטער פונעם יידישן לשון און די בארייטשאַפט פון געוויסע יידישע עלעמענטן אָנצוהאַלטן פריינטלעכע באַציאונגען מיט דער נצחונותדיקער (דייטשער) מאַכט געגעבן אַ מעגלעכקייט דעם שונא צו באַנוצן יידן אַלס אַגענטן פאַר זייערע צוועקן און דאָס האָט באַ־וויגן, אַז עס זאָל גאַראַנטירט ווערן דער יידישער באַפעלקערונג נישט נאָר אַן אויסגעוועגלעכן שוץ, נאָר אויך אַ הבטחה פון אויטאָ־נאָמיע״.

„דער פּראָגראַם פון די יידישע סאָציאַליסטן וואָס באַלאַנגען צו דער פּאַרטיי בונד, ווערט אויך פאַררעכנט אַלס אַ באַווייז פון יידישע סימפּאַטיעס פאַר די באָלשעוויקעס, כאָטש זייט דער רוסישער רעוואָלוציע געפינט זיך דער בונד צווישן די געמעסיקטערע עלע־מענטן (מענשעוויקעס) פון די רוסישע סאָציאַליסטן״.

איבער דער יידישער נייטראַליטעט אין לעמבערג, שרייבן די צוויי אַמעריקאַנער שליחים:

„דער שפּיל פון אָפּוואַרטן (זען ווער עס וועט אַרויסקומען דער זיגער) וואָס דער יידישער אָפּאָרטוניזם האָט אָנגענומען פאַר זיין דירעקטיווע, איז אויסגעטיילט געוואָרן ביי די פּאָליאַקן אַלס פאַר־טייאישקייט לטובת די אוקראַינער. די אומרוען אין לעמבערג פון 21סטן ביז 23סטן נאָוועמבער, פּונקט ווי די עקסצעסן אין ליטע, זענען אויסגענוצט געוואָרן ביי די יידן אַלס אַ מיטל פאַר אַן אַנטי־פּוילישער פּראָפּאַגאַנדע אין אויסלאַנד. די עקסטרעמע צאָל פון טויטע וועלכע דער לאָקאַלער יידישער קאָמיטעט האָט אָנגעגעבן איז גע־ווען 76 (אין לעמבערג)״.

„די צאָלמעסיקע מינדערהייט פון די יידן אין אַ לאַנד וואָס איז בלי־ספק אַ פּוילישע טעריטאָריע, האָט פונדעסטוועגן נישט גע־שטעלט קיין גרענעצן צו זייערע (יידישע) פּאָליטישע פאָדערונגען. די געלעגנהייטן צו פּראָפּיטירן פון אַ צייטווייליקן איבערגעוויכט פון מאַכט, וועלכע זיי נוצן אויס אַלס אַ באַרעכטיקונג פאַרן שאַפן אַ יידיש־נאַציאָנאַלע פּאַרטיי איז, לויט אונדזער מיינונג, שוין גאָר־נישט קיין גרונט פאַרוואָס זיי זאָלן אויפרייצן די פּאָליאַקן מיט אַזאַ סעפּאַראַציע אָנשטאָט זיך איינצוגלידערן אין די עקזיסטירנדיקע סאָציאַלע דיפערענצירונגען פון דעם מאָדערנעם פּוילישן לעבן״.

„דערפאַר האָבן מיר אויך געפונען גענוג באַווייזן (אין דעם רעפּעראַט פון ר. ה. לאָרד — דעם אַמעריקאַנער פאַרטרעטער ביים פּוילישן קאָמיטעט פון דער פרידנס־קאָנפערענץ) אַז דאָ, און אין אויסלאַנד, שטרעבן זיי זיך (די יידן) אָפּן צו האַלטן דעם קאָנפליקט צוליב דער טעאָריע (האָפענונג), אַז דורך דעם וואָס די עפנטלעכע מיינונג וועט זיין קאָנצענטרירט אויף פּוילן, וועלן די יידן קריגן אַ בעסערע באַהאַנדלונג״.

„אין לעמבערג ווי עקסצעסן זענען טאַקע באמת פאָרגעקומען (אַ ביסל שפּעטער נאָכן וואָפנשטילשטאַנד) איז דאָס געשען צום סוף פון די פיינטלעכע צוזאַמענשטויסן צווישן די פּאָליאַקן און די אוקראַינער״.

„אין מינסק איז אַ טייל פון די הריגות געווען דער רעזולטאַט פון אַ שיסעריי, וואָס איז געווען געצילט אויפן אַריינקומענדיקן מיליטער. דאָס שיסן איז געקומען פון אַ געוויסן הויז ווו יידן האָבן געהאַט אַ פאַרזאַמלונג און פינף זענען געהרגעט געוואָרן. די גאַנצע

זאָך קען מען דערקלערן מיט דעם ווידערשטאַנד פון די באָלשעװיקעס און אויך צוליב רויב־מאָטיװ, אַ חוץ דעם איינעם פאַל פון אַן אומבאַלאַנסירטן אונטער־אָפיציר װעלכער האָט געהרגעט 9 יידן".

און איצט קומט דער פועל־יוצא:

„עס איז אונדזער מיינונג, אַז קיינע פון די עקסצעסן זענען נישט געװען קיין אָנגערייצטע (געפּלאַנטע), אָדער גאָר מיט דער הסכמה פון אַ װעלכן עס איז רעגירונגס־באַאַמטן אויף אַ ציװילן אָדער מיליטערישן פּאָסטן. פון דער אַנדערער זייט, (גלויבן מיר), אַז די געשיכטע און די האַלטונג פון די יידן האָבן קאָמפּליצירט די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאַקטאָרן, װאָס זענען געשאַפן געװאָרן דורך דער מלחמה און אין אַ קריטישן מאָמענט האָבן זיי געשפּייזט דעם פלאַם פון אַנטיסעמיטיזם".

דאַכט זיך, אַז קיין ערגערן ראַפּאָרט װי די צװיי „ליבעראַלע" שליחים פון אַמעריקע װאָלט אפילו אַ פּאָגראָמשטשיק נישט געקענט שרייבן. אָבער מיט דעם איז די שליחים־עפּאָפּעע נישט געװען געענדיקט. הפּנים, אונטערזוכונגען זענען דאַן געװען אין מאָדע, און יעדע גרויסמאַכט האָט געפילט אַז פאַר איר אייגענעם פּרעסטיזש װעגן, דאַרף זי נאָכטון אַמעריקע און שיקן אַ „מיסיע", אָדער אַ „קאָמיסיע" קיין פּוילן. אַזאַ מיסיע האָבן געשיקט די פראַנצויזן, די „רענאַדעל־קאָמיסיע".

אַן אמתע קאָנסטרוקטיװע שליחות איז געװען די בריטישע, מיט סיר סטוארט סעמיועל בראש. איך האָב געקענט סיר סטוארט סעמיועל נאָך פון פּאַריז. ער איז געװען איינער פון די פאַרטרעטער פון דער בריטיש־יידישער דעלעגאַציע און מיר פלעגן זיך אָפט טרעפן אין אַ יידישן רעסטאָראַן אויף דער „רי רישע". אַ װוילער ייד געװען סיר סעמיועל — און ער האָט גלייך באַװיזן, אַז ער איז געװען נישט קיין מאַרגענטױ.

סיר סטוארט סעמיועל איז געבליבן אין פּוילן ביז דעצעמבער 1919. אויף אַן אויפנאַמע אין לאָנדאָן נאָך זיין צוריקקומען האָט ער אָפן און אָן שום דיפּלאָמאַטישע דריידלעך דערקלערט:

„די עקסצעסן אין קראָקע, לעמבערג, לאָדזש, װילנע און פּינסק זענען געװען פּאָגראָמען אין דעם פּולן באַדייט פונעם װאָרט".

צום סוף פון אַן אויספירלעכן באַריכט, וואָס ער האָט צוגעשטעלט דעם בריטישן אויסערן־מיניסטעריום, האָט סיר סעמיועל פאָרגעשלאָגן זיין רעגירונג דעם פאָלגנדיקן פּראָגראַם פון עלף פונקטן, וואָס וואָלטן געקענט פאַרבעסערן די לאַגע פון די יידן אין פוילן:

(1) די פוילישע רעגירונג זאָל דרינגענד אויפגעפאָדערט ווערן דורכצופירן די מינאָריטעטן רעכט; (2) די יידן אין פוילן זאָלן קריגן אמתע און נישט קיין פאַרשלייערטע גלייכבאַרעכטיקונג; (3) אַז אַ יעדער אָנגריף אויף פערזאָנען אָדער אייגנטום זאָל שטרענג באַשטראָפט ווערן אָן ריקזיכט אויף ראַסע; (4) אַז די יידן אין מזרח־גאַליציע זאָלן צוריק באַקומען זייערע פריערדיקע שטעלעס; (5) אַז מען זאָל בטל מאַכן יעדע באַגרענעצונג פון צולאָזן יידישע תלמידים אין די הויכשולן; (6) אַז דער עקאָנאָמישער באָיקאָט זאָל דערקלערט ווערן פאַר אומגעזעצלעך; (7) אַז אַלע געפאַנגענע וואָס ווערן געהאַלטן אין אינטערנירונגס־לאַגערן זאָלן גלייך געשטעלט ווערן פאַר אַ משפט, און אַז דערווייל זאָל מען אַלע אינטערנירטע מענטשלעך באַהאַנדלען; (8) אַז מען זאָל מאַכן פאַרלייכטערונגען פאַר דער שאַפונג פון נייע אינדוסטריעס פאַר דער פּראָדוקטיוויזירונג פון דער יידישער באַפעלקערונג; (9) אַז די רעגירונג זאָל געבן רייזע־דערלויבענישן פאַר די יידן וואָס ווילן עמיגרירן קיין ארץ־ישראל, קאַנאַדע, זיד־אַפריקע, זיד־אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער, וואָס ווילן זיי אויפנעמען; (10) אַז עס זאָלן געגרינדעט ווערן בענק, וואָס זאָלן האָבן דעם צוטרוי פון די יידן; (11) אַז די בריטישע רעגירונג זאָל אָנשטעלן אַ יידיש־רײדנדיקן סעקרעטאַר ביי דער ענגלישער געזאַנדשאַפט אין וואַרשע.

סיר סעמיועלס אויסגעצייכנטער און מוטיקער באַריכט האָט טאַקע געהאַט אַ גוטע ווירקונג אין אויסלאַנד, אָבער ער האָט ווייניק וואָס געווירקט אין פוילן. קיין שום אינטערווענץ האָט נישט געקענט אַ סך אויפטון אין אַזאַ פּאָגראָם־פאַרפעסטעטער אַטמאָספער.

XXIV

אַ סוף אָן אַ סוף

דערווייל איז די אוקראַיניש־פּוילישע מלחמה אָנגעגאַנגען ווי פריער. די רוטענער האָבן זיך באַטראַכט פאַר אַ טייל פון דער גרויס־אוקראַינע, און דעם 20סטן יאַנואַר 1919, האָט די „מערב־אוקראַינישע״ (מזרח־גאַליצי־

שע) רעפּובליק אונטערגעוואָרפן זיך אונטער דעם אויטאָריטעט פון אוקראַי־נישן דירעקטאַריאַט אין קיעוו. פּעטלוראַ האָט מאָביליזירט אַן אַרמיי און איז געגאַנגען צו הילף די רוטענער אין מזרח־גאַליציע. אָבער בשעת מעשה זענען די באָלשעוויקעס אַריין קיין קיעוו (אין פעברואַר 1919), און כדי צו ראַטעווען די מלוכה האָט פּעטלוראַ שפּעטער אָנגעהויבן קאָקעטירן צו פּילסודסקין, אַז ער זאָל אים העלפן פאַרטרייבן די באָלשעוויקעס. פּילסודסקי, וואָס האָט שוין פון לאַנגע יאָרן געחלומט וועגן אַ גרויס־פּוילן, וואָס זאָל זיין פאַראייניקט מיט ליטע און פאַרבונדן מיט אוקראַינע, האָט זיך וועגן דעם גוט פאַרטראַכט, און אין פעברואַר 1920, האָבן פּילסודסקי און פּעטלוראַ געחתמעט פאָרמעל אַזאַ פּאַקט. אין דעם פּאַקט האָט פּעטלוראַ זיך אָפּגע־זאָגט פון מזרח־גאַליציע און אויך צוגעזאָגט דעם כעלמער דיסטריקט, פּאָלעסיע און אַ שטיק וואָלין פאַר פּוילן. די רוטענער (גאַליציאַנער אוקראַי־נער) האָבן נאָך דעם 28סטן אויגוסט 1919, פאָרמעל זיך אָפּגעריסן פון דער פאַראייניקונג מיט גרויס־אוקראַינע.

דערווייל האָבן די אַליאירטע געאַרבעט אויף אַלע כלים כדי אָפּצושטעלן דעם קאַמף אין מזרח־גאַליציע. שוין דעם 24סטן פעברואַר 1919, איז אַן אַליאירטע קאָמיסיע געלונגען צו באַשאַפן אַ וואָפנשטילשטאַנד צווישןביידע קעמפנדיקע צדדים אין גאַליציע, אָבער די רוטענער האָבן באַלד געבראָכן דעם וואָפנשטילשטאַנד. אין מערץ האָט ווידער דער העכסטער ראָט פאַר פרידן געשיקט אַ באַפעל וועגן אַ וואָפנשטילשטאַנד, און אין אַפּריל האָט זי באַשטימט אַ קאָמיסיע מיטן זיד־אַפריקאַנישן גענעראַל לואיס באָטאַ בראש, וואָס האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פאַר אַ נייעם וואָפנשטילשטאַנד. אָבער דאָס מאָל האָבן די פּאָליאַקן פון אים גאָרנישט געוואָלט הערן. די אַליאירטע האָבן געדראָט די פּאָליאַקן מיט אַן עקאָנאָמישן באָיקאָט, אָבער פּילסודסקי האָט זיך פאַרענטפערט, דאָס ער האָט מורא, אַז די דייטשן און די באָלשע־וויקעס וועלן זיך פאַראייניקן און באַפאַלן פּוילן פון ביידע זייטן און כדי צו שיצן דעם רוקן פון דער מלוכה, מוז ער האָבן אַ געמיינזאַמע גרענעץ מיט רומעניע. דער אַרגומענט האָט הפּנים יאָ אויסגענומען, מחמת אין דער זיצונג פון 25סטן יוני 1919, האָט דער העכסטער אַליאירטער ראָט דערלויבט די פּאָליאַקן צו באַזעצן פּראָוויזאָריש די טעריטאָריע פון מזרח־גאַליציע ביז צום טייך זברוטש. דאָס האָט אַזוי געדויערט ביז צום 21סטן נאָוועמבער 1919, ווען דער העכסטער ראָט האָט „ענדגילטיק" באַשלאָסן אַז דער גאַנצער שטח פון מזרח־גאַליציע ביז צום רעכטן ברעג פונעם סאַן

(אַ חוץ פשעמישל, וואָס האָט סיי ווי סיי באַלאַנגט צו פוילן), זאָל מיליטעריש באַזעצט ווערן דורך די פּאָליאַקן אויף אַ צייט פון 25 יאָר, ווען די גאַנצע פראַגע וועט דאַרפן געלייזט ווערן דורך אַ פּלעביסציט. דערווייל זאָל, פּאָליטיש, ווייניקסטנס, דער שטח בלייבן אונטער דער השגחה פונעם פעלקערבונד אַלס אַן אויטאָנאָמע פּראָווינץ; די „בענטערע פּאַרמען" פון דער אויטאָנאָמיע האָבן באַדאַרפט גענויער אויסגעאַרבעט ווערן שפּעטער.

די אַנטשיידונג האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפרעגונג אין פוילן. פּאַדערעווסקי האָט רעזיגנירט פון זיין פרעמיער־אַמט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיפּלאָמאַטישער געלאָף קיין פּאַריז. דאָס האָט באַוויגן דעם העכסטן ראַט, אויף דער זיצונג פון 22סטן דעצעמבער 1919, צו ענדערן דעם באַשלוס פאַר אַ מין פּראָוויזאָריום, וואָס האָט אָנערקענט דעם פוילישן באַזיץ פון מזרח־גאַליציע, ביז מען וועט קומען צו אַ קלאָרן באַשלוס, אָדער ווי קלעמאַנסאָ האָט דערקלערט: „די פראַגע בלייבט העגנגען ביז צום אָננעמען אַ דעפיניטיוון באַשלוס". די ענדגילטיקע פּאַראייניקונג פון מזרח־גאַליציע מיט דער פוילישער מלוכה איז ערשט אַנטשיידן געוואָרן אויף דער זיצונג פון די אַמבאַסאַדאָרן דעם 15טן מערץ 1923. ביז צו דעם טערמין האָבן די יידן אין מזרח־גאַליציע געלעבט אין אַ „פּראָוויזאָריום". (די מערב־אוקראַינישע רעגירונג מיט ד"ר פּעטרושקעוויטש בראש, איז געוואָרן אַ גלות־רעגירונג מיטן זיץ אין ווין, פּראָג און צום סוף אין בערלין).

דאָס יידישע לעבן אין גלות איז תמיד געווען אַ שווער לעבן, אָבער אַ לעבן אין אַ „פּראָוויזאָריום" איז ערגער ווי דער געוועגלעכער גלות. עס איז ענלעך צו אַ לעבן און אַ פּאָליטישן וואקואום. מען האָט פּשוט נישט געוווסט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען און ווער עס וועלן זיין די מושלים איבערן לאַנד. אָט זענען די שאַנסן פון די אוקראַינער געשטאַנען גאָר הויך, באַלד ווידער האָבן די פּאָליאַקן איבערגעוויגן די וואָגשאָל. אין אַזאַ סיטואַציע איז פאַר די יידן נישט געווען קיין אַנדערע ברירה ווי טאַקע ווייטער בלייבן נייטראַל. האָבן אָבער די פּאָליאַקן אויסגעטייטשט אַ יעדע נייטראַליטעט פאַר אַן אַקט פון בגידה. צוליב דער יידישער „נייטראַליטעט", האָבן זיי אַרויסגעוואָרפן די יידן פון אַלע אַמטן, נישט צוגעלאָזן זיי צו די אוניווערזיטעטן און פאַרשטאַרקט דעם עקאָנאָמישן באָיקאָט ביז צו דער העכסטער מדרגה. „די יידן ווילן נישט זיין מיט אונדז" — האָבן די פּאָליאַקן געטענהט, „טאָ זאָלן זיי טאַקע אויך נישט זיין ביי אונדז".

אַלס רעזולטאַט פון די סכסוכים איז די אָרעמקייט געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, און דער הונגער, פון תמיד אָן אַן אורח אין גאַליציע, איז איצט געוואָרן אַ באַשטענדיקער קאָמאָרניק! אפילו די פרייע פּראָפעסיעס, אַד־וואָקאַטן און דאָקטוירים האָבן געפילט די בייטש פון אַ געזעלשאַפטלעכן און פּראָפעסיאָנעלן באָיקאָט. קיינמאָל נאָך נישט האָט אַ נייטראַליטעט גע־קאָסט אַזוי פיל קרבנות, ווי די יידישע נייטראַליטעט אין מזרח־גאַליציע.

ריין פּאָליטיש גערעדט, איז די לאַגע געווען נישט־נאָרמאַל ביז צום אַבסורד.

אין יאַנואַר 1919 זענען פאָרגעקומען וואַלן צו דער פּוילישער קאָנ־סטיטואַנטע. די יידן פון אַנדערע טיילן פון פּוילן האָבן דערגרייכט צען מאַנדאַטן. אַלע אויסגעוויילטע דעפּוטאַטן זענען געווען נאַציאָנאַלע יידן. קיין שום אַסימילאַנט איז נישט געוויילט געוואָרן מיט יידישע שטימען. די פּאָליאַקן, פאַרשטייט זיך, איז דאָס נישט געפעלן. זיי האָבן דאָס אויסגעַ־טייטשט אַלס אַ צייכן פון פּוילן־פיינטלעכקייט; אָבער פאַר די יידן האָט דאָס באַדייט אַ גרויסער נצחון. צום ערשטן מאָל האָבן פּוילישע יידן געהאַט ווירדיקע נאַציאָנאַלע פאַרטרעטער וואָס האָבן גערעדט פאַרן פאָלק מיט אַ פול מויל און נישט וואָס די פּריצים האָבן זיי געהייסן זאָגן. אין קראָקע איז געוויילט געוואָרן דער ציוניסט ד״ר יהושע טאָן.

אַנדערש איז עס געווען אין מזרח־גאַליציע. צוליב דעם פּראָוויזאָריום זענען אין מזרח־גאַליציע קיין וואַלן נישט פאָרגעקומען . די געוועזענע דעפּוטאַטן פון דעם עסטרייכישן פּאַרלאַמענט זענען אָנערקענט געוואָרן אַלס די פאַרטרעטער פון מזרח־גאַליציע אין פּוילישן סיים. אָבער ווי באַקאַנט האָט גאַליציע נאָך דער יידיש־נאַציאָנאַלער וואַל־מפּלה אין יאָר 1911, געהאַט אַ דורכאויס אַסימילאַטאָרישע פאַרטרעטונג. די פאַרטרעטער פון מזרח־גאַליציע זענען געווען מענטשן ווי ד״ר קאַלישער, ד״ר לעווענשטיין, ד״ר שטיינהויז, רייך און שטערן; אויך ד״ר דיאַמאַנט און ד״ר ליבערמאַן, פון די פּוילישע סאָציאַליסטן (אַן אויסנאַם איז געווען דער אומפּאַרטייאישער דעפּוטאַט רייצעס). אַט אַזוי האָט דאָס יידישע פאָלק פון מזרח־גאַליציע אפילו נישט געהאַט די זכיה צו האָבן זיינע אייגענע פאַרטרעטער, וואָס זאָלן קענען אויסשרייען דעם שמערץ פון די מאַסן, אויסדריקן זייער כעס און אַריינטראָגן זייער פּראָטעסט פאַר די שרעקלעכע עוולות, וואָס די רעגירונג איז לגבי זיי באַגאַנגען. ערשט ביי די צווייטע וואַלן האָט זיך

די לאַגע געענדערט*). אָבער דעמאָלט, זייט דעם יאָר 1923, איז שוין מזרח־גאַליציע געווען נישט מער קיין „פּראָוויזאָרום״, נאָר אַ פּוילישע פּראָווינץ, און די מזרח־גאַליצישע יידן זענען געוואָרן אַ טייל פונעם פּוילישן יידנטום. אין דעם צייט־משך פון 1923—1945 האָבן די גאַליצישע יידן געטיילט מיטן גאַנצן מעכטיקן שטאַם פונעם דריי־מיליאָניקן פּוילישן יידנטום אַלעליידן און פריידן, דעם געזעלשאַפטלעכן אויפשטייג, דעם קולטורעלן הויכפּונקט און דעם שרעקלעכן אומקום פונעם גאַנצן גרויסן יידישן ישוב אין פּוילן.

*) בעת די אַלגעמיינע וואַלן צום צווייטן סיים, דעם 5טן נאָוועמבער 1922, האָבן די יידן פון מזרח־גאַליציע אויסגעוויילט דרייצן דעפּוטאַטן.

זוכצעטל:

נעמען־רעגיסטער

א

אַבראַהאַם, פּוילישער מיליטערישער קאָמאַנדיר — 267.
אברהם ר׳ בר׳ יעקב קאָפּל — 40.
אברהם אַבאָלע בר׳ אלחנן — 52 (באַמ׳).
אָדיל בת משה קיקענס — 16.
אַדאַם ערנסט, ד״ר — 223, 233.
אַדלער סיירוס, ד״ר — 276.
אוגראַן גאַבריעל (אונגאַרישער מיניסטער) — 195.
אחד־העם — 136, 204, 205.
אַטינער ר׳ חיימל — 53, 54.
איאַט, ברידער — 93.
איגאָלניצער — 61.
אַלטשילער, אַדוואָקאַט — 263.
אהרן בן משה, ר׳ (בן־צבי פון גריידינג) — 26.
אויגוסט III — 17, 46, 51.
איזאַקאָוויטש נחמן — 12.
איזוואָלסקי (צאַרישער מיניסטער) — 175.
אימבער נפתלי־הערץ — 173.
אימבער שמואל־יעקב — 131, 134, 139, 144.
אינזלער אברהם, ד״ר — 267, 268.
אייזלער יוליוס — 222, 223, 256.
אייזנער אבוש — 144.
אייזנבערג — 139.
אייכל יצחק — 28.
אייכנבוים יעקב (משכיל) — 33.
אייכנשטיין, ר׳ צבי־הירש — 46, 50.
איינאַייגלער, ד״ר — 222.
אלימלך, רבי פון ליזשענסק — 43, 44.
אַלבו, ר׳ יוסף (בעל „העיקרים״) — 41.
אַלענבי — 214.
אַלעקסאַנדער (גרויספירשט) — 9.
אַלעקסאַנדראָוויטש, ד״ר — 222, 230, 232.
אַנסקי, ש. — 188.
אָפּענהיימער פראַנץ, פּראָפ׳ — 196, 214.
אַקסענפעלד ישראל — 31 (באַמ׳).
אָקסמאַן און שוואַרצמאַן (מוסרים) — 52.
אַסטראָפּאָליער הערשעלע — 51.
אָרענשטיין יעקב (משולם) — 21, 32, 39, 40.
אָרענשטיין משה א. — 144.
אָרענשטיין מרדכי־זאב (רב) — 21, 39.
אָרענשטיין רחמיאל — 116.
אַש שלום — 152, 153.
אשכנזי אליעזר, ר׳ — 184.
אשכנזי טאָביאַש, ד״ר — 102, 256, 258, 259, 260, 269.
אשכנזי ר׳ משה בר׳ מרדכי — 37.
אשכנזי ר׳ צבי הירש — 37.
אשכנזי ר׳ צבי יעקב — 39.
אשכנזי פרעדריק — 161.

ב

באבזשינסקי מיכאל (היסטאָריקער) — 82.
באַברינסקי, גראַף — 188.
באַדענהיימער מאַקס, ד״ר — 210.
באַדעק יעקב — 34, 73, 163, 164.
באַדער גרשום — 26, 99, 101, 142, 144, 165, 166, 168, 169 (באַמ׳).
באטא לואיס (גענעראַל) — 293.
באַלאַבאַן מאיר, פּראָפ׳ — 25.
באַלפור, לאָרד — 213, 214, 215.
באַראַכאָוו בער — 106, 107.
באַראַש אשר — 137, 141.
באַראַש יוליוס, ד״ר — 30.
באַמזע נחום — 173.
באַרוטאַ, קאַפּיטאַן — 223.
בובער רפאל — 104.
בובער שלמה — 159.
בוריאַן, עסטר. מיניסטער — 179.
בינערט, פאַן (עסטרייכישער פרע־מיער) — 120.
ביאַליק ח. נ. — 136, 140, 152.
בינענשטאָק מאַקס, פּראָפ׳ — 167.
בילינסקי (עסטרייכ. מיניסטער) — 211.
ביסמאַרק — 90.
ביק יעקב שמואל — 17, 30.
ביק עמיל, ד״ר — 74, 80, 81, 102, 117, 118, 121.
ביקעלעס, ד״ר — 134.
ביקעלס־שפּיצער צבי — 134, 166, 168, 171.
בירער ראובן — 73, 99, 262.
בירנבוים נתן, ד״ר — 97, 99, 110, 111, 152.
ביילים (מענדל) — 183.
בן־אביגדור — 144.
בן־דוב — 140, 273.
בן־דוד — 137.
בן־צבי — 139, 140.
בלאָך יוסף שמואל, ד״ר — 81, 94, 95.
בלאָך שמשון — 30, 33.
בלום ראָבערט (דעפּוטאַט פון עסטר. פּאַרלאַמענט) — 59.
בלומענפעלד יצחק — 30, 106.
בלומענפעלד עמנואל, ד״ר — 61, 116.
בלומענשטיין, ד״ר — 116.
בעל־שם־טוב — 42, 43, 44, 51.
בענדאַוו יוסף (ד״ר י. טענענבוים) — 234, 273.
בענעדיקט מאָריץ — 88.
בעלזער רבי — 153.
בעם (פּוילישער גענעראַל) — 59.
בער (סוחר) — 18.
בער, רבי פון ראַדאָשיץ — 66.
בערדיטשעווסקי מ. י. — 136, 139, 152.
בערנשטיין הערץ — 50.
בערנפעלד יצחק אהרן — 74.
בערכטאָלד לעאָפּאָלד, גראַף — 176.
בערקלהאַמער ווילהעלם, ד״ר — 161, 273.
בערקאָוויטש מיכל — 99, 166.
בר־טוביה — 139.
בראָדער בערל (מרגליות, פּאָלקסדיכ־טער) — 35, 174.
בראַנדווײַן ר׳ אריה הירש — 49.
ברוידער מאַרקוס, ד״ר — 111.
ברודאַ, ר׳ אריה לייב (רב) — 40, 254.
ברוכל, רבי פון מעזריטש — 51.
ברוידעס ראובן־אשר — 134, 143, 159, 161, 164.
ברוין יוסף, ד״ר — 111.
ברוק, פאָן (פרייהער) — 69.
ברייטער עמיל — 126.
ברייטער ערנסט. ט. — 188.
בריינין ראובן — 137.
ברייער י. — 217.
ברענדער ישראל־מאיר — 172.

ברענער י. ה. — 137, 139, 140, 142, 143.
ברעסלוי מענדל — 28.

ג

גאַבעל וויקטאָר — 260.
גאַבעל הענריק, ד״ר — 101, 111, 112, 134, 260.
גאָגאָל — 117.
גאָטלאבער א. ב. — 143.
גאָטליב יהושיע, ד״ר — 111.
גאָטליב הירש לייב — 144.
גאַל עמנואל — 61.
גאָלדמאַן בערנאַרד, ד״ר — 73, 102, 121.
גאָלדענבערג מ. (משכיל) — 33.
גאָלדענבערג בעריש — 143.
גאָלדמאַרק יוסף — 58, 64.
גאָלדפאַדען אברהם — 164.
גאָלוכאָווסקי (עסטר. מיניסטער) — 69, 71, 77, 78.
גאַמבעטאַ לעאָן — 89, 90.
גאָרדאָן ש. ל. — 114.
גוטמאַן שמואל, ד״ר — 40, 255.
גיבסאָן היו (אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין וואַרשע, 1919) — 274, 275, 276.
גודהאַרד אַרטור, אַמעריק. מאַיאָר — 277, 280, 281.
גימפּל (טעאַטער) — 171.
גינצבורג דוב־בער — 30.
גינצבורג חיים — 30.
גינצלער אברהם — 144.
גניעוואָש עדוואַרד — 79.
געלבער נ. מ. (היסטאָריקער) — 25, 35, 62, 134, 141.
געלבער שמחה — 137.
גראַבסקי סטאַניסלאַוו (פּוילישער אַנטי־סעמיטן־פירער) — 83.
גראַבער ש. א. — 141.
גראַדזשיצקי, גענעראַל — 15.
גראַזוואַיער מאַרטשין — 15.
גראָס אַדאָלף, ד״ר — 108, 127.
גראָס מ., ד״ר — 36.
גראָס נפתלי — 173.
גראָס משה — 173.
גראָסמאַן הענריק — 105.
גרונוואַלד, ראַבינער — 214.
גריבל י. — 141.
גרינבערג אורי צבי — 144, 172.
גריץ אביגדור — 222.
גרעי, לאָרד — 180.
גרעץ (היסטאָריקער) — 28, 31, 32.

ד

דאַבראָמילער רבי ר׳ שמעון — 49.
דאַנילאָ — 10.
דאַנקעוויטש אברהם (אַ גזלן) — 11.
דאַשינסקי איגנאַצי — 83, 104.
דייטש שמואל, ר׳ — 115.
ד׳איזראַעל — 89.
דוד הלוי, ר׳ (בעל „טורי־זהב״ — 13. 38.
דובנער מגיד — 26.
דובס מרדכי — 33, 49, 78, 121.
דובס לאַזאַר, ד״ר — 78, 121.
דובס בר׳ שמואל הלוי — 37, 121.
דובנאָוו שמעון — 42.
דונאַיעווסקי (פּוילישער דעמאָקראַט פון 1848) — 75.
דוקער — 148, 149.
דיאַק, גענעראַל — 252.
דיאַמאַנט יעקב, ד״ר (לעמבערגער ראש־הקהל) — 127, 188.
דינסטפעלד חנוך — 137.
דמאָווסקי (פּוילישער אַנטיסעמיט) — 268.
דמאָכאָווסקי, פּראָפ׳ — 154.

דראַגוטין ד׳מיטרעוויטש, גענעראַל — 177.
דראָהאָביטשער רבי ר׳ יצחק — 44.
דרייקורס לעאָן — 168.
דיאַמאַנט הערמאַן — 104, 295.
דזשאָנסאָן האָמער ה. — 277, 289.
דזשאַדווין עדגאַר (אַמעריק. גענעראַל) — 277, 281, 282, 288, 289.

ה

האָהענצאַלערן — 93.
האו קווינסי — 97.
האינו (אונג. גענעראַל) — 61.
האַלבערשטאַט ר׳ חיים (סאַנדזער צדיק) — 46, 53, 54.
האַלפערן ר׳ יואל בן אייזיק — 39.
האַלפערן משה לייב — 170.
האַמבערג הערץ — 23, 24, 25, 26, 27, 28, 58.
האַמערשטיין, עסטר. גענעראַל — 61.
האַרטמאַן (ייד. דעפוטאַט אין 1848) — 58.
האָראָדענקער רבי ר׳ נחמן — 42.
האָראָוויץ יהושע לייב — 61.
האָראָוויץ בער — 173.
האָראָוויץ סאַמועל, פאָן — 127, 197.
האַנטקע אַרטור, ד״ר — 213, 214.
האַרדינג בערטיטאַ — 199.
האָראָדעצקי, ד״ר — 43.
הוין, גראַף — 119.
הויזמאַן אל., ד״ר — 222, 260.
הורוויץ ר׳ שמעלקע — 46.
הורוויץ ר׳ יהושע הלוי (מקובל) — 37.
הורוויץ ר׳ נפתלי צבי (דער ראָפּשי־צער) — 46, 51.
הורוויץ חיים, ד״ר — 169 (באַמ׳).
הורוויץ ר׳ יעקב יצחק (דער חוזה פון לובלין) — 43, 46.
הופּקאָ, ד״ר — 213.
היוס טשאַרלז — 275.
הילזנער לעאָפּאָלד — 95.
היטלער — 240.
הינדנבורג, פעלדמאַרשאַל — 198.
הירש מאָריץ, באַראָן דע — 128, 129, 130, 174.
הירש קלאַראַ דע — 130.
הירש ר׳ יעקב יהושע בן צבי — 40.
הילפשטיין חיים, ד״ר — 108, 111.
היינע (היינריך) — 32.
העניגסמאַן אָסוואַלד, ד״ר — 78, 81, 116, 121.
העניש מאיר — 167.
הערץ שלמה — 222.
הערצלאָוויטש — 139.
הערצל, ד״ר — 101, 113, 205.
העצענדאָרף קאָנראַד, פאָן — 176, 179.
העק ווילהעלם — 206.

ו

וואַדזשיצקי, גראַף — 62.
וואַדי, קאַלאָנעל — 261.
וואָלאָטשקאָ — 12.
וואַלדמאַן ישראל, ד״ר — 203, 221, 222, 227.
וואָלף מיכל — 144.
וואַסער יהושע, ד״ר — 222.
וואַרבורג, פּראָפּ׳ — 214.
וואַשאַני ווילהעלם (ייד, אונגאַרישער מיניסטער) — 215.
וואַשיץ פישל, ד״ר — 222, 223, 255.
וורצל, ד״ר — 256.
וויזשניצער ר׳ ברוכל — 53.
וויזנפעלד משה — 143, 167.
וויטקאָווער פישל — 167, 172.
וויטאָס ווינצענטי (פּוילישער פּרע־מיער) — 197.
ווילסאָן (אַמעריקאַנער פּרעזידענט) — 202, 244, 276, 277, 280.

ווילהעלם II — 93, 175, 176, 177, 179, 186, 190.
ווילנער גאון — 47.
ווילעין הענרי (פראַנצ. קאַפּיטאַן) — 246.
ווינדישגרעץ, פרינץ — 59.
ווינישעווקאָ — 263.
ווירט מיכל — 170.
ווישניעווסקי (פוילישער רעוואָלוציאָ־נער) — 61.
וויינבערג — 139.
וויינלעז ישראל — 172.
וויינשטאָק אייזיק — 167.
וויס אריה־בנימין — 100.
וויסטויב מ. א. — 141.
ווייסקירכנער ריכאַרד, ד״ר (ווינער ביר־גערמייסטער) — 112, 197.
וועטשעראַ מאַרי — 92, 93.
וועלטש ראָבערט — 206.
וועקסלער טוביה — 218.
וועקסלער לעאָן — 155.
ווערבער ברוך — 134, 143.

ז

זאַלץ אברהם, ד״ר — 100.
זאַלצבורג ר׳ משולם — 37.
זאָנענטאַל אַדאָלף (ווינער שוישפּילער) — 85, 86.
זאַמערשטיין עמיל, ד״ר — 149.
זבאַי דוד — 10.
זבאַרזשער וועלוול (ערענקראַנץ) — 35, 166.
זבאַראַזשער ר׳ וואָלף — 44.
זיגפריד יוסטוס I — 49.
זיגעל נפתלי — 134.
זיגעלבוים — 137.
זיטאַ, קעניגין — 201.
זילבורג משה — 172.
זילבערשיין א. ד״ר — 107.
זילבערשטיין מ. (משכיל) — 33.
זילבערבוש דוד ישעיה — 165, 166.
זיידלער ד״ר, פאָן (עסטרייכישער פרעמיער) — 215.
זייפערט קאַרל גוסטאַוו — 49.
זכריה־מענדל, ר׳ בר׳ אריה לייב — 52 (באַמ׳).
זלאָטשעווער רבי ר׳ יחיאל מיכל (דער „קדוש) — 44.
זשידיטשעווער רבי ר׳ יצחק אייזיק — 53.
זשידיטשעווער רבי ר׳ הירש — 46, 48.
זשימיאַנין פּאַוועל (אַרכיטעקט) —12.
זשעמיאַלקאָווסקי (פּוילישער דעמאָקר.) — 75.
זשופּניק הערש — 167.
זרובבל — 168.

ח

חיות חיים צבי, ר׳ — 115.
חסיד יהודה, ר׳ — 17.

ט

טאַלאַט פּאַשאַ (טערקישער וועזיר) — 214.
טאַראַשקעוויטש פראַנטשישעק — 79.
טאַראַשעוויטש—טאָקאַזשעווסקי — 233
טאַרטאַקאָווער חיים — 141.
טאַרנאָווסקי, ד״ר — 252.
טאַרנאָווסקי, גראַף — 82.
טאָקאַזשעווסקי — 252.
טהאָן יהושע, ד״ר — 127, 215, 218, 269, 295.
טהאָן יעקב — 134, 161.
טוביש לייבל — 167.
טווערסקי, ר׳ מאיר (טשערנאָבילער מגיד) — 51.

טיסאָ, גראַף (אונגאַרישער פּרעמיער) — 179.
טיסאָווסקי — 63.
טישקעוויטש — 131.
טענענבלאַט מ. א. — 166, 222, 260.
טעטמאַיער וולאָדזשימיעזש — 218.
טעלער צבי אליעזר (דיכטער) — 94.
טשאָרטקאָווער נ. — 222.
טשופּיק קאַרל (היסטאָריקער) — 68.
טשערטשיל ווינסטאָן — 180.
טשערניכאָווסקי ש. — 136, 152.
טשערנין, גראַף — 212, 213.

י

יאַדוויגאַ (פּוילישע קעניגין) — 11.
יאַווועץ א. — 141.
יאָשקאָ — 12.
יאָזעף דער II (עסטרייכישער קייזער) — 21, 26, 47, 114, 122.
יאַוואָראָווער יצחק — 222.
יואל ר' סערקעס (בעלזער רבי) — 52 (באַמ').
יווועל משה — 30.
יוליוס ר' מאיר (רבי) — 50.
יושקאַ הערשל — 11.
ייטעלעס יהודה — 33.
יעלינעק אַדאָלף, ד"ר — 128.
יעלינעק אהרן (ווינער ראַבינער) — 59.
יעלינעק הערמאַן, זשורנאַליסט — 59.
יצחק־יהודה, ר' (רבי פון וויבראַנאָוו־קע) — 49.
יפה מרדכי (ראש ישיבה) — 37.
יפה לייב (דיכטער) — 287.
יהודה־לייב בן זאב — 26, 28.
יעקב יהושע, ר' — 37.
יעקב יוסף הכהן, ר' — 42.
יאנקא — 249.
יאַקובסקי, ד"ר — 246, 266.
יצחק אייזיק בר' יחיאל — 37.
יעקב קאָפּל, ר' בר' אשר הכהן — 37.

כ

כאַבּרינאָוויטש נאַדיעקאָ (סערבישער טעראָריסט) — 178.
כאָטעק סאָפיאַ, גרעפין — 177, 178.
כאַרטינער מאיר — 169.
כהן ישראל — 278.
כמעלניצקי (באָגדאַן) — 14, 15.
כמעלניצקי מלך (דיכטער) — 134.
כמעלניצקי — 144.
כעלמאַ ר' שלמה משה (בעל „מרכבת המשנה") — 40.
כלאמטאטש, ד"ר — 223.
כתריאל — 168.

ל

לאַטור, גענעראַל — 59.
לאנגנאס י. ס., ד"ר — 222.
לאנדוי איגנאַץ, ד"ר — 121.
לאַנדוי יאָאַכים, ד"ר — 81.
לאַנדוי יהודה־לייב — 159.
לאַנדוי אַלפרעד — 35.
לאַנדוי משה — 33.
לאַנדסבערגער מאַקסימיליאַן — 78, 79.
לאַנזינג ראָבערט — 268, 279.
לאָקער בערל — 81, 107, 116, 121, 168.
לאַפּינסקי — 230, 232.
לאַסאָצקי, גראַף — 218.
לאַסטיק שלמה — 35.
לויפער ע. — 169 (באַמ').
לועגער קאַרל, ד"ר (אַנטיסעמיטישער פּאָליטיקער) — 95, 96.
לוריע יסוף, ד"ר — 166, 169 (באַמ').
ליבערמאַן הערמאַן (פּוילישער סאָציאַ־ליסט)) — 104, 295.
ליליען א., ד"ר — 102, 121.

ליסטאָווסקי (פּוילישער גענעראַל) — 287.
לייב שרהס, ר׳ — 47.
לייפער, ד״ר — 278.
לייסטנער ח. פּ. — 181.
לעאָפּאָלד II — 22.
לעבנאַרט א. — 142.
לעוו (פּרינץ) — 10.
לעווין יחזקאל, ד״ר (רב) — 40.
לעווענזאָן י. ב. — 31 (באַמ׳), 141.
לעווענטאַל מאָריץ, ד״ר (רב) — 40.
לעווענשטיין נתן, ד״ר — 102, 121, 127.
לעווענשטיין בערנאַרד, ד״ר — 40, 120, 295.
לעטעריס מאיר הלוי (דיכטער) — 33.
לעמבערגער ר׳ משה־חיים — 39.
לעלעוועל — 76.
לעסינג — 86.
לעפּין מנחם מענדל סאַלאַנטער — 34.
לעפּין סאַטאַנאָווער מענדל־לייב — 28.

מ

מאַזאָך לעאָפּאָלד פאָן סאַכער — 160.
מאַזאָך סאַכער — 160.
מאַזלער א. — 105.
מאַזער בנציון — 171.
מאיר פון לובלין, ר׳ — 37.
מאיר בעל־הנס — 49.
מאַהלער גוסטאַוו (קאָמפּאָזיטאָר) — 85, 86.
מאַלער אַרטור, פּראָפ׳ — 111, 112.
מאַלער רפאל (היסטאָריקער) — 48, 49.
מאַלץ דוד, ד״ר — 99, 100, 101, 111, 161.
מאַנדעל — 226, 227.
מאַנדשיין זעליג צבי — 30.
מאַנטעפיאָרע משה — 99, 281.
מאַנטשינסקי טשעסלאַוו — 230, 246, 247, 249, 255, 266, 267.
מאַנש פיליפּ, ד״ר — 73, 99, 162.
מאַנהיימער יצחק נח — 57, 58.
מאַקיאַוועלי — 56.
מאָראַטשעווסקי (פּוילישער פּרעמיער) — 265.
מאַקענזען (אונג. גענעראַל) — 198.
מאַרגאָשעס יוסף — 36.
מאַרגוליעס יצחק (י״ם ציוני) — 173, 174.
מאַרגוליעס יוסף, ד״ר — 107, 110, 218.
מאַרגענטוי העברי — 277, 278, 279, 280, 282, 283, 286, 289, 291.
מאַריאַ טערעזאַ (עסטר׳ קייזערין) — 20, 113.
מאַרשאַל לואי — 276, 277.
מגיד פון מעזריטש (ר׳ דוב בער) — 42, 44.
מגיד ר׳ ישראל־לייבל — 48.
מהר״ם — 37.
מיזעס אברהם (באַנקיר) — 61, 116.
מיזעס הערמאַן — 81.
מיזעס יהודה לייב — 31.
מיזעס מאיר רחמיאל — 61.
מיזעס יצחק — 30.
מילבויער בנימין — 147.
מינץ מאיר — 50, 61, 116.
מינצער ישראל, ד״ר — 222.
מיצקעוויטש (אַדאַם) — 131.
מיעראָסלאַווסקי וולאַדיסלאַוו — 63.
מיקולסקי (קאַנאַניק) — 18, 38.
מייזעלס ר׳ בעריש — 58.
מייזעל מ. נ. (פּראַלאַג) — 195.
מייערבער דזשאַקאָמאָ (קאָמפּאָזיטאָר) — 87
מלאך חיים — 17.
מלאך ר׳ אברהם — 51, 52.

מעטערניך — 55, 56, 57.
מעלצער, פרוי — 256.
מענדעלע מוכר ספרים — 141.
מענדעלסבורג אַלבערט — 81.
מענדעלסאָן (משה) — 26, 28, 34.
מענטש יעקב — 164.
מענקעס אָסוואַלד — 61, 116.
מעסטל יעקב — 144, 168, 171.
מעק דזשוליאַן, אַמעריקאַנער ריכטער — 277.
מערונאָוויטש טעאָפיל — 82.
מערווין ב. ד"ר — 102.
מערמלשטיין אביגדור — 74.
מרדכי הלוי, ר' — 16.
מרדכי, ר' (רבי פון נעסכיז) — 44.
מרגליות, ר' מאיר בר' צבי הירש — 40.
משרת ר' הירש — 46, 49.
משה פנחס, ר' בר' ישראל חריף (לעמבערגער רב) — 39.
משה־דוד, ר' (רבי פון טשאָרטקאָוו) — 52, 54.

נ

נאַגעלבערג הירש — 222, 262.
נאַטאַנזאָן, ר' יוסף שאול — 39, 40, 95.
נאַטאַן פאול — 128.
נאַפּאָלעאָן — 45, 46, 68.
נחמנאָוויטש יצחק — 12.
ניגער ש. — 287.
ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש (גרויספירשט) — 189.
ניקאָלאַי II — 211.
ניימאַרק דוד — 99.
ניעמאָיעווסקי אַנדזשעי (טעאָרעטיקער פון פּוילישן אַנטיסעמיטיזם — 280.

ר

ראַבינאָוויטש בערקאָ (רב פון בראָדער שניידערס) — 19.
ראַדעצקי (פעלדמאַרשאַל) — 31, 60, 72.
ראַוויטש מלך — 144, 172.
ראַווניצקי י. ח. — 166.
ראָזאַנעק, ד"ר — 61.
ראָזמאַרין, ד"ר — 256.
ראָזענהיים יעקב — 214.
ראָזענבוים ש., ד"ר — 214.
ראָזענפעלד מאַקס, ד"ר — 107, 110.
ראָזענפעלד מאָריס — 185.
ראזנער א. — 61.
ראָזענשטיין — 73.
ראָזענשטאָק נ., ד"ר — 81.
ראָטלענדער חיים — 222.
ראָטפעלד, ד"ר — 261, 262.
ראָיאַ באַלעסלאַוו (פּוילישער גענעראַל) — 218, 233, 234, 247, 249, 267.
ראָזוואַדאָווסקי, גענעראַל — 260.
ראָלינג, פּראָפ' — 94, 95.
ראָקער מ. נ. — 173.
ראַפּאָפּאָרט חיים הכהן (לעמבערגער רב) — 18, 38, 40.
ראַפּאָפּאָרט אַרנאָלד, ד"ר — 81.
ראַפּאָפּאָרט, ר' נחמן בר' מאיר — 52.
ראַפּאָפּאָרט מאָריץ, ד"ר (דיכטער) — 33.
ראַפּאָפּאָרט שלמה־לייב — 30, 31, 32.
ראַפּאָפּאָרט מ. — 222.
ראַפּאַלקעס, ד"ר — 106.
רובין שלמה — 33, 159.
רובינפעלד דוד — 242.
רודאָלף, פּרינץ — 88, 90, 91, 92, 93, 94, 176.
רוזקי (צאַרישער גענעראל) — 187.
רוקח ר' יהושע — 52 (באַמ').
רוקח אליעזר, ד"ר — 142, 167.
רוקח, ר' ישכר־בער — 52 (באַמ').
רוקח, ר' שלום — 46, 50, 52.

רופין אַרטור — 214.
רידיגער, פּראָפ׳ — 60, 157.
ריזשינער צדיק (ר׳ ישראל פרידמאַן) — 49, 51, 52, 54, 55.
ריכטער משה — 167.
רימאַנאָווער רבי ר׳ הירש — 51.
רימאַנאָווער רבי ר׳ מנחם־מענדל — 44, 46, 47.
רינגעל מיכל, ד״ר — 220, 221, 222, 224, 260, 261, 270, 278.
רייזען אברהם — 140, 151, 167.
רייזען זלמן — 165.
רייזער יעקב — 147.
רייטמאַן הירש — 35.
רייך לעאָן, ד״ר — 147, 220, 222, 256, 260, 261, 278.
רייס א., אינזש׳ — 107, 222, 230, 232.
רייצעס, ר׳ חיים — 16
רייצעס, ר׳ יהושע — 16, 295.
רענצער יעקב שמעון — 99.
רמב״ם — 41.
רמ״א — 37.

ס

סאבעל נתן, ד״ר — 61.
סאַטאַנאָוו יצחק — 28.
סאַלאַמאַנדער דוד — 104.
סאסאווער רבי, ר׳ משה־לייב — 46.
סאַכער (פּאָליציי־פּרעז.) — 49.
סאַמועל נתן־נטע — 160.
סאַמעלזאָן שמעון, ד״ר — 78, 121.
סאָקאָלאָוו נחום — 142, 146.
סאָקאָל ש. ד״ר — 107.
סאקס לעאָ — 73.
סאַפּיע (עסטר׳ פּרינצעסן) — 59.
סטאַיאַלאָווסקי, גלח — 83, 94.
סטרעליסקער, רבי ר׳ אורי — 49.
סטרעליסקער רבי, ר׳ מרדכי־דוד — 30.
סופר, ר׳ משה פון פּרעשבורג — 55.
סלאָוואַצקי (יוליוש) — 131.
סמאָלענסקין פּרץ — 97, 99, 161.
סמאָלקאַ פראַנטשישעק — 58, 61, 75, 79, 80.
סמיט אַדאַם — 208.
ספּעקטאָר מרדכי — 169 (באַמ׳).
ספּירא שמואל — 181.
סוואָבאָדאַ — 252.
סעווער (פּרעזידענט פון נידער־עסטרייך) — 217.
סעמועל מאָריס — 278.
סעמועל סטוארט — 291, 292.
סטויב (לייטענאַנט) — 233.
סטעטשקאָווסקי, (לעמבערגער בירגער־מייסטער) — 246.

ע

עווינגער משה — 169 (באַמ׳).
עטינגער ר׳ יצחק (לעמבערגער רב) — 40.
עטינגער שלמה, ד״ר — 31 (באַמ׳).
עלענבערג ר׳ שמחה נתן (לעמבערגער רב) — 40.
ענגעלס פרידריך — 199.
עלענדמאַן שמעון — 167.
ערטער יצחק — 30, 32.
ערע יצחק — 260
ערנפּרייז מרדכי, ד״ר — 99.
עליזאבעט, קייזערין — 174.
ערענטאַל, פאָן (פרייהער) — 175, 176, 179.
עפשטיין, ר׳ קלונימוס קלמן — 44.

פּ

פּאַדערעווסקי (איגנאַצי) — 294.
פּאָזנאַנסקי, ד״ר (וואַרשעווער געלערנ־טער, רב) — 281.
פּאַטיאָרעק (גענעראַל) — 178, 179.
פּאַלק פראַנק — 275.
פּאַסטאָר — 32.

פּאַסמאַניק דניאל, ד״ר — 105, 107.
פּאַסקעוויטש (פּויליש׳ גענעראַל) — 60.
פּאַפּער וויליאַם — 143 (באַמ׳).
פּארנאס עמיל, ד״ר — 222, 269, 273.
פּילסודסקי יוזעף — 103, 180, 181, 182, 264, 293.
פּילסודסקי בראָניסלאַוו — 282.
פּינינסקי (נאַמיעסטניק) — 83.
פּינסקער לעאָן, ד״ר — 99.
פּנחס אליהו (פון ווילנע) — 26.
פּיפּעס־באַראַטינסקי יעקב — 81.
פּעטליורא (אוקראַינישער אַטאַמאַן, צו־רר־יהודה) — 263, 293.
פּעלס חיים — 222.
פּערל יוסף — 29, 30, 35, 49.
פּערל מיכל — 29.
פּרינציפּ גאַווריליאַ (סערבישער טעראָ־ריסט, וואָס האָט דערשאָסן דעם עסטר׳ טראָנפאָלגער פראַנץ־פערדי־נאַנד) — 178, 179.
פּרעמישלאַנער רבי, ר׳ מענדל — 42, 44.
פּרעמישלאַנער רבי, ר׳ מאיר — 49, 51.
פּרץ י. ל. — 46, 151, 152, 153.

פֿ

פֿאַלק ר׳ יהושע — 37.
פֿאַסט, ד״ר — 168.
פֿאַרבשטיין העשל — 264.
פֿוקס אברהם משה (שרייבער) — 172.
פֿוקס איזידאָר (לייטענאַנט) — 230.
פֿוקס יעקב ש. — 144.
פֿיליפּס וויליאַם — 274, 275.
פֿיליפּאָוויטש (משומד) — 16.
פֿישהאָף אַדאָלף, ד״ר — 57, 58, 64.
פֿישמאַן נחמן יצחק — 30, 139, 163.
פֿייגנבוים ישראל — 242.
פֿיינקינד משה — 67.
פֿייערמאַן מ. — 141, 155.
פֿעלדמאַן ווילהעלם (פּוילישער קריטי־קער, משומד) — 75, 160.
פֿעלדמאַן, ד״ר — 181.
פֿעלד — 137.
פֿערדינאַנד דער ערשטער — 56, 60.
פֿערנהאָף יצחק — 142, 173.
פֿראַנץ פֿערדינאַנד (עסטר׳ טראָנפאָלגער) 176, 177, 178, 179.
פֿראַנץ I — 22, 25, 29, 55, 56, 122.
פֿראַנץ־יאָזעף — 59, 60, 65, 68, 70, 76, 96, 121, 176, 179, 182, 198, 199, 200.
פֿראַנצוס קאַראָל עמיל — 160.
פֿראַנק יעקב (פֿאַלשער משיח) — 18, 41.
פֿראָסט — 137.
פֿראָסטיק משה, ד״ר — 134, 166, 168.
פֿרידלענדער דוד (משכיל) — 28, 29.
פֿרידלענדער דניאל־איציק (משכיל) — 28, 29.
פֿרידריך פֿאָן קיבעק (פֿרייהער) — 65.
פֿרידריך III — 93.
פֿרידריך II — 20.
פֿרידמאַן פֿיליפּ, ד״ר — 25.
פֿרידמאַן — 214.
פֿרישויער בערטאָלד, ד״ר (זשורנאַ־ליסט) — 92.
פֿריינד אברהם — 222.
פֿריינד לוי, ד״ר (רב) — 40.
פֿריינדליך מאָריץ, קאַפּיטאַן — 218
פֿרענקל הערמאַן — 121.
פֿרענקל ירמיהו, ד״ר — 107, 143.

צ

צונץ לעאָפּאָלד — 141.
צוויג עגאָן — 206.
צוויג סטעפֿאַן — 206.
ציפּער גרשון, ד״ר — 99, 100, 102, 111, 112, 148, 241, 256, 259.

צדק יוסף כהן — 30, 34.

ק

קאַבאַק יוסף, ד״ר (ראַבינער) — 30, 34, 81.
קאַבאַק יצחק — 30.
קאַזאַקעוויטש — 104.
קאַזשימיעזש דער גרויסער (פוילישער קעניג) — 10, 11, 38.
קאַזשימיעזש יאַגעלאַנטשיק (פוילישער קעניג) — 11.
קאַזשעניצער מגיד — 43, 46.
קאָהן אברהם — 30, 40, 50, 74.
קאָהן יוסף, ד״ר — 73.
קאָהן ס. — 116.
קאָהן י. — 169 (באַמ׳).
קאַטערינע II (צאַרינע) — 20.
קאַיאַנץ יאָזעף (עסטר. שוישפּילער) — 85.
קאַלאָמייער ר׳ קאָפּל — 53.
קאַלאַרד גענעראַל — 213.
קאַלדער וויליאַם — 277.
קאַליר מאיר (באַנקיר) — 61, 64, 78, 115.
קאַליר נתן, ד״ר — 80, 120.
קאַלישער הענריק, ד״ר — 81, 116, 295.
קאַלישער יוסף, ד״ר — 80.
קאַלינקא — 76.
קאַפּלער שלמה — 23.
קאַסוט — 59.
קאַפּושטשינסקי (פוילישער רעוואָלוציאָנער) — 61.
קאַשטשושקאָ — 280, 281.
קאַרל סטעפאַן, ערצהערצאָג — 183.
קאַרפוס, קאָפּאָראַל — 233.
קאַרקיס אברהם — 99, 101, 102, 148, 256.
קאַרקעס יעקב — 99.
קאַקעש עוזר — 99.
קאַריטעווסקי, ד״ר — 213.
קארא יחזקאל, ד״ר — 40.
קאָרן ה. רחל — 173.
קאַצענעלסאָן — 139.
קאָסאָווער ר׳ חיים — 49.
קאָסאָווער ר׳ יעקב שמשון — 53.
קאָסאָווער רבי נחמן — 42.
קאָסאָווער, ר׳ מענדל — 53.
קוראַנדאַ (ייד. דעפּוטאַט אין 1848) — 58, 120.
קוטשעראַ, פּראָפ׳ — 250.
קווינטער — 137.
קלוגער, ר׳ שלמה בן יהודה אהרן — 39.
קליוולאַנד גראָווער (אַמעריק. דיפּלאָמאַט) — 96.
קליין יעקב — 36.
קליינמאַן משה — 138, 139, 143, 144, 166.
קליינמאַן אַנזעלם — 171, 269.
קעילי אַנטאָני (אַמעריק. דיפּלאָמאַט) — 96.
קלעמאַנסאָ זשאָרזש (פראַנצויז׳ פּרעמיער) — 89, 92, 114, 294.
קלעמאַנסאָ פּאָל — 89, 92.
קלערמאַן סאַלאָמאָן — 116.
קעניגסבערג דוד — 172.
קענער יעקב — 168.
קערענסקי — 191, 211, 212.
קראַשינסקי — 131.
קרימי, ר׳ אברהם — 9.
קריסטיאַנאָפּאָלער ר׳ יחיאל מעכל בן־ציון (בראָדער מגיד) — 39.
קריסטיאַנאָפּאָלער ר׳ מאיר (רב פון בראָד) — 39.
קרעפּל יונה — 143, 167.
קשעשונאָוויטש (אַנטיסעמיטישער דעפּוטאַט) — 80.

ש

שאַכנאַ — 12.
שאַל יעקב, ד״ר — 20.
שאַף מאַקס, ד״ר — 258.
שאַל שמעון, ד״ר — 119.
שאַפּיראָ, ר׳ צבי אלימלך (רבי פון דינאוו) — 49.
שאַפּיר ברוך — 94.
שאַרפשטיין צבי — 137, 141.
שאַרפ וויליאַם — 268.
שאַצקי יעקב, ד״ר — 36 (באַמ׳).
שבתי־צבי — 13, 17, 37, 41.
שובערט (קאָמפּאָזיטאָר) — 85.
שולדענפריי, ד״ר — 218.
שולבוים — 144.
שומער ליפּע — 147.
שוסהיים א. ל. — 107, 167, 168.
שור אַנשל — 171.
שור יהושע־העשל — 30, 34, 144.
שור נפתלי־מענדל — 33.
שוואַבאַכער, ד״ר (רב) — 40.
שוואַדראָן אברהם — 173.
שוואַרץ יהודה לייב אריה — 173.
שוואַרץ יצחק — 99.
שוואַרץ קאָפּל — 139, 140, 141, 161.
שוואַרצענבערג (עסטר. פּרינץ) — 67.
שווייג ש. — 141.
שוועבער שרה — 222.
שוועבער אליהו — 168.
שטאָק (סדן) דוב — 142.
שטאַנד אַדאָלף — 99, 101, 102, 112, 148, 152, 161, 180, 200, 259.
שטאַנד קאַרל — 99.
שטערן, ד״ר — 295.
שטיינהויז, ד״ר — 295.
שטערנבאַך אברהם — 167.
שטרויכער בענאַ, ד״ר — 111, 112.
שטראַוס (קאָמפּאָזיטאָר) — 85.
שטריקער, אינזש. — 206, 215.
שילער שלמה — 99, 148, 161.
שילער פרידריך — 35.
שיקאָרסקי וולאַד. — 182, 262, 267.
שיף יעקב ה. — 276.
שיפּער יצחק, ד״ר — 107, 168, 218.
שיינפינקעל ב. צ. — 144.
שלום הכהן — 33.
שלום עליכם — 151, 162.
שלום, ר׳ (רבי פון קאָמיאָנקע) — 49.
שמאַראַק עמיל, ד״ר — 256.
שמיט, פּראָפ׳ — 76.
שמעלקעס גדליה, ר׳ — 111.
שמעלקעס יצחק, ר׳ — 40.
שמערלינג אַנטאָן, פאָן — 65 (באַמ׳), 68, 70.
שמעונוביץ — 142.
שמערער (עסטר. פּאָליטיקער) — 93.
שניאור זלמן — 137.
שניצלער אַרטור — 85.
שנייד י. — 167.
שענבערג יוסף — 218.
שענערער געאָרג, פאָן — 92.
שעל — 131.
שעלאַ יאַן (פירער פון פויערן־אויפשטאַנד אין גאַליציע) — 63.
שעפּטיצקי, גראַף (מעטראָפּאָליט) — 265.
שעפּטיצקי (גענעראַל) — 282.
שפּעט עמיל, ד״ר — 263.
שעפּס בערטאַ — 86, 89, 91, 92, 93.
שעפּס מאָריץ — 88, 89, 90, 92.
שפּיצער — 144.
שפּיראָ זכריה — 144.
שראַט קאַטערינע (פּרימאַדאָנע פון בורגטעאַטער) — 200.
שרייבער דוד, ד״ר — 99, 134, 222, 223, 256, 269.
שרייבער שמעון, ר׳ (קראָקעווער רב) — 55, 81, 103.
שרייבער העינריק, ד״ר — 218.
שרייער פייוויש, ר׳ — 100.

שטעט

א

אַדערבערג — 270, 271, 272.
אַנאַבערג — 271.
אַשוויענטשים — 270.
אושטשיקי דאָלנע — 252.
אַטיניע — 53.
אינסברוק — 58.
אישל — 179.
אַלמיץ — 59.
אַקערמאַן — 11.

ב

באַזעל — 101.
באַגדאַנאָווקע — 234.
באַטאשאַן — 166.
באַכניע — 71.
באַלעכאָוו — 18, 30, 33.
באַראַנאָוו — 219, 260, 268.
באַריסלאָוו — 173.
באַלשעוויץ — 263.
באַרשע — 53.
בודאַפעשט — 72, 86, 95, 187, 193, 194, 195, 197.
בוטשאַטש — 15, 111, 130, 136, 191.
בולקאַמין — 172.
בוסק — 88, 115, 172.
בוקאטשאָוויצע — 264.
בורשטין — 111, 130, 263.
בזשאַזאָוו — 71.
ביאַליסטאָק — 274, 283.
ביעלאַגראַד — 12.
ביעליץ — 85.
בעלז — 46, 50, 52, 103.
בערזשאַן — 111.
בערלין — 26, 28, 29, 30, 31, 97, 137, 144, 174, 196, 210, 214, 294.
בערן — 272.
בראָד — 17, 19, 21, 30, 32. 34, 35, 39, 42, 44, 47, 61, 78, 81, 112, 115, 143, 144, 188, 197.
בראַדזשין — 100.
בריסק (ד'ליטע) — 212.

ג

גאָרליץ — 127, 194, 197.
גענף — 175.
גראָדעק — 23, 71, 234.

ד

דאָבראָמיל — 49.
דוקלאָ — 81, 95.
דינאָוו — 49.
דראָהאָביטש — 81, 111, 112, 167.
דרוסקעניק — 99.
דרעזדן — 94.

ה

האַליטש — 10, 187, 211.
האָראָדענקאָ — 53.
הושיאַטין — 52, 191.

ו

וואַרשע — 18, 19, 20, 48, 77, 154, 181, 198, 210, 261, 264, 274, 280.
וואַשינגטאָן — 97, 275.
וואַנילאָוו — 264.
וויבראַנאָווקע — 49.
וויזשניץ — 53.
ווילנע — 46, 99, 198, 274, 282, 286, 287, 291.
ווין — 26, 33, 35, 48, 55, 56, 57, 58, 59, 65, 68, 76, 77, 79, 81, 83, 84, 85, 86, 87, 88, 89, 92, 95, 96, 97, 99, 106, 108, 109, 110, 115, 116, 120, 121, 126, 144, 147, 161, 170, 171, 172, 173, 174, 195, 196, 197, 203, 214, 216, 217, 220, 250, 270, 273, 294.
וועליטשקע — 219.

ז

זאַלעשטשיק — 53, 191.
זאַקליטשין — 219.
זבאַראַזש — 44, 75, 115.
זלאָטשעוו — 131, 170, 171, 172, 173, 192.
זשולקעוו — 15, 19, 31, 33, 115, 160.
זשידיטשעוו — 46, 53.
זשיוויעץ — 71.

ט

טאַרנאָוו — 23, 63, 100, 130, 161, 197.
טאַרנאָפּאָל — 28, 29, 31, 35, 143, 187, 191, 197.
טיסא עסלאַר — 95.
טלוסטע — 42.
טשאָרטקאָוו — 52, 100, 111, 112, 160.
טשעביניע — 219.
טשענסטאָכאָוו — 274, 288.
טשערנאָביל — 51.
טשערנאָוויץ — 100, 111, 112, 153.
טשעשין — 270.

י

יאַס — 36.
יאַסלע 71, 81, 127.
יאַראָסלאָוו — 187, 213.
יאַרטשעוו — 71.
יעזשערנע — 173.
יענדריכאָוו — 30.
ירושלים — 137, 215.

כ

כעלעם — 212, 213, 217.

ל

לאָנדאָן — 279, 280, 291.
לאָדזש — 291.
לאַנצוט — 43.
לאַפּאַטין — 137.
לובלין — 37, 43, 187, 210.
לידע — 281, 282.
ליזשענסק — 43.
ליק — 144.
לעמבערג — 9, 10, 11, 13, 14, 15, 16, 17, 18, 19, 23, 24, 26, 27, 28, 30, 31, 33, 34, 36, 37, 38, 50, 61, 62, 64, 71, 73, 74, 77, 78, 84, 85, 95, 106, 110, 111, 113, 114, 116, 117, 121, 122, 125, 131, 134, 138, 139, 140, 142, 143, 144, 145, 146, 147, 151, 152, 153, 154, 155, 159, 160, 163, 164, 165, 166, 167, 168, 169, 171, 172, 184, 187, 188, 192, 196, 203, 204, 213, 219, 220, 221, 222, 223, 224, 226, 228, 230, 233, 234, 244 (באַמ'), 246, 247, 248, 249, 250, 251, 253, 255, 258, 259, 260, 261, 263, 264, 266, 268, 269, 270, 271, 284, 285, 289, 290, 291.

מ

מאַנאַסטעזשיסק — 111, 112.
מינסק — 105, 282, 290.
מיידאַן — 173.
מייערלינג — 93.
מעזריטש — 42, 43, 51.
מעזשיבעזש — 42.
מעריש־אסטרוי — 272, 273.

נ

נאַדוואָרנע — 50.
ניו־יאָרק — 85, 273, 277, 280.
ניקאָלסבורג — 46.
נעמיראָוו — 46.
נעסכיז — 44.

ס

סאַדאַגורע — 35, 52, 53.
סאַדאָווע — 72, 90.
סאַלפערינאַ — 68.
סאַמבאָר — 71, 115, 167.
סאַנאָק — 83, 167, 172.
סאַנדז — 46, 53.
סאַנדז־ניי — 23, 71, 127, 167.
סאָסאָוו — 101, 170, 173, 174, 192.
סאָקאָל — 15, 187, 197.
סאַראַיעווע — 177.
סטאַניסלע — 73, 111, 167, 168, 172, 263.
סטרי — 211.
סטרעטין — 49.
סטרעליסק — 49.
סלאָבודקע — 130.

צ

ציריך — 273.

פּ

פּאָמורן — 94.
פּאַריז — 85, 96, 97, 146, 147, 195, 261, 268, 273, 274, 277, 278, 291, 294.
פּאָלטאַווע — 106.
פּויזען — 63.
פּידקאַמען — 174.
פּינטשעוו — 274.
פּינסק — 274, 286, 291.
פּראָג — 26, 31, 33, 60, 91, 94, 196, 217, 294.
פּרעמישל — 15, 32, 50, 74 (באַמ'), 94, 144, 196, 173, 187, 191, 221, 251, 252, 294.
פּרעמישלאַן — 49.
פּרעשבורג — 55, 95.

פֿ

פֿילאַדעלפֿיע — 171.
פֿלאָריסדאָרף — 81, 94.

ק

קאזמיר (ביי קראָקע) — 58, 62, 63.
קאַטאָוויץ — 99, 270.
קאָלאָמיי — 53, 78, 81, 95 (באַמ'), 111, 130, 144, 165, 166, 167, 169 (באַמ'), 173, 200.
קאָלוש — 173, 191.
קאַמיאַנקע — 49, 50.
קאָנסטאַנטינאָפּאָל — 214.
קאָלבושעוו — 288.
קאָסאָוו — 42, 53, 61.
קאָפּיטשיניעץ — 111.
קוטי — 42.
קזשיוויצע — 247.
קיעוו — 9, 36, 106, 190, 244, 293.
קיליע — 12.
קעלץ — 182, 284.
קעניגסבערג — 30.
קעניגרעץ — 72.
קראָסנע — 71.
קראָקאָוועץ — 50.
קראָקע — 20, 37, 44, 54, 57, 62, 63, 64, 70, 71, 73, 77, 78, 81, 82, 101, 103, 106, 108, 110, 111, 114, 121, 125, 126, 143, 144, 165, 166, 167, 169, 180, 182, 184, 188, 203, 217, 218, 219, 233, 234, 251, 260, 269, 270, 273, 274, 291, 295.

ר

ריזשין — 51.
רימאַנאָוו — 46, 111.
ריישע — 95, 167, 263.
רוים — 265.
רעדים — 172.

ש

שענברון — 197.

פֿאַראיינען, פּאַרטייען און באַוועגונגען

א

אגודת־אחים — 74.
אגודת־הסופרים — 137.
אַגניסקאַ — 149.
אהבת־ציון — 100.
אוניאָן פון עסטרייכישע יידן — 95 (באַמ׳).
אומאָפּהענגיקע פּאַרטיי — 108, 121.
אחדות — 106.
אחוה — 106.
„אמונה" — 146, 151.
אַנגלאָ־דזשואיש אַסאָסיישאַן — 127.
איקאַ — 130.
איזראַעליטישע געזעלשאַפט פאַר אַקער־בוי — 115.
איזראַעליטן־אַליאַנס (ווין) — 127.
אָרטאָדאָקסיש־חסידישע פּאַרטיי — 109.

ב

„בונד" (זש. פּ. ס.) — 104, 105, 111, 168, 218, 222, 289.
בני־ציון — 100.
באַראָן־הירש־פונדאַציע — 128.
באַראָן־הירש־שולן — 128, 129, 130.

ג

„גאָלדמאַנוווקעס" (פאַראיינען, לייען־זאַלן) — 74.

ד

„דורשי שלום" (לעמבערג) — 74.
דייטשער קאָמיטעט פאַרן מזרח — 196.
די געזעלשאַפט פון איזראַעליטן אין קראָקע — 73.
דזשאָינט — 209.
דער פאַראיין אין סטאַניסלע — 73.

ה

הילפס־פאַראיין פאַר דער נויטליידנדי־קער באַפעלקערונג — 127.
הילפס־פאַראיין פאַר יידן אין דייטש־לאַנד — 127, 128.
האַסמאָנעאַ — 147.
העתיד — 147, 148, 149.
השחר — 133, 134, 135.
השומר־הצעיר — 203.

ו

ווירטשאַפט צענטראַלע פאַר יידן אין גאַליציע — 221.
ווסכוד — 101, 118.

ז

זיכערקייט־אויסשויס — 221, 222, 223, 224, 226, 246, 249.
זיעדנאָטשעניע — 74, 146.

ח

חובבי ארץ־ישראל — 100.

י

יד חרוצים — 151.
יד החזקה — 104.
יידישער פאָלקס־פאַראיין (ד״ר נתן בירנ־בוימס) — 110.
יידישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע — 218.
יידישע נאַציאָנאַלע פּאַרטיי — 110.
יודעאַ — 147.
ישורין — 100.

מ

מזכרת־משה — 99.
מחניים (קאָלאָניע) — 100.
מחזיקי־הדת־פאַרבאַנד — 103.
מכבי — 147.
מקרא־קודש — 99.

מיליץ פאַר דער פאַרטיידיקונג פון יידישן לעבן און פאַרמעגן — 218, 222, 223, 224, 225, 229, 230, 232, 233, 235, 249, 260.

נ

נאַציאָנאַל־ראַט (יידישער) פון מערב־גאַליציע — 217, 221, 226, 251, 255, 256, 257, 265, 268, 269.

ס

ס״ס־פאַרטיי — 106.

פּ

פּועלי־ציון — 105, 106, 107, 108, 110, 118, 151, 152, 155, 168, 196, 213, 218.

פ

פאַרבאַנד פון העברעאישע לערער — 142, 147.

פעדעראַציע פון יידישע אַרבעטער און האַנדלס־אַנגעשטעלטע פ״צ — 106.

פאַראיין צו פאַרשפּרייטן אויפקלערונג אין לעמבערג — 73.

ע

עסטרייכיש איזראַעליטישער אוניאָן — 127.

צ

ציוניזם, ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע — 109, 110, 159, 203, 213, 214, 215, 218, 220, 221, 246, 257, 258, 262.

ציון־פאַראיין — 99.

צעירי־ציון — 134, 135, 136, 203.

ציון־גרופּע — 100.

ציון — 100, 101.

ק

קאָלאָניאַל־געזעלשאַפט — 214.

קדימה — 97, 99.

קלאַראַ הירש־פונדאַציע — 130.

ר

ריגאַראַזאַנטן־פאַראיין — 128, 149.

רעטונג־קאָמיטעט — 257, 260, 261, 262, 263, 290.

ש

שומרי־ישראל־פאַראיין — 36, 73, 74, 80, 81.

שיבת־ציון — 206.

ת

תחית השפה עבר — 136.

תקוות־ציון — 105.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. גודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (לידער) (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאַליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (פּאָעמע)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פּרצן...
36) צפּורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב
45) ד"ר ה. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי...
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) ד"ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (טאָג־בוך)
52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן
54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56) שלום אַש — פּעטערבורג (ראָמאַן)
57) שלום אַש — וואַרשע (ראָמאַן)
58) שלום אַש — מאָסקווע (ראָמאַן)
59) ד"ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן) ערשטער באַנד
62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן) צווייטער באַנד
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64—65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע"
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנ־גרעס, בוענאָס איירעס 1951)
66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראַצקי — גלות דייטשלאַנד
70) ד"ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)

71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן...
72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (**אויספאַרקויפט**)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1951)
73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען
74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן
און ליטעראַטור־פרעמיע פון „בונד“ אין פוילן, וואַרשע 1937)
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע
79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) **יזכור־בוך** — בעלכאַטאָוו (**אויספאַרקויפט**)
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער וואָך
82—83) **יצחק פערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער (**ראָמאַן**)
84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע
85־86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות
87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

זלמן שזר — שטערן פאַרטאָג (**זכרונות**)
מנשה אונגער — חסידות אין פוילן און גאַליציע

עס גרייט זיך צום דרוק:

ב. מיכאַלעוויטש — זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט
ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אַנדערע דערציילונגען
יוסף רייך — זכרונות פון אַ פאַרטיזאַן
ד״ר יעקב וויגאָדסקי — זכרונות פון אָקופּאַציע־יאָרן
ד״ר גרשון לעווין — דאָס בוך פון מיין לעבן
ז. סעגאַלאָוויטש — פּופּציק בריוו
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — אַמאָל איז געווען
הערשעלע — שבת אויפן טראַקט
אברהם לעוו — אַ ליד נאָך אייך
משה זאַנשיין — „יידיש וואַרשע“
מיכאל מ. באָרוויטש — אַרישע פּאַפּירן
ד״ר א. מוקדוני — וואַרשע—לאָדזש (**זכרונות**)
י. הירשהויט — נאַפט־מאַגנאַטן
דניאל טשאַרני — אַ ליטוואַק אין פוילן
אליהו דיזשור — יידן לויפן פון פוילן (**זכרונות**)

פּרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

*

יעקב לעשצינסקי שרייבט צוו. אַנד. וועגן דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום“ („דער פֿאָרווערטס“, ניו־יאָרק, 2טער מערץ 1952):

בעלכאַטאָוו יזכור־בוך — דאָס איז דער נאָמען פון אַ בוך, וואָס האַלט 500 זייטן און איז אַ זאַמלווערק פון העכער צוואַנציק שרייבער און פאָרשער. דאָס איז גאָר אַ נייע פאָרם פון אַרבעטן — יעדער האָט געשריבן וועגן יענער פראַגע, וועלכע ער האָט מער געפאָרשט, וועלכע ער האָט אַליין איבערגעלעבט און קען זי גרינטלעך. אין דעם דאָזיקן בוך האָבן מיר די געשיכטע פון אַ ייִדישער קהילה פון איר אויפקום ביז איר פולן אונטערגאַנג און אויך נאָכן אונטערגאַנג.

דער היסטאָריקער פיליפּ פרידמאַן גיט אין די ערשטע זעכציק זייטן אַן איבערבליק איבער בעלכאַטאָווער ייִדן פון סוף 18טן י״ה, ווען עס זענען געווען אַ פּאָר משפּחות אין דאָזיקן שטעטל נישט ווייט פון לאָדזש ביז נאָך דער שחיטה, ווען עס האָבן זיך צוריקגעקערט אין שטעטל עטלעכע ייִדן פון סאָוויעטרוסלאַנד. דאָס איז אַ מוסטער־אַרבעט: ער באַקענט אונדז מיט דער אַנטוויקלונג פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע אין דאָזיקן שטעטל אין אַ וווּנדערבאַרער פאָרם, אָנרופנדיק אפילו די נעמען פון די גרעסטע פאַבריקאַנטן. ער גיט אַ באַשרייבונג פון טאָג־טעגלעכן וואָכענדיקן לעבן און אויך פונעם שבת און יום־טוב, פון דעם אויפקומען פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און ציוניסטישע גרופּירונגען. ער דערפירט אונדז ביז דער מלחמה און צייכנט אין ברייטע שטריכן די פאַרפאָלגונגען קעגן די ייִדן, די תּליות, וואָס זענען געווען אויפגעשטעלט פון די דייטשן, די פּייניקן און מאָרדן. ער גיט אונדז אַלע דאַטן מיט די מענטשן, וועלכע זענען געשטאַנען אין זייער שפּיץ. ער ברענגט אָפיציעלע דאַטן פאַר די יאָרן פון דער מלחמה ביזן פאַרשווינדן פון אַלע ייִדן. אויך די צאָל ייִדן, וואָס זענען געלאָפן קיין סאָוויעטרוסלאַנד האָבן מיר דאָ. און ער דערפירט אונדז ביז דער סאַמע לעצטער צייט פון יאָר 1946 און 1947 און גיט אונדז אפילו די צאָל בעלכאַטאָווער ייִדן אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד. אַזאַ אויספירלעכע באַשרייבונג פון אַ קהילה אויף איינע זעכציק זייטן האָבן מיר די איינציקע. און הלוואי וואָלטן אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפטן, וועלכע גיבן אַ־

רויס ביכער וועגן זייערע שטעט־לעך, געהאַנדלט אַזוי — געבן אַ ספּעציאַליסט צו שרייבן די גאַנצע געשיכטע פון דער קהילה. דאָס

בילד באַקומט זיך אַ גאַנצס, אַן אי־בערבלייבנדיקס.

איך בין אין אַ גרויסער פאַרלע־גנהייט: שרייבן וועגן אַלע העכער צוואַנציק אַרבעטן, וואָלט געהייסן אָנשרייבן צענדליקער זייטלעך. און עס וואָלט געוויס געווען אינטערע־סאַנט, ווייל דער שפּיגל, אין וועלכן מיר זעען בעלכאַטאָווער ייִדן פון פון אַלע סאָרטן און פאַרבן, פון אַלע פּרנסות און פון אַלע באַוועגונגען, איז נישט נאָר פאַרכאַפּנד אינטערע־סאַנט, נאָר דאָס איז אַ שפּיגל, וואָס אין אים זעען מיר צענדליגער אַנ־דערע פּויליש־ייִדישע שטעטלעך. בין איך געצוווּנגען נישט אָנצורופן קיין נעמען און אפילו נישט אויס־צורעכענען אַלע אַרטיקלען. אָבער איך מוז זאָגן, אַז איך האָב שוין לאַנג נישט געלייענט אַזאַ אויספּיר־לעכע באַשרייבונג פון ייִדישן לעבן ווי אין דאָזיקן בוך. טאַקע אַלץ איז דאָ פאַראַן — ייִדישע פאַבריקן און ייִדישע אַרבעטער; קאַמפן פאַר פּלעצער אין ייִדישע פאַבריקן און די פראַגע וועגן שבת־רו; ייִדישע מערק און ייִדישע קרעמער; ייִדי־שע ראַדיקאַלע באַוועגונג, אפילו די קאָמוניסטישע, און שוין אוודאי די בונדישע און די ציוניסטישע און אויך די אָרטאָדאָקסישע. צענדלי־קער טיפּן פון אַלע שיכטן ייִדן און פון אַלע פּאָליטישע באַוועגונגען — טיפּן, וואָס יעדער לייענער וועט געוויס אויסשרייען: אָט אַזאַ ייִד און אַזאַ בונדיסט און אַזאַ ציוניסט איז דאָך געווען ביי אונדז! יעדע אַר־בעט איז פאַר זיך אַ שטיק געשיכ־טע, וואָס איז פליש און ביין פונעם גאַנצן פּוילישן ייִדנטום. ס'איז נישט אַ מצבה נאָך בעלכאַטאָווער ייִדן! ס'איז אַ מצבה דעם גאַנצן פּוילישן ייִדנטום, ווייל איבערלייענענדיק דעם דאָזיקן בוך באַקומסטו נישט נאָר אַ בילד וועגן די אויסערלעכע זייטן פון לעבן פון פּוילישע ייִדן, נאָר אויך וועגן אינערלעכן לעבן, וועגן די נשמה־אינטערעסן און וועגן דעם נשמה־זאַפּט, וואָס אַ פּוילישער ייִד האָט אַריינגעלייגט, פון איין זייט אין בונדיזם אָדער גאָר קאָמוניזם, און פון דער צווייטער זייט — אין בית מדרש און ישיבה.

גאַנצע צוויי הונדערט זייטן זענען געווידמעט דער נאַצי־צייט, און מיר האָבן דאָ אַ סך דאָקומענטן, וועלכע גיבן־צו אָפּט נייע שטריכן צו דעם אַלעם, וואָס מיר ווייסן שוין וועגן די מעטאָדן פון די דייטשן אויסצוראָטן אונדזער פאָלק. מיר ווילט זיך פאַרענדיקן מיין קורצן איבערבליק מיט אַ פּאָר ציטאַטן פון דער גאָר לעצטער נאָטיץ, אַ קליינער פון קנאַפּע פיר זייטן, אָבער אַן אויפשוידערנדיקער:

„די מויערן פון דער שול שטייען גאַנצע, נאָר די פענצטער זענען נישטאָ. אינווייניק אינגאַנצן ליידיק: נישטאָ קיין באַלעמער, קיין ארון קודש. געבליבן בלויז ליידיקע, אָפּגעריסע שמוציקע ווענט.

„אין אַ סך ערטער זענען די טראָטואַרן ברוקירט מיט יידישע מצבות. זיי ליגן ווי געשענדעטע מיט די לשון קודשדיקע אויפשריפטן, מיט די אויסגעקריצטע תהילימלעך, מנורות, יידישע לייבן און מגן־דודס. די דאָזיקע מצבות ווערן געטראָטן פון פרעמדע פיס און פאַרשוועכט".

דאָס איז אַלץ, וואָס עס איז געבליבן פון העכער פינף טויזנט ייִדן, פון אַ קהילה, ווו ייִדיש לעבן האָט געקאָכט און געזאָטן, ווו אַלט און ניי האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן, געקעמפט און געשאַפן זאַפטיק ייִדיש לעבן, וואָס האָט צוגעזאָגט צוקונפט נישט נאָר פאַר ייִדן אין פוילן, נאָר אין דער גאָרער וועלט, וווהין פוילישע ייִדן האָבן אָנגעשפאַרט.

געבענטשט זאָלן זיין די הענט, וואָס האָבן אָרגאַניזירט דאָס אַרויסגעבן פון אַזעלכע ביכער־מצבות דעם פוילישן ייִדנטום!

Este libro se terminó de imprimir el
día treinta de Junio de 1952, en
los Tall. Gráficos Zlotopioro Hnos.
G a s c ó n   1 2 3 1
Buenos Aires

דרוקעריי ברידער זלאָטאָפּיוראָ — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס איירעס